STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03097

# FUN LEBEN'S KVAL

Marcus Schlossman

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

"FROM THE WELL OF LIFE"

by

MARCUS SCHLOSSMAN

מאַרקוס שלאָססמאַן

# פון לעבען'ס קוואל

## הומאָריסטישע און דראַמאַטישע ערציילונגען, סקיצען און פאָעזיע

צווייטער טייל

ניו יאָרק, יאַנואַר 1930.

**פרייז $2.00**

Copyright, 1930
by
Marcus Schlossman

Printed by
THE ASTORIA PRESS
61 E. 4th St., New York

## פאָרוואָרט צום צווייטען באַנד

אין פאָרוואָרט צום ערשטען טייל „פון לעבען׳ס קוואַל" האָב איך דעם לעזער אויפמערקזאַם געמאַכט אויף אייניגע כללים אין באַצוג צו מיינע שריפטען. אויב איהר האָט זיי געלעזען און געדענקט זיי, איז מה טוב. און אויב איהר האָט אַ קורצען זכרון, וועל איך אייך דערמאָנען, און אויב איהר האָט זיי גאָרניט געלעזען, נעהם איך מיר די מיה זיי פאַר אייך בקיצור צו איבער׳חזר׳ן.

איך האָב געשריבען קורצע ערצעהלונגען, אום עס זאָל זיך פון אייך ניט פאָדערען קיין פיל צייט און געדולד, אויף וועלכע דער אַמעריקאַנער לעזער איז זעהר קאַרג. איך שרייב, דרוק און פאַרקויף מיינע ביכער אַליין, און דאָס מיינט די גרעסטע טייל קאָסטען איינגעשפּאָרט, כדי עס זאָל זיך מיר לוינען זיי פאַר אַ מעסיגען פרייז צו פאַרקויפען. ועל כולם, האָב איך פאַר אייך נאָר אַ האַלבען סוד מגלה געווען: דער צוועק פון מיין שרייבען, דרוקען און פאַרקויפען, איז ניט אום צו ציהען דערפון מאַטעריעלע נוצען, ווייל איך נויטיג מיך אין זיי ניט.

אין דעם פאָרוואָרט צום צווייטען טייל „פון לעבען׳ס קוואַל" ערלויבט מיר אייך מגלה צו זיין די צווייטע העלפט פון מיין סוד: ניט נאָר די מיה און צייט פון שרייבען דעם בוך, זאָנדערן אַלע אויסגאַבען פאַר דרוקען און איינבינדען, מיט וועלכע אַ בוך איז פאַרבונדען, האָב איך צוזאַמען מיט די פּראָפיטען וואָס זיי ברענגען, מנדב געווען פאַר אַ פאַר מושב-זקנים און יתומים אנשטאַלטען אין ארץ-ישראל, וועלכע נויטיגען זיך זעהר אין שטיצע. יעדער קויפער פון אַ בוך, אויב ער וויל זיך נאָר די מיה און צייט נעהמען, קאָן זיך אין דער ריכטיגקייט פון מיין באַהויפּטונג איבערצייגען.

איך שטעל זיך פאָר, אַז מאַנכע לעזער וועלען מיך פרעגען אַ לאָגישע קשיה: אויב שוין יאָ אַ נדבה, האָב איך דאָך געקאָנט און געזאָלט נעהמען די באַטרעפענדע סומע, אַוועקגעבען און פּטור, און די גאַנצע פּראָצעדורע פאַר־שפּאָרען. כדי אָט די קשיה צו פאַרענטפערען, ׳מוז איך זיך פאַר די לעזער מודה ומתודה זיין, אַז הגם קיין מאַטעריעלע נוצען דערפון האָב איך ניט געוואָלט און ניט באַדאַרפט האָבען, אָבער גייסטיגע נוצען דערפון האָב איך יאָ געהאַט בדעה. דער מענש איז בטבע אַ דענקער, און זוכט מיטלען ניט נאָר ווי אַזוי ער זאָל זיין עקזיסטענץ ביים לעבען פאַר־זיכערען, נאָר אפילו נאָך זיין טויט, פאַר די צוקונפטיגע דורות עקזיסטירען. אַזוי איז געווען דער פרימיטיווער מענש, און אַזוי איז היינט דער ציוויליזירטער מענש, און אַזוי וועט עס זיין לדור דורות. דערפאַר האָבען מענשען תמיד און היינט זיך אַליין, אָדער אייגענע פאַר זיי, באַזאָרגט קרקע, אַוועקגעשטעלט צוקאָפּענס פון זייערע קברים מצבות מיט אויפשריפטען: פ״נ פלוני בן פלוני. דאָס ווערט געטאָן, אום דער מענש זאָל אפילו נאָכ׳ן לעבען ניט פאַרשוואונדען און פאַרגעסען זיין. עס קאָן זיין, אַז מיין גורל וועט אפשר אויך אַזוי זיין, און אפשר ניט. ווייל מיינע ביכער, גע־פינענדיג זיך ביי אייך אין אייערע ביכער־שאַפּעס, אָדער אין די ביבליאָטעקן, וועלען האָפענטליך זיין אַן אומפאַר־געסלאַכע און אומצושטערבאַרע מצבה, מיט וועלכער איך האָב מיך געקאָנט ביים לעבען פאַרזאָרגען.

# איינִיגע פון פילע מיינונגען פון פּראָמינענטע מענשען און שרייבער

## פון פּ. וויערניק,

רעדאַקטאָר פון אידישען „מאָרגען־זשורנאַל“

„פון לעבענ׳ס קוואַל“, ערצעהלונגען און לידער אין צוויי טיילן, פון מאַרקוס שלאָסמאַן. ערשטער טייל (ניו יאָרק, 1927), הויבט זיך אָן מיט אַ פאָרוואָרט, אין וועלכער דער פאַרפאַסער דערצעהלט די פרעהליכע נאַכריכט, אַז ער נויטיגט זיך ניט אין די מאַטעריעלע מיטלען וואָס דער פאַר־קויף פון בוך קען ברענגען. דאָס ווערק האַלט 160 זייטען און ענטהאַלט נאַר דערצעהלונגען, אָדער סקיצען. אין אַנ־הויב קומען זיי לענגער, און צום סוף גאַנץ קורץ, כמעט ווי אַנעקדאָטען אָדער וויצען. די מעשה׳לאַך זיינען מייסטענס הומאָריסטיש, פון לעבען אין דער אַלטער היים און פון דעם לעבען פון אימיגראַנטען דאָ אין לאַנד, פון דעם סאָרט וואָס מען דערצעהלט זיך אין אידישע קרייזען אויף פאַרשידענע אופנים. די שפּראַך איז לייכט און ערטערווייז לאָזט זיך מערקען דער בליק פון אַ גוטען בעאָבאַכטער און די מבינות אויסצוקלייבען דאָס בעסטע וואָס געהט אַרום אין פאָלק. דער שרייבער באַזיצט אַ חוש פאַר הומאָר, און מען פיהלט, אַז ער אַליין האָט פאַרגעניגען פון אַ גוטען שפּאַס אָדער אַן איינפאַל, וואָס ווערט דערצעהלט מיט דעם חשק וואָס האָט אויך אַ ווירקונג אויף דעם לעזער.

## פון וויליאַם עדלין,

רעדאַקטאָר פון „טאָג“

געעהרטער מר. שלאָסמאַן :—

איך האָב מיך שטאַרק אַמוזירט איבערלייענדיג די הומאָריסטישע ערצעהלונגען און די פּאָעזיע און אַנעקדאָטען

פון אייערע ביכער „פון לעבענ'ס קוואל". איך האף, אז עס וועלען זיך געפינען א סך בעלנים אויף אייערע ביכער, איבערהויפט ווען איהר גיט אוועק דעם קרן און ריוח פאר צדקה.

מיט אכטונג,

וויליאם עדלין.

## פון דר. חיים דוד נוסבוים,

עורך־דין און מחבר פון ספר שירים

זעהר געשעצטער הער שלאסמאן :—

אייערע ביכער „פון לעבענ'ס קוואל" האב איך מיט פארגעניגען דורכגעלעזען. ריכטיג געזאגט, ישר והפוך, צוערשט פון רעכטס נאך לינקס, און דאן השיבנו נאזאד. דאס אליין באווייזט, אז דער אינהאלט האט מיך שטארק פאראינטערעסירט ווייל איהר שילדערט אין „פון לעבענ'ס קוואל" טרייע בילדער פונ'ם היימישען און פון דעם אמע־ריקאניזירטען אידענ'ס לעבען אין אמעריקע. דער סטיל, שפראך איז גוט און פארשטענדליך און געווירצט מיט הומאר. ועל כולם עכט נאציאנאל. עס איז געשריבען ווי מען זאגט, דברים היוצאים מן הלב ונכנסים אל הלב, פון הארץ צום מויל און פונ'ם מויל צום בוזים פונ'ם לעזער. סקיצען פונ'ם אלטעגליכען לעבען זיינען תמיד אינטערע־סאנט איבערהויפט אזעלכע. אין דעם זיינט איהר א חריף. האפענטליך, דאס אייער שרייבען האט זיך נאך נים אויס־געשעפט און איהר האט נאך מעהר און מעהר צו פראָ־דוצירען.

מיט אכטונג,

חיים דוד נוסבוים.

# אינהאַלט:


פאָרוואָרט — — — — — — — — — — — — — — — 3
מיינונגען פון פראָמינענטע מענשען — — — — — — — — — 5
א טראַגעדיע אין צוויי וועלט-טיילען — — — — — — — — — 9
מיין ערשטער וואקיישאָן אין אמעריקא — — — — — — — — 72
א מציאה — א צרה צו פארקויפען — — — — — — — — — 96
די מגפה פון מייסאָניזם — — — — — — — — — — — — 122
מיין מאמעס ערצעהלונג — — — — — — — — — — — — — 130
גאָט, גלויבען, נשמה און טויט (א קאפיטעל פילאָזאָפיע —) 202
ער איז גאָר זיין טאַטע ניט געווען — — — — — — — — — 215
אין סאַראַטאָגאַ ספּרינגס — — — — — — — — — — — — 220
אויף א פרעמדער חתונה — — — — — — — — — — — — 231
ער הייסט זיי ניט לייענען — — — — — — — — — — — — 236
א צווייטען מאָל קויפט ער ניט — — — — — — — — — — 239
אזוי פאָדערט די נאטור — — — — — — — — — — — — 241
דער גלח איז אָהן א מצוה און אָהן א געשפאַן געבליבען — 249
א פסק דין — — — — — — — — — — — — — — — — 251
א פאָרשלאָג — — — — — — — — — — — — — — — 252
געלאָפען בחברותא — — — — — — — — — — — — — — 253
ער האָט געזעהן מאַשקען קריכען, איז ער אויך געקראָכען — 256
זיין רבינ׳ס נסים — — — — — — — — — — — — — — 258
דאָס קאָן ער קריגען — — — — — — — — — — — — — 264
ווי קומט צו אַן ערל יושר — — — — — — — — — — — 273
ער וויל א פאָר תחתונים — — — — — — — — — — — — 276
משיח איז ניט געקומען און וועט ניט קומען — — — — — 278
אויך ניט קיין שלעכט געשעפט — — — — — — — — — — 284
אומגעריכט געטראָפען — — — — — — — — — — — — — 286
וויצען און אנעקדאָטען — — — — — — — — — — — — 288
א ניט-געלונגענער קאָנצערט — — — — — — — — — — — 293

א האלבען טעות געמאכט — — — — — — — — — — 295
מלאכים אויפ'ן בוידעם — — — — — — — — — — 296
צוויי ליגנערס — — — — — — — — — — — — 297
זיי האָבען ביידע געפיהלט — — — — — — — — — 298
א שנאָרער א געשעפטסמאַן — — — — — — — — — 304
מגלה סוד געווען — — — — — — — — — — — 305
צוליב פרנסה — — — — — — — — — — — — 309
אפשר וועט זי איהם געפעהלען — — — — — — — — 310
עלענדער ליד — — — — — — — — — — — — 311
כותל מערבי — — — — — — — — — — — — 313
תורה און בטחון — — — — — — — — — — — 315
געקראָכען וואו מען דארף ניט — — — — — — — — 317
א לעבענס ליד — — — — — — — — — — — — — 318

## אַ טראַגעדיע אין צוויי וועלט טיילען.

איך האָב תמיד מקנא געווען די יעניגע מענשען, וועל־כע האָבען געהאַט די מעגליכקייט אויף זייערע אַנקומענ־דיגע עלטערע יאָהרען צוריק צוציהען זיך פון זייערע אַלע געשעפטען און אויפגעבען דאָס האַווען, פּראַצען, יאָגעניש און טומלעניש, און לעבען אַ שטילען, רוהיגען און זאָרג־לאָזען לעבען. אַזוי האָב איך געגלויבט, און אַזוי גלויבען כמעט אַלע מענשען, וועלכע האָבען נאָך דעם טעם ניט פאַרזוכט. און דערפאַר טאַקע האָב איך תמיד געהאָפט און געשטרעבט צו אַזאַ מדרגה זיך אַרויפצואַרבייטען. ענדליך האָב איך מיין געווינשטען ציל עררייכט. אָבער גליקליך געמאַכט, ווי איך האָב מיך פאַרגעשטעלט, האָט עס מיך ניט, זאָנדערן ביז צו אַ געוויסען גראַד האָט עס גאָר מיין לאַגע פאַרערגערט.

די ערשטע צייט האָט מיר דאָס קאַבעניש, יאָגעניש און טומלעניש, צו וועלכען איך בין פון פילע יאָהרען געווען צוגעוואוינט, אַזוי שטאַרק אויסגעפעהלט, אַז איך האָב מיך געפיהלט ממש ווי אַ פיש אָהן וואַסער. די טעג זיינען מיר גלות'דיג לאַנג געווען און מיט וואָס זיי אַוועק צו פטר'ן האָב איך ניט געפונען. איך האָב אפילו עטליכע צייטונגען און אויך אַ בוך יעדען טאָג געלעזען, און אַמאָל אַ סקיצע אָדער אַ ליד געשריבען. דאָס האָט אָבער ניט פיל פון מיין צייט אַוועקגענומען. אַזוי ווי איך בין בטבע אַ שטורעמ־דיגע נאַטור און תמיד זיך געאיילט, אַלעס אויף גיך געטאָן, האָט מיך טאַקע די איבעריגע צייט געמאַכט פיהלען ניט זעהר אַנגענעם. מאַכען וויזיטען צו מיינע פילע באַקאַנטע און קרובים אין זייער פאַרנומענער צייט, האָב איך גע־

וואוסט, אַז איך וועל זיי טאָן אַן עוֹלה, איין מאָל אָדער העכסטענס דעם צווייטען מאָל וועל איך ביי זיי אפשר זיין אַ חשוב'ער גאַסט, אָבער אַ דריטען מאָל וועל איך זיי זיכער זיין אַ לאַסט. האָב איך מיך דערפון צוריק געהאַל־טען. אַנצופאַנגען ווייטער האַנדלען, וואַנדלען האָט זיך מיר פּשוט ניט געוואָלט, ווייל איך האָב שוין דעם חשק דערצו אָנגעוואוירען, און דערצו נאָך בין איך אַ איד אַ גרויסער עקשן, זיך קיינמאָל ניט אונטערגעגעבען און אַצינד אודאי ניט. און אויב אַפּילו איך וואָלט שוין מיין עקשנות גובר געווען און זיך צו מיינע אָדער אַנדערע געשעפטען גענומען, האָב איך געפּיהלט, אַז איך וועל שוין גאָר ניט טויגען, ווייל איך האָב שוין דעם חשק, אימפּעט און פּשוט דעם געדולד דערצו אָנגעוואוירען.

דאָס האָט מיך געצוואונגען צו זוכען אַ מיטעל, דורך וועלכען איך זאָל קענען מיט מיין שיקזאַל שלום מאַכען. אין בית המדרש זיך אַוועקזעצען האָב איך ניט געקאָנט, ווייל איך קען זיך און וויים, אַז פון די סאָרט מענשען בין איך ניט.

האָב איך געפּרואווט מעהרערע מאָל זיך אַוועקזועצען אין געריכטס־הייזער אויסצוהערען חוקים און משפטים. די שופטים (דזשאַדזשעס) מיט די לאָיערס, קלעגער און פאַרקלאָגטע, מיט דער גאַנצער פּראָצעדור, האָבען מיך ניט נאָר געלאַנגווייליגט, נאָר זעהר אָפט פּשוט איינגעשלע־פערט. נו, וואָלט שוין אפשר ניט געווען אַזוי שלעכט, וואָס קען איך אָבער טאָן אַז איך בין בטבע אַ שנאָרכער. אַ סך מאָל נעם איך אויך גאַנץ הויכע טענער און אַ סך מאָל פאַרווילט זיך מיר גאָר אַביסעל דורכצושמועסען אין שלאָף און טאַקע ניט חלילה שטילערהייט נאָר אויפ'ן קול. און אַזעלכע זאַכען וויל מען אין די געריכטס־הייזער אפּניט ליידען. כאָטש איך האָב זיי מיט מיין שנאָרכען און מיט די אומפאַרשטענדליכע ספּיטשעס גאַנץ פיין אַמוזירט, און זיי, די דזשאַדזשעס מיט'ן ווערטען פובליקום וואָלטען

מיר אפשר באַדאַרפט דאַנקבאַר זיין, האָבען זיי מיר גאָר משלם רעה תחת טובה געווען און מיך ניט נאָר אַרויסגעשטופּט נאָר אפילו ניט אַריינגעלאָזען צוריק.

פון אַ קאַפע־הויז און אַ קיבעצאַרניע האָב איך תמיד געווייכט, קאָרטען שפּילען האָב איך געהאַסט נאָך פון מיינע יוגענט־יאָהרען און היינט נאָך מעהר. און אום אַוועקצופּטר'ן אומבאַמערקבאַר מיין צייט האָב איך דאָס אַלטע מיטעל אָנגעווענדעט און בין געוואָרען אַ תושב צווישען די פילע אַנדערע פּאַרק־תושבים. אַהינצו פלעג איך מיר מיינע צייטונגען מיטנעהמען, און אַמאָל אַ בוך און דאָס האַרץ צו דערכאַפּען אויך. אויף אַ באַנק, וועלכע איז אין אַ מעהר שאָטענדיגען אָרט געשטאַנען, האָב איך שוין כמעט אַ חזקה געהאַט, מיינע קאָלעגען, באַנק־קוועטשערס, בעיבי־קערידזשעס (קינדער וועגעלאַך) באַוואַכט פון זייערע אַמען מיט די ווייסע טשיפּעקלאַך אויף זייערע קעפּ, האָב איך שוין פון וויטען דערקענט. מיט מיינע קאָלעגען באַנק־קוועטשערס און ליידיג־געהערס האָב איך מיך קיין מאָל אין קיינע שמועסען אָדער דיסקוסיעס ניט אַריינגעלאָזען, ס'האָט מיך ווייניג געקימערט ווער און וואָס זיי זיינען, און איך האָב אויך ניט געפונען פאַר נויטיג מיך פאַר זיי פאָרצושטעלען און זיי וויסען לאָזען, ווער און וואָס איך בין. נאָר איין עלטערער און ציכטיג געקליידעטער מאַן, וועלכער פלעגט שטענדיג זיצען באַזונדער פאַרטראַכט איז אַ סך מאָל האָב איך געקאָנט די מרה־שחורה פון זיין פּנים אַראָפּלעזען, ער האָט מיך אָנגעהויבען ביסלעכווייז צו אינטערעסירן, ווייל איך האָב באַמערקט, אַז ער האָט זיך אַ פּאָר מאָל פון זיין זיץ אויפגעהויבען, און זיך געלאָזען געהן צו דער באַנק אויף וועלכער איך בין געזעסען. און ווערענד ער איז שוין האַלב וועג געווען האָט ער חרטה באַקומען, און אַנשטאָט צו מיר צוצוקומען, ווי ער האָט מיר שפּעטער אַליין דערצעהלט, פלעגט ער זיך כלומר'שט דורכשפּאַצירען און זיך צוריק אויף זיין פריהערדיגען פּלאַץ

אַוועקזעצען, און ווידער זיך אין זיינע געדאַנקען פאַרטיפען, אַ ציימונג אָדער אַ בוך לעזען. האָב איך געזעהן, אַז דערצו האָט ער קיין געדולד ניט געהאַט, כאָטש ציימונגען האָט ער מיטגעבראַכט מעהר ווי איך. ער האָט אָבער מעהר געבלעטערט און געזוכט ווי עפּעס אין זיי געלעזען.

איין מאָל האָט ער, ווי מען זאָגט, געבראַכען דאָס אייז און איז צוגעקומען צו דער באַנק, אויף וועלכער איך בין געזעסען. מיך פריינדליך באַגריסט און זיך נעבען מיר געזעצט. און כאָטש איך האָב אים פריהער ניט געזעהען רויכערען, האָט ער אציינד פון זיין קעשענע אַרויסגענומען אַ פּושקעלע מיט פּאַפּיראָסען געזוכט אין זיינע קעשענעס אַ שוועבעלע און פאַררויכערט און מיך מיט אַ פּאַפּיראָסעל מכבד געווען.

מיר זיינען זיך אין יענעם טאָג געגען אָוענט צוגאַנגען ניט פירענדיג קיין לאַנגע געשפּרעכען.

דעם אַנדערען טאָג בין איך דורך אַ געוויסער אורזאַך אַביסעל שפּעטער ווי געוועהנליך געקומען, איך האָב איהם אויף דער באַנק, וועלכע איך האָב ווי מיין אייגענטום באַטראַכט, שוין געטראָפען זיצען. עפּעס האָט מיר אויסגעזעהן אַזוי ווי ער וואָלט אויף מיר האָבען געוואַרט, ווייל ער האָט אַנגעשטרענגט זיינע אויגען און געקוקט אין דער ריכטונג פון וועלכער איך פלעג תמיד אָנקומען. מיר האָבען זיך שוין ווי באַקאַנטע באַגריסט, און איך האָב מיך האַרט נעבען איהם אַוועקגעזעצט. איהר זיינט היינט שפּעטליך געקומען, האָט ער מיר מיט אַ כלומר'שטען פאָרוואורף, געזאָגט. און איך דענק, אַז איהר זיינט גאָר פריהער ווי אַלע מאָל היינט געקומען, האָב איך אויף זיין באַמערקונג געענטפערט וויציג. מיר האָבען נאָך אייניגע מינוטען גערעדט איבער'ן וועטער, און דאַן האָב איך מיך אין מיין ציימונג פאַרטיפט. ער האָט זיך ווי תמיד גענומען בלעטערען און זוכען וואָס ס'זאָל איהם אינטערעסירען אין זיינע ציימונגען.

אַז איך האָב אַמאָל מיינע אויגען פון'ם פּייפּער צו

איהם געוועגדעט האָב איך געזעהן, אַז ער זיצט אַ פאַרטראַכטער, ווי ער וואָלט געווען אַן אויסגעגאָסענע אָדער אויסגעהאַקטע פיגור. אין די עטליכע זומער־חדשים וואָס מיר האָבען צוזאַמען כמעט יעדען טאָג זייט ביי זייט אויף דער באַנק פאַרבראַכט, האָבען מיר איבער אַלעם גערעדט: געשעפטס־זאַכען, פּאָליטיק, וועלטליכע און וויסענשאַפטליכע פּראָבלעמען דיסקוטירט און פון די דיסקוסיעס וואָס מיר האָבען צווישען זיך געפיהרט, האָב איך איהם קענען געלערענט, און צו דער איבערצייגונג געקומען, אַז כאָטש קיין אוניווערסיטעט־שול־בילדונג באַזיצט ער ניט, ווייל ער האָט זיך קיין מאָל ניט פאַררופען אויף ציטאַטען פון ספרים אָדער אויף באַהויפּטונגען פון געלערענטע וויסענשאַפטסמענשען, און דאָך האָב איך אין איהם געפונען אַ פּראַקטישען, קלוגען און לאָגישען מענשען מיט אַ געזונטען, קלאָרען מענשען־פאַרשטאַנד. דערצו נאָך האָט איהם ניט געפעהלט די שענסטע מענשליכע מעלות. אַ רוהיגע, געלאַסענע נאַטור, אין אַ דעבאַטע קיין מאָל זיך ניט געהיצט, געקאָכט אָדער אַריבער געשריגען. אַ טיפּישער עניו. זיין אַרט קליידונג, באַנעמונג, מאַניערען און זיין אַגלעמיינער אויסזעהן און האַלטונג, האָט געמאַכט יעדען מענשען איהם צו רעספּעקטירען. און כאָטש מיר זיינען שוין געווען ניט נאָר באַפריינדעט, זאָנדערן זיך געפיהלט צוגעבונדען דורך אַ פּלאַטאָנישער ליבע־געפיהל איינער צום אַנדערען, איז דאָך אונזער פאַרגאַנגענהייט און געגענוואַרט געווען פרעמד, ווייל כאָטש מיר האָבען איבער אַלץ אין דער וועלט גערעדט, האָבען מיר פון זיך אַליין, פון אונזער אייגענעם איך אויסער די נעמען ניט געוואוסט. ער האָט מיך קיין מאָל ניט געפרעגט עפּעס וועגען מיר, און איך ווידער האָב פאַרשטאַנען, אַז ער פרעגט מיך ניט אום אויסצומיידען פון מיר געפרעגט צו ווערען. זיין שטענדיגער פאַרטראַכטען זיך און זיין אָפטע מרה שחורה האָבען מיך געמאַכט גלויבען, אַז מיין פריינד'ס פאַרגאַנגענהייט, מוז אַודאי

זיין אַרומגעהילט מיט אַ דיקען שלייער פון געהיימניסען.
אַמאָל אין אַ הערבסט-טאָג, ווערענד די געלבליכע בלעטער זיינען געפאַלען פון די בוימער, און איך האָב געפיהלט, אַז אָט-אָט דערנעהנטערט זיך די צייט, וועלכע וועט אונז פון אונזערע ליבלינג-פלעצער פאַרטרייבען, און אונזער באַקאַנטשאַפט און פריינדשאַפט וועט מיטגעהן, מיט דער פאַרבראַכטער צייט אין דעם תהום וואָס מיר רופען פאַרגאַנגענהייט, זיינען מיר געזעסען שווייגענדיג, זייט ביי זייט. איך האָב מיך אין זיין פנים דעמאָלט מעהר ווי אַלע מאָל טיפער איינגעקוקט, עפּעס ווי איך וואָלט מיך באַ-דאַרפט אויף אייביג געזעגענען. ער האָט דעמאָלט פיל אַנ-דערש און מעהר ווי אַלע מאָל אויסגעזעהן פאַרטיפט אין זיינע געדאַנקען. כאָטש ער האָט זיינע אויגען ברייט אָפען געהאַלטען, דאָך האָט ער מיך ניט געזעהן, ווייל זיי זיינען מיט טרעהרען פאַרלאָפען געווען. זיין פנים האָט עדות געזאָגט, אַז ער איז אַמאָל גאַנץ שעהן געווען, איצט איז עס ווי פאַרמעט געל געווען. אויב איך וואָלט איהם אין דער לעצטער צייט ניט געזעהן יעדען טאָג, וואָלט איך איהם דע-מאָלט זיכער ניט געווען דערקאָנט. אַזוי פאַרענדערט האָט ער אויסגעזעהן. ס׳האָט מיך צו איהם אַ רחמנות-געפיהל אָנגענומען. איך בין זעהר נייגעריג געווען צו וויסען וואָס ס׳איז מיט איהם געשעהן.
איך האָב מיך לאַנג גע׳ישוב׳ט ביז איך האָב מיך ענד-ליך ענטשלאָסען די אורזאַך פון זיין דעמאָלדיגער טרויערי-גער שטימונג אויסצוגעפינען. איך האָב גערעכענט אפשר נויטיגט ער זיך אין מאַטעריעלער הילף, בין איך באַרייט געווען איהם מיין הילף אָנצובאָטען. איך האָב מוטה גע-פאַסט, און מיין האַנט גאַנץ לייכט אויף זיין אַקסעל אַרויפ-געלעגט. ער האָט זיך מיט אַ שטאַרקען טרייסעל ווי פון אַ לעטאַרגישען שלאָף אויפגעכאַפּט און האָט אויף מיר זיינע ברייט געעפענטע אויגען אָנגעשטעלט. איך האָב איהם קיין צייט געגעבען, אַז ער זאָל מיר עפּעס זאָגען, און איהם באַלד

אַ פרעג געטאָן: זאָגט מיר, איך בעט אייך, ליבער פריינד, וואָס איז מיט אייך היינט עפּעס שלעכטס געשעהן? גאָר ניט ערגער ווי תמיד, איז זיין קורצער ענטפער געווען. זיינט איהר אפשר קראַנק? האָב איך איהם וויטער גע־פרעגט, ניין, פריינד, איך בין ניט קראַנק, האָט ער אויף מיין צווייטער פראַגע געענטפערט. און אַזוי ווי איך בין שוין געווען אַנטשלאָסען איהם רעדעוודיג צו מאַכען, האָב איך איהם ווידער, אָבער שוין מיט אַ צודרינגליכען טאָן געפרעגט: זאָגט מיר, ליבער פריינד, די אורזאַכע פון אייער היינטיגען געמיט־צושטאַנד. זאָגט מיר, איך בעט אייך, אפשר קאָן איך אייך מיט עפּעס באַהילפיג זיין. איך דאַנק אייך זעהר פון מיין טיפען הארץ פאַר דעם אינטערעס וואָס איהר נעמט אין מיר און אויך פאַר אייער ברייט־הארציגען אָנבאָט. און איך וויל אייך זאָגען, אַז ניט נאָר איהר, נאָר אפילו אויב ס'איז פאַראַנען אַ גאָט, ווי מיר זיינען געגויגט צו גלויבען, גלויב איך באמונה שלמה, אַז אפילו ער אַליין, דער כל יכול קען מיר אויך ניט העלפען. און אויב איהר ווילט וויסען וואָס מיר פעהלט וועל איך אייך זאָגען, אָבער בתנאי, אַז איהר זאָלט אויף מיר קיין פאַראיבעל ניט האָבען, ווייל איך בין מיך משער אַז דאָס וועט אייך ניט פאַרשאַפען קיין פאַרגעניגען. מיר פעהלט, אַז דער נאַטירליכער טויט, וועלכער האָט אָן מיר פאַרגע־סען, זאָל קומען און מיך פון מיינע לאַנג־יאָהריגע און אומערטרעגליכע ליידען באַפרייען. ליבער פריינד, האָב איך מיך צו איהם מיט אַ מוטערליכען טאָן אָנגערופען, מיט אייערע איצטיגע רייד מאַכט איהר מיך חרטה צו האָבען אויף דער גוטער מיינונג וואָס איך האָב וועגען אייך ביז אַצינד געהאַט. איך האָב אין אייך ביז אצינד געזעהן אַ פּראַקטישען, קלוגען און פאַרנונפטיגען מאַן, און איצט רעדט איהר עפּעס אַזעלכע ווערטער, וועלכע איך האָב קיין מאָל ניט ערוואַרטעט פון אַזאַ אינטעליגענטען מענשען צו הערען. כאָטש מיר האָבען אַזוי לאַנג אין פאַרשידענע געשפּרעכען

פאַרבראַכט און וועגן אונזערע אייגענער פאַרגאַנגנהייט און געגענוואַרט קיין וואָרט קיין מאָל ניט דערמאָנט, דאָך בין איך זיכער, אַז איהר האָט קיין מאָל קיין פאַרברעכען ניט באַגאַנגען פאַר וועלכען איהר זאָלט געוויסענסביסע ליידען. אַז איהר ליידעט, דאָס האָב איך זייט אונזער ערשטער באַגעגעניש געוואוסט ווייל אייער פּנים איז אַ מסור. איך האָב תמיד געגלויבט און איצט אויך, אַז אין אייערע ליידען זיינט איהר אַליין ניט שולדיג, זאָנדערן דער אומ׳רחמנות׳דיגער שיקזאַל האָט אייך פאַר זיין קרבן אויסגעקליבען און אייך צו ליידען געמאַכט, און מיט אַזעל־כע ליידען דאַרף מען זיך ניט שעהמען, זאָנדערן מען דאַרף אַנוועגדען אַ מיטעל דורך וועלכען זיי צו לינדערען. און אויב איהר זאָלט מסכים זיין צו מיין עצה וואָלט איך אייך אומגעבעטענערהייט רעקאָמענדירט אַ זעהר העלפבאַר מיטעל: מען רעדט זיך אַביסעל אָפּ פון׳ם האַרצען און ס׳ווערט גרינגער. פאַר קערפּערליכע אָדער פינאַנציעלע ליידען איז עס טאַקע אַ קנאַפּע רפואה, אָבער פאַר גייסטיגע נשמה-ליידען איז עס גראַד אַ גוטע רפואה.

מיינע לעצטע ווערטער האָבען אויף איהם אַ גוטען איינדרוק געמאַכט, און כאָטש זיין פאַרמעט-געלער פּנים איז נאָך אַלץ אין אַן ערנסטען צושטאַנד געווען, דאָך האָט זיך אויף איהם אַביסעל מעהר מונטערקייט באַוויזען. ער האָט זיך צו מיר נעהנטער צוגערוקט, זיך אַרומגעקוקט אַזוי ווי ער וואָלט וועלען זיכער זיין, אַז אַחוץ מיר זאָל חלילה קיין אַנדער ניט הערען. ער האָט מיין האַנט אין זיינער גענומען, און האָט ווי אַ מין פאַרוואָרט אָנגעהויבען: ליבער פריינד, איך זעה אַצינד, אַז מיין מיינונג איבער אייך האָט מיך ניט גענאַרט. איך האָב אין אייך שוין ביי אונזער ערשטער באַקאַנטשאַפט דערקאַנט אַ קלוגען, ערנסטען און גוט-האַרציגען מענשען. און אַצינד מוז איך מוסיף זיין אַז איהר זיינט אויך אַ נביא. איך האָב איהם שמייכלענד געדאַנקט פאַר די אויסגערעכענטע קאָמפּלימענטען. ער האָט

אויף זיין זייגער אַ קוק געטאָן, אזוי ווי ער וואָלט זיך וועלען איבערצייגען, אַז ער וועט קענען זיין גאַנצע געשיכטע אין דער נאָך־פאַרבליבענער צייט דערציילען. ער האָט זיך אויסגעהוסט און זיך צוגעגרייט אַזוי ווי ער וואָלט זיך באַדאַרפט צו אַ שווערער אַרבייט נעמען. הערט זיך איין, פריינד, האָט ער זיך צו מיר שטיל אָנגערופען און זיין געשיכטע מיט אָט די ווערטער אָנגעהויבען.

איך בין ביי מיין טאַטע מאַמע געווען זייער מוזיניקעל און אַ בן־יחיד׳ל פון פינף קינדער, וועלכע זיינען אין אַ פייער אומגעקומען. צו מיין צעהנטען יאָהר בין איך שוין אַ קיילעכדיגער יתום אָהן טאַטע מאַמע געבליבען. ניט דער נאַטירליכער טויט האָט פון מיר מיינע טאַטע מאַמע פריה־צייטיג אַוועקגערויבט, גיין, גזלנים, רוצחים זיינען אין אַ פינסטערער ווינטער נאַכט מיין טאַטענ׳ס קליין, אָרים קרעמעל באַפאַלען, מיינע אָרימע טאַטע מאַמע האָבען זיי ווי שאָף געשאָכטען, און דאָס ביסעל קליין געלד וואָס זיי האָבען פאַרמאָגט אַוועקגערויבט און זיינען פאַרשוואונדען. מ׳האָט זיי אפילו ניט געזוכט אויסצוגעפינען. אַז מיינע עלטערען זיינען געווען אידען דאַרף איך אייך ניט דערצעהלען, און אַז אידען הרג׳ענען איז ביי פאָניע׳ן אַ מצוה ווייסט איהר אַוודאי אויך. נו, האָבען זיי די מצוה מקיים געווען. מיך האָבען זיי צו מיין אומגליק פאַרזעהען. דער בייזער שיקזאַל האָט מיך פון די מערדערס הענט געראַטעוועט, כדי ער זאָל מיך פאַר זיין קרבן מאַכען, און מיך צו מעהר שלעכטס און גרויזאַמקייט צו פאַראורטיילען. פון דאָרף האָבען מיך פרעמדע מענשען (ווייל קיין אייגענע האָב איך ניט געהאַט, און אפשר יאָ ערגיץ, אָבער ניט איך האָב פון זיי געוואוסט און ניט זיי פון מיר.) אַוועקגעפירט אין אַ קליין, דערבייאיגען שטעטעל און מיך אין אַ בית־יתומים מיט געוואַלד אָנגעוואָרפען; ביי זייער גוטען ווילען האָבען זיי מיך פשוט ניט געקאָנט אַריינגעמען, ווייל זייער בית־יתומים איז באַשטאַנען פון אַן אַלטער צעבראָכענער

חורבה, וועלכע די פּאָגראָמשטשיקעס האָבען ניט אויס־געלאָזען בעת זיי האָבען דאָס גאַנצע שטעטעל חרוב גע־מאַכט. די שטעטעלשע בעלי־בתים זיינען כמעט אַלע געווען אָרים, דערשלאָגען און זיך מיט וואונדען אויף זייערע אויסגעמאַטערטע קערפּערס אַרומגעטראָגען. זיי האָבען אַלע מיט זייערע משפּחות געהונגערט און געפּרווירען, און מיר, יתומים׳לאך האָבען געליטען ניט ווינציגער פון זיי. אַ דאַ־רער, אויסגעהונגערטער, בייזער מלמד, פלעגט לשם מצוה אונזערע ליידיגע מאָגענדלעך שטאָפּען מיט תורה.

אַזוי האָב איך דאָרטען אַ הונגעריגער, אַ נאַקעטער, אַ באָרוויסער צווישען די אַנדערע יתומים ביז צו מיין בר־מצוה זיך אָפּגעוואַלגערט. לענגער דאָרט בלייבען האָב איך ניט געקענט און ניט געוואָלט און זיי, די בעלי־בתים האָ־בען ניט געקענט און ניט געוואָלט מיך האַלטען. האָב איך שוין אַלס אַ זעלבסטשטענדיגער מענש, איינגעשפּאַנט מיי־נע אויסגעדאַרטע באָרוויסע פיס, און זיי האָבען מיך בשלום אין אַן אַנדער שטעטעל אַריינגעבראַכט. דאָרטען בין איך אָנגעקומען צו אַ מלמד אַלס אַ באַהעלפערל. מיין עובדה איז געווען תלמידים׳לאך אָנקליידען, מיט זיי מודה אני זאָגען, און זיי אויף מיינע דאַרע פּלייצעס אין חדר אַריין טראָגען. דערפאַר אָבער איז מיר דאָ שוין גאַנץ גוט געווען. מיט אַלטע העמדלאך, מייטקעלאך און שטיוועלאך האָבען מיך שוין די גוט־האַרציגע באַלעבאָסטעס פאַרזאָרגט. פון אַלע וואַרמעסען, וואָס איך פלעג זיי אין חדר אַריין ברייג־גען, פלעג איך אויך פאַרזוכען, און וועטשערעס האָט מיר ביי די באַלעבאַטים אויך ניט אויסגעפעלט און קיין אַפּע־טיט אַודאי ניט. בין איך טאַקע אין אַ גאַנץ קורצער צייט צו זיך געקומען. און וויפיל איך בין פריהער ניט דער־וואַקסען, האָב איך מיך דעמאָלט צוזוואַקסען אין דער לענג און אין דער ברייט ממש ווי אַ פּורים קוילעטש. און אפילו ס׳איז מיר דעמאָלט שוין אַזוי גוט געווען, דאָך האָב איך ביי דער נאָבעלער פראָפּעסיע ניט בדעה געהאַט צו

בלייבען, און דערפאַר טאַקע האָב איך אַלע מעגליכקייטען אָנגעוואַנדעט אום פון דער ניט זעהר געהויבענער פּרנסה פּטור צו ווערען. צו מיינע באַלעבאַסטעס פלעג איך מיך תמיד חנפ'ענען און טאָן פאַר זיי פאַרשידע'נע הויז-אַרבייט. פאָלגען אַלערליי געגג, און האָב דערביי קיין מאָל ניט פאַר־געסען זיי צו בעטען אַז זיי זאָלען ביי זייערע מענער פּועל'ן אַז מען זאָל מיך אין אַ געשעפט אַריינגעמען. איבערהויפט האָט מיר מיין יתום'שאַפט און טרויעריגע פאַרגאַנגענהייט פיל געהאָלפען אַז מען זאָל אויף מיר רחמנות האָבען. ביי איינער פון מיינע באַלעבאָסטעס האָב איך מיך מעהר ווי ביי די אַנדערע באַליבט געמאַכט, ווייל איך האָב איינגע־זעהן אַז צו איהר גוטען הארץ וועל איך גיכער ווי צו די אַנדערע קענען צו טרעטען. איך האָב קיין טעות ניט גע־מאַכט, איהר מאַן, וועלכער האָט געהאַט דאָס גרעסטע שפּייז-קראָם אין שטעטעל, האָט מיך פאַר אַ פּריקאַזטשיק (משרת) אַריינגענומען. יעדען האַלבען יאָהר פלעגט ער מיר מיינע שכירות העכערען און אויפ'ן פינפטען יאָהר בין איך שוין זיין געשעפטס-פיהרער און בוכהאַלטער געווען. אַביסעל געלט האָב איך שוין געהאַט אָפּגעשפּאָרט, ווייל אַחוץ אויף לערערס האָב איך זעהר ווייניג אויסגעגעבען, און מיין לאַגע צו פאַרבעסערען האָב איך זעהר חשק גע־האַט.

אין יענעם קליינעם שטעטעל איז פאַר מיר קיין מעגליכקייט ניט געווען, האָב איך זיך אַוועקגעלאָזען אין אַ גרויסער שטאָט מיין גליק צו זוכען. און ע'ס האָט מיר לאַנג ניט גענומען, און איך האָב דורך מיין גוטער רעקאָמענדאציע און אינטעליגענטען אויסזעהן אין איינעם פון די גרעסטע שפּייז-געשעפטען אַ שטעלע אַלס הויפט געשעפטס-פיהרער אַנגענומען.

מיין נייער באַלעבאָס איז געווען אַ מענש אין די פופ־ציגער און אַ חסידישער איד, מיין באַלע'באָסטע איז ביי איהם געווען דאָס צווייטע ווייב, אפילו ניט קיין שעהנהייט

אָבער זעהר סימפּאַטיש, האָט מעהר אויסגעזעהן צו זיין זיין טאָכטער אַלס זיין ווייב. ניט נאָר אין עלטער נאָר אפילו אין די כאַראַקטערען האָבען זיי זיך שטאַרק אונטערשידען. ער איז געווען אַ מענש וואָס האָט געוואוסט אַביסעל פון געשעפט, עסען, שלאָפען און די איבעריגע צייט אָוועקצו־פּטר'ן ביים רבי'ן אין קלויז. זי, אַ הויך־געבילדעטע דאַמע אין שפּראַכען, רוסיש, דייטש, פראַנצויזיש, אַפילו העברע־איש האָט זי אויך געקענט, לעבהאַפטיג, לוסטיג, אַ לייי־דענשאַפטליכע ראָמאַנען־לעזערקע, אין אַלגעמיין אַ זעהר גרויסער קאָנטראַסט צו איהר מאַן, דעם חסיד. קיין קינדער האָט ער ניט געהאַט, ניט מיט זיין ערשטער ווייב און ניט מיט איהר, ער פלעגט אַמאָל זיין קינדערלאָזיגקייט באַדויע־רען, ווייל ניט זעלטען פלעגט ער זיך ווינשען אַ קדיש צו האָבען, אָבער זי האָב איך קיין מאָל ניט געזעהן, אַז זי זאָל זיך דערפון שטאַרק מצער זיין.

דאָרטען האָב איך געטראָפען אַ נאָר וואָס אָנגעקומענע שטוב־מיידעל. זי האָט אויסגעזעהן מיט אַ פּאָר יאָהר אינ־גער פון מיר, עפּעס האָב איך באַלד באַמערקט, אַז דאָס שטוב־מיידעל געהערט ניט צו דער קלאַס שטוב־מיידלאַך, וועלכע מיין פריהעריגע באַלעבאָסטעס פלעגען בייטען אָפ־טער ווי זייערע קליידער. זי איז געווען אַ בילד שעהן מיי־דעל, איינפאַך אָבער ריין, ציכטיג און געשמאַקפול געקליי־דעט, מיט אַ נאַטירליך שעהן, ראָזאָווע פּנים, מיט גרויע לייכטענדע אויגען, וועלכע האָבען ווי בריליאַנטען אַרוים־געשיינט, מיט העל, גאָלד־קאָלירטע האָר, וועלכע האָבען ביז צו איהר טאַליע געגרייכט, און אין זיי האָט איהר שעהנער פּנים ווי אין אַן אַרטיסטישער גאָלד־ראַם אויס־געזעהן. ווער ס'האָט זי נאָר געזעהן, האָט זי געמוזט באַ־וואונדערען. ניט איין מאָל פלעג איך זיך די שאלה פרעגען: פאַרוואָס עפּעס איז די נאַטור צו אַ טייל מענשען אַזוי גוט, אַזוי מילד, באַשענקט זיי מיט אַלע אוצרות, און צו אַ טייל מענשען איז זי אַזוי שלעכט, ברוטאַל און גרויזאַם. און

מיינט איהר אפשר, אַז זי איז געווען פון דעם סאָרט מייד־לאַך, וואָס זייער גאַנצער יחוס ליגט אין זייער שעהן פּנים און אין זייער אויסזעהן, זאָג איך אייך אַז ניט. זי איז ניט נאָר געווען קלוג, שאַרפזיניג, נאָר פּשוט אַ בת־דעת, גע־לערענט אַחוץ אידיש און העברעאיש, רוסיש, דייטש און פראַנצויזיש, און דורכגעלעזען וואָס נאָר זי האָט געקענט קריגען. און געקראָגען האָט זי גראַדע אַ סך וויסענשאַפט־ליכע ביכער מכל המינים. איהר זינגען און פּיאַנאָ שפּילען האָט יעדען צוהערער ממש באַצויבערט, מיט איהר ריידען האָט מען געקענט פון אלעס און איבער אלעס, און פיהלען אַ גייסטיגען פאַרגעניגען. ס'האָט מיך אָפט געוואונדערט ווי ס'קומט, אַז אַזאַ שעהנע, אינטעליגענטע דאַמע, וועלכער ס'וואָלט גיכער געפּאַסט צו זיין אַ פּרינצעסין אָדער אַ הויפ־דאַמע אין אַ קעניגליכען פּאַלאַץ, זאָל גאָר אָננעמען אַ פּשוט'ע שטעלע אַלס אַ שטוב־מיידעל.

אַז עס איז אין דעם געווען אַ געוויסע אורזאַכע, אָדער גאָר אפשר אַ טיפע געהיימניש אויך, דאָס האָט מיר מיין שכל דיקטירט, ווייל ניט איין מאָל האָב איך באַמערקט אַריינקומענדיג אין אונזער קליינעם עס־צימער, אין וועלכען מיר פלעגען אַחוץ שבתים און ימים־טובים ביידע צוזאַמען ביי איין טיש עסען, אַז איהרע שעהנע אויגען זיינען נאָר וואָס פון טרערען אויסגעווישט געוואָרען. דאָס זעהענדיג פלעגט מיר ביים האַרץ פאַרקלעמען, און האָט מיך נייגעריג געמאַכט די אורזאַך און עפּעס וועגען איהר צו וויסען, ווייל זי האָט אויף מיר ניט נאָר מיט איהר מאַיעסטעטישען אויסזעהן, נאָר מיט איהר גוטען, נאָבעלען האַרצען זעהר אַ טיפען איינדרוק געמאַכט.

זי פרעגען האָב איך ניט געוואָלט און ניט געוואַגט, ווייל איך האָב אומבאַוואוסטזיניג געפיהלט אַז איך וועל איהר דערמיט אַ שמערצליכע וואונד אין האַרץ אָנריירען. מיין באַלעבאָס און באַלעבאָסטע האָבען זיך צו איהר באַ־נומען און זי באַהאַנדעלט גאַנץ אַנדערש ווי איך בין גע־

וואוינט געווען צו זעהן די באַנעמונג און די באַהאַנדלונג פון מיינע געוועזענע באַלעבאַטים צו זייערע דינסטען. צו איהר האָבען זיי זיך באַנומען מיט רעספּעקט, זי האָט מען באַטראַכט און באַהאַנדעלט ווי אַן אייגענע און ווי זייער גלייכען, מיט איהר האָבען זיי זיך ניט געשאַפּען ווי מיט אַ געוועהנליכער דינסט, און קיינע באַפעלען האָט מען איהר אויך ניט געגעבען אָהן צו ברויכען די ווערטער, אויב איהר ווילט אַזוי גוט זיין, און אויב איהר וועט קיין פאַראיבעל ניט האָבען, און נאָך אַזעלכע איידעלע אויסדריקע.

די ערשטע צייט האָב איך זי באַטראַכט ניט אַנדערש ווי אַ גאַנץ נאָהענטע קרובה פונ׳ם באַלעבאָס אָדער באַלע־באָסטע, אָבער איך האָב דורך אַ צופאַל אויסגעפונען אַז ניט. און דאָס האָט מיר מיין באַלעבאָס אליין אפילו אַ גרוי־סער למדן, אָבער אין ענין חכמה אַ היבש ביסעל הינטער־שטעליג געווען, מיר אליין דערצעהלט, אַז איהר פאָטער זכרונו לברכה, וועלכער איז מיט עטליכע יאָהר צוריק בעת׳ן פּאָגראָם אויף קידוש השם אומגעקומען, איז געווען אַ גרוי־סער פּאָדריאַטשיק (אונטערנעמער) און האָט געפירט גרויסע געשעפטען מיט די גרעסטע און רייכסטע פּריצים און אַפילו מיט מלכים אויך און איז פון אַלעמען געשעצט און רעספּעקט־טירט געוואָרען. ער איז ניט נאָר געווען זעהר רייך נאָר אַ גרויסער יחסן אויך, אַ למדן און בקי בכמה לשונות, און הויץ דעם אַ גרויסער מכנים אורח און בעל צדקה געווען. ביי מיין רבי׳ן, זאָל מאַריך ימים און געזונט זיין, איז ער ניט נאָר דער גרעסטער יחסן נאָר טאַקע אַ קרוב פון רביצינ׳ס צד געווען, און נאָך זיין פּטירה האָט מיך דער רבי זאָל לעבען געלאָזט רופען און מיר באַפוילען אַז איך זאָל זי, זיין עלטסטע טאָכטער, צו מיר אונטער מיין און מיין ווייב׳ס השגחה נעמען.

דריי קיילעכדיגע יאָהר זיינען פאַראיבער זייט איך בין אויף מיין שטעלע אָנגעקומען און מיין גאַנצע איבעריגע צייט, וועלכע האָט מיר זעהר קורץ אויסגעזעהן, האָב איך

מיט איהר אין געשפּרעך איבער פאַרשידענע פּראָבלעמען פאַרבראַכט. און איך בין מיך מודה, אַז געלערענט האָט זי מעהר ווי איך, און געלעזען אודאי און פאַרשטאַנען אויך און וואָס שייך צו קלוגהייט איז זי געווען ממש צום באַוואונדערען. ניט איין מאָל האָב איך מיך געפיהלט דיסקוטירענדיג מיט איהר, אַ געפאַלענער און אַ פאַרשעמטער, ווייל זי האָט מיך תמיד מיט איהר בקיאות און חריפות באזיגט. זי פלעגט זיך אָבער קיין מאָל ניט האַלטען ווי אַ זיגער איבער זיין באַזיגטען, זאָנדערן זי פלעגט מיך ערמוטיגען.

אַז איך האָב מיך צו איהר ניט גלייכגילטיג געפיהלט, איז איבעריג צו זאָגען. איך האָב צו איהר געפיהלט אַזאַ מין פריינדשאַפט, וועלכעס איך האָב מיר אליין ניט געקענט ערקלערען. איך האָב זי געאַכטעט און געשעצט, ממש פאַרגעטערט. אָבער אַז איך זאָל אַמאָל דעם אוצר באזיצען, דיזע קרוין זאָל אַמאָל מיין קאָפּ באַצירען, אַזאַ געדאַנק אויב ס'וואָלט דעמאָלט געווען אין מיין מח אַריינגעדרונגען, וואָלט איך עס פאַר אַ משוגעת באַטראַכט. איך האָב געוואוסט, אַז זי שטעהט פיל העכער פאַר מיר, און איז צו פיל העכערעם און שעהנערעם באַשאַפען. איך בין שוין דעמאָלט אַ צוויי-און-צוואַנציג יאָהריגער בחור געווען, שעהן, הויך און גראַד ווי אַ פאַלמע געוואַקסען, ברייט ביינערדיג און קרעפטיג ווי אַ ריז, און כאָטש מיין פּנים איז אַצינד אַ ברוינס, ווייל איך אַייך זאָגען, אַז קיין ברונעטער בין איך דעמאָלט ניט געווען. דאָס איצטיגע ברוינע פּנים מיינס איז אַ שטעמפּעל פון מיינע פילע ליידען. איך האָב פאַרמאָגט אַ פּנים-קאָליר ווי פון בלוט מיט מילך געמישט, און מיט ראָזאָווע אויסגעפילטע באַקען, ניט איין כלה מויד וואָס האָט מיך געזעהן האָט זיך געוואונשען, פון אזא פּנים די באַזיצערין צו זיין.

אַביסעל קאַפּיטאל האָב איך פאַרמאָגט, און דינען פּאַניען האָב איך אויך ניט באַדאַרפט, ווייל איך האָב איהם

אָפּגעטאָן אויף טערקיש, פאַר אַ געוויסע סומע געלד האָט מיך אַ געבוירענער טערקישער איד, אַלס זיין זוהן אויף זיין טערקישען פּאַס פאַרשריבען. דאָס האָט מיך פאַר אַ טערק געמאַכט און פּטור פון סלוזשבע.

מיין פריינד איז פאַר עטליכע מינוטען שטיל געבליבען, אַזוי ווי ער וואָלט זיך וועלען אָפּרוהען, און נייע קרעפטען צו שעפּען. ער האָט אַ שווערען זיפץ געטאָן און פון זיינע אויגען אַ פּאָר טרערען אויסגעווישט און ווייטער דערציילט.

אין אַ שבת פריה איז עס געווען. איך האָב מיך אין מיין שענסטען אַנצוג אָנגעקליידעט און בשעת איך בין פאַר'ן שפּיגעל געשטאַנען, און האָב מיינע פּעך-שוואַרצע געקרויזטע האָר פאַרקאַמט, און זי, דאָס פריילין, אַזוי פּלעג איך זי רופען, האָט אַפּנים באַמערקט אַז דאָס מאָל האָב איך מיך מעהר געסטאַרעט שעהנער אויסצוזעהן, האָט זי זיך צו מיר מיט איהר שטענדיגען ליבליכען שמייכעל אָנגערופען: וואָס פּוצט איהר זיך היינט מעהר ווי אַלע מאָל, געהט איהר אפשר אַ כלה אָנקוקען? איך האָב מיך אַביסעל פאַררויטעלט און איהר געענטפערט: ניין, פריילין, קיין כלה אָנקוקען געה איך ניט, און גלויב ניט אויב איך וועל אַמאָל געהן, נאָר איך בין דאָך אַ בחור, און דאָס ליגט עס אפשר אין מיין נאַטור צו זוכען געפעלען צו ווערען. איך האָב מיין קאָפּ אַביסעל געבויגען, ווייל איך האָב געפיהלט, אַז איהר פּנים, וועלכעס האָט ווי די זון געשיינט, האָט מיינע אויגען פאַרבלענדעט. אַזוי גאָר איהר זוכט געפעלען צו ווערען? אויב אַזוי, מוז איך אייך זאָגען, אַז איהר זיינט שוין לאַנג געפעלען געוואָרען, האָט זי מיר געזאָגט, און איהר שעהן פּנים, וועלכע האָט געשמייכעלט, האָט זיך אַ היבש ביסעל פאַררויטעלט.

דאַכט זיך, נאָר אַ פּאָר ווערטער און דאָך וועל איך זיי מיין גאַנץ לעבענס-צייט געדע'נקען. זיי וועלען אין מיינע אויערען קלינגען, ווייל דאָס זיינען געווען די טייערסטע ווערטער וואָס איך האָב מיר געוואונשען צו הערען. איך בין

שוין יענעם שבת אין שוהל ניט געגאַנגען, און מיט אַ תירוץ דערויף האָב איך מיך באַזאָרגט. איך בין אין מיין צימער געבליבען און זיך אַן אָנגעקליידעטער אויף דער ווייכער קאַנאַפּע אַוועקגעלעגט און האָב מיך אין אַ מין מיש-מאַש געדאַנקען פאַרטיפט. כאָטש איהרע ווערטער האָבען מיט ערנסט געקלונגען און איהר פּנים האָט דערויף עדות גע-זאָגט, דאָך האָט מיך שטאַרק געשראָקען, אפשר האָט זי דאָס גאָר אַלס אַ שפּאַס פון מיר און מיין פּוצעניש געזאָגט. און אויב ערנסט, אפשר האָט זי גאָר די באַלעבאָסטע געמיינט, ווייל זי האָט תמיד געזוכט די געלעגענהייט מיט מיר צו פאַרברייגען און זיך דערביי גאָר ניט מעשה באַלעבאָסטע געהאַלטען. דאָס איז פאַר איהר גאָר קיין סוד ניט געווען. זי האָט איהר געמיינט צו באַשולדיגען ניט מיך, ווייל אז איך זוך זי תמיד אויסצומיידען, דאָס האָט זי געזעהן און פאַרשטאַנען. אויף איהר, אונזער באַלעבאָס-טע, דערפאַר פאַראיבעל צו האָבען, האָב איך פאַר קיין אומרעכט גערעכענט. אַ פאַרהייראַטע פרוי האָט אַ גוטען און אַ ליבליכען מאַן, געניסט ביי איהם אַלדאָס גוטס, קיין קליי-דער, געלד, פּערעל, דיאַמאַנטען און בריליאַנטען פעהלט איהר ניט, אומעטום קריגט זי דעם בכבוד'ן אויבען אָן און מען אַכטעט און מען שעצט זי צוליב איהם, און ער אליין, דער באַלעבאָס, אַ גרויסער עושר, אַ בעל צדקה, אַ בכבוד'ער איד ביי אַלע'מען באַליבט און קיין מיאוס'ער אויך ניט און פיל אינגער ווי זיין עלטער אויסגעקוקט, און פאַר איהר, זיין ווייב, וואָלט ער אין פייער און וואַסער געגאַנגען, זיך ממש מקריב געווען, זאָל זוכען די געזעלשאַפט פון אַ מאַן, וועלכער איז פיל יונגע'ר פון איהר און איהרער אַ משרת דערצו. יאָ, ניט אַנדערש, ווי זי, אונזער באַלעבאָסטע, האָט זי געמיינט, ווען דען האָט זי געמיינט? וואָס האָט זי עפּעס אויף מיר דערזעהן, מיין גרויס פאַרמעגען, מ'שטיינס געזאָגט, מיין גרויסער יחוס? ווער בין איך? אַן עלענדע'ר און פאַרלאָזענער יתום זיך געהאָדעוועט אין אַ קליין שטעטעל-

שען בית־יתומים אויף קהל׳ס הוצאה, אַ געוועזען בעהעל־פערל, געטראָגען קינדער אויף מיינע פּלייצעס אין חדר אַריין, גענאַשט פון פרעמדע טעפּלאַך, געטראָגען אויף מיין לייב די געשענקטע אַלטע טראַנטעס און די אויסגעקרומטע צעריסענע שטיוואלאַך, וועלכע זייערע באַלעבאַטישע קינ־דער האָבען שוין זייט לאַנג אַוועקגעוואָרפען, און ווער זיינען מיינע אָרימע אומגליקליכע טאַטע־מאַמע און זייער משפחה געוועזען? דאָס וואָלט איך אַליין אַ בעלן געווען צו וויסען. און וואָס בין איך אַצינד, אַ וואַזשנער עושר, אַ באַלעבאָס פאַר זיך אַליין, מיט אַן אייגענער קראָם, מיט משרתים? אַ משרת בין איך. אַיי, מ׳רופט מיך געשעפטס־פיהרער, בוכהאַלטער — דאָס איז ניט מעהר ווי עטיקעטע. אָבער איך ווייס דאָך דעם אמת׳ן אמת, אַז איך בין ניט מעהר ווי אַ משרת. איך דאַרף און מוז פרעגען, און דאַרף און מוז פאָלגען. נו, און זי, אַזאַ חכמה, פאַרשטעהט עס דען ניט? און איהר, איהר בין איך געפעלען געוואָרען? ניין, דאָס קען ניט זיין, דאָס איז אַן אוממעגליכקייט. אַזאַ זאַך צו גלויבען, דאַרף מען זיין אַ גרויסער שוטה; און אַזעל־כעס זיך איינריידען, קען נאָר אַ משוגענער, אַ חסר־דעה׳ניק. וואָס־זשע, אַזאַ טייער קינד מיט אַ בריליאַנטענער נשמה, אַזאַ גוטער מלאך איז פעהיג פון עמיצען חוזק צו מאַכען? זי, וועלכע איז אַזוי איידעל, גוטהאַרציג, אויפריכטיג און עהרליך, ממש אַ געטין אין מענשען־געשטאַלט — זי וועט פעהיג זיין חושד צו זיין איהר וואָהלטעטערין אין פאַרראַט און אין אומטרייהייט צו איהר גוטען מאַן? איצט זעה איך ערשט אַליין, אַז איך בין אַ פאַררעטער, אַ נידעריגער נפש, אַז איך האָב געלאָזען אַזעלכע שלעכטע מחשבות אין מיין פוסטען קאָפּ אַריינדרינגען.

אַזוי האָב איך אַליין מיט מיינע מחשבות מלחמה גע־האַלטען, ביז איך האָב פונ׳ם פריילין אַ לייכטען קלאַפּ אין טיר געהערט. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז דער באַלעבאָס איז שוין געקומען פון שוהל, און מ׳דאַרף געהן עסען. איך

בין באַלד אַריין אין עס-צימער. אַלע זיינען שוין געזעסען ביים טיש און געוואַרט אויף מיר. מיין פּנים האָט פאַר-שפּאָרט מיין באַלעבאָס די טרחה פון פרעגען שאלות. אַוועק-געהענדיג פון טיש כמעט אַ ניט-געגעסענער, בין איך צוריק אַריין אין מיין צימער, און איידער איך האָב באַוויזען מיין ראָק און וועסט אַרונטערצונעמען, האָב איך געהערט אַ גאַנץ לייכטען קלאַפּ אין טיר. איך האָב באַלד געעפענט די טיר. דאָס פריילין איז אויף דער שוועל געשטאַנען און מיך מיט איהר צוקער-זיסער שטימע געפרעגט, אויב איך וועל איהר ערלויבען אַריינצוקומען אין מיין צימער.

— וואָס-זשע, איהר האָט געצווייפעלט? — האָב איך זי מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט. — ערלויבט מיר, טייערע פריילין, אייך צו זאָגען, אַז דאָס זיינען די טייערסטע און גליקליכסטע מאָמענטען אין מיין לעבען, ווען איך זעה אייך און הער אייער ליבע, געטליכע שטימע.

— איך דאַנק אייך פאַר אייערע שעהנע קאָמפּלימענ-טען. איך האָב גאָר ניט געוואוסט, אַז איהר קענט מאַכען אַזעלכע שעהנע קאָמפּלימענטען, — האָט זי לאַכענדיג גע-זאָגט.

— אָ, ניין, פריילין! זייט מיך ניט חושד, אַז איך בין אַ קאָמפּלימענטען-מאַכער. דאָס טוען נאָר פאַלשע מענשען. ניט נאָר גלויב איך, איך בין פולשטענדיג זיכער, אַז אין די עטליכע יאָהר, וואָס מיר זיינען צוזאַמען, און כמעט יעדען טאָג זעהען מיר זיך און פאַרברענגען אין גייסטיגען פאַרגנ-ניגען אונזער פרייע צייט, האָט איהר מיך געוויס קענען-געלערענט און זיך איבערצייגט, אַז איך בין אַלעמאָל ערנסט און אויפריכטיג אין אַלע מיינע באַהויפּטונגען. ליגען און פאַלשקייט האָס איך מעהר ווי דעם טויט, — האָב איך איהר מיט אַ פעסטער שטימע געזאָגט.

— גענוג, גענוג, רעגט אייך ניט אויף, — האָט זי זיך ביי מיר מיט אַ צערטליכער שטימע געבעטען. — איהר זענט קראַנק, און איך בין זעהר נייגעריג צו וויסען די סיבה

פון אַייער היינטיגער זאַנדערבאַרקייט. עפּעס האָט זיך אייער שטענדיגע מונטערקייט אין אַ פּאָר שעה צייט פאַר־וואַנדעלט אין אַ מרה־שחורה. איך האָב אייך קיינמאָל אַזוי בלאַס, צעטראָגען און אויפגערעגט ניט געזעהן. היינט דאָס ערשטע מאָל. זענט איהר אפשר קראַנק? — האָט זי מיך מיט אַ מוטער־צערטליכער שטימע געפרעגט.

— ניין, טייערע פריילין, איך בין קערפּערליך, חלילה, ניט קראַנק, נאָר מיין גייסט און נשמה ליידען זעהר פיל.

— וועט איהר מיר ערלויבען אייך צו פרעגען די אור־זאַך, וואָס ס'האָט אייך צו אייערע פּלוצלונגע ליידען גע־בראַכט?

— יאָ, ליבע פריילין, איך וועל אייך זאָגען, פאַר אייך וועל איך דעם סוד ענטפּלעקען. מיינע ליידען זיינען ניט ביי מיר קיין פּלוצלונגע ערשיינונג. איך לייד שוין, זינט איך האָב אייך דעם ערשטען מאָל דערזעהן און זיך באַ־קענט מיט אייערע נאָבעלע מעלות. מיין ליבע צו אייך האָב איך טיף, זעהר טיף אין מיין האַרץ, אין מיין נשמה באַ־האַלטען און ניט געוואָגט זיי, ווי אַ היילּיגטום, צו באַרירען. אָבער אייערע היינטיגע פאַר מיר ניט געווי פאַרשטאַנענע ווערטער האָבען מיין האַרץ און נשמה ערשיטערט. זיי האָ־בען מיך אויפגעברויזט ווי אַ שטאַרקער שטורעם די ים־כוואַליעס. איך עגבער מיין מח צו טרעפען דאָס איינציגע וואָרט, אָן וועלכען עס הענגט אָפּ מיין צוקונפט, מיין לעבען. אָבער אָהן ערפאָלג.

איך האָב אַראָפּגעלאָזט מיין קאָפּ, זי זאָל ניט זעהן מיינע טרעהרען, וועלכע איך האָב ניט געקענט צוריק־האַלטען.

— און אייער באַהויפּטונג, אַז איהר האָט זיך ניט געקענט משער זיין, ווען איך האָב געמיינט, איז פאַר מיר אויך אַ גרויס רעטעניש. וועמען אַ שטייגער אַ חוץ מיך אַליין האָב איך געקענט מיינען? — האָט זי מיך, אין אַ זייט אַוועקקוקענדיג, געפרעגט.

איך האָב איהרע ווייסע צאַרטע הענטלעך אין מיינע אַריינגענומען און האָב זיי מיט ליידענשאַפטליכע קושען באַדעקט און זיי אויך אַ היבש ביסעל נאַס געמאַכט מיט מיינע טרעהרען, וועלכע זיינען פון מיינע אויגען געפלאָסען ווי פון אַ קוואַל.

מעהר ריידען האָב איך דעמאָלט ניט געקענט, ווייל איך בין איבערגעוועלטיגט געוואָרען פון דער ניט־ערוואַרטעטער און איבערראַשענדער פרייד. מיין מוח האָט זיך ענטזאַגט צו טראַכטען און מיין מויל צו ריידען. נאָר מיינע פרייד־טרעהרען האָבען עדות געזאָגט, אַז יענער מאָמענט איז ביי מיר געווען, פונקט ווי ביי אַלע פאַרליבטע, דער גרעסטער, שענסטער און גליקליכסטער מאָמענט אין לעבען.

מיין פריינד איז ווידער שטיל געבליבען, זיין שווערען אָטעם אָפּגעצויגען און זיינע פייכטע אויגען אויסגעווישט. ער האָט פאָרטגעזעצט זיין ערצעהלונג.

— זי, מיין הייס־געליבטע, איז אומבאַוועגליך געשטאַנען. איהר שעהנע שלאַנקע פיגור מיט איהרע העל־גאָלד־קאָלירטע האָר, וועלכע זיינען דעמאָלט געווען אויסגעשפּרייט אויף איהר שניי־ווייסע שולטער, האָט אויסגעזעהן ניט אַנדערש ווי ווענוס, די געטין פון שעהנהייט.

— איך האָב אייך אייער רעטעניש ערקלערט און אייך פון קאָפּ־דרעהעניש און מוח־עגבערניש באַפרייט און אַלס לוין דערפאַר וואָלט איך אייך געוואָלט בעטען, אַז איהר זאָלט מיר מיין רעטעניש אויך ערקלערען. איך וואָלט אַ בעלן געווען צו וויסען, וואָס האָט אייך געמאַכט צו צווייפלען, אַז איך האָב ניט מיך, נאָר עמיצען אַנדערש געמיינט. און אַז ניט מיך — אויף וועמען איז אייער חשד געווען?

זי האָט אויף מיר איהרע לויכטענדע, פאָרשענדע אויגען אָנגעשטעלט און אויף מיין ענטפער געוואַרט, וואָס איז מיר זעהר שווער און ניט אַנגענעם געווען צו געבען.

— אָ, טייערע און ליבע פריילין, באַפרייט מיך פון דער אומאַנגענעמליכקייט, וואָרים איך שעם מיך פאַר מיר

מיין צערודערטען און צעטומעלטען מוח געפונען אַן אָרט.

— איך באַפריי אייך, טייערער. איהר דאַרפט עס מיר אליין, אַז אַזאַ נאַרישער און אומזיניגער געדאַנק האָט אין ניט זאָגען, ווייל איך ווייס עס שוין זייט לאַנג, און אפשר פיל פריהער פאַר אייך. ווייל פרויען באַזיצען אַ בעסערען און מעהר ענטוויקעלטען חוש פאַר אַזעלכע זאַכען.

— זאָג מיר, טייערינקע, — בין איך איהר אין איהרע רייד אַריינגעפאַלען, — האָסטו כאָטש באַמערקט, אַז איך זוך זי תמיד אויסצומיידען? אָבער וואָס האָב איך מיר אַצינד געקענט העלפען. ניט איין שעה צייט האָט זי ביי מיר אַוועקגערויבט, אין וועלכער איך וואָלט מיך געוועזען גליקליך געפיהלט מיט דיר צו פאַרברענגען. און כאָטש איך האָב אויף איהר אַלע מאָל אַ בייז האַרץ געהאַט, ווייל איך האָב זי ניט באַרעכטיגט אויף איהר טאַקטלאָזער האַנדלונג געגען איהר גוטען נאָר אַביסעל נאַרישען מאַן, אָבער אַנט־לויפען פון דאַנען האָב איך ניט געקענט, ווייל דאָס וואָלט געמיינט אַנטלויפען פון דיר אויך. און דאָס וואָלט פאַר מיר געמיינט אַ פולשטענדיגער זעלבסטמאָרד. אָהן דיר קען איך ניט און האָב ניט פאַר וועמען צו לעבען. דו, מיין טייערער מלאך, ביסט די ערשטע פערזאָן, וועלכע איך ליב, אַכטע, שע'ץ, פאַרהייליג און פאַרגעטער. דו ביסט מיין טאַטע, מיין מאַמע, מיין קרוין, מיין נשמה, מיין לעבען, מיין גאַנ־צער איך. און פון דיר וויל איך אַצינד אַן עצה האָבען, אויב איך זאָל אַצינד מיין איצטיגע שטעלע פאַרלאָזען. איך האָב אַ פאָרשלאַג פון אַ סוחר צו עפענען אַ קראָם מיט איהם בשותפות. מיר אַליין געפעלט דער פאָרשלאַג זעהר גוט. ערשטענס, וועל איך זעלבסטשטענדיג ווערען. אין ערפאָלג צווייפעל איך ניט. איך גלויב, אַז דו ווייסט, אַז איך האָב דאָס געשעפט אין די עטליכע יאָהר מעהר ווי דאָפעלט פאַר־גרעסערט. טאָ פאַרוואָס וועל איך ניט טויגען פאַר מיינעט־וועגען. צווייטענס, וועל איך מיך פון איהר באַלעסטיגונג באַפרייען. ביז איצט האָסטו זיך געמאַכט ניט זעהענדיג

און ניט ווייסענדיג. אָבער אַצינד וועט עס ווירקען אויף דיינע און מיינע געפיהלען. און איך וויל ניט, אַז עס זאָל, חלילה, קומען צו בייז בלוט. ווי זאָגט עס דער דייטש: „בעססער פאַרזיכטיג ווי ריקזיכטיג".

— ניין, דו דאַרפסט ניט און זאָלסט ניט דיין שטעלע און דאָס הויז שוין פאַרלאָזען. כאָטש אין דיין באַהויפּטונג ליגט אַ האַלבער אמת, דאָך איז דיין אורטייל איבער איהר אַ צו־שטרענגער. דאָס איז דערפאַר, וואָס דו האָסט נאָך די פּרויען־נאַטור ניט געלערענט. לויט דיין באַהויפּטונג קומט אויס, אַז איך בין אפשר געוועזן און וועל זיין אויף איהר אייפערזיכטיג. אָ, ניין, ניט אויף איהר. איך קען זי. איך פאַרשטעה זי. זי איז אַן עהרליכע, אָנשטענדיגע און מאָראַלישע פרוי. זי מיינט דערמיט קיין בייז ניט. זי טראָגט זיך, חלילה, מיט קיין שלעכטע געדאַנקען ניט אַרום. ניט מעהר, זי איז אַ קרבן פון דעם שעהנעם גלאַנץ פון גאָלד און דאָס פינקלען פון ברילליאַנטען, וועלכע האָבען איהרע אויגען פאַרבלענדעט. דעריבער האָט זי, אַ קליינשטעטעלשע, נאַאיווע, אומערפאַהרענע מיידעל, מיט דער הילף פון איהרע אומפּראַקטישע פאַנאַטישע עלטערען, אַזוי ווי פיל אַנדערע מיידלעך, אַ פאַלשען שריט געמאַכט. אמת, זי האָט אַ גוטען מאַן, רייכטום, כבוד. אַ חבר אָבער, מיט וועמען געזעלשאַפטליך צו פאַרברענגען — דאָס פעהלט איהר. און איהר יונגע נשמה, איהרע יונגע אויגען בלאָנזשען אַרום אַזוי ווי אַ פאַרבלאָנזשעט שעפעלע. זי טוליעט זיך היינט צו דיר, מאָרגען צו אַן אַנדערען. אָבער ס'וועט איהר לאַנג ניט נעמען אויסצוגעפינען, אַז פרעמד פייער וואַרעמט ניט. די אילוזיע איז ניט די רעאַליטעט. און סוף כל סוף וועט זי מיט איהר שיקזאַל שלום מאַכען. זאָל זי נאָר אַ מאַמע ווערען.

שווערען אייביגע, טרייע ליבע, ווי אַ סך פאַרליבטע טוען, דאָס האָבען מיר ניט געטאָן. ווייל מיר האָבען זיך גוט געקענט איינער דעם אַנדערען און פאַרשטאַנען, און אַלס

אינטעליגענטע מענשען, געוואוסט די באדייטונג פון א שבועה. מיר האבען דעמאלט אונזער געשפרעך געענדיגט מיט א פאר הארציגע קושען. זי האט מיך פארלאזען און אוועק צו איהר ארבייט.

מעהר ווי א יאהר צייט האט מיין גליק אנגעהאלטען. דאן האט מיך דער גרויזאמער שיקזאל אנגעהויבען צו פארפאלגען. דאס צווייטע קאפיטעל פון מיין טראגעדיע האט זיך אנגעהויבען מיט א לייכטע'ר פארקיהלונג, וועלכע האט זיך שטופענווייז ענטוויקעלט צו אן ערנסטער קראנקהייט. מיין שטעלע האב איך געמוזט אויפגעבען, ווייל איך האב מעהר ניט געקענט טאן קיין פיזישע און גייסטיגע ארבייט. די ערשטע צייט האב איך זיך נאך מיט מיין לעצט ביסעל קרעפטען ארומגעשלעפט פון איין דאקטאר צום צווייטען. זיי האבען מיר פארשידענע רעצעפטען פארשריבען און טאקע ניט פארגעסען זיך צו לאזען גוט באצאלען פאר זייער טרחה. פון זייער מעדיצינישער הילף און גוטע האפנונגען, פאר וועלכע איך האב טייער באצאלט, בין איך וואס אמאל מעהר קראנק געווארען און האב שוין ניט געקענט פארלאזען מיין בעט. איך האב אלזא געמוזט רופען ספעציאליסטען און פראפעסארען, וועמען איך האב געמוזט נאך טייערע'ר באצאלען. אזוי ארום איז מיין פילעהריגער שווער־פארהארעוועטער און אפגעשפארטער קאפיטאל צעשמאלצען געווארען, ווי אייז אונטער די זונשטראלען. ווערענד איך האב מיין דאקטאר, וועלכער פלעגט מיך אממייסטען באהאנדלען, דערלאנגט מייגע לעצטע פאר קערבלעך און איהם, מיט טרעהרען א חוץ ווערטער, געשילדערט מיין טרויע'ריגע און עלענדע לאגע, האט דער דאקטאר שטארק רחמנות באקומען. איך ווייס ניט, צי אויף מיר, ווייל מיינע ביטערע טרעהרען האבען זיין נאבעל דאקטאריש הארץ גערירט, אדער גאר אויף זיך אליין, אויסגעפינענדיג, אז איך האב מעהר ניט קיין געלט פאר זיינע וויזיטען צו באצאלען. אזוי צי אזוי, א טובה

האָב איך פון איהם דאָך געהאַט. ער האָט זיך פאַר מיר געסטאַרעט (משתדל געווען), און מען האָט מיך אין איינעם פון די בעסטע שפּיטאָלען אַריינגענומען, און ער אַליין פלעגט טיילמאָל קומען מיך זעהן אָהן באַלוינונג.

מיין טייערע׳ כלה פלעגט אָפט מיך קומען זעהן. אויף מיין טרויעריגער לאַגע פלעגט זי הייסע, זודיגע טרעהרען פאַרגיסען און מיך טרייסטען. איהרע זיסע רייד פלעגען לינדערען מיינע שמערצען. צו פריידען איז אפשר פאַראַן אַ גרעניץ, אָבער צו ליידען — גלויב איך, אַז ניט. אַזוי האָב איך געפיהלט, ווערענד איך האָב דורך אַ צופאַל, ווייל מ׳האָט עס פאַר מיר בסוד געהאַלטען, ערפאַרען, אַז מיין געליבטער כלה האָט אַן אומגליק געטראָפען. איהר מוטער, וועלכע האָט דורכגעלעבט די ביטערע ערפאַרונג פון דעם שרעקליכען פּאָגראָם, אין וועלכען איהר ליבער מאַן האָט אויף אַזאַ שוידערליכען אופן זיין נשמה אין די הענט פון די פּאָגראָמשטשיקעס אויסגעהויכט, האָט אַלס רעזולטאַט פון די שרעקליכע ליידען און יסורים ניט לאַנג נאָך דעם געקראַגען אַ האַרץ-פעלער און איז ניט לאַנג צוריק געשטאָרבען.

און זי, מיין טייערע כלה, האָט געמוזט פאָהרען אין איהר היים-שטעטעל צו זאָרגען פאַר איהרע צוויי קליינע׳ שוועסטערלעך און אַ איינגערען ברודער. זי וועט מיך דער-ריבער אַזוי גיך ניט קענען קומען זעהן, האָט זי מיך דורך אַ בריף געלאָזט וויסען און מיר צוגעזאָגט, אַז זי וועט מיר אָפט שרייבען און אויב מעגליך, מיך קומען זעהן אויך. פון איהר גרויסען אומגליק האָט זי קיין וואָרט ניט דער-מאָנט. זי האָט געוואוסט, וואָס פאַר אַ ווירקונג אַזאַ בשורה קען אויף מיר מאַכען.

זי האָט איהר פאַרשפּרעכען געהאַלטען. זי פלעגט מיר שרייבען און ביי יעדער מעגליכקייט מיך געקומען זעהן, פאַרשידענע ערקוויקונגען מיטברענגענ, און מיין בעסטע ערקוויקונג איז ביי מיר געווען, אַז איך פלעג זי, מיין ליב-האַרציגע כלה, זעהן און מיט איהר, מיין מלאך, רעדען.

אין בין דאָרטען אין שפּיטאָל געווען דעם גאַנצען ווינ־טער, און נאָהענט צום פריהלינג האָבען מיר די שפּיטאָל־פאַרוואַלטער געהייסען דעם שפּיטאָל פאַרלאָזען. וואוהין צו געהן האָב איך ניט געהאַט, האָב איך מיך צו איהר, מיין כלה, אין שטעדטעל אַריין דערשלעפּט, אַ הונגעריגער, אַ פאַרשמאַכטער, אַ צובראָכענער. זי האָט זיך כלומר'שט דער־פרעהט מיך זעהענדיג. איך, אָבער, האָב פאַרשטאַנען, אַז איהר פרעהליכע מינע איז אַ געצוואונגענע, אום מיך צו ערמוטיגען. וואָרים אַריינקומענדיג אין פאָדער־צימער האָט מיר דער שפּיגעל געוויזען, אַז מיין דעמאָלטיגער אויסזעהן האָט זי גאָרנישט געהאַט וואָס פרעהליך צו מאַכען.

אין די עטליכע געצעהלטע טעג וואָס איך האָב ביי איהר פאַרבראַכט, האָט זי געהאַט די געלעגענהייט זיך צו מיין מאָדנעם הוסטען צוהערען. דאָס האָט זי געמאַכט אַז זי זאָל מיך ניט אָפּלאָזען ביז איך האָב איינגעוויליגט און איהר באַגלייטונג געהן צו אַ געוויסען דאָקטאָר, אַ ספּעציאַליסט. דער איצטיגער דאָקטאָר האָט זיך אַרויסגעוויזען צו זיין עהרליכער פון די פריהערדיגע, ווייל ער האָט מיר באַלד געזאָגט אַז איך נויטיג מיך ניט אין קיינע מעדיצינען און האָב מיך אפילו פריהער אין זיי אויך ניט גענויטיגט, און די פילע מעדיצינען, מיט וועלכע מען האָט מיך ביז דעמאָלט געהאָדעוועט, האָבען מיר מעהר שלעכטס ווי גוטעס געטאָן. וואָס איך דאַרף און מוז טאָן, אום מיין יונגען לעבען פון דער פעסט צו ראַטעווען און פולשטענדיג געזונט ווערען, איז, אַז איך זאָל ניט אַרבייטען, און האָבען טרוקענע, פרישע לופט.

מיין כלה האָט מיך אויף איהרע הוצאות אויסגעהאַלטען דעם גאַנצען זומער אויף אַ דאַטשע. איך האָב מיך זעהר גוט ערהאָלט, זיך ממש פונ'ם מלאך המות'ס הענט אַרויס־געריסען.

איך בין אַוועק אין שטאָדט צו מיין געוועזענעם באַלע־באָס, כדי צוריקצוקריגען מיין פריהערדיגע שטעלע. מיין

געוועזענער באַלעבאָס האָט מיך אפילו גאַנץ פיין און ווי אַ ליבען גאַסט אויפגענומען, אָבער צוריקגעבען מיר מיין שטעלע האָט ער מיך פאַרזיכערט קאָן ער ניט, מחמת ער האָט זי אַוועקגעגעבען צו אַ מאַן, וועלכער האָט אַ ווייב מיט קינדער מפרנס צו זיין. אגב איז ער פון איהם גאַנץ צופרידען. ער טוט זיין אַרבייט בשלמות.

איך האָב מיך דאַן געווענדעט צו דעם מאַן, וועלכער האָט מיר אַמאָל געמאַכט אַ שותפות-פאָרשלאַג, כאָטש מיין קאַפּיטאַל איז דאַן באַשטאַנען אין מיינע צעהן הוילע פינגער. ער איז אָבער געווען איבערצייגט אין מיין עהרליכקייט. מיט זיין קאַפּיטאַל האָבען מיר אַ שפּייז-געשעפט געעפענט, צו וועלכען איך בין אַ שותף געוואָרען.

תחילת איז דאָס געשעפט אפילו שוואַכליך געגאַנגען, ס'האָט זיך אָבער פאַרבעסערט פון טאָג צו טאָג; און עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז די זון האָט שוין ווידער אָנגעהויבען צו שיינען פאַר מיר. איך האָב גערעכענט, אַז אָט-אָט רוקט זיך אָן די גליקליכע שעה, ווען איך וועל זיך מיט מיין היים-געליבטער כלה אויף אייביג פאַרבינדען. איך האָב שוין געטראַכט פון אַ חתונה, אַ דירה און מעבעל.

אויף דער אַנדערער זייט גאַס, גראַד אַנטקעגען מיין קראָם, איז געווען אַ קליין צעלניק (טרימינג) קרעמעל, וועלכעס איז געווען דאָס אייגענטום פון אַ אידען, אַ גרויסען חסיד און אַ קליינעם עושר. פון דעם קליינעם האַלב-ליידיגען קרעמעל האָט ער באַדאַרפט שפּייזען און קליידען אַ משפחה, וועלכע איז באַשטאַנען פון אַ ווייב אַן אשת חיל און דריי ניט קיין מיאוס'ע טעכטער. כאָטש זיי האָבען זיך אונטערשיידט אין זייער עלטער, האָבען זיי אָבער מיט זייער הויך און צעוואָקסענהייט אויסגעזעהן ווי אַ דריילינג. און וואָלט ער נאָר געהאַט פאַר זיי נדן און חתנים, וואָלט ער זיי געמעגט אין איין טאָג אַלע דריי צו דער חופּה פיהרען. קיינער וואָלט צו איהם חלילה קיין טענה געהאַט, אַז ער האָט זיי צו-יונג חתונה געמאַכט. אַ דרייצעהן-יאָהריגען בן-יחיד

האָט דער קרעמער אויך פאַרמאָגט. ס׳פאַרשטעהט זיך, אַז אַ נצרך (אַ דאַרפער) איז ער אימער געווען. נו, פליגט ער זיך צו מיר אַלעמאָל אַריבערכאַפּען נאָך אַ גמילת־חסד׳ל, נעהמען, אַוועקגעבען, אַמאָל סתם אַזוי עפּעס אַ מופת׳ל פון זיין רבי׳ן דערצעהלען.

איין טאָג, שטעהענדיג אין מיין קראָם און קוקענדיג צו זיין קרעמעל און דערזעהענדיג דאָרט אַ קונה, האָט ער געטאָן אַ שפּרונג — און דאָס איז זיין לעצטער שפּרונג געווען. אין אַ פּאָר מינוטען אַרום האָט מען זיין צעטראָטענעם און צעקוועטשטען קערפּער פון אונטער די פערדישע פּאָדקאָוועס אַרויסגענומען.

נאָך שבעה איז אַ מאַן צו דער אלמנה אין הויז אַריינגעקומען און איהר איבערגעגעבען אַ צעטעל, אויף וועלכען עס איז גיווען אויפגעשריבען, אַז איוואַן איוואַנאָוויטש קרעשענסקי, וועלכער איז אַ רייכער פּאָמיעשטשיק און דערצו אַ גרויסער יחסן, וויל זי זעהן, און זי קען שוין מיט איהם, זיין סעקרעטאַר, אין דער דראָשקע, וועלכע איז פאַר דער טיר געשטאַנען, מיטפאָהרען. זי, אַ פרומע אידענע, האָט זיך אפילו אַביסעל געקווענקעלט מיט אַ מאַן אַליין (און דערצו נאָך מיט אַן ערל) אין אַ דראָשקע צו פאָהרען. נאָר אַז ער האָט איהר ערקלערט, אַז דאָס איז וועגען איהר און איהרע קינדער׳ס טובה וועגען און אויב זי וויל האָבען אַ שומר, מעג זי מיטנעמען וועמען זי וויל, און אַז איך און נאָך אַ פּאָר שכנים האָבען איהר צוגערעדט, איז זי ענדליך מיט דעם מאַן מיטגעפאָהרען.

אָנקומענדיג אין פּאָמיעשטשיק׳ס פּאַלאַץ, האָט מען זי אַריינגעפיהרט אין אַ קאַבינעט. דאָרט האָט זי אַ גרייזגרויער נאָבעל־מאַן פריינדליך באַגריסט און געבעטען זי זיצען. זי האָט איהם באַדאַנקט און זיך געזעצט.

— הערט מיך אויס, מאַדאַם, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שטימע, אין וועלכער ס׳איז געווען געמישט טרויער און ליידען, — מיינע פערד זיינען אומשולדיגערהייט אייער

מאַנ׳ס מלאך־המות געווען. איך האָב דורך מיינע מענשען געמאַכט אַן אונטערזוכונג און האָב אויסגעפונען אייער טריוועריגע לאַגע. כאָטש איך בין זיכער, אַז געזעצליך בין איך ניט פאַראַנטוואָרטליך פאַר אייער מאַנ׳ס טויט און בין ניט מחויב אייער שאָדען גוט צו מאַכען, ווייל עס זיינען פאַראַן געגוג באווייזע, און איהר אַליין ווייסט עס אויך, אַז די גאַנצע שולד איז געווען אייער אומגליקליכען מאַנ׳ס, —נאָר אייערע אומשטענדען, אייער שלעכטע לאַגע, האָט אין מיר ערוועקט אַ רחמנות צו אייך און צו אייערע אומגליקליכע יתומים; און דערפאַר וויל איך אייך בייהילפיג זיין. איך ווייס, אַז איהר האָט דריי דערוואַקסענע טעכטער און אַ זוהן אויך.

— אמת, יאַ, אמת, פריץ־לעבען!

דאַן האָט ער אַ סעקרעטנע שיפלעדעל פון זיין שרייב־טיש אַרויסגעצויגען און פון דאָרטען אַרויסגענומען ניין פעקלאַך און זיי אַוועקגעלייגט אויפ׳ן טיש אין אַ רייהע און זיך צו איהר מיט אַ פאַטערליכער שטימע אָנגערופען:

— זעהסטו, טאָכטערקע, אין די ניין פעקלעך געפינט זיך צו הונדערט גאָלדענע דוקאַטען אין יעדען איינעם פון זיי. מעגסט זיי איבערצעהלען, אַז דו ווילסט. צו צוויי הונדערט דוקאַטען גיב איך דיינע טעכטער פאַר נדן און צוויי הונדערט גיב איך דיר און הונדערט פאַר דיין זוהן. נעם און געה געזונט, און זאָל אייך גאָט בענשען.

זי האָט איהם מיט טרעהרען אין איהרע אויגען גע־דאַנקט פאַר זיין גוטהאַרציגקייט; זיינע הענט און זוימען פון מאַנטעל געקושט. ער האָט זי ביז צו דער דרויסען־טיר באַגלייט און באַפוילען דעם קוטשער (דרייווער), אַז ער זאָל זי אַהיימפיהרען. צולעצט האָט דער פאָמיעשטשיק אויך ניט פאַרגעסען איהר צו זאָגען, אַז אויב זי וועט זיך אַמאָל נויטיגען אין אַ טובה, זאָל זי זיך צו איהם ווענדען. זי האָט איהם געוואונשען געזונט און אַ לאַנג לעבען און איז אַוועק.

די נייעס, אַז שפרינצע קאַזיק (אַזוי האָט מען זי גערו־

פען) איז געוואָרען אַ נגידות, האָט זיך ניט נאָר אין שטאָדט, נאָר אפילו אין די אַרומיגע שטעדטלעך פאַרשפּרייט. איבער־הויפּט זיינען די שדכנים פריהער פאַר אַלעמען געוואָהר געוואָרען און האָבען זיך מיט זייער סחורה צו איהר אַ לאָז געטאָן. זי, שפּרינצע, די נגידות׳טע, האָט די שדכנים ער־קלערט, אַז די אינגערע טעכטער צו פאַר׳קנס׳ן איילט זי זיך ניט, און פאַר איהר עלטערער טאָכטער, וועלכע פלעגט זיך צו מיר אומגעבעטענערהייט טוליען און לאַסטשען, האָט זי מיך, אָהן מיין וויסען, פאַר אַ חתן אויסגעקליבען.

און פּלוצלונג האָבען זיך צו מיר געיאָוועט שדכנים, וועמען זי האָט זעהר אָפט צוגעזאָגט שדכנות־געלט, און זיי האָבען מיר אָנגעהויבען שטאַרק צו דערקוטשען. פון אייניגע, וועמען איך האָב ערקלערט די אוממעגליכקייט פאַר מיר אָנצונעהמען זייער פאַרשלאָג, בין איך לייכט פּטור געוואָרען. אָבער פון אייניגע איז מיר זעהר שווער אָנגעקומען פריי צו ווערען. אָבער סוף כל סוף האָב איך מיך פון זייער לאַסקע באַפרייט. אַ קורצע צייט האָב איך פון זיי ניט געהערט און איך האָב מיך געהאַלטען פאַר אַ באַפרייטען פון זייערע דערקוטשענישען.

פון זיי, פון די שדכנים, בין איך טאַקע פּטור געוואָרען, אָבער ניט פון שפּרינצע קאָזיק. זי האָט געמאַכט געגען מיר אַ פאַרשווערונג, אַז אום יעדען פּרייז, סיי דורך געלט, סיי דורך סטראַשונקעס און אפילו דורך גוואַלד־טאָטען מיך אין איהר נע׳ץ צו פאַנגען. פאַר אַ כיטרע און אינטריגאַנטישע אידענע האָט זי אַ וואָזשנע שם געהאַט. דאָך האָב איך ניט געדענקט, אַז זי וועט מיט איהרע מעשים טמאים (אומזויבערע אַרבייט) אַזוי ווייט געהן.

איהר עלטערע טאָכטער, וועלכע איז דעמאָלט די גאַנצע קרעמערקע געווען, פלעגט זעהר אָפט, דורך פאַרשידענע תירוצים, אַריינקומען. באַלד האָט זי באַדאַרפט אַ פינפערעל און באַלד אַ צעהנערעל אויף קליינגעלט בייטען; אַז ניט, האָט זי גאָר געוואָלט וויסען ווי שפּעט ס׳איז. דערווייל איז

זי געבליבען. פון וואָס-ניט-איז האָט זי מיר אין אַ שמועס אַריינגעצויגען. קיין שעמעוודיגע איז זי אויך ניט געווען. און כאָטש איך בין פון דער נאַטור געווען און בין היינט אויך אַ שטילער, געלאַסענער און שעמעוודיגער, אָבער אַ יונגער מענש בין איך דאָך פאָרט געווען, פלעג איך מיך אַמאָל מיט איהר אַמוזירען אויף אַ העכסט אנשטענדיגען אופן, דורך אַ געלונגענעם וויץ אָדער אַ קאַטאַוועס. איך האָב מיין כבוד און מיין גוטען נאָמען תמיד געשאָנעוועט.

לאַנג בין איך קיין רוהיגער ניט געבליבען, וואָרים עס האָבען זיך אויפסניי באַוויזען מענשען, וועמען זי האָט אויף מיר אָנגעשיקט. זיי האָבען מיר געפּרואווט איינריידען, אַז זי וועט מיך גליקליך מאַכען. אַ קלייניגקייט דריי הונדערט דוקאַטען מזומן וועט זי מיר באַלד אויפ׳ן אָרט סילוק׳ן, און אַז איך וועל מיך אין מעהר נויטיגען, וועט זי מיר ניט זשאַלעווען. און אַ חוץ דעם, אַ דירה, שעהן מעבעל. און אַ חתונה וועט זי מאַכען כיד המלך. חוץ לזה, וועל איך פאַרשפּאָרען געוויסענסביסע צו ליידען, אַז איך האָב אַ אידי-שע טאָכטער פאַרפיהרט און האָב אויף איהר מוציא שם רע געווען.

ווען איך האָב זייערע לעצטע ווערטער געהערט, בין איך געוואָרען אויפגעקאָכט און אויפגעברויזט, ווי אַ צע-רייצטער טיגער; פון כעס בין איך ווילד געוואָרען. און ווען ניט מיין געבוירענע געלאַסענקייט און צוריקגעהאַל-טענקייט, וואָלט איך זיי פאַר קאַליקעס אויף זייער גאַנצען לעבען געמאַכט.

אַ ציטערענדיגער און אויפגערעגטער פון כעס, האָב איך די טיר ברייט געעפענט און זיי שטרענג באַפוילען צו פאַר-לאָזען מיין קראָם. מיין שותף איז גראָד אויף דער סצענע אָנגעקומען. ווי איבערראַשט בין איך געוואָרען פון איהם צו הערען, אַז ער נעמט זיך אָן זייער קריוודע!

— זאָג נאָר, ווער ביסטו דאָ, אַז דו טרייבסט אַרויס מענשען פון מיין געשעפט? לעת עתה ביסטו נאָך קיין

באַלעבאָס ניט און האָסט קיין רעכט ניט אַזוי צו האַנדלען מיט מיינע גוטע פריינד, וועלכע זיינען פון דיין טובה וועגען אַהער געקומען.

איך האָב זיך אַ פאַרציטערטער, אַ טויט־בלאַס געוואָרענער אין מיין קליין צימערעל פאַרקליבען. איך האָב זיך פון האַרצען אַביסעל אָפּגעוויינט, אָפּגעאָטעמט און אַ דערשלאָגענער צוריק אין קראָם אַריין, אום מיין שותף צו באַגעגענען און פאָדערען פון איהם אַן ערקלערונג אויף זיין באַהויפּטונג.

— איך וויל וויסען, וואָס איהר האָט מיט אייערע ווערטער געמיינט און רעדט קלאָרע דבורים, ניט קיין פאַרשטעלטע. — מיט די ווערטער, אין אַ געלאַסענעם טאָן, האָב איך מיך צו איהם געווענדעט.

— הער מיך אויס, — האָט ער זיך צו מיר, מיט אַ געמאַכטען פריינדליכען טאָן, אָנגערופען, — פאַרוואָס זאָל מיך אויף דיר פאַרדריסען. דאַכט זיך, דו ביסט שוין ניט קיין פּיצינקע אינגעלע, דו ביסט שוין אַ פאָלקאָמענער מענש, אַ סוחר; און דאָך מאַכסטו זיך נאַריש ווי אַ חדר־אינגעל. דו ווייסט אַליין, אַז איך האָב דיך אַריינגענומען אין מיין געשעפט פאַר אַ גלייכען שותף צו די פאַרדינסטען, כאָטש דו האָסט ניט אַריינגעלייגט אַ קאָפּיקע. און וויפיל דיין חלק פאַרדינסט באַטרעפט, ווייסטו אויך; און אַז פאַר אַ העלפט דערפון קאָן איך קריגען צוויי גוטע פעהיגע אַרביי־טער, ווייסטו אודאי אויך. וועסטו אפשר פרעגען, למאי האָב איך עס געטאָן. מוז איך דיר זאָגען, אַז קיין שוטה ווי דו בין איך קיינמאָל ניט געווען און היינט אודאי ניט. מיין רעכענונג איז געווען אַ גוטער. אַ שעהנער און געפוצטער קאַוואַליר ביסטו, מיט אַ היבשער קראָם שטעהסטו. איי וואָס, ווער, ווען, וועמען — וואָלט איך דען אַ חיוב געווען דעם אמת צו דערצעהלען? און מיידלעך מיט נדן זיינען אויך גענוג פאַראַנען, און ווען דו וואָלסט געקראָגען די אפּוטיקא, וואָלסטו זי אודאי אַריינגעלייגט אין געשעפט

און דו וואָלסט אַ פּאַרטיג געמאַכטער מענש געוואָרען. נו, לאָזט זיך אויס אַ בוידעם. מ'שדכנ'ט דיר אַ געזונטע און בריליאַנט-שעהנע מויד, מיט אַ נדן ממש אַ שטיק גאָלד — אַ קלייניגקייט דריי און אפשר גאָר פיער הונדערט גאָלדענע רענדלעך! ניט צוגעזאָגטע, נאָר פּשוט מזומן אויפ'ן טיש אַוועקגעלייגט. און פון אַ יחסנ'ישער משפחה אויך. ברעקעלסטו זיך גאָר און גיסט תירוצים, אַז דו האָסט אַ כלה, וועמען דו האָסט געשוואָרען אייביגע ליבע. גראָד ווי אין שמר'ס און טאַנענבוימ'ס צעהן-קאָפּיקענע מעשה-ביכלעך! אַ קלייניגקייט, האָט זיך צונויפגעפּאָרקעט מיט עפּעס אַ דאָרפישער נאַרישער דינסט-מויד, אָהן אַ קאָפּיקע ביי איהר נשמה, און מיט דריי, כ'וועל זאָגען מיט צוויי קינדער, ווייל דאָס ברודערעל איהרס, דער תכשיט, איז גאָר ערגעץ אַנטלאָפען געוואָרען אָדער זיצט גאָר אין אָסטראָג — ווער ווייסט. אָהן יחוס, אָהן נדן, גאָרנישט מיט גאָרנישט. און מאַכט אַ טאַראַראַם, אַזש הימעל עפען זיך. אָט קוק מיך אָן. איך האָב מיך כמעט מיט אַ טוץ מוידען אַרומגעשלעפּט און צו יעדער פון זיי זיך אין ליבע ערקלערט און קיין שבועות ניט געזשאַלעוועט. אַ פּאָר פון זיי האָבען זיך אין שטאָדטישען שפּיטאָל אָפּגעקינדעלט. איינע פון זיי שלעפּט זיך אַרום מיט'ן ממזר'ל. און אַז איינע פון זיי האָט געוואָלט זיין אַ חכמה און האָט מיך פאַרקלאָגט, האָב איך זיך אַן עצה געגעבען: פּאַר אַ פּאָר קערבלעך האָט איינער געשוואוירען, אַז ער איז דער טאַטע פון איהר קינד. נו, וואָס ווייסטו ניט — מיך האָט מען עהרענהאַפטיג באַפרייט, און זי, די חצופה, פוילט נאָך היינט ערגעץ אין אָסטראָג, ווייל זי האָט אויף מיר, אַ בכבוד'ן מענשען, אַ גרויסען סוחר, אויסגעטראַכט אַ בלבול, אום ביי מיר געלט צו צאַפּען, און מיין שעהנעם, גוטען נאָמען געוואָלט באַפלעקען. אָבער דיר, ברודערקע, וועט אַזאַ נאַרישקייט ניט געלינגען. ניט מעהר, זי, שפּרינצע, איז אַ פיינע באַלעבאָסטע און אַ יחסנ'טע אויך און זי וויל די זאַך האַלטען בסוד. אָבער קוים וועסטו בליי-

בען איינגעשפאַרט, וועט זי געצוואונגען זיין די שאַנדע צו פאַרעפענטליכען. אמת, קיין כבוד וועט עס פאַר איהר ניט זיין, אָבער דו וועסט קריגען ווי יענער משרת: פוילע פיש, פאַרשטונקענע הערינג און צעהן שמיץ אַ חוץ. הערסט, בעסער פאָלג מיך: נעם אָן מיין עצה און טו ווי איך האָב געטאָן. אַז איך האָב געוואָלט חתונה האָבען, האָב איך געזוכט און טאַקע געפונען אויך אַ מויד מיט אַ היבשער אפוטיקא. און איצט קוק מיך אָן — איך בין אַ מענש: דאָ אַ קראָם, דאָרט אַ קראָם און געלט אויף פראָצענט באָרג איך אויך. מאַך דיך ניט נאַריש, זיי אַ מענש. איך בין דיין שותף און דיין גוטער פריינד און ראָט דיך צום גוטען.

מיט די ווערטער האָט ער זיין מאָנאָלאָג געענדיגט. און איך, אויסהערענדיג מיין שותפ׳ס דרשה, מיט וועלכער ער האָט זיך אין אַ הינטישער פעל אַרויסגעוויזען, האָב באַלד איינגעזעהן, אַז מיט אַזאַ בעסטיע אין מענשען־געשטאַלט, איז איבעריג צו ריידען פון יושר, רחמנות און מענשליכקייט. אַז דאָס איז אַן אויסגעטראַכטער בלבול אויף מיר, אום מיך צו סטראַשען דערמיט, האָב איך איהם אויך ניט געפרואווט זאָגען, ווייל איך האָב איינגעזעהן פון זיינע אייגענע רייד, אַז ער איז אַ פאַרדאָרבענער, כאַראַקטערלאָזער מענש. איז מיר געקומען אויפ׳ן געדאַנק, אַז די גלייכסטע זאַך וואָלט געווען, אַז איך זאָל צו מיין כלה פאָהרען און איהר איבערגעבען אַלעס, ווי ס׳שטעהט און געהט, און זיך מיט איהר האַלטען אַן עצה מכח מיין פלאַן אוועקצופאָהרען אין אַ ווייטער שטאָדט, כדי אַזוי אַרום זיך צו ראַטעווען פון זייערע הענט.

איך אַליין בין דערויף געווען באַשלאָסען, ווייל איך האָב שוין דעמאָלט געוואוסט און פאַרשטאַנען, אַז מיין שותף האָט אַ היבשען חלק דערינען, און זי ,שפרינצע קאַזיק, מיט איהם זיינען אויף אַלעס פעהיג, און אַז ראַטעווען מוז איך מיך אין צייט, איידער זיי וועלען מיך פאַר אַ קרבן מאַכען. נאָר אָהן מיין כלה׳ס הסכמה האָב איך ניט געוואָלט

קיין זאַך טאָן. און אום צו געווינען צייט ביז שבת, ווייל נאָר דעמאָלט האָב איך געקענט פאָהרען, האָב איך מיך צו איהם מיט אַ פריש-אויסגעטראַכטען ליגען (כאָטש עס איז געווען געגען מיין נאַטור) געווענדעט:

— הערט מיך אוים, ליבער שותף. איך דאַנק אייך פון מיין טיפען הארצען פאַר דעם גרויסען אינטערעס, וואָס איהר נעמט אין מיר. און ערלויבט מיר אייך צו זאָגען, אַז איהר האָט געמאַכט אין מיר אַ גרויסען טעות, אויב איהר האָט געמיינט, אַז איך בין אַזאַ שוטה מיין אייגען גליק פון זיך אָפצושטויסען. ניין, אַזאַ טפש בין איך ניט. און מיר איז אפילו אַ חידוש, אַז איהר זאָלט מיך חושד זיין אַזאַ איינער צו זיין. איי וואָס איך לאָז זיך אַזוי שווער? וואָס פאַרשטעהט איהר ניט? — איך וויל שפּילען אַביסעל די־פּלאָמאַטיע. ווארים מיין אייליגעניש קאָן מיך טייער קאָסטען, און מיין אָפּציהעניש וועט מיר פיל מעהר ווי איהר דענקט אַריינברענגען. זי וועט דאָך ניט וועלען איהר טאָכטער'ס שאַנדע צוליב געלט אויפ'ן מאַרק אַרויסטראָגען, דענק איך, אַז זי וועט זיך מוזען מיט גאַנצע פינף הונדערטער אָפּגע־זעגענען. איהר קוקט און שווייגט און זאָגט גאָר ניט שפּרינצע'ן.

— און פון וואַנען וועט זי וויסען, וואָס איהר פאַר־לאַנגט? — איז ער מיר אין מיינע רייד אַריינגעפאַלען.

— דערפאַר זאָלט איהר זיך גאָר ניט זאָרגען, ווייל דאָס האָב איך שוין אַליין באַזאָרגט דורך מיינעם אַ גוטען פריינד, וועלכען זי קען ניט, און ער וועט קיין שדכנות-געלט ניט פאַרלאַנגען. ווארים איך זוך, אַז עס זאָל וואָס מעהר פאַר מיר בלייבען.

— און וואָס דענקט איהר צו טאָן מיט'ן געלט? — האָט ער נייגעריג אויף גיך אַ פרעג געטאָן.

— וואָס פרעגט איהר עפּעס אַזעלכע נאַרישע קשיות, וואָס כ'וועל טאָן מיט געלט? אַ פּאָר הונדערטער וועל איך אייך, אַלס מיין חלק אויפ'ן שותפות, אַרויסצאָהלען, און

מיט׳ן איבעריגען וועל איך דאָס געשעפט פאַרגרעסערען. און איך וואָלט אייך גאָר געראַטען, אַז דאָס געשעפט זאָלט איהר אויספאַרקויפען אָדער אויף אַן אַנדער אופן פּטור ווערען, און מיר זאָלען אַ מאָדערנע קראָם עפענען אין דער סאַמע פּריצישער גאַס. איך האָב שוין אפילו אַן אויג אויף אַ פּלאַץ. וואָס זאָגט איהר, וואָלט דאָס ניט געווען גלייכער, איידער אין דער קראָם מעהר קאַפּיטאַל אַריינצולייגען? דאָ איז פאָרט אַן אָרימער געגענד, און קיין לייטישען קונה זעהט מען ניט אַריינקומען. — האָב איך איהם מיט אַן ערנסטער מינע געפרעגט.

ווען מיין שותף האָט דערהערט מיינע רייד, האָט ער זיך די הענט פאַר שמחה געריבען.

— בראַוואָ! בראַוואָ! מאָלאָדיעץ! אַצינד זעה איך ערשט, אַז דו ביסט אַ חכם. אַצינד זעה איך, אַז ס׳איז אמת, וואָס מ׳זאָגט: „וו׳נאַשעם פּאָלקו ניעמאַ דוראַקאָוו“.

אַזוי ווי ס׳איז פאַרבליבען נאָר עטליכע טעג צו שבת, האָב איך מיך גענומען צוגרייטען, אַז פרייטאָג אָוונט זאָל איך זיין פאַרטיג צום פאָהרען. מיין טשעמאָדאַנטשיק איז שוין געווען געפּאַקט. מיין חלק פאַרדינסט האָב איך שוין געהאַט אין קעשענע. אָבער געפאָהרען בין איך ניט, מחמת דעם צווייטען טאָג האָט זיך אַ שעהן-געקליידעטער מאַן באַוויזען, מיך העפליך באַגריסט און מיך אויף אַ זייט אָוועקגערופען, און מיך ביי מיין פאַמיליען-נאָמען, ניט דעם טערקישען נאָר דעם ריכטיגען, אָנגערופען, און זאָגט מיר:

— דו מוזט שוין געהן מיט מיר.

איך, אַ ביז צום טויט דערשראָקענער, האָב געפּרואווט פון איהם עפּעס אויסצוגעפינען. מיין טרחה איז אָבער געווען אומזיסט. אַלעס, וואָס ער האָט מיר געזאָגט איז געווען, אַז איך זאָל מיך ניט שרעקען, אין דער פּאָליציי פיהרט ער מיך ניט. וואוהין ווייסט ער יאָ, נאָר ער דאַרף מיר ניט זאָגען, און וועגען וואָס ווייסט ער אַליין אויך ניט. מיין טשעמאָדאַן האָב איך סיי-ווי מיטגענומען און אין זיין באַ-

גלייטונג אַוועקגעפאָהרען.

אַז אין דער פּאָליציי פיהרט ער מיך ניט, בין איך געווען זיכער, ווייל די פּאָליציי־קוואַרטיר איז ניט געווען ווייט, און מיר זיינען געפאָהרען מיט אַ גאַנץ אַנדערען וועג.

נאָך עטליכע שעה פאָהרען, האָט זיך דער פיאַקער אָפּגעשטעלט פאַר אַ גרויסאַרטיגען פּאַלאַץ. דער דינער, וועלכער איז געשטאַנען ביים אַריינגאַנג, האָט אונז אין פאָדער־צימער אַריינגעפיהרט און אונז געמאָלדען צום פּריץ. די טיר פון זיין קאַבינעט האָט זיך געעפענט, און אַ דינער אין אַ מאָדנעם מונדיר האָט מיר געהייסען אַריינגעהן.

איך בין באַגעגענט געוואָרען פון אַ גרייז־גרויען אַלטען, שעהן־געקליידעטען נאָבעל־מאַן, וועלכער האָט מיך ניט נאָר העפליך, נאָראויך פריינדליך אויפגענומען. ער האָט מיר געהייסען זיך זעצען.

— הער זיך איין, יונגערמאַן, איך האָב דיך אַהער געבראַכט, אום מיט דיר צו ריידען וועגען זעהר אַ וויכטיגען ענין. אַז די פאַמיליע רובינאָף שטעהט אונטער מיין השגחה, ווייסטו אפשר ניט. זאָג איך עס דיר אַצינד. און אַזוי ווי איך בין פון אַ ריכטיגער קוועלע געוואויר געוואָרען, און צווייפעל ניט דעריבער, אַז דו האָסט זייער עלטסטע טאָכטער פאַרפיהרט דורך אַ פאַרשפּרעכען מיט איהר חתונה צו האָבען, און אַצינד האָסטו פּלוצלונג חרטה באַקומען, זאָג איך דיר, אַז איך וועל דאָס ניט צולאָזען. הערסט ? — האָט ער מיר שוין מיט אַ בייזליכען טאָן אַ פרעג געטאָן.

— איך הער, פּריץ, — האָב איך איהם מיט אַ פאַרקלעמטע האַרץ שטיל געענטפערט.

— איך האָב געוואָלט ויסען, וואָס פאַר אַ פויגעל דו ביסט, האָב איך אַ געהיימען אַגענט אָנגעשטעלט, און ער האָט אַלעס וועגען דיר אויסגעפונען. און איך זאָג דיר, אַז דו האָסט ניט וואָס צו שטאָלצירען מיט דיין פאַרגאַנגענהייט, איבערהויפּט מיט דיינע מעשים טובים, וועלכע קענען דיך אויף אייביג אין סיביר אָדער אויף קאַטאָרגע

אוועקשיקען.

ער האָט פון זיין בוזים-קעשענע אַרויסגעצויגען אַ דאָ־קומענט, גענומען איהם לייענען און מיך האָט ער געהייסען זיך צוהערען, ווערענד ער האָט אָנגעגעבען דעם טאָג, נאָמען און אָרט פון מיין געבורט און די נעמען פון מיינע עלטערען, און אויך וואָס פאַר אַן אופן זיי האָבען זייערע לעבענס פאַר־לאָרען. איך האָב מיך פון שוידער אַ טרייסעל געטאָן און פאַרגליווערט געוואָרען, ווען איך בין געוואויר געוואָרען, אַז ס'האָט זיך זיין אַגענט איינגעגעבען אויסצוגעפינען דעם, וועלכער האָט מיך אַלס זיין זוהן אויף זיין פאַלשען טערקי־שען פּאַספּאָרט, דורך שווינדעל, כאַבאַר און אַ פאַלשער שבועה, פאַרשריבען. עס איז אויך דאָרטען פאַרשריבען גע־ווען דער טאָג, פון וועלכען יאָהר איך בין צום פריזיוו גע־שטאַנען, און בין אַלס טערקישער בירגער פון סלוזשבע (מי־ליטער-דינסט) באַפרייט געוואָרען.

— נו, וואָס האָסטו אַצינד צו זאָגען? — האָט ער מיך געפרעגט.

כאָטש איך האָב מיך פון דער ערפאַהרונג גע־פיהלט פיל ערגער ווי אַ צום טויט פאַראורטיילטער, דאָך האָב איך אַלע מיינע קרעפטען צונויפגענומען, געפּאַסט מוט און זיך דרייסט קעגען איהם אוועקגעשטעלט.

— הער מיך אוים, וואַשע וויסאָקע! — האָב איך איהם מיט אַ קלאָרער און קרעפטיגער שטימע געזאָגט, — אַלץ, וואָס דו האָסט פאַר מיר פאָרגעלעזען פון דעם דאָקומענט, איז דורכאוים אמת. איך בין מודה, אַז דער אַגענט, וועלכער האָט פאַר דיר די אַרבייט געטאָן, איז אַ הויפּט-עהרליכער מאַן און האָט קיין שום זאַך ניט איבערטריבען. און איך בין באַרייט אפילו צו באַצאָהלען מיט מיין יונגען לעבען פאַר מיין נאַרישער האַנדלונג. אָבער וואָס אַנבאַלאַנגט דער באַשולדיגונג, אַז איך האָב דער פון אייך אָנגערופענער מיידעל צוגעזאָגט חתונה צו האָבען מיט איהר און זי פאַר־פיהרט און רואינירט — דאָס איז ניט פון אייך, חלילה, נאָר

פון דעם אָדער פון די יעניגע, וועלכע האָבען אייך דער־צעהלט, אַ געמיינער און נידערטרעכטיגער ליגען. דאָס איז געגען מיר אַ פאַרשווערונג, אַ מיאוס'ער בלבול געמאַכט געוואָרען, אום מיך מיט דעם צווינגען, אַז איך זאָל מיט איהר געגען מיין ווילען חתונה האָבען.

דער קלוגער פריץ, וועלכער האָט פון מיר די גאַנצע צייט, בעת איך האָב גערעדט, זיינע פאַרשענדע אויגען ניט אַראָפּגענומען, האָט מיר, מיט אַ סאַרקאַסטישען שמייכעל אויף די ליפּען, אַ זאָג געטאָן:

— יונגערמאַן, מיך אַלס אַלטען, ערפאַהרענעם און פּראַקטישען מאַן און דערצו נאָך לאַנג־יאָהריגען ריכטער, קענט איהר ניט מאַכען גלויבען אַזעלכע נאַרישקייטען. פון מיין לאַנגער פּראַקטיק אַלס ריכטער ווייס איך, אַז איינמאָל אַ פאַרברעכער — אַלעמאָל אַ פאַרברעכער. אַז איהר זענט אימשטאַנד געווען אום אַ פּאָר יאָהר מיליטער־דינסט פאַר אייער פאָטערלאַנד, וועלכעס איז אַן עהרען־פליכט פאַר יעדען בירגער, זיך איינצושפּאַרען, שווינדלען, פעלשען, אָפּ־נאַרען אייער פאָטערלאַנד און באַטראָגען און זיך אַליין שטעמפּלען אַלס בראָדיאַגע (טרעמפּ) — און דאָ, וואו ס'האָט זיך די תאוה, דער מענשליכער און חיה'שער אינסטינקט אַריינגעמישט, זייט איהר עהרליך און ריין געבליבען?! וואָס, זייט איהר אפשר יוסף הצדיק פון דער ביבעל אָדער גאָר אַ מלאך? פאַרגעסט ניט, אַז איך אַליין בין אויך אַמאָל יונג געווען, און פון מיר קענט איהר ניט ערוואַרטען אַזאַ זאַך צו גלויבען, און איך גלויב אייך ניט. אַצינד, יונגערמאַן, שטעהט פאַר אייך איינס פון די צוויי אויסצוקלייבען: אָדער איהר זאָלט מיט דער מיידעל, וועלכער איהר האָט פאַרפיהרט, חתונה האָבען, אי דאָס שוין, איידער די שאַנדע וועט זיך אַרויסווייזען, און איהר קריגט נאָך דערצו אַ גאַנץ היבשען נדן און אַן אויסגעמעבלירטע דירה אויך, און דאָס וועט פאַר אייך זיין דאָס קלוגסטע און בעסטע, וואָס איהר וועט טאָן; און דאַן פאַרגעסט ניט, אַז איהר וועט אַלע מאָל

מיין פּראָטעקציע האָבען, און ס׳וועט אייך קיין זאַך ניט פעהלען; אָדער, אויב איהר ווילט דוקא זיין פּאַר׳עקשנ׳ט, וועל איך זיין געצוואונגען אייך צום פּראָקוראָר (דיסטריקט־אַטוירני) איבערצוגעבען, און ער וועט אייך פאַר די פילע פאַרברעכענס צום משפט שטעלען. איך ראָט אייך, אַז איהר זאָלט אייך די זאַך גוט איבערלייגען, איידער עס וועט זיין צו־שפּעט אייך צו העלפען. וואָרים די טיר צום אָסטראָג (פּריזאָן) אַריינגאַנג איז ברייט אָפען, אָבער צום אַרויסגעהן איז זי זעהר שמאָל. און אויף נאָך אַ זאַך וויל איך אייך אויפמערקזאַם מאַכען, און דאָס איז פאַר אייך כדאי צו וויסען: איך, אַלס געוועזענער הויפּט־ריכטער, ווייס, אַז פאַר אַזעלכע מעשים טובים ניט מען גאָרניט קיין האָניג צו לעקען. איהר ווייסט, יונגערמאַן, אַז אייך ערוואַרט אַ לאַנגער, זעהר לאַנגער טערמין און אפשר גאָר אייער גאַנ־צען לעבען אויף „קאַטאָרזשנע ראַבאָטע (שווערע אַרבייט) אין אָסטראָג אַוועקגעשיקט צו ווערען? און אום ס׳זאָל אייך דאָרט ניט זיין סקוטשנע, וועלען זיי אייך אייער טאַטען, ניט דעם טויטען, נאָר דעם לעבעדיגען טערק מיטשיקען.

מיט דער אָנצוהערעניש האָט ער זיין דרשה געענדיגט. קיין פאַרענטפערען זיך אָדער געבעטע האָב איך געוואוסט וועט מיר ניט העלפען. דערפאַר האָב איך מיך נאָך אַ קור־צען ישוב מיט זיך אַליין צו איהם אָנגערופען:

— הער־צו, וואַשע וויסאָקע, איבער מיין קערפּער האָב איך אפשר צו זאָגען, אָבער איבער מיין האַרץ, נשמה און גייסט בין איך ניט קיין באַלעבאָס, ווייל דאָס געהערט צו איהר, מיין געליבטער און טייערער כלה, וועמען איך האָב דאָס פריווילעגיע אַוועקגעגעבען. איך האָף, אַז דו וועסט מיר מיין בקשה ניט אָפּזאָגען און מיך לאָזען מיין כלה אַהער ברענגען, זי זאָל מיין שופט זיין.

— יאָ, דאָס וועל איך דיר ערלויבען, און דו קענסט זיך אפילו מיט מיין פּיאַקער באַנוצען, און דו קענסט שוין נאָך איהר פאָהרען. און ווען איך וועל זי זעהן און איהר

משפּט אויסהערען, וועל איך אימשטאַנד צו זאָגען, אויב זי איז ווערט, אַז אַ מענש זאָל פאַר איהר אַזאַ קרבן ברענגען.

ער האָט מיך אַליין אין קאַבינעט איבערגעלאָזען און איז אַרוים אין פאָדער-צימער און מיט׳ן קוטשער עפּעס אויף שטיל גערעדט. אפנים איהם אָנגעזאָגט, אַז ער זאָל מיך פון אויג ניט אָפּלאָזען. ער איז באַלד צוריק אַריינגעקומען און מיר געזאָגט, אַז ער האָט דעם קוטשער באַפוילען, מיך פיה־רען, וואוהין איך וועל איהם היסען, און צוריקברענגען. דאַן האָט ער מיר געהייסען געהן.

הגם דער וועג פון דאָרטען ביז צו מיין כלה אין שטעד־טעל איז געווען אַ קורצער און האָט געדויערט בלויז אַ פּאָר שעה צייט, האָט דאָס מיר אויסגעוויזען ווי אַן אייביגקייט. מיט פאַרשידענע פינסטערע מחשבות און פּלענער, אפילו צו באַגעהן זעלבסטמאָרד, איז מיין מוח געווען פאַרנומען.

ענדליך זיינען מיר אָנגעקומען. צו מיין כלה אין הויז בין איך אַריינגעפאַלען אַ טויט-בלאַסער און מיט אַ פאַר־שטיקטען געוויין. זי האָט זיך זעהר דערשראָקען. זי האָט געפּרואווט מיט איהרע זיסע און צערטליכע רייד מיך באַ־רוהיגען. ס׳האָט זיך איהר אָבער ניט איינגעגעבען. פון איהרע רייד האָב איך חושד געווען, אַז זי האָט אַן אהנונג אָדער זי ווייסט שוין גאַר אינגאַנצען פון מיין שרעקליכער פּאַסירונג. אויף מיין פאַרשלאַג מיט מיר מיטצופאָהרען האָט זי מיך ניט געלאָזט לאַנג וואַרטען. אין עטליכע שעה שפּעטער זיינען מיר ביידע געזעסען ביים פּריץ אין קאַ־בינעט.

איך האָב געבעטען ביים פּריץ, און ער האָט מיר ער־לויבט, צו בלייבען אַליין מיט מיין כלה, אום זיך מיט איהר דורכצוריידען. מיר זיינען זיך געפאַלען איינער דעם אַנדערען אין די אָרעמס און זיך אונזערע ביטערע הערצער אויס־געוויינט. און דאַן האָב איך איהר וואָרט ביי וואָרט, אַזוי ווי איך האָב פון׳ם פּריצ׳ס מויל געהערט, איבערגעגעבען און איהר ערקלערט, אַז איך האָב באַשלאָסען איהר עצה

אַנצונעהמען.

— הער מיך אויס, טייערער, — האָט זי זיך צו מיר אָנגערופען, — דאָס, וואָס דו האָסט מיר איצט נאָר וואָס דערצעהלט, ווייס איך שוין גאַנץ לאַנג, וואָרים קוים האָבען זיך נאָר אַ פּאָר שלעגג רכילות־זאָגערס באַוויזען, האָב איך פאַרשטאַנען, אַז די שלעגג זוכען אונזערע נשמות צו פאַר׳סמ׳ען, אונזערע הערצער צוצערייסען. איך האָב מיט מיין פרויען־חוש דערפיהלט, אַז אַ שוואַרצע כמאַרע, וועלכע וועט אונזער ביידענס לעבען טונקעל און פינסטער מאַכען, רוקט זיך נעהנטער און נעהנטער אָן, און איך בין זיך פאַר דיר מודה ומתודה, אַז די שולד דערפאַר טראָג איך, ווייל מיין שטאָלץ און די אמונה אין דיר האָט מיך צוריקגעהאַלטען פון דיך אויפמערקזאַם צו מאַכען אויף אונזער אַנקומענדיגען אומגליק. דעמאָלט איז נאָך צייט געווען, דורך אַ חתונה אָדער ערגעץ ווייט פון דאַנען אַוועקצופאָהרען, פון זייערע גיפטיגע פיילען זיך צו רעטען. אָבער איצט, טייערער מייי־נער, איז צו־שפּעט, צו־שפּעט. דו זאָגסט, אַז דיר איז ליבער צו געהן אין אָסטראָג אויף קאַטאַרזשנע אַרבייט אָדער גאָר זעלבסטמאָרד צו באַגעהן, איידער מיט דער שלאַנג, אונזער גייסט־מערדערין, חתונה צו האָבען און זי אַלס דיין לעבענס־באַגלייטערין צו מאַכען. אָבער וועמען וועסטו דערמיט אַ טובה טאָן? ווי אַזוי וועל איך קענען לעבען, אַז איך וועל וויסען, אַז דו ביסט אַן אַרעסטאַנט, אַ קאַטאַרזשניק. און זעלבסטמאָרד באַגעהן איז גאָר אַן אומזין, אַ משוגעת. פאַר־וואָס זאָלסטו פון זיך נקמה נעהמען? וואָס ביסטו דערין שולדיג? אַז שוין יאָ נקמה נעהמען, איז פון שולדיגע. אַז דו וועסט לעבען און זיין אַ פרייער מענש, און אונזערע וואונדען וועלען זיך אויסהיילען, און מיט דער צייט גאָר גליקליך זיין, וועל איך מיך אויך גליקליך פיהלען. פאַר מיר זאָרגען זיך דאַרפסטו ניט. איך האָב אַ גוטע מלאכה אין מיינע הענט און פאַרדין גאָר נישקשה׳דיג. און חתונה האָבען, אויב איך וועל נאָר וועלען, וועלען זיך געפונג בעלנים

געפינען מיט מיר חתונה צו האָבען. דו וועסט מיט דיין און אויך איך מיט מיין שיקזאַל שלום מאַכען. אפנים דער שיקזאַל האָט אַזוי באַשלאָסען, און איהם מוז מען ווילינג אָדער אומווילינ פאָלגען. האָב חתונה און זיי גליקליך.

מיר האָבען זיך דעמאָלט צו לעצטען מאָל צעקושט און אַ היבש ביסעל בלוטיגע טרעהרען פאַרגאָסען. זי האָט איהרע פאַרוויינטע אויגען אויסגעווישט און אַ לעצטען, האַרצרייסענדען בליק אויף מיר געטאָן. זי איז אין פיאַקער אַריין און פון מיינע אויגען פאַרשוואונדען.

דער פריץ, וועלכער האָט שוין אויף מיין ענטפער אומגעדולדיג געוואַרט, האָט מיך אין קאַבינעט אַריינגערופען, און איך האָב איהם מיין כלה'ס משפט איבערגעגעבען.

— איך האָב געוואוסט, אַז אַזוי וועט זי ענטשיידען. זי האָט מיר אויסגעזעהן אַ קלוגע מיידעל צו זיין. און קלוגע מענשען ווייסען, אַז מיר מענשען זיינען ניט קיין געטער, וועלכע נויטיגען זיך אין מענשליכע קרבנות.

עס איז שוין געווען שפעטליך. און אַ קוק טוענדיג אויף דעם וואַנט-זייגער, האָב איך דעם פריץ אויפמערקזאַם געמאַכט און צוגעגעבען, אַז מיין שותף וועט אויף מיר ברוגז זיין, ווייל איך האָב מיך אַזוי לאַנג געזאַמט. איך וואָלט דעריבער געוואָלט אַהיימגעהן. דער פריץ האָט מיין אַנדייטונג פאַרשטאַנען און האָט זיך צו מיר אין אַ גאַנץ פריינדליכען טאָן אָנגערופען:

— פאַר דיין שותף דאַרפסטו זיך ניט זאָרגען און ניט מורא האָבען, דער טייוועל וועט איהם ניט נעהמען און אויב יאָ, וועט עס קיין גרויס אומגליק ניט זיין. ס'וועט נאָך זיין גענוג מאַשעניקעס (שווינדלערס) אָהן איהם אויך. און וואָס אָנבאַלאַנגט דיר, וועסטו קריגען וועטשערע און אַ פּלאַץ צום שלאָפען אויך. וואָס דאַרפסטו זיך איילען? איבערהויפּט איז דער קוטשער שוין לאַנג אַוועק.

איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, וואָס דאָס מיינט. קיין ברירה האָב איך ניט געהאַט. בין איך דאָרטען געבליבען

נעכטיגען. געשלאָפען בין איך ניט. איך האָב אין יענער נאַכט אַזוי פיל געטראַכט, אַז איך האָב געפיהלט, אַז מיין מוח איז ווי אַן אויסגעטרוקענטע שאָלעכץ געוואָרען. עס האָט שוין כמעט געטאָגט, ווען דער שלאָף האָט זיך אויף מיר דערבאַרעמט און האָט מיינע מידע און פון פיל וויינען רויטע אויגען געשלאָסען.

ווי לאַנג איך בין דעמאָלט געשלאָפען, ווייס איך נאָך היינט אויך ניט. נאָר ווען איך בין וואָך געוואָרען, זיך אַרומגעוואַשען און אָנגעטאָן און זיך צו דער ווערענדע (פאַרטש) געלאָזען געהן, בין איך שטעהן געבליבען מיט דער טיר־קליאַמקע אין מיינע הענט, ווייל עס האָט זיך פון דער ווערענדע געהערט אַ טומעל. און פון צווישען די קולות האָב איך דאָס קול פון מיין מחותנת׳טע, מיין צו־קונפטיגע שוויגער, שפרינצע קאַזעק, דערקענט און אויך פון מיין כלה און פון איהרע שוועסטער און ברודער און פון נאָך אייניגע מחותנים. איך האָב מיין שלאַנקע פיגור אויס־געגלייכט און מיט אַ ברייט געמאַכטען שמייכעל אויפ׳ן פנים, ווי אַ זיגער, ניט קיין באַזיגטער, זיך אויף דער ווע־ראַנדע באַוויזען. איך האָב אַלעמען פריינדליך באַגריסט. אַלע האָבען מיר מזל־טוב אָפּגעגעבען און מיר צוגעווינשען. איך האָב זיי צוריקגעווינשען, אַז דאָס זעלבע זאָלען זיי ביי זייערע קינדער דערלעבען צו זעהן.

מיין כלה׳ס און מחותנת׳טעס פנימ׳ער האָבען גע־שטראַלט פון פרייד. איך האָב מיך צו זיי געטוליעט און געלאַסטשעט. ווייל איך האָב תמיד געהאַלטען פון דעם כלל, אַז אַ באַזיגטער טאָר ניט און זאָל ניט זיין נידערלאַגע אַרויסווייזען, ווייל קיין גוטעס קען עס איהם ניט טאָן, אָבער שאַדען זעהר פיל. און זיי, מיין כלה און די מחותנת׳טע די מכשפה, זיינען פון מיין האַלטונג גאָר געווען אין זיבעטען הימעל.

מיר האָבען אַלע געגעסען אָנבייסען (לאַנטש). געגען אָווענט האָבען עטליכע פיאַקערס געבראַכט אַ מסדר קדושין,

א פּאָר קלעזמער און נאָך מחותנים און אונז אונטער דער חופּה, מיט אַלע פּיטשעווקעס, געפיהרט.

דער פּריץ איז געווען דער הויפּט-מחותן און האָט זיך שטאַרק משמח געווען, און אפשר אַביסעל צופיל אויך. און דאָס איז גראַד געווען פאַר מיין טובה וועגען. ווייל ווערענד ער האָט שוין געהאַט אין זיך אַהיבש ביסעל משקה אַריינגעגאָסען, האָט ער צו איהר, מיין שוויגער שפּרינצע, אַ געשריי געטאָן:

— שפּרינצע, דאַוואַי גראָשי (גיב געלט)!

און אַז זי האָט זיך נישט צוגעאיילט, האָט ער אויסגעשריען:

— שטעק אָפּ די דריי הונדערטער, סקאָרעיע (שנעל)! און איך אַליין גיב פופציג דוקאַטען דרשה-געשאַנק. נו, סקאָריע, מאַך זיך ניט גע'פגר'ט.

און מיין שוויגער האָט נעבעך מיט אַ צעוויינאַגטער האַרץ אַרויסגעשלעפּט דאָס געלט פון בוזים, און מיין מחותן, דער פּריץ, האָט זיך גאָר ניט געפוילט און זיי איבערגעצעהלט אַ פּאָר מאָל, און דערביי דערמאָנט דעם עולם, אַז ער איז געווען אַ ריכטער און האַלט פון גערעכטיגקייט.

די דוקאַטען, מיט וועלכע מיין שוויגער איז געווען שווערער זיך צו שיידען, ווי מיט איהר נשמה, האָב איך אַראָפּגעלאָזט טיף אין מיין קעשענע. און מיר, איך מיט מיין ווייבעל, האָבען זיך מיט זיי געזעגענט. מיין שוויגער מיט די מחותנים זיינען זיך אַהיימגעפאָהרען, און איך מיט מיין פריש-געבאַקען ווייבעל זיינען פאַר עטליכע טעג צייט אויף אַ נאָהענטער דאַטשע אַוועקגעפאָהרען.

אַהיימקומענדיג צוריק אין שטאָדט אַריין, האָב איך צו מיין גרויס איבערראַשונג אויסגעפונען, אַז מיין שותף, זייענדיג אַזוי זיכער, אַז ער וועט פון מיר אַריינקריגען די צוגעזאָגטע אפּוטיקא, האָט זיך באַנוצט מיט דער געלעגענהייט, וואָס איך בין ניט געווען אין קראָם, און געמאַכט אַ ניט-געלונגענעם „בורא מאורי האש“. איך מיין ניט, אַז עס

איז איהם ניט געלונגען צו מאַכען אַ ריכטיגען פייער. דאָס דוקא יאָ, ווייל אין דער מלאכה איז ער געווען אַ ספּעציאַ־ליסט. געלונגען איז איהם נאָר ניט אַרויסצוכאַפּען זיך אין צייט. און אַזוי אַרום האָט מען איהם פּשוט פאַר דער האַנט געכאַפּט. און אַזוי ווי אַ חשד פאַר עטליכע פריהערדיגע פייערען איז שוין אויף איהם פון לאַנג געווען, האָט מען איהם פאַרפּאַקט אין אַסטראָג הגדול. און ס'איז געווען אַ סברה, אַז פון דאָרטען וועט ער שוין קיין לעבעדיגער ניט אַרויסקומען. כן יאבדו! — האָב איך און פילע אַנדערע אויף איהם געזאָגט. איך וויל אייך דעם אמת'ן אמת זאָגען, אַז כאָטש קיין פאַנאַטיקער בין איך קיינמאָל ניט געווען, דאָך האָב איך דערין געזעהן עפּעס אַן אצבע אלהים.

איך האָב מיר אויסמעבלירט אַ דירה און געעפענט אַ גאַנץ היבשע קראָם, טאַקע נעבען דער חורבה פון מיין געוועזענעם שותפ'ס קראָם. און האָב גאַנץ גוטע געשעפ־טען געמאַכט.

מיין טייערע שוויגער, די מכשפה, ווי איך פלעג זי רופען, איז זיך איהרע אַזוי אויך האַלב־פּאַראַליזירטע פיס אָפּגעלאָפען, לויפענדיג, און איז ממש משוגע געוואָרען זוכענ־דיג אויסצוגעפינען, וואָס אַלע פרומע מאַמעס זוכען ביי זייערע נאָר וואָס חתונה־געהאַטע טעכטער. אָבער לא מיט אַן אלף. איהר מיה איז געווען אַן אומזיסטע. איהר טאָכ־טער, מיין אויף מיר אַרויפגעצוואונגען ווייב, איז, ווי ווייט איך האָב געוואוסט, געווען אַן אומבאַרירטע יונג־פרוי, אַ בתולה. און זי איז עס געבליבען אַזוי לאַנג ווי מיר האָבען צוזאַמען געלעבט. כאָטש דאָס האָט מיך אַליין אויך גענוג געזונט געקאָסט, ווייל זי האָט מיך אויך ניט אָפּגעלאָזען.

צו מיין געוועזענער כלה האָב איך אַ פּאָר מאָל געשריי־בען בריף, בגנבה. אין די דאָזיגע בריף האָב איך פאַר איהר מיין פאַרביטערט הארץ אויסגערעדט. אָבער אויף קיין איינציגען פון זיי האָב איך קיין ענטפער ניט באַקומען. דאָס איז געווען פאַר מיר אַ גרויסער קלאַפּ. איך פלעג זי

זעהר אָפּט זעהן אין מיינע חלומות, מיט איהר ריידען, זי קושען און וויינען. מיין ווייב, מוז איך מודה זיין, איז גאָר קיין נאָר ניט געווען און האָט געוואוסט און פאַרשטאַנען די סיבה פון מיין ריידען פון שלאָף און וויינען. האָט זי מיך ניט איינמאָל געוועקט פון שלאָף מיט צאַרטע ווערטער, אָבער קיינמאָל מיך ניט איבערגעפּרעגט און קיינע פאַר־וואורפען מיר ניט געמאַכט. זי האָט געוואוסט, אַז איך וועל איהר ניט זאָגען.

ס׳פלעגען פאַרבייגעהן ניט נאָר טעג, נאָר אפילו וואָכען אויך, אין פאַרלויף פון וועלכע איך פלעג צו איהר קיין וואָרט ניט אויסריידען. און כאָטש איך האָב צו איהר גע־פיהלט אַ גרויסע שנאה, ווייל איך האָב זי געהאַלטען פאַר דער שלאַנג, וועלכע האָט מיין און מיין געליבטער׳ס נשמות און לעבען פאַר׳סמ׳ט, דאָך האָב איך געוויסע פליכטען אַלס מאַן צו איהר ערפילט. שעהנע קליידער, דיאַמאַנטען, טעאַ־טערס, בעלער — דאָס האָב איך איהר ניט געזשאַלעוועט. אָבער די הויפּט־ראָלע, וואָס שפּילט אין פאַרהייראַטען לעבען, ליבע, צערטליכקייט, פריינדשאַפט, טרייהייט און איבערגע־בענהייט — דאָס האָט איהר געפעהלט. דאָס האָב איך איהר ניט געוואָלט און ניט געקאָנט געבען. ניט איינמאָל האָב איך איהר קישען געזעהן אויסגעווייקט פון איהרע פאַרגאָסענע טרעהרען. ניט איינמאָל האָט זי מיין מענער־ליכען אינסטינקט גערייצט. זי איז אפילו צו מיינע פיס געפאַלען, מיינע הענט און פיס מיט זודיגע טרעהרען נאָס געמאַכט. זי האָט אויך געפּרואווט די שולד אַרויפוואַרפען אויף איהר מאַמען. איך בין אָבער אַלע מאָל צו איהרע רייד און טרעהרען טויב געבליבען. און אַז עס האָט זיך געמאַכט, ווען איך האָב מיך שוין געפיהלט כמעט אַ באַזיג־טער, איז דאָס פּנים פון מיין טייערער, געליבטער און אומ־גליקליכער כלה פאַר מיינע אויגען געשטאַנען, און איהרע ווערטער, אַז „נקמה זאָל מען פון שולדיגען נעהמען" האָבען אין מיינע אויערען געקלונגען; און איך בין ווי אַן אייז־

קאַלטער אומבאַוועגליכער קערפּער געבליבען ליגען.

איין מאָל האָט זי מיך מיט טרעהרען אין די אויגען געבעטען, אַז אויב איך בין אַנטשלאָסען זי ניט צו מאַכען פאַר קיין מוטער, וואָס איז דאָס גרעסטע פרויען-גליק, זאָל איך זי גט'ן און זי פון איהרע ליידען און מאַטערנישען באַפרייען. איך וואָלט אפשר איהר בקשה ערפילט. ס'איז שוין אָבער געווען אַביסעל צו-שפּעט, ווייל מיט אַ צייט צו־ריק האָב איך געשריבען אַ בריף צו מיין געליבטער. אין דעם בריף האָב איך איהר געמאַכט פאַרוואורפען, פאַרוואָס זי האָט מיר אויף מיינע פריהערדיגע בריף ניט געענטפערט. איך האָב איהר אויך אַ געוויסע סומע געלט געשיקט און איהר ערקלערט, אַז מיינע געשעפטען געהען זעהר גוט, און איך פאַרמאָג אַ היבשען קאַפּיטאַל און איך פיהל מיך צו איהר אַ שולדיגער ניט נאָר אין געלט, נאָר אפילו מיט מיין לעבען, וואָס זי האָט געראַטעוועט מיט איהר געלט. און דאָס איז נאָר אַ קליינער טייל פון מיין חוב. און איך האָב זי אין מיין בריף געבעטען, אַז זי זאָל ניט צווייפלען אין מיין ליבע, פריינדשאַפט און טרייהייט צו איהר. איך האָב איהר פאַרזיכערט, אַז ביז מיין לעצטען אָטעם-צוג וועל איך איהר ניט פאַרגעסען און האָב אויך איהר אָנגעבאָטען מיין מאַטעריעלע הילף, באַמערקענדיג דערביי, אַז כאָטש גליק־ליך וועט עס מיך ניט מאַכען, ווייל דאָס וועל איך שוין קיינמאָל ניט זיין אָהן איהר, אָבער מיינע ליידען וועט עס לינדערען, אַז איך וועל וויסען, אַז זי ליידט קיין נויט.

אויף דעם בריף האָט זי מיר געענטפערט. און דאָס איז געווען איהר לעצטער ענטפער צו מיר. צוזאַמען מיט'ן ענטפער האָט זי מיר אויך מיין געשיקט געלט צוריקגעשיקט. זי האָט געשריבען:

„ליבער און טייערער חבר מיינער! איך געפין ניט פאַר נויטיג צו פאַרענטפערען זיך פאַר דיר, פאַרוואָס איך האָב דיר ניט געענטפערט אויף דיינע פריהערדיגע בריף. איך פאַשטעה און וויים, אַז עס וואָלט געווען אַן אומרעכט

פון מיר צו קאָרעספּאָנדירען מיט אַ פאַרהייראַטען מאַן. דיין געלט שיק איך דיר צוריק, ווייל איך פיהל ניט, אַז דו זאָלסט מיר עפּעס שולדיג זיין. און דאָס, וואָס איך האָב פאַר דיר געטאָן, און דו מאַכסט אַ גאַנצען וועזען דערפון, זאָג איך דיר, אַז איך האָב מיין לוין טויזענטפאַכיג באַקומען, ווערענד איך האָב דיך געזעהן אַהיימקומען אַ געזונטען און ווייס, אַז דו ביסט זייט דעמאָלט אַ געזונטער מענש גע־וואָרען. דו ווילסט וויסען, ווי אַזוי איך פיהל מיך, דערויף קען איך דיר זאָגען, אַז פיזיש בין איך געזונט, אָבער גייסטיג בין איך קראַנק און צעבראָכען. איך דאַנק דיר פאַר דיין אָנגעבאָטענער הילף, אין וועלכער איך נויטיג מיך ניט, ווייל מיין איצטיגע פּראָפעסיע אַלס פראַנצויזישע און דייטשע לעהרערין, ברענגט מיר גענוג פאַר מיר. און פאַר מיינע צוויי שוועסטער דאַרף איך מעהר ניט זאָרגען. איינע איז אַ כלה פאַר אַ רייכען און געבילדעטען יונגענמאַן, און אויף מיין אינגסטער שוועסטער זיינען פאַראַנען גענוג בעלנים מיט איהר חתונה צו האָבען, נאָר זי איילט זיך ניט אַ כלה צו ווערען — זי וויל פריהער איהר אונטערגענר־מענעם שטודיום ענדיגען. מיין ברודער איז אַוועק אין דער וויטער וועלט אַריין, מיט'ן צוזאָג, אַז נאָר ווען ער וועט רייך און גרויס ווערען, וועט ער פון זיך לאָזען הערען. ער־לויב מיר, טייערער, דיך צו בעטען, אַז אום צו שוינען דיין און מיין כבוד, זאָלסטו צו מיר מעהר ניט שרייבען. איבער־הויפּט בין איך פעסט אַנטשלאָסען וויט, יאָ, זעהר וויט פון דאַנען אַוועקצופאָהרען. דאָס איז מיין לעצטער און געזע־געגונגס־בריף צו דיר, מיין טייערער און אויף אייביג אום־פאַרגעסליכער האַרצענס־געליבטער. איך שליס מיין בריף צו דיר, וועלכער איז געשריבען געוואָרען ניט מיט קיין טינט, נאָר מיט טריפענדען בלוט פון מיין האַרצען. און ווינש דיר, אַז דו זאָלסט אָן מיר פאַרגעסען. און דאָס וועט זיין אַ רפואה צו דיינע גייסטיגע ליידען. מיר קאָן איך דאָס ניט ווינשען, ווייל איך וויל ניט און וועל קיינמאָל ניט

אימשטאַנד זיין אַן דיר צו פאַרגעסען. איך גרים דיך און שיק דיר מיין לעצטען קוש. דיין געוועזענע..."

ליידער איז די מענשליכע שפּראַך צו אָרים אין ווער־טער, דורך וועלכע איך זאָל קאָנען שילדערען די שמערצען און ליידען, וואָס איהר לעצטער בריף האָט מיר פאַרשאַפט. ער האָט אין מיר דעם לעצטען פונק פון האָפנונג, וועלכער האָט נאָך טיף־טיף אין מאַן הארצען געטליעט, אויסגעלאָ־שען. איך בין אַ צייט לאַנג אַ צעטומעלטער, אַ מרה־שחורה׳־דיגער ארומגעגאַנגען. מיין ווייב און מיין שוויגער, וועלכע איז שוין דעמאָלט געווען גענצליך פּאַראַליזירט אויף אַ־יתרע ביידע פיס, האָבען זיך דורך אַ סיבה דערוואוסט פון מיין נאַר־וואָס ערהאַלטענעם בריף. זיי האָבען מיר אָבער קיינע פאָרוואורפען ניט געמאַכט, ווייל זיי האָבען שוין איינגעזעהן און צוגעגעבען, אַז ניט נאָר איך, נאָר אפילו דער שיקזאַל נעמט פון זיי נקמה פאַר מיר און מיין געוועזענער כלה. איבערהויפט מיין שוויגער, אַ פרומע אידענע, איז שוין דע־מאָלט גאָר אַ צעבראָכענער שאַרבען געווען. אַ פּאַראַלי־זירטע אָרימע בעטלערקע מיט צוויי דערוואָקסענע טעכטער, אָהן אַ קאָפּיקע נדן. ווייל פון דעם קניפּעל, וועלכען זי האָט מיט זיך ארומגעטראָגען, מחמת זי האָט עס קיינעם ניט גע־טרויעט, האָט מען זי אין אַ פינסטער נאַכט פון דער לאַסט באַפרייט. און דאָס פלוצלונגע אַוועקשטאַרבען פונ׳ם פרייץ איז פאַר איהר די לעצטע לאָפּעטע ערד אויף איהר לעבע־דיגען קבר געווען.

מיין שנאה, האַס און פאַראַכטונג צו מיין ווייב און שוויגער איז פון טאָג צו טאָג גרעסער און ביטערער גע־וואָרען. און אַזוי האָב איך מיט מיין ווייב אָפּגעלעבט גאַנצע צוואַנציג יאָהר. יאָהרען פון גייסטיגער מאַטערניש און פיין פאַר איהר און פאַר מיר. וואָרים איך בין נאָך אפילו היינט, כאָטש שוין אַן עלטערער מענש, געוונג ליידענשאַפט־ליך. היינט ווער שמועסט דעמאָלט, ווען איך בין מיט אַזוי פיל יאָהרען אינגער געווען.

ווער ווייסט, ווי לאַנג מיר וואָלטען אַלס מאַן און ווייב און דאַך פרעמדע אונטער איין דאַך געבליבען, און ווי לאַנג אונזער אינעווייניגסטע טראַגעדיע און אויסערליכע קאָמעדיע (איך מוז באַמערקען, אַז קיין דרויסענדיגער מענש, אפילו אונזערע בעסטע פריינט, האָבען קיין שום אהנונג געהאַט פון אונזערע פּריוואַטע באַציהונגען, אין געגענטייל, באַקאַנטע מענשען פלעגען אונז מקנא זיין און אונז רעכענען פאַר אַ גליקליך פּאָר-פאָלק און אונזער קינדערלאָזיגקייט באַדויערען) וואָלט געדויערט, ווען ניט די געלעגענהייט, וואָס עס האָט זיך מיר געמאַכט, און איך האָב מיך מיט איהר באַנוצט.

איך האָב אַמאָל באַדאַרפט זיין אין אַ שיפּס-פּאָרט (האַפען) אָפּנעהמען אַ גרויסען טראַנספּאָרט סחורה, וועלכער איז צו מיר מיט אַ שיף אָנגעקומען. די סחורה האָב איך געדאַרפט מיט דער אייזענבאַן צו מיר אין שטאָדט טראַנספּאָרטירען. אַ היבשע סומע געלט און קליידער האָב איך געהאַט מיט זיך. האָב איך געמאַכט אַן אַבזיכטליכען טעות און האָב פאַרבלאָנזשעט און בין געקומען אהער קיין אַמעריקע.

אָנקומענדיג אהער, כאָטש ניט מיט ליידיגע הענט, דאַך האָב איך די ערשטע צייט קיין האַניג ניט געלעקט. עפענען אַ געשעפט אין אַ פרעמד לאַנד, וואו איך בין ניט געווען באַקאַנט מיט דער שפּראַך און די זיטען, האָב איך ניט געהאַט קיין חשק. האָב איך מיך גענומען „אויסגריינען" ווי מ'זאָגט, און בין דערביי אַ היבש ביסעל פאַרשוואַרצט געוואָרען. אָבער סוף כל סוף בין איך געוואָרען אַ „גרינער". איך האָב מיך די שפּראַך, וויפיל ס'איז נויטיג פאַר ביזנעס, אויסגעלערענט, געלערענט אַביסעל די שטאָדט און די מענשען מיט זייערע זיטען, און ענדליך האָב איך מיין קאַפּיטאַל פון דער שפּאַר-באַנק אַרויסגעצויגען און געעפענט איינס פון די שענסטע, אויב ניט טאַקע דאָס שענסטע פון די דעמאָלטדיגע שפּייז-געשעפטען, אין דער הויפּט-אַריסטאָ-

קראַטישער געגענד.

מיינע געשעפטען זיינען זעהר גוט געגאַנגען. איך האָב מיר געדונגען אַ זעהר שעהן און רייך אויסגעמעבלירט צי־מער ביי אַן אינטעליגענטער רוסישער פאַמיליע, און האָב פאַרבראַכט אַ שטילען, רוהיגען, אָבער זעהר איינזאַמען לעבען.

מיינע רוסישע לאַנדסלייט, ווי איך פלעג זיי רופען, כאָטש מיר זיינען געווען פון פאַרשידענע שטעדט און זיך פון פריהער און אפילו דעמאָלט אויך ניט געקענט, פלעגען מיך ביי אַ געלעגענהייט איינלאַדען. איך פלעג זיך פון דעם ניט אָפּזאָגען און ביי אַ גלעזעל טיי און אַ שאַך־שפּיל עטליכע שעה פאַרברענגען. און אַזוי אַרום טאַקע מיין מרה־שחורה, וועלכע איז איבער מיר ווי אַ שוואַרצע כמאַרע געהאַנגען, אַביסעל פאַרטרייבען.

אין אַ געוויסען טאָג איז צו מיר אין צימער אַריינגע־קומען מיין לענדליידי, און מיך געלאָזט וויסען, אַז זי געהט מאַכען אַ פאַרטי לכבוד איהר מאַנ'ס געבורטסטאָג, און מיך געבעטען, אַז איך זאָל דערביי ניט אויספעהלען. איך האָב איהר איינלאַדונג מיט דאַנק אָנגענומען און איהר פאַרזי־כערט, אַז איך וועל זיין אין צייט.

צווישען די געלאַדענע געסט האָט איין פרוי מעהר פון אַלעמען געצויגען מיין אויפמערקזאַמקייט. די דאָזיגע פרוי האָט, לויט מיין אָפּשאַצונג, געדאַרפט זיין יונגער פון מיר מיט עטליכע יאָהר. זי איז געווען שלאַנק און זעהר אַ שעהנע, וועדליג איהר עלטער. איהר געשמאַקפולע קליידונג, איהרע מאַניערען און איהר באַנעמונג האָבען עדות געזאָגט, אַז זי איז אַ נאָבעלע און אינטעליגענטע דאַמע. איך האָב געזוכט די געלעגענהייט מיט איהר צו פאַרפיהרען אַ שמועס און האָב דאָס געפונען. איך האָב מיט איהר גערעדט אי־בער פאַרשידענע פראַגען. דער אָוועגט איז ביי מיר געווען אַ געהויבענער, אַ יום־טוב'דיגער, ווייל אַזעלכע אָוועגטען האָב איך נאָר פאַרבראַכט אַמאָל, לאַנג צוריק אין דער געזעל־

שאַפט פון מיין טייערער פאַרלוירענער געליבטער.

די אַנוועזענדע געסט און איך האָבען דאָס פעסט-צימער פאַרלאָזען שפּעט. איך בין דאַן אַריין אין מיין צימער און זיך געלעגט שלאָפען. געלעגט האָב איך מיך, אָבער איינ-שלאָפען יענע נאַכט האָב איך באַין אופן ניט געקענט. איך האָב מיך געקערט אויף אַלע זייטען, זיך אַרומגעוואָרפען ווי אין אַ פיבער. איהר פּנים, פיגור, באַוועגונג און באַנע-מונג — זיינען פאַר מיינע אויגען געשטאַנען און מיך אויף קיין סעקונדע ניט פאַרלאָזען. איהר צאַרטע ווייכע שטימע האָט אין מיינע אויערען געקלונגען ווי זיסע מוזיק-טענער. איך האָב מיר אַליין ניט געקענט געבען קיין ערקלערונג דערויף. איך האָב פאַנטאַזירט, ווי איך וואָלט געווען אַ צוואַנציג-יעהריגער בחור. איך האָב מיך געפיהלט אַ ביז צו משוגעת פאַרליבטער.

צומאָרגענס בין איך אַ ניט-געשלאָפענער אַוועק אין מיין קראָם. אַ צעטראָגענער און צעמישטער בין איך דעם גאַנצען טאָג אַרומגעגאַנגען. אין אָוונט, ווען איך האָב מיין קראָם פאַרמאַכט און געגעסען אָוונט-ברויט, בין איך אַוועק אַהיים. איך האָב אין מיין לענדליידי׳ס טיר אַנגע-קלאַפּט. מיין צוגעגרייטען תירוץ פאַר דעם באַזוך האָט זי מיר איינגעשפּאָרט צו זאָגען, ווייל זי, מיין הויז-ווירטין, איז געווען זעהר אַ קלוגע פרוי און איז אויף אונזער, איך מיין מיינער און דער דאַמע׳ס האַלטונג זעהר אויפמערקזאַם געווען. ווי נאָר איך בין אַריינגעקומען, האָב איך פון דעם אויסגעשפּרייטען שמייכעל אויף איהר פּנים דערקענט, אַז זי איז אויף מיר אַ גרויסער מבין. זי האָט זיך צו מיר מיט אַ פאַרפיהרערישען שמייכעל אָנגערופען :

— אַזוי, אַזוי, מיסטער! די דאַמע, פאַרשטעה איך, האָט אייך שטאַרק פאַראינטערעסירט, און אייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט נעכטען האָט איהר נאָר איהר געשאָנקען. און ס׳איז מיר אויף אייך גאָר קיין חידוש ניט. זי פאַראינ-טערעסירט אַלעמען. אָבער אַז עמיצער זאָל זי אַמאָל געווען

פאַראינטערעסירט ביז איצט, ווייס איך ניט. זי איז אַ זעהר געבילדעטע און אינטעליגענטע דאַמע. אַלע מענער זוכען די געלעגענהייט מיט איהר צו פאַרברענגען. זי גיט אָבער זעהר זעלטען די געלעגענהייט דערצו. דערפאַר טאַקע האָב איך מיך זעהר גע׳חידוש׳ט, זעהענדיג דעם גוטען איינדרוק, וואָס איהר האָט אויף איהר געמאַכט. וואָרים נאָך קיינ־מאָל, זייט איך קען זי און אייך, האָב איך נאָך קיינעם פון אייך ניט געזעהן אַזוי מונטער און פרעהליך און אינטים מיט עמיצען פאַרברענגען.

— קענט איהר מיר אפשר זאָגען, ווער די מערקוויר־דיגע דאַמע איז? — האָב איך זי אַ נייגעריגער געפרעגט.

— קען איך עמיצען זאָגען, ווער איהר זענט? דאַכט זיך, מיר וואוינען שוין צוזאַמען שעהנע עטליכע יאָהר, און אַלץ, וואָס איך ווייס וועגען אייך, איז אייער נאָמען, און אַז איהר זענט אַ רוסישער, אייער באַשעפטיגונג, און אַז איהר זענט אַ גרויסער שווייגער. איך מיין אייך ניט חלילה צו טאַדלען דערפאַר. פאַרקערט, אויב איהר טרעפט נאָר אָן דעם ריכטיגען מענשען, מיט וועמען צו ריידען, רעדט איהר שוין גאָר. איהר רעדט אָבער פון אַלע׳ם און איבער אַלעם אין דער וועלט, נאָר ניט וועגען זיך אַליין. דאָס בלייבט פאַר אַלעמען אַ רעטעניש. אָט דאָס איז אַלץ, וואָס איך ווייס וועגען אייך צו זאָגען, קען איך אויך וועגען איהר זאָגען. מיר האָבען געוואָהנט אין שכנות עטליכע יאָהר צייט. איך ווייס ניט, אויב זי איז אַן אלמנה, אַ גרושה אָדער אפשר קיינמאָל ניט חתונה געהאַט. איך גלויב קוים, אויב עמיצער ווייסט עס. איך ווייס, אַז זי איז אַ מוזיק־און שפּראַך-לעהרערין און אַז זי פאַרדינט דערביי זעהר גוט. דאָס קען מען לויט איהר קליידונג און ווירטשאַפט אָפּשאַ־צען. זי האָט אַ גאָלדען האַרץ, אַ בריליאַנטענעם כאַראַק־טער. זי איז שעהן, קלוג און אינטעליגענט. אָבער אויף דעם האַלט איך אייך פאַר אַ גרעסערען מבין, ווי איך בין. אַז זי איז אַ רוסישע, דערקענט מען אין איהר שפּראַך. וואָס

איך ווייס יאָ, איז, אַז זי איז פון דעם זעלבען סאָרט מענשען, וואָס איהר זענט: רעדט אויך מיט וועמען ס'געפעלט איהר צו ריידען, און אויך פון אַלעס און איבער אַלעס, נאָר פון זיך אַליין, פון איהר אייגענעם „איך" קיינמאָל ניט. דאָס האַלט זי פאַר אַ געהיימניס, עפּעס ווי אַ הייליגטום. אָט האָב איך אייך אויסדערצעהלט איבער דער געהיימניספולער דאַמע, אונזערע געוועזענע שכנ'טע, וועלכע מיר אַכטען, שעצען און ליבען, ווי אַן אייגענע, און לאַדען זי אויף אַלע אונזערע שמחות.

אויסהערענדיג מיין לענדליידי, בין איך נאָך מעהר ווי פריהער פאַראינטערעסירט געוואָרען. עפּעס האָב איך חושד געווען, אַז זי האָט מיר ניט אַלץ דערצעהלט. איך האָב מיך ניט געקענט צוריקהאַלטען און זי, מיט אַ תמ'עוואַטער מינע אַ פרעג געטאָן:

— האָט זי אפשר ערגעץ אַ מאַן, מיט וועלכען זי לעבט ניט צוזאַמען? ווייל איך מערק מיר, לויט אייערע רייד, אַז אַזאַ סאָרט פרויען ווי זי איז, איבערהויפּט וואָזשנע פּאַרדינערקעס, זיינען זעהר זעלטען געדולדיג און לאָזען זיך זעהר ווייניג די מענערשע קאַפּריזען געפעלען ווערען.

— דאָס זעלבע, גלויב איך, וואָלט זי אפשר איבער אייך אויך געוואָלט וויסען, — האָט זי מיר לאַכענדיג אויפ'ן קול געזאָגט, און האָט פאָרטגעזעצט: — אַלעס וואָס איהר ווילט איבער איהר וויסען וועט זי אייך אַליין אין קורצען מאָרגען אָבענד דערצעהלען.

— מאָרגען אָבענד? פון וואַנען ווייסט איהר עס? — האָב איך אַ פאַרוואונדערטער געפרעגט.

— איך האָב דאָך אייך שוין צו פאַרשטעהן געגעבען, אַז מיך קיין שאלות און קיין קשיות דאַרף מען ניט פרעגען... מיין חוש האָט מיר דיקטירט, און איך האָב זי אויף מאָרגען, זונטאָג, איינגעלאַדען צו מיטאָג (דינער), און זי האָט מיר צוגעזאָגט אומבאַדינגט צו קומען, און אייך אַליין, מיסטער, לאַד איך אויך איין, און פאַרגעסט ניט, למען השם, צו קומען.

איך האָב איהר געדאַנקט און פאַרזיכערט, אַז איך וועל אַריינקומען.

— איך ווייס, איך ווייס, אַז איהר וועט... — האָט זי מיר, לאַכענדיג, טיף אין מיינע אויגען אַריינגעקוקט.—לעקאַך מיט בראַנפען דאַרפט איהר ניט מיטברענגען, דאָס וועל איך אַלס אַן אומגעבעטענע און אומבאַצאָהלטע שדכנ׳טע באַזאָרגען, און אַז ס׳וועט האַלטען ביי תנאים וועלען מיר זיך אויך ניט קריגען, — האָט זי זיך געוויצעלט.

איך האָב שוין די דריטע גלאָז טהעע געהאַט אויסגעטרונקען, האָב איהר געוואונשען אַ גוטע נאַכט.

כאָטש איך האָב מיך אַ גליקליכער און פול מיט גוטער האָפנונג אין וויכען בעט געלייגט, דאָך האָבען זיך צווייפעלהאַפטע מחשבות צו מיר אין קאָפּ אַריינגעגנב׳עט. אַז זי איז זעהר אַ קלוגע פרוי, אין דעם בין איך זיכער געוועזן. איז אָבער אַ שאלה, צי וועט אַזאַ קלוגע, אינטעליגענטע פרוי איינשטימען צו הייראַטען אַ מאַן, ניט וויסענדיג זיין פאַרגאַנגענהייט, ווער ער איז, וואָס ער איז, ווער זיין משפחה איז און פון וואַנען ער קומט. נו, געה דערצעהל איהר מיין יחוס! אַ צעהן־יאָהריגער יתום געבליבען, אויף קהל׳ס צדקה זיך געהאָדעוועט, אַ באַהעלפער, אַ משרת געוועזן, אַ כלה צוליב געלט אָוועקגעוואָרפען, אַ פרוי צוואַנציג יאָהר געפייניגט און אַ ניט־געג׳ט׳ע איבערגעלאָזען, מיט אַ פאַלשען נאָמען זיך באַנוצט. און אויב איך וועל איהר די אמת׳ע סיבה דערצעהלען, איז אַ פראַגע אויב זי וועט מיר גלויבען. איך אַליין בין מיך מודה, אַז איך וואָלט אַזאַ זאַך אין מיין קאָפּ ניט אַריינגעלאָזען. זאָל איך ווידער פאַר איהר אַלעס פאַרלייקענען, איהר ליגען זאָגען, איהר — וועלכע איך וויל און האָף פאַר מיין פרוי, פאַר מיין לעבענס־באַגלייטערין צו מאַכען, זאָל איך נאַרען, באַטריגען? ניין, דערצו האָב איך ניט געקענט און ניט געוואָלט זיך ענטשליסען. דאָס איז געגען מיין נאַטור, געגען מיין כאַראַקטער. און אויב איך וועל שוין פון מיר אַ זשוליק מאַכען און זי נאַרען און זי

וועט מיינע אויסגעטראַכטע ליגענס גלויבען, ווי אַזוי וועל איך פיהלען אַז זי וועט פון עמיצען דעם אמת אויסגעפינען? ווענינ היימישע מענשען וואָס קאָנען מיך געפינען זיך דאָ, און איך האַלט מיך פון זיי פון ווייטען, אָבער סוף כל סוף וועט זיך עמיצער אָפּזוכען און מיר די אומגעבעטענע טובה טאָן. ווי אַזוי וועל איך קענען איהר אין פּנים אַריינקוקען? אויב זי וועט אויף מיר ניט אַ שפּיי טאָן און מיך אַפּשיקען וואו דער שוואַרצער פּעפּער וואַקסט... זי וועט זיכער ניט וועלען מיט אַ מאַן, אַ ליגנער אונטער איין דאַך צוזאַמען בלייבען. און וואָס וועט דאָס פאַר מיר זיין? מיינע אַלטע וואונדען זיינען נאָך ווייט ניט פאַרהיילט, די אַלטע צרות ליגען מיר נאָך אין טעם, זאָל איך אויף מיר אַליין אומ־געצוואונגערהייט נייע נעהמען? ניין, דאָס וועל איך ניט טאָן. אויב זי וועט מיך נאָר פרעגען וועל איך דעם ריינעם און אמת'ן אמת דערצעהלען. און איך גלויב, אַז זי, אַלס אינטעליגענטע און באַלעזענע דאַמע, וועט מיר גלויבען.

אויב איך האָב נאָך מעהר געטראַכט און פאַנטאַזירט, געדענק איך ניט, ווייל אַ מידער און ניט-געשלאָפענער פון לעצטער נאַכט בין איך געשמאַק איינגעשלאָפען. צו מאָר־גענס בין איך אויפגעשטאַנען פריהער ווי יעדען זונטאַג, און מיין ערשטע אַרבייט איז געווען זיך צו זעהן מיט אַ רב, און פאַר אַ געוויסער סומע האָט ער מיין פאַרלאָזענער ווייב אַ גט, כדת משה וישראל, אַוועקגעשיקט, ווייל דאָס האָב איך שוין לאַנג אין זינען געהאַט צו טאָן.

אַהיים קומענדיג האָב איך דורך מיין פענסטער זי גע־זעהן אין הויז אַריינגעהן. איך האָב איהר באַלד נאָכגעפאָלגט. מיר האָבען זיך זעהר פריינדליך, כמעט ליבליך, ווי אַלטע גוטע פריינד, באַגריסט. ביים טיש האָט שוין מיין ווירטהין געזעהן, אַז מיר זאָלען ניט דערוויַיטערט זיין. מיר האָבען די איבעריגע צייט פון טאָג גליקליך פאַרבראַכט, און געגען אָבענד האָב איך זי אין דער אָפּערא איינגעלאַדען. בילעטען זיינען שוין אין מיין קעשענע געווען אַנגעגרייט. זי האָט

מיין איינלאַדונג אָנגענומען.

אָנקומענדיג צו דער אָפּעראַ־הויז האָבען מיר אויסגע־פונען, אַז מיר זיינען צו פריה געקומען. האָבען מיר זיך אַ ביסעל דורכגעשפּאַצירט אויפ׳ן טראָטואר, ביז מיר זיינען ביי אַ גרויסען פענסטער פון אַ דזשועלערי־סטאָר געבליבען שטעהן. איך האָב איהר פאָרגעשלאָגען מיט מיר אריינ־צוגעהן און זיך עטוואָס אויסקלייבען אַלס אַ מתנה פון מיר. זי איז געבליבען אַ ביסעל אין אַ פאַרלעגענהייט, און נאָך אַ פּאָר מינוטען נאָכדענקען האָט זי זיך צו מיר, שמייכלענ־דיג דערביי, אָנגערופען:

— איך ווייס און פאַרשטעה די באַדייטונג פון אייער פאָרשלאָג, און איך וואָלט איהם גערן אָנגענומען אויך, אויב . . . — און זי איז אַ פאַררויטעלטע שטיל געבליבען.

— זאָגט מיר, טייערע ליידי, וואָס מיינט איהר מיט אייער „אויב״? — האָב איך מיך ביי איהר געבעטען.

— איך מיין, אויב איהר וואָלט איינגעגאַנגען אויף איין קאָנדיציע.

— אין וואָס באַשטעהט אייער קאָנדיציע? — האָב איך זי נייגעריג און שנעל אַ פרעג געטאָן.

— אין זעהר אַ קלייניגקייט, האָט זי מיר געזאָגט.

— לאָזט מיך שוין הערען, — האָב איך ביי איהר מיט אומגעדולד געבעטען.

— הערט זיך איין, ליבער אומבאַקאַנטער פריינד, כאָטש איך שוועֶר פאַר אייך ביי מיין פרויען און מענשליכער עהרע, אַז מיין פאַרגאַנגענהייט איז אַן עהרליכע, זויבער־ריינע און אומבאַפלעקטע, דאָך וויל איך פון אייך האָבען, אַז איהר זאָלט מיר צוזאָגען דערויף קיינמאָל ניט צו פרעגען און זיך קיינמאָל ניט אינטערעסירען אויסצוגעפינען. איהר זאָלט זיך נאָר צופרידענשטעלען מיט דער געגענוואַרט. נאָר דאַן וועל איך אייער הייראַטס־פאָרשלאַג אָננעהמען, און ניט אַנדערש.

— זעהט איהר, טייערע ליידי, איך בין בעררייט אַלעס אין דער וועלט פאַר אייך צו טאָן, און דאָך וואָלט איך ניט

איך, און ניט קיינעם ניט געמאַכט קיין הייראַטס־פֿאָרשלאָג פריהער ווי איהר וואָלט מיר צוגעזאָגט דאָס אייגענע, וואָס איהר פֿאַרלאַנגט פון מיר. און איך שווער ביי אַלעם וואָס ס׳איז מיר הייליג, ליב און טייער, אַז מיין פֿאַרגאַנגענהייט איז ריין און אומבאַפלעקט.

מיר זיינען אַריין אין קראָם, און אַ חוץ אַ פּאָר ווערטפולע שטיק צירונג האָב איך שוין אין איין וועג איינגעהאַנדעלט אַ קידושין־רינג. אין אַ שעה אַרום איז זי מיט אַ טייערען בריליאַנטענעם רינג אויף איהר שניי־ווייסען פינגער אַ גליקליכע געזעסען נעבען מיר אין דער אָפּערע.

איך האָב זי אַהיים באַגלייט און האָב זי אַ פּאָר מאָל דורך דער וואָך באַזוכען און זונטאָגדיגען טאָג מיט איהר פֿאַרברענגען. איהר פּרנסה האָב איך זי געמאַכט אויפצוגעבען, און קוים בין איך געוואָר געוואָרען אַז איך בין פון מיין מיידעל־ווייב אַ באַפּרייטער, האָבען מיר חתונה געהאַט כדת משה וישראל. איך האָב איינגעריכט זעהר אַ שעהנע וואוינונג ניט ווייט פון אונזערע מחותנים — אַזוי פלעגען מיר זיי רופען, — און מיר האָבען זיך געפיהלט אַלס די גליקליכסטע מענשען אויף גאָט׳ס וועלט. מיר האָבען זיך געלעבט ממש ווי צוויי מלאכים אין גן־עדן.

איך האָב אַ סך מאָל באַמערקט, אַז מיין פרוי קוקט אויף מיר מיט חשד, און קוקען אויף מיר פלעגט זי אַם מיינסטען ווערענד איך בין געוועזען פֿאַרטראַכט. איך פלעג דאָס מיט׳ן חוש דערשפירען. דעם אמת געזאָגט, איך פלעג אַליין אויך זוכען די געלעגענהייט מיין חשד צו באַשטעטיגען. אונזערע פֿאַרשפּרעכען פון איינעם צום אַנדערען האָבען מיר הייליג געהאַלטען, אָבער וויסען זיינען מיר ביידע געווען נייגעריג. איך האָב מיין נייגעריגקייט ניט אַרויסגעוויזען, אָבער ביי איהר, מיין ליבער פרוי, האָט מען עס געקענט פון פּנים אַרונטערלעזען. איהר פרויען־נאַטור האָט איהר נייגעריגקייט גערייצט און זי ניט געלאָזט רוהען.

איינמאָל, ווערענד איך בין געווען שטאַרק פֿאַרטיפט

אין מיינע געדאַנקען, האָט זי זיך באַנוצט מיט דער גע־לעגענהייט, שטעהענדיג הינטער מיינע פּלייצעס אומבאַ־מערקט, האָט זי מיך אויף מיין אַמאָליגען טערקישען נאָמען אַ רוף געטאָן, און איך האָב מיך צו איהר אַ קעהר געטאָן.

— איך האָף, אַז איך האָב דערמיט מיין פאַרשפּרעכען צו דיר ניט פאַרלעצט, — האָט זי מיר אַ ביסעל פאַרשעהמט געזאָגט.

— ניין, מיין טייערע, דו האָסט ניט. אונזערע פאַר־שפּרעכענס זיינען סיי ווי סיי בטול, ווייל צווישען אונז איז אַצינד קיין סודות ניט פאַראַן.

עס איז שווער אין ווערטער איבערצוגעבען אונזערע דעמאָלדיגע געפילען, בעת דער שיקזאַל האָט זיך אויף אונז דערבאַרימט און האָט אונז ווידער צוזאַמענגעבראַכט. מיר זיינען זיך אויף די העלזער געפאַלען, און אין אונזערע פריי־דענס־טרערען זיך ממש געבאָדען. ס'האָט שעה'ן לאַנג גע־נומען, ביז מיר זיינען צו זיך געקומען פון דער אויפרעגונג און אומשטאַנד געווען אַ וואָרט אַרויסצורעדען איינער צום אַנדערן. און וועהרענד מיר זיינען שוין געווען באַרוהיגט פון אונזערן גליקלעכן צוזאַמענטרעפען, האָב איך איהר אַלעס דערצעהלט וואָס ס'האָט מיט מיר פּאַסירט דורך דער גאַנצער צייט פון אונזער שיידונג. אפילו דאָס צוואַנ־ציג־יעהריגע צוזאַמענלעבען מיט מיין געוועזענער פרוי, וועלכע איך האָב ערשט ניט לאַנג אַ בתולה גע'גט, האָב איך איהר אויך דערצעהלט. זי האָט מיר אויך פון איהרע אַוואַנטורעס דערצעהלט, אַז איהרע שוועסטער זיינען פאַרהייראַט צו רייכע מענער, און אַז זי איז אומפאַרהיי־ראַט געבליבען.

ניט איבערלייגענדיג זיך, האָב איך זי אַ פרעג געטאָן וואָס עס איז געוואָרען פון איהר ברודער. זי האָט מיט איהרע צאַרטע הענט איהר פּנים באַדעקט, און זיך אויפ'ן קול ווי אַ קליין קינד צעוויינט. כליפּענדיג און מיט בלוט־רויט פאַרלאָפענע אויגען האָט זי מיר דערצעהלט, אַז מיט

איהר אָרימען ברודער איז אַ גרויס אומגליק געשעהן. ער האָט זיין יונג לעבען אויף אַ זעהר טראַגישען אופן פאַר־לאָרען און אין גרונט פון ים זיין קבר געפונען. דערוואוסט דערפון האָט זי זיך דורך אַ צייטונג, וועלכע האָט די טראַ־געדיע פון אַ געזונקענער שיף באַשריבען און דער נאָמען פון איהר ליבען ברודער, וועלכער איז אויף דער טויטען־ליסט, זיין אויסזעהן, עלטער און געבורטס־לאַנד פאַר־שריבען געווען.

עס איז שווער אויף פאַפיר צו שילדערען אונזער דאַ־מאָלדיגען גליקלעכען לעבען. אַחוץ איינער דעם אַנדערען האָבען מיר ניט פאַרמאָגט. אונזערע איך'ן זיינען טאַקע באַשטאַנען פון צוויי קערפּערס, אָבער אַ נשמה נאָר איינע. די צעהן יאָהר, וועלכע זיינען געווען די גליקליכסטע יאָהרען פון אונזער ביידענ'ס לעבען, האָבען אָבער זעהר קורץ אין אונזער דאַמאָלדיגען גן־עדן אויסגעזעהען צו זיין. קיין רייכטום האָט אונז ניט אויסגעפעהלט, דינסטען, משרתים וועלכע זאָלען פאַר אונז די אַרבייט טוען, האָבען מיר געהאַט גענוג. אייגענע קינדער האָבען איז געווען אַ פאַרשפּעטיגטע זאַך און מיר האָבען מיט דעם שיקזאַל שוין זייט לאַנג שלום געמאַכט. און אַזוי ווי אונזער מאַטעריעלע צוקונפט איז געווען אַ געזיכערטע, קיין אייגענע מענשען, קרובים צו באַזאָרגען האָבען מיר ניט, האָבען מיר געשטיצט פילע וואָהלטעטיגע אַנשטאַלטען מיט פולע הענט. איך בין תמיד געווען שטאַרק פאַרטאָן אין מיינע געשעפטען, וועלכע זיינען אונטער דער צייט פיל פאַרגרעסערט געוואָרען. אָבער, זי, מיין טייערע, ליבענסווירדיגע פרוי, מיט איהר גוטען נאָבעלען הארץ, מיט איהר בריליאַנטענער נשמה, וועלכע איז פון נאָהענט און פון ווייט, פון מענשען, וועלכע האָבען זי פערזענליך געקאַנט און אפילו פון אַזעלכע, וועלכע האָבען איהר ווייט־באַקאַנטען גוטען נאָמען געהערט, איז געווען געאַכטעט, געשעצט, רעספּעקטירט און ממש פאַר־געטערט. און אַחוץ וואָס זי איז די גרעסטע בייטרעגערין

געווען, פלעגט זי אויך איהר צייט, מיה און ענערגיע צו מעהרערע אַנשטאַלטען ווידמען. זי פלעגט מיר אפילו שטאַרק אויספעהלען, ווייל אָהן איהר האָב איך מיך זעהר אומבאַקוועהם געפיהלט. איך האָב איהר אָבער אין איהר ליבער אַרבייט קיינמאָל ניט געשטערט.

אין אַ זומער־טאָג איז זי אין אַ שטעטעל ביים ים־ברעג געפאָרען, אום זיך אַביסעל אויסצורוהען. אַזוי האָט עס געזאָלט זיין, אָבער רוהען האָט זי ניט געקענט, ווערענד זי האָט געוואוסט אַז די יתומים׳לעך, וועלכע פלעגען אונז מאַמאַ און פאַפאַ רופען, און די אַלטע לייט פונ׳ם מושב זקנים און זקנות, פון וועלכע זי איז די גרינדערין און די גאַנצע פאַרזאָרגערין געווען, האָט עפּעס אויסגעפעהלט. זי פלעגט דאָרט יעדען זומער פאַרברענגען, אַגיטירענדיג פאַר די אַנשטאַלטען, — איך מוז באַמערקען, אַז זי איז געווען אַ זעהר טאַלאַנטפולע און באַגאַבטע רעדנערין, — ליטעראַטור פאַרטייל׳ען, בילעטען פאַר בעלער און טעאַטער־פאָרשטעלונגען פאַרקויפט, וועלכע האָבען די גרעסטע טייל הכנסה אַריינגעבראַכט. איך פלעג די גאַנצע צייט דאָרטען ניט קענען מיטבלייבען, מחמת מיינע פילע געשעפטען פון וועלכע איך פלעג מיך ניט קענען אָפּרייסען, פלעג איך יעדען ערב שבת אַהינקומען און מיט איהר ביז מאָנטאָג פאַרברענגען.

מיין פריינד איז ווידער פאַר אַ פּאָר מינוטען שטיל געבליבען. זיין פּנים פון מיר אָפּגעווענדעט, איך זאָל זיינע טרערען ניט זעהען, אָבער זיין כליפּען און האַרצרייסענדע זיפצען האָבען עדות געזאָגט, אַז זיי ווערען באַגלייט מיט אַ היבש ביסעל פאַרגאָסענע טרערען. ער האָט ווייטער דערצעהלט:

אין אַ פרייטאָג איז עס געווען, וועלכען איך וועל קיין מאָל אין מיין לעבען ניט פאַרגעסען. ער איז דער שוואַרצסטער טאָג אין מיין לעבען געווען. בין איך ווי אַלע מאָל אַ פריילעכער, אַ מונטער׳ער אין דעם האָטעל אַריינגעקומען

און זיך אויף איהר נאַכגעפרעגט. אָבער ניט דער האָטעל־קיפּער און ניט אַנדערע מענשען, וועלכע האָבען שוין פון מיין אומגליק געוואוסט, האָבען געהאַט דאָס הארץ און מוטה מיר די טרויעריגע בשורה איבערצוגעבען. נאָר דער שוואַרצער דינער האָט מיר אַ בינטעל קליידער דערלאַנגט, וועלכע איך האָב דערקענט אַלס די קליידער פון מיין ליבער דערטרונקענער פרוי.

דריי מעת־לעת האָב איך און פילע פון מיר געדונגענע מענשען, אויף די כוואַליעס פון ים זיך אַרומגעטראָגען ערשט אויפ׳ן פינפטען טאָג האָבען מיר פישער־לייט דעם טויטען צעריסענעם און פון פיש צעביסענעם קערפּער פון מיין ליבער, טייערער פרוי, אויף אַ סטרעטשער געבראַכט.

דאָס זאָגענדיג, האָט זיך שוין מיין פריינד ניט געקאָנט צוריקהאַלטען און האָט אין אַ יאָמערליכען געוויין אויסגעבראָכען, און קרעכצענדיג האָט ער מיר די ווערטער מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע געזאָגט:

— יאָ, יאָ, ליבער פריינד, היינט איז איהר געבורטס־טאָג געווען אין וועלכען ס׳פלעגט ביי מיר אַ יום־טוב זיין און היינט האָב איך מיך צום קאַלטען שטיין, וועלכער שטעהט ביי איהר קבר, געטוליעט... און אַ טייך טרערען פאַרגאָסען אויף דעם בערגעל ערד, אונטער וועלכען ס׳רוהט מיין איינציגער חבר, מיין טייערע געוועזענע פרוי.

איך בין די גאַנצע צייט, איהם אויסהערענדיג, ווי אויף הייסע קוילען געזעסען און מיך מיט מיינע לעצטע קרעפטען צוריקגעהאַלטען, אום איך זאָל קענען אויסהערען זיין טראַגעדיע. איך בין איהם אויפ׳ן האַלז אַרויפגעפאַלען, און זיך אין אַ טייך פון מיינע זודיגע, הייסע טרערען געבאָדען. טייערער שוואָגער מיינער, האָב איך איהם גערופען, דיין טראַגעדיע, דיין אומגליק איז אויך מיינע, דיין ליבע פרוי נאָך וועלכער דו טרויערסט, איז מיין ליבע, טייערע שוועסטער, וועלכע איך האָב יאָהרען לאַנג כמעט אין אַלע וועלט־טייַלען אַרומגעזוכט.

זייט יענעם טאָג, געהען מיר ביידע עטלאכע מאָל אין יאָהר באַזוכען איהר קבר, זאָגען קדיש, און מיט אונזערע טרערען, מאַכען מיר נאַס איהר מיט גראָז-באַוואקסענעם קבר...

אָט מיט די ווערטער האָט מיר מיינער אַ באַקאַנטער זיין טרויעריגע ערפאַרונג געענדיגט.

---

## מיין ערשטער וואַקיישאָן

נאָך מיט אַ פינף-און-צוואַנציג יאָהר צוריק בין איך אַ ניו יאָרקער פופצעהן-יעהריגער תושב געווען. איך וויל אָבער, אַז איהר זאָלט קיין טעות נים מאַכען און מיינען אַז איך בין דעמאָלט נים מעהר ווי פופצעהן יאָהר אַלט געווען. איך בין שוין פיל עלטער געוועזען. איהר קענט אייך משער זיין, אַז איך האָב שוין מיין אייגענם געהאָט אַ ווייב מיט פיר מיליאָנען. אַזוי פלעגט מיין ווייב שאַצען אונזערע צוויי יונגלעך און אונזערע צוויי מיידלעך, צום ווינציגסטען אַ מיליאָן אַ שטיק. איך פלעג אפילו מיט איהר טענה'ן, אַז די יונגלעך האָבען מעהר ווערט און די מיידלעך וועניגער. זי איז אָבער בטבע אַ גרויסע עקשנ'טע און האָט נאָר געוואָלט, אַז אַלע האָבען אַ גלייכען ווערט. און איך האָב איהר געמוזט צוליב טאָן, און אַזוי איז עס געבליבען.

איך מיין צו זאָגען, אַז איך האָב שוין געהאָט אָפּ-געוואוינט אין ניו יאָרק גאַנצע קיילעכדיגע פופצעהן יאָהר. און אויב איהר ווילט וויסען אין וועלכען געגענד, דאָס קען איך אייך גענוי נים זאָגען, ווייל איך אַליין געדענק שוין היינט נים וואו איך האָב יאָ געוואוינט און ווי איך האָב נים געוואוינט. נאָר אַ פאָר טוץ בייסמענטס און טאָפּ-פלאָרס געדענק איך יאָ. און איך און מיין ווייב וועלען זיי נאָך לאַנג, לאַנג געדענקען, ווייל זיי ליגען אונז נאָך היינט נים נאָר אין אונזערע ביינער, נאָר ממש אין אונזערע הענט

און פיס. אויף קיין צווייטע און דריטע פּלאַרס האָב איך ניט געהאַט די זכיה צו וואָהנען, ניט ווייל ס'איז ניט גע־ווען צו קריגען אָדער ווייל ס'האָט אפשר געקאָסט אַ האַלבען טאַלער אויפ'ן חודש מעהר, ניין, ניט חלילה דערפאַר ווייל איך בין אַזאַ קמצן געווען, נאָר פשוט צוליב אַנדערע טעמים. הערט פאַר וואָס.

אָנקומענדיג קיין ניו יאָרק האָט פאַר מיר מיינער אַ קרוב געדונגען אַ דירה אין אַ בייסמענט, אַזוי האָט ער מיר געזאָגט. וואָס אַ דירה איז האָב איך געוואוסט, נאָר בייסמענט האָב איך געמיינט איז אודאי אַ גאָרטען אויף ענגליש, און אַז ער האָט שוין געהאַט אַריינגעמופּט מיינע כלי בית, האָב איך שוין קיין ברירה געהאַט און בין גע־וואָרען אַ תושב אין בייסמענט. זעהר לאַנג האָב איך דאָרטען ניט געוואוינט, און אין אַ צווייטען, אַ דריטען אַ פיערטען, און אַזוי כסדר ביז ס'איז אונז די בייסמענטס מיט זייער מאַך און שימעל נמאס געוואָרען און זיך גאָר אויף אַ טאָפּ פלאָר אַרויפגעכאַפּט; און פון יענעם אויף אַ דריטען, אַ צווייטען אָדער אַן ערשטען פלאָר אַרונטער־מופען האָב איך שוין ניט געקענט און ניט געטאָרט, אַזוי האָט מיין ווייבעל געזאָגט, אַז איהר באָבע עליה השלום, האָט איהר געזאָגט, אַז אַרויפמופען מעג מען, נאָר אַרונטער חלילה, דאָס שאַט צו פרנסה. און וואָס איהר באָבע האָט איהר געזאָגט, איז ביי איהר געווען הייליג ווי תורת משה. און מיינט איהר אפשר אין איין גאַס? חלילה. אַ פאַר מאָל אין יאָהר און אַמאָל מעהר איז ביי מיר געגאַנגען די סדרה בשלח, ויסעו. מ'פאַרסייט לעלדרידזש ומ'עלדרידזש ל'עלען און ממטה למטה און ממעלה למעלה. און אַזוי האָב איך איבער און איבערגע'חזר'ט און גאָט ווייסט ווי לאַנג דאָס וואָלט נאָך געווען אַנגעהאַלטען ווען ניט דורך אַ צופאַל וואָס ס'האָט זיך מיר געטראָפען.

איך האָב אָפּגעקויפט אַ שאָפּ מיט אַ סטאָר. איך מיין ניט חלילה, צווייערליי ביזנעס. ניין, דאָס ניט. נאָר אַזוי

ווי דער שאַפּ איז געווען ניט אין אַ בייסמענט אָדער אויף אַ בוידעם נאָר טאַקע אין אַ סטאָר גופא, אַזוי האָט זיך מיין ווייב פאַר דער נעקסטדאָריגער באַרימט: אַ שאַפּ מיט אַ סטאָר, און אַזש העט, העט, אַפּטאַון אין דער פיר־און־דרייסיגסטער סטריט. אונזערע שכנים און נעקסטדאָריגע האָבען אונז מקנא געווען בשעת מ׳האָט אונזערע בעבע־כעס אַרויפגעשטעלט אויפ׳ן מיסט־וואַגען, אויף וועלכען דער בעל־עגלה אַליין האָט מיט זיין כתב יד, מיט קרומע און לאַמע בוכשטאַבען אָנגעשריבען „מואווינג און עקס־פּרעס", אויסגעלייגט ווי אַן עם הארץ דאָס וואָרט נח מיט זיבען גרייזען.

אונזער נייע דירה איז איצט אויך אַ טאַפּ־פלאָריגע גע־ווען, ווייל העכער פונ׳ם טאַפּ־פלאָר איז אַפּנים ניט געווען צו קריגען. זי האָט זיך וועניג אונטערשידען פון מיינע פריהערדיגע דירות. די זעלבע שוואַרצע, פאַרזשאַווערטע סינקס, די זעלבע צעבראָכענע וואַשטעפּ, אפילו די וואַנצען, קאַקורוטשעס, מייזלעך און מוראַשקעס איז ניט געווען ווע־ניגער אין צאָל, און אפשר נאָך מעהר. זיי האָבען געהאָט כמעט די זעלבע פּנים׳ער. אַ שטיקעל חילוק איז יאָ געווען: דער בית־הכסא, איך בעט איבער אייער כבוד, אַנשטאָט צו זיין אין יאַרד, ווי אין מיינע פריהערדיגע דירות, האָבען מיר איהם דאָ געהאָט אין הויז, הארט נעבען דעם הויפּט־אַריינגאַנג צו מיינע ניט־איבעריג ליכטיגע צימערען.

און כאָטש מיר זיינען שוין געווען אַלטע אַמעריקאַנער תושבים און נאָך דערצו אַפּ־טאַונער אויך, דאָך האָבען מיר פון קיין קאַנטרי פאַרעניישען ניט געוואוסט. ס׳הייסט ניט געוואוסט? געוואוסט, אַז מענשען פאָרען זומער אַרוים אויף דאַטשעס (קאַנטרים), האָבען מיר יאָ געוואוסט נאָך פון דער אַלטער היים, ווייל מיר זיינען גרוים־שטאָטישע געווען. אָבער ווער פאָרט? די בראָדסקים, זאַבלודאָווסקים און פּאָדאָלסקים. אָבער די סטאָלערקעס, שוסטערקעס, שניי־דערקעס און אפילו קרעמערקעס זיי האָבען פון אַזעלכע

תענוגי עולם ניט געוואוסט. נאָש בראָט האָט זיך געהאַט אונזערע גאַנץ באַזונדערע פאַרגעניגענס.

אַ שטייגער ווינטער, אַז מ'האָט גוט אָנגעהייצט די הרובע (אויוועז), און ס'איז געווען גוט וואַרים אין שטוב, און מען איז געזעסען מיט דער פּלייצע צו דער וואַנט־חרובע, און געקנאַקט סעמעטשקעס, אָדער גאָר געשיילטע ברוקווע, אָדער באָב פונ'ם טשאָלענט אַרוים און פאַר־טרונקען מיט טעה און אויב נאָך מיט וואַרעניע (דזשעלי)— איז דאָך טאַקע געווען אַ גרוים פאַרגעניגען. און זומער אַז ס'איז געווען שטאַרק היים איז אויך אָהן סכנה — האָט מען אַביסעל אונטערגעשוויצט, געפּאַכעט מיט דער נשמה. דערויף האָט דאָך גאָט געגעבען זומער אויף דער וועלט. וואַס־זשע די ווינטערדיגע פּרעסט, שנייען און קעלטען זיינען בעסער? דערפאַר אָבער אַז ס'איז געקומען אַ זומערדיגער שבת נאָכ'ן טיש, האָט מען געמאַכט אַ בינטעל פונ'ם שבת'דיגען שלש־סעודות, און זיך אָוועקגעלאָזען מיט די בני בית אַרוים פון שטאָט. זעהר ווייט צו געהן איז ניט געווען. מען האָט זיך דאָרט אויסגעלייגט אויפ'ן גראָז, און אַמאָל אונטער אַ בוים אויך, אַז ס'איז געווען, און געכאַפּט אַ געשמאַקען שלאָף און נאָכ'ן שלאָף האָט מען געפּראַוועט דעם שלוש סעודות און פאַרטרונקען מיט דעם מיטגענו־מענעם מעהד, אָדער מיט קאַלטע פרישע קוואַל־וואַסער. איי, אַ גאַנצע וואָך? ווער האָט עס עפּעס אין דער וואָכען אין זינען פאַרגעניגען?

און מיינט איהר, אַז דאָ אין אַמעריקע האָבען מיר זיך ניט פאַרשאַפט קיין פאַרגעניגען? דוקי יאָ. כמעט יעדען זונטאָג פלעגען מיר אויספאָרען. אַמאָל קיין נאָרט ביטש און אַמאָל קיין פאַרד דזשאָרדזש און קיין קאָנאַרסי אויף פּיק־ניקס און אַמאָל אפילו קיין קוני איילאַנד אויך. אָבער קאָנטרים, שמאָנטרים, ווען מען איז עס עפּעס אַזעלכע זאַכען געלעגען אין זינען? מיר — אפילו אין דער ליבקער פּאה אויך ניט. ווען ניט די פּייפערס, וועלכע איך פלעג שפּעט־

לאַך אין אָווענט קויפען צוויי פּאָר אַ פּעני, וואָלט איך גאָר ניט געווען געזוואוסט, אַז אין אַמעריקע איז פאַראַנען קאַנטרים, מיט האָטעלען, מיט בתי מדרשים און אפילו מיט מקות כשרות לכל בנות ישראל. ביז — ויהי. איהר געדענקט דאָך נאָך אודאי וואָס דער רבי האָט געזאָגט: וואו ס'שטעהט אַ „ויהי", איז אַ צרה.

אין אַ זעהר קאַלטען, ווינטערדיגען אָווענט, שוין אַ היבש ביסעל שפּעטלאָך, האָב איך פעסט פאַרמאַכט מיין שאַפּ און זיך אַרויפגעכאַפּט אין הויז אַריין. איך האָב זיך אַביסעל אַרומגעוואַשען און זיך גענומען צו דער אַכילה. מיין ווייבעל זאָל לעבען, האָט מיר אונטערגעטראָגען אַ טעלער, אויף וועלכען ס'האָט זיך געפונען אַ היבש ביסעל גריכישע סאַלאַד. אויסגעלייגט איז דאָס געווען אויפ'ן טעלער אַזוי קונציג, טאַקע נאָר אַזוי ווי זי קען. אַ חידוש איז מיר אַפילו געווען, פאַרוואָס ניט עפּעס היינט אויך אַ יוך אָדער אַ ראָסעל מיט אַ לעמעשקע, אַ קרויט מיט מאַמעליגע צי גאָר טייגלעך מיט פאַסאָלעס ווי אַלע מאָל. די קשיה האָב איך מיר געפּרואווט אַליין צו פאַרענטפערן: אודאי געווען ביזי, געוואַשען, געראַמט אָדער גאָר גענייט מלבושים'לעך פאַר אונזערע מיליאָנדלעך. און אַזוי טראַכטענדיג האָב איך מיך צוגעכאַפּט צו דער אכילה און בין גרייט געווען דערמיט זיך זאַט אָנצועסען. אָבער בשעת איך האָב נאָך ניט פאַס־פּייעט אַ העלפט דערפון אין זיך אַריינצופּאַקען, רופט זיך אָן צו מיר מיין ווייבעל מיט איינעם פון איהרע ליבליכע שמייכלען: נאַרעלע, פאַר וואָס עסטו זיך עפּעס אָן מיט'ן פאַרשפּייז? דו ווערסט דאָך קיין הנאה ניט האָבען פון די וואַרעניקעס. און זאָגענדיג דאָס דערלאַנגט זי מיר אַ היבשע שיסעל מיט וואַרעניקעס, אָבער טאַקע וואַרעניקעס פון וואַרעניק לאַנד, טאַקע נאָר אַזוי ווי זי קען, אַז זי וויל. פעטט להבדיל, ווי חזירים, ממש געשוואומען אין שמאַלץ.

איז מיר שוין ווידער אַ וואונדער געווען, חנוכה איז שוין געווען נאָך לעצטען חודש, און דעמאָלט האָט זי קיין

וואַרעניקעס ניט געמאַכט, כאָטש איך האָב זי געבעטען. ס'איז אַ שטיק אַרבייט, האָט זי מיר אַ תירוץ געגעבען. און היינט אין אַ פראָסטען טאָג האָט זי זיך די מיה גענומען און געמאַכט וואַרעניקעס, און נאָך אַזעלכע דערצו.

עסענדיג האָב איך זיך געמאַטערט אַ תירוץ אויף מיין קשיה צו געפינען און ניט געקענט און טאַקע געמוזט אָנקומען צו איהר, מיין ווייבעל. זאָג מיר, מאַמענקע, אַזוי רוף איך זי נאָך היינט אויך, ווי קומט עס עפּעס, וואָס דו האָסט עפּעס היינט מיר געמאַכט וואַרעניקעס, האָב איך איהר געפרעגט מיט אַ שמייכעל. ווייל וואַרעניקעס מאַכען, פלעגט זי זאָגען, מאַכט זי נאָר צוליב מיר, זי אליין קען זיך אָן דעם באַגעהן.

— וואָס-זשע, האָסט עס דען ביי מיר ניט ווערט? און אויף איהר שעהנעם פאַרפלאַמטען פּנים איז געווען אויסגעשפּרייט אַ ליבענסווירדיגער שמייכעל און געפּרואווט מאַכען אַן ערנסטע מינע. איך האָב אויך אין שיסעל אַריינגעשמייכעלט און זיך געטראַכט דערביי, אוי די וואַרעניקעס וועלען מיך שוין אַוודאי קאָסטען אַ דרעס (אַ קלייד) און אפשר אַ מאַנטעל, און אפשר גאָר נאָך אַ העט.

און אַז מיין ווייבעל האָט געזעהן כי טוב לבי ב'וואַרעניקעס, רופט זי זיך אָן צו מיר:

— הערסט, טאַטעלע, איך וויל פאָרען אין קאָנטרי, הערסט?

אויסהערענדיג איהרע ווערטער, האָט מיר אַ טיאָכקע געטאָן אין האַרצען און באַלד האָבען זיך בייזע מחשבות אין מיין קאָפּ אַריינגעכאַפּט. איך האָב גערעכענט, ניט אַנדערש ווי אַז מיין ווייבעל איז פּלוצלינג חסר דעה (גערירט פון זינען) געוואָרען. דער מעסער מיט'ן גאָפּעל האָבען זיך מיר פון די הענט אַרויסגעגליטשט און אַ ביז-צום טויט דערשראָקענער האָב איך שוין מיין אומגליק באַקלאָגט. מיין ווייבעל האָט מיין פאַרצווייפלונג באַלד באַמערקט, האָט זי פאָרטגעזעצט אָבער שוין מיט אַ גאַנץ אַנדערער מינע

און טאָן.

— וואָס איז? וואָס האָסטו זיך אַזוי דערשראָקן? זעה נאָר, זעה, קוים פיהלט ער אַז ס'וועט איהם דאַרפען קאָסטען עטליכע טאָלער, איז ער אַ טויטער געוואָרען, די נשמה איז איהם ממש אַרויס.

אַז איך האָב דערהערט די ווערטער פון איהר מויל, בין איך צו זיך געקומען און געפיהלט אַזוי ווי אַ שווערער שטיין וואָלט פון מיין האַרץ אַרונטערגענומען געוואָרען וואָרים אַזעלכע טענות פון איהר זיינען ביי מיר שוין קיין נאָווינע ניט געווען.

— מאַמענקע, האָב איך מיך אָנגערופען צו איהר מיט אַ געמאַכטען גוטמוטיגען שמייכעל: גאָט איז מיט דיר! אין אַזאַ קאַלטען און שטורעמדיגען וועטער, ווען דער שניי גרייכט ביז איבער די קני דאָ אין שטאָט און ס'איז אַן עבירה אַ כלב אויפ'ן גאַס אַרויסצולאָזען, ווילסטו גאָר אַצינד פאָרען אין אַ קאָנטרי?

— ווער זאָגט דען, אַז איך וויל אַצינד פאָרען?

— ווען דען ווילסטו פאָרען? האָב איך זי געפרעגט.

— וואָס הייסט ווען? אם ירצה השם זומער, האָט זי נאַאיוו געענטפערט.

— נו, אַז דו ווילסט זומער פאָהרען אין קאָנטרי האָסטו באַדאַרפט היינט מאַכען וואָרעניקעס? האָב איך איהר לאַכענדיג געזאָגט.

— אמת, פאָרען אַצינד וויל איך טאַקע ניט, נאָר וויסען דאַרף איך יאָ אַצינד.

— פאַר וואָס עפּעס דאַרפסטו אַצינד וויסען?

— כ'וועל דיר זאָגען: שפּרינצע גיטל שווינדעלמאַן, די גראָסערי ליידי, קענסטו דאָך, האַ?

— פון וואַנען קום איך זי צו קענען? — האָב איך מיין ווייבעל געפרעגט.

— וואָס־זשע ווילסטו מיר זאָגען, אַז דו האָסט ניט געקענט רחמיאל לעמלן דעם טרובאַטשניק מיט'ן רויטען

ציגענעם בערדעל און מיט דער בראָדעווקע אויף דער שפּיץ נאָז און אַז ער פלעגט ריידען פלעגט איהם שפּריצען פונ׳ם מויל און פון זיין נאָז פלעגט תמיד קאַפּען. און זי די טרובאַטשניטשקע האָסטו דען ניט געקענט, וואָס מ׳האָט זי חושד געווען, אַז זי האָט פאַרשפּעטיגט מיט איהר חתונה — צו זעקס חדשים האָט זי געהאַט אַ צווילינג, צוויי יונ־גאַטשעס. איי, זאָלסטו זיי איצט זעהן! ביידע געהן אין קאָלעדזש.

— אויף וואָס שטודירען זיי? האָב איך זי אַזוי סתם אַ פרעג געטאָן.

— וואָס הייסט אויף וואָס? אויף רייסערס, האָט זי מיר געענטפערט.

— וואָס הייסט רייסערס? פון אַזאַ מין שטודיום האָב איך נאָך ניט געהערט.

— וואָס פאַרשטעהסטו ניט, נאַרעלע, איינער שטודירט אויף דענטיסט, וועט ער רייסען ציינער, און דער אַנדערער שטודירט אויף לאָיער וועט ער רייסען די הויט.

— נו, פרעג איך איהר, וואָס־זשע האָט דאָס צו טאָן מיט דיר און מיט דיין קאַנטרי פאַרעניש.

— הערסט, זאָגט זי, טאַקע זיי מיין איך דאָך. זי, די רחמיאל־לעמליכע, די טרובאַטשניטשקע, מיסעס שווינדעל־מאַן, איז מיין גראָסערי ליידי און ער, רחמיאל לעמיל, דער טרובאַטשניק, מיסטער שווינדעלמאַן, איז מיין גראָסערימאַן. וואָלסט זיי אַצינד זעהען וואָלסטו זיי גאָר ניט דערקאָנט. זי איז אַ גאַנצע ליידי אָנגעשפּיגעוועט מיט דימאַנטען, און ער, רחמיאל לעמיל אַ גאַנצער פּריץ. די טרובע מיט וועלכער ער פלעגט אונז און די אַנדערע שכנים לעכערען דעם מח, האָט ער שוין לאַנג אַוועקגעוואָרפען און פון זיין רויטען ציגענעם בערדעל איז שוין קיין שריד ופליט ניט געבליבען, אַפילו זיין באַוואַקסענע בראָדעווקע פון דער שפּיץ נאָז האָט איך געמופּט, נאָר דאָס שפּריצעניש פונ׳ם מויל און דאָס קאַפּעניש פון זיין נאָז — מיט די צוויי שעהנע מעלות וויל

ער זיך ניט שיידען.

— זיי האָבען דאָך אַ מיידעל אויך געהאַט, האָב איך מיין ווייבעל אַ פרעג געטאָן.

— אָט טאַקע דאָס וויל איך דיר זאָגען: געדענקסט דאָך אַודאי זייער טעכטעריל שלומע זעלדעלע, וואָס אפילו זומער אין די גרעסטע היצען, ווען אַלע בלאָטעס און פּאָ־טיקעס (לוזשעס) זיינען שוין געווען פון לאַנג אויסגעטרי־קענט, איז ביי איהר אונטער'ן נעזעל אַלץ געווען נאַס. מען רופט זי סאַלאַמיטע. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ גרויסען פּאָליטישען. און נדן האָבען זיי איהם ממון קרח געגעבען. מ'זאָגט אויף זיי, די שווינדעלמאַנס, אַז זיי זיינען אָנגע־שטאָפּט מיט גאָלד. ס'איז אַ סברה, אַז זיי האָבען אַן אייגע־נע הויז אין בראָנזוויל און טאַקע זייער איידעם, דער גרוי־סער פּאָליטישען האָט אַ שוואָגער, וועלכער האָט מיט זיינעם אַ שוואָגער בשותפות געקויפט אַ פאַרם, טאַקע ניט וויט פון דאַנען, פון ניו יאָרק, אין קאָנעקטיקוט סטייט, און זי, מיין גראָסערי לײדי, האָט זיי געבאָרגט געלד אויף פּראָצענט און ס'איז גאָר אַ סברה, אַז זי איז אַ שטיק שותפ'טע אויך. טאַקע דערפאַר זוכט מיין גראָסערי לײדי זיי צו צושאַרען באָרדערס אויפ'ן זומער. איי, זאָלסטו הערען, זי קען די פאַרם גאָר ניט גענוג אָפּלויבען. זיי האָ־בען אייגענע קיה, פּוטער, קעז, סמעטענע; אין זוויער־מילך וועט מען זיך ממש קענען באָדען. הײנט הינער מיט הענער האָבען זיי וואָס לעגען יעדען טאָג אַ גוזמא אייער.

— פלאי פלאים, בין איך איהר, מיין ווייבעל, אַריינ־געפאַלען אין די רייד, אַז הענער זאָלען לעגען אייער הער איך דאָס ערשטע מאָל אין מיין לעבען.

— ניין, — לאַכט זי פון מיר, — די הינער לעגען אייער.

— אויב אַזוי, איז שוין רעכט, — זאָג איך.

— און אחוץ דעם, וואַקסט אין זייער אייגענעם גאָרטען טאָמייטאָס, סאַלאַט, רעטעכלעך, ציבעלקעלעך, קנאָבעלעך. און די סלינע רינט איהר ממש פון מויל אויסרעכענענדיג

די טייערע זאַכען.

געטראַכט האָב איך: נו, אַצינד ווייס איך שוין, פאַר־וואָס ס'ציהט אַזוי מיין ווייבעל צו דער פאַרם. מיין ווייבעל זאָל לעבען, פאַרשטעהט איהר מיך, איז אַ רומענישע און וועלכע רומענישער איז ניט קיין בעלן אויף אַזעלכע נאַשערייען.

— און אַ הויז זאָלסטו זעהן, דערצעהלט זי ווייטער, אַ קעניגליכער פּאַלאַץ! דער פּרעזידענט מעג אין דעם וואהנען. ס'האָט אַ פאַרטש פון פאָרענט און אַ פאַרטש פון הינטען און קאַטעדזשעס זיינען פאַראַן. און מיר מיט די קינדערלעך זאָלען לעבען וועט ער אָפּגעבען אַליין אַ קאַטעדזש, און וועט מיר רעכענען ניט מעהר ווי צעהן דאָלאַר אַ וואָך לאָזשי. און אויף קאָכען וועלען זיי מיר געבען אַ פּלאַץ ביי זיי אין קיך, און אויף שבת וועלען זיי פאַר מיר שיקען אין שטעטעל אריין שחט'ן אַ טשיקען. זיי פאָרען סיי־ווי־סיי אַלע מאָל אין שטעטעל אריין. זיי האָבען אַן אייגענעם אָטאָמאָביל אויך. און סקוטשנע וועט מיר דאָרטען ניט זיין, וואָרים מיסעס קנאָבעלגרוך מיט איהרע צוויי שוועגערינס מיט אַ קוזינע און מיט אַלע זייערע קינדערלעך וועלען דאָרטען לאָזשירען. אַפילו ליטוויטשקעס, נאָר זעהר פיינע פּרויען. און מיסעס רעכטמאַן און מיסעס אייזעלקאָפּ מיט זייערע שוועסטער און קינדער וועלען אויך דאָרטען זיין. זיי זיינען גאַליציאַנער. נו, רעגענט מיר אַריין אין סוכה. מיסעס שווינדעלמאַן האָט מיר געזאָגט, אַז עס וועט דאָרטען זיין אַ גאַנצער באַנטש רומענישע אויך און איך וועל מיך פיהלען ווי צווישען אייגענע. נו, וועסטו מיך שיקען? — האָט זי מיך מיט אַ רחמנות־פּנים געפרעגט.

— געווים וועל איך דיך שיקען, האָב איך איהר שמייכלענדיג געענטפערט.

— נאַרסט מיך ניט? האָט זי מיך ווידער מיט חשד געפרעגט.

— ניין, האָב איך ערנסט געענטפערט.

— זעה זשע, איך האַלט דיך ביים וואָרט, זאָלסט ניט חרטה האָבען, האָט זי מיר מיט אַ וואָרנונג געזאָגט.

— איך בין אַ סוחר און חרטה איז ניט מעשה סוחר, האָב איך איהר קורץ און שאַרף געזאָגט.

און פון יענעם אָוונט אָן האָט מיך מיין ווייבעל גע־קעכעלט און געצערטעלט און ממש אַ קיהל ווינטעל אויף מיר ניט געלאָזט בלאָזען. אַלע מאָל האָט זי מיר אונטערגע־טראָגען ווייזען אַ ציצענע קלייד פאַר זיך, און עטלעכע קליידלעך און הייזקעס און סוועדערלעך פאַר אונזערע מי־ליאַנדלעך און מיר זאָגענדיג דערביי: זעהסט, טאַטעלע, מ׳וועט צונויז קומען אין דער קאַנטרי. איהר שעהן פנים פלעגט שטראַהלען פון פרייד און איך פלעג איהר ענטפערען מיט אַ האַרציגען קוש.

יאַהרען רוקען זיך, חדשים קריכען, וואָכען געהען און טעג לויפען. און אַזוי איז דאָס שטיקעל ווינטערדיגע ספרינג־צייט אַוועק. „און גאָט האָט אַרויסגעצויגען די זון פון איהר פוטער־פאַס" און האָט געמאַכט אַ נישקשה׳דיגען הייסען זומער. און אַזוי ווי מיין ווייבעל מיט אונזערע מי־ליאַנדלעך זיינען שוין געווען פאַלקאָם אויסגעשטאַטעט, איהרע כלי־זין און קלאָפּערגעצייג זיינען שוין געווען פון לאַנג איינגעפּאַקט, — האָב איך זי מיט די מיליאַנדלעך, מיט די טשעמאָדאַנטשיקעס אַריינגעזעצט אין פּיאַקער און אַוועקגעפיהרט צום שיף און — ויסעו מ׳ניו־יאָרק וילכו לפּאַרם.

מילא, וואָס זי און די קינדער זיינען זיך אויסגעשטאַנען, ביז זיי האָבען זיך אויף דער פאַרם דערזעהן, פון דעם בין איך שפּעטער געוואָר געוואָרען, און איך וועל עס אייך אויך דערצעהלען, ווארים איך שעהם מיך ניט מיט אַזעלכע פּאַסירונגען, אַזוי ווי זי, מיינע זאָל לעבען.

אויפ׳ן פערטען טאָג האָב איך פון איהר באַקומען דאָס בריוועל, וואָס זי האָט דיקטירט, און דער עלטסטער פון די מיליאָנען, דער באַיטשיק, האָט געשריבען. און געשריבען

האָט ער ווייס איך נאָך היינט אויך ניט וואָס. וואָרים ווער האָט דען דאָס בריוועלע געקענט לייענען? איך ניט. און אפשר דענקט איהר, אַז איהר וואָלט יאָ געקענט — אדרבא, זייט זיך מטריח, און אויב ס'וועט אייך געלינגען, בין איך אייך מבטיח, אַז איהר וועט ווערען אָנערקענט.

אין אַ פרייטאָג בין-השמשות, איך בין היינט ניט זיכער, אויב ס'איז געוועזען איידער איך האָב געזאָגט שיר השירים אָדער נאָך דעם, — שפּאַנט אַריין אין מיין שאַפּ אַ הויכער און ברייטביינינגער איד מיט אַ „העלאָו" און כמאַליעט מיר אַריין אַ שלום-עליכם טאַקע נאָר ווי אַזאַ איד קען, און רופט מיך אָן ביים נאָמען אויך. איך האָב איהם אויף זיין באַגריסונג געענטפערט, נאָר ביי זיין נאָמען האָב איך איהם ניט אָנגערופען, ווייל איך האָב זיין נאָמען ניט געוואוסט. חוץ דעם האָב איך איהם ניט געקענט אויך. ער האָט דאָס גלייך באַמערקט און האָט מיך אַ פאַרוואונדערטער אַ פרעג געטאָן:

— וואָס-זשע, איהר קענט מיך ניט?

— איך קען אייך, דאַכט זיך יאָ, נאָר איך האָב אַ שוואַכען זכרון אויף נעמען. — מיט דעם תירוץ האָב איך מיך פאַרענטפערט.

— מיין נאָמען איז פּעטמאַן. איך בין אַ פּעינטער. איך האָב אַ בעיסמענט טאַקע דאָ ניט ווייט פון דאַנען, אין סעקאַנד עוועניו.

— אַי עם פּליזד טו מיט יו, מיסטער פּעטמאַן. מיט וואָס קען איך אייך דינען? — האָב איך איהם מיט אַ געמאַכטען פריינדליכען טאָן געפרעגט.

— מיך ניט, נאָר טאַקע אייך אַליין — האָט ער געענטפערט.

— וואָס מיינט איהר דערמיט?

— איך מיין פּשוט. אַזוי ווי איך געה באַלד פאָהרען צו מיין אידענע אויף דער דאַטשע, און אייערע איז אויך דאָרטען, טאָ זאָלען מיר פאָהרען זאַלבענאַנד, וועט זיין

היימליכער. איהר ווייסט דאָך ווי מ׳זאָגט: אין צווייען איז שטאַרקער.

— וואָס-זשע טוט מען מיט די ביזנעס? — פרעג איך ביי איהם.

— אַ שפּאַס די גרויסע ביזנעס, וואָס מ׳טוט אַצינד! און אַז אפילו יאָ, איז דען נישט כדאי צוליב אַ ווייב און קינדער, כאָטש איינמאָל אין יאָהר צו זיין אַ שומר שבת. איבערהויפּט, אַז עס שטעהט כמעט גאָרנישט פאַר צו פאַר־לירען. קומט, — האָט ער מיך צוגערעדט.

איך האָב מסכים געווען. באַלד אַרויף אין הויז און אויף זיך אַרויפגעשלעפּט די בעסטע פון די שבת׳דיגע מלבושים. מיר זיינען אַוועק צום שיף און — ויסעו מ׳ניו־יאָרק וילכו לפאַרם.

אויף דער שיף האָבען מיר גוט פאַרבראַכט ביי אַ גוט גלעזעל משקה (הלואי איצט געזאָגט געוואָרען!). צומאָר־גענס גאַנץ פריה, מיט׳ן טאָג גלייך האָט די שיף געלאַנדעט אין נאָרוויטש.

דאָרט האָט אונז גענומען אַ היבש ביסעל צייט און גע־נוג מיה געקאָסט, ביז מיר האָבען אויפגעזוכט דעם פּלאַץ און אויסגעפונען די קאַר, וועלכע האָט אונז ווי מיט אַן אַקסען-געשפּאַן אַוועקגעשלעפּט קיין ווילעמענטיק, אַ קליין שטעדטעל. דאָ האָבען מיר ווידער געוואַרט און געוואַרט ביז מיר האָבען זיך דערוואַרט אויף אַ קאַר, וועלכע האָט מיט איהר שנעלקייט ניט געקענט פיל קאָנקורירען מיט דער פריהערדיגער. די דאָזיגע קאַר האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ פּוסטען אָרט און האָט אונז פּאַסאַזשירען, איך מיין מיך מיט מיין קאַמעראַד, ווייל אַ חוץ אונז איז קיינער אין קאַר ניט געווען, געבעטען מחילה אַרונטערצוגעהן.

דער קאָנדוקטאָר האָט זיך מיט זיין פּוסטער קאַר צו־ריקגעקערט, און מיר זיינען ווי אָרימע, עלענדע, פאַרלאָזענע יתומים געבליבען שטעהן אויף דעם פּוסטען פּלאַץ. מיר האָבען זיך נאָכגעפרעגט וועגען דער פאַרם ביי עטליכע פאַר־

געהער און פאַרבייפאַהרער, אַבער קיינער פון זיי האָט פון אַזאַ פאַרם ניט געוואוסט.

ענדליך איז אָנגעקומען אַ מענש, ס'הייסט מיר האָבען זיך משער געווען, אַז ס'איז אַ מענש, וואָרים אויסגעזעהן האָט ער ווי אַ שד: פון קאָפּ ביז די פים איז ער געווען באַדעקט מיט אַ דיקען שטויב אַזוי, אַז מיר האָבען אפילו זיין צורה ניט געקענט אַרויסזעהן. דעם דאָזיגען שד־מענש האָבען מיר אָפּגעשטעלט, און ער האָט אונז דעם וועג געוויזען.

— ס'איז עפּעס ווייט פון דאַנען? — האָב איך ביי איהם געפרעגט.

— גענוג ווייט — איז זיין קורצער ענטפער געווען.

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי אַזוי קענען מיר אַהינצו קומען? — האָט איהם מיין שותף אַ געפרעגט.

— ר' קרוב, איהר ווייסט מיט וואָס שלום־עליכם'ס המן איוואַן איוואַנאָוויטש האָט געהייסען געהן? אויב איהר ווייסט ניט, וועל איך אייך זאָגען: מיט די רגלים. און דערמיט וועט איהר במחילה אויך מוזען געהן.

קיין ברירה האָבען מיר ניט געהאַט, האָבען מיר זיך געלאָזען געהן אויפ'ן אָנגעוויזענעם וועג.

אָבער געהן האָבען מיר כמעט ניט געקענט, ווייל די דאָרטיגע געוועזענע בלאָטעס, מיט וועלכע אפילו קאַסריי־לאָווקע וואָלט זיך ניט געהאַט וואָס צו שעמען, זיינען שוין לאַנג פון דער ברענענדער זון געווען גוט דורכגעטריקענט, און פון די אויטאָמאָבילען און וועגענער אויף גאַנץ דינעם שטויב צעמאָלען. דער שטויב האָט זיך ביי יעדען בלאָז פון אַ ווינטעלע און ביי יעדען פאַרביילויפענדיגען אויטאָמאָביל אויפגעהויבען ווי אַן עמוד הענן. אַזוי אַרום האָבען מיר זיך אָפּגעשלעפּט עטליכע שעה צייט צווישען צוויי עמוד הענן'ס: איינער פאַר אונז און איינעם הינטער אונז; און ניט חלילה אַזעלכע, וועלכע האָבען באַגלייט אונזערע אָבות ביים אַרויסגעהן פון מצרים — ניין, דאָס זיינען געווען

פּשוט'ע וואָלקענס פון געדיכטען שטויב, וועלכער האָט זיך ווי אַ פלאַכטע געלייגט אויף אונזערע מלבושים און אויף אונזערע פאַרשוויצטע פנים'ער האָט ער זיך אין אַ שיטערער בלאָטע פאַרוואַנדעלט.

ענדליך האָבען מיר דערזעהן אַ פּלאָקען, פון וועלכען ס'איז אַרונטערגעהאנגען אַ סאַין (אַ שילד). אויף דער סאַין איז געווען אָנגעשריבען מיט קרומע, צעדרעהטע, האַלב-אָפּגעמעקטע בוכשטאַבען דער נאָמען פון דער פאַרם און די נעמען פון די פאַרמערס. און אַ ניט זעהר אַרטיסטיש געמאָלענע האַנט האָט געוויזען דעם וועג צו זייער מאַיאָנטעק.

נעהמענדיג זיך געהן אויף דעם אָנגעוויזענעם וועג, האָבען מיר זיך ניט געקענט געננוג אָפּ'חידוש'ן. די זון האָט געברענט ווי אַ קאַלך-אויווען, אַלעס אַרום אונז איז געווען פאַרטרוקענט און פאַרברענט — און דאָ ליגט זיך אויסגעשפּרייט אַ בלאָטע מיט אַ לוזשע, און חזירים מיט חזירימ'לעך לאָזען זיך אין איהר וואוילגעהן, ממש ווי אין אַ פאַרפּסח אין סלאָבאָדקע אָדער, להבדיל, ווי אין קאַסרילאָווקע גופא. אויסמיידען די בלאָטע מיט דער לוזשע האָבען מיר ניט געקענט. און דערפאַר טאַקע האָבען מיר, ניט פאַר אייך געדאַכט, מיט אונזערע ווייסע ספּאָרט-שיך געטאָפּטשעט פון אַ לוזשע אין אַ בלאָטע און פון אַ בלאָטע אין אַ לוזשע. און די שיטערע בלאָטע האָט זיך פאַרשטעהט זיך, כאָטש אָהן ערלויבעניש, פאַרקליבען אין אונזערע שיך...

נאָך פיל מיה און מאַטערניש זיינען מיר אויף דעם געוואונשטען פּלאַץ אָנגעקומען. צוקומענדיג צו מיין ווייב'ס אָנגעגעבענעם פּלאַץ מיט די וועראַנדעס (פּאָרטשעס), האָבי איך מיר מיינע אייגענע אויגען ניט געוואָלט גלויבען. איך האָב געמיינט, אַז איך האָב פאַרבלאָנזשעט אין מיין היימישען שטעדטעל קאַלבאַטשאַק און איך זעה פאַר זיך די שטעדטעלשע באָד, דערזעלבער בנין מיט אַלע פּיטשעווקעס, דו וואָלסט געמיינט, אַז דערזעלבער אַרכיטעקט האָט זיי ביידע געפּלאַנעוועט און דערזעלבער בילדער האָט זיי ביידע

געבוים. אַזוי קרום און צעפּוילט פון אַלטקייט מיט כמעט דעמזועלבען מיט-מאַך-באַוואַקסענעם, דריי-פּערטעל צעבראָ-כענעם שינדעל-דאַך, מיט דיזעלבע נידעריגע האַלב-צעפּאַ-לענע טירען און מיט די קליינע קרומע תּפיסה-פּענסטערלעך, און אויך ווי יענער היבשליך געבויגען צו מזרח-זייט. אַ פּאַרטש האָט די געביידע דווקא יאָ, נאַר, מ'שטיינס געזאָגט, אַלץ הייסט אַ פּאַרטש — עפּעס אַ נידעריג, צעבראָכען און צעפּוילט גאַניקעל, מיט צעבראָכענע טרעפּלעך, אויף וועלכע ס'איז אַ סכנה אַ פוס אַרויפצושטעלען, און אַ פּאָר צע-שפּאַלטענע ברעטלעך, וועלכע האָבען זיך אויף אַ פּאָר דורכ-געפּוילטע דרענגלעך קוים-קוים געהאַלטען. — דאָס האָט געדינט אַלס אַ דאַך פאַר דעם פּאַרטש. אַנשטאָט ראַקערס אָדער סתם בענקלעך, זיינען אויף איהם געשטאַנען צוויי לאַנגע, שמאַלע, היימיש-געמאַכטע הילצערנע בענק, ווי אין דער ווייבער-שוהל. די דאָזיגע „פּראַכטפּאַלע" ערטער זיינען געווען פאַרנומען פון זיבען צעקאַליעטשעטע פרויען, אַלע געבאַנדאַזשירט — ביי וועמען אַ האַנט, ביי וועמען אַ פוס און ביי וועמען דער קאָפּ, ביי אַ טייל אי די הענט, אי די פיס און ביי איינער פון זיי איז אַ חוץ די הענט מיט די פיס אויך דער קאָפּ געווען באַנדאַזשירט. איך בין שוין געווען אין ספק אויב מיר זיינען אויפ'ן ריכטיגען פּלאַץ. וואָרים ס'האָט דאָ אויסגעזעהן ווי אַ שפּיטאָל אָדער סתם אַ קאַליקע-אַנשטאַלט.

מיין שותּף האָט אַ פרעג געטאָן ביי די קאַליקעס אויף זיין „בעסערער העלפט". נאַר אַזוי ווי מיר האָבען ווי צוויי רוחות פון דער בלאָטע אַרויסגעקוקט, האָבען זיי איהם ניט דערקענט און איהם זיין נאָמען געפרעגט. קוים האָט ער זיי זיין ווירדיגען נאָמען געזאָגט, האָבען כמעט אַלע מיט-אַמאָל אויסגערופען : „יאָ, יאָ, אייער מיסעס איז אין בוידעם-שטיבעל ! " באַלד דערויף האָט זיך אין איינעם פון די פענסטערלעך באַוויזען אַ קנויל שמאַטעס, און דורך אַן עפענונג אין דעם קנויל האָט זיך דערהערט מיסעס פּעט-

מאַנ׳ס שטימע, רופענדיג איהר מאַן:

— שלוימקע! שלוימקע!

ער איז באַלד אַרויף זיך איבערצייגען, אויב אין דעם קנויל שמאַטעס געפינט זיך טאַקע זיין ביילע־ריווע.

איך בין געשטאַנען ווי אַ צעמישטער. צווישען די דאָזיגע קאָליקעס האָב איך מיין ווייבעל ניט געזעהן.

פלוצלונג — איך האָב ניט באַמערקט פון וואַנען — האָט זיך צו מיר צוגעקאַטשעט אַ נפש, און וואָלט איך דערויף ניט געזעהן אַ מענשען־קאָפּ און הערען אַ קול ווי פון אַ ריקבעט, וואָלט איך געמיינט, אַז דאָס איז אַ הונדערט־גאַלאָנדיגע פאַס. פון די ניט־פאַרבונדענע שיך־בענדלעך און פון דער ניט־זויבערער יאַקע און פון דעם ברודיגען פנים און צעפּאַטעלטע האָר אָנגעפּילט מיט פעדערען — האָב איך מיך משער געווען, אַז דאָס איז איינע פון די באַלעבאָסטעס.

— פון וואַנען קומט איהר, פון ניו יאָרק? — האָט זי מיך מיט אַ בת־קול געפרעגט.

— יאָ, — האָב איך איהר קורץ געענטפערט.

— איהר ווילט זיך דאָ ביי אונז אָפּשטעלען מיט באָרד און לאָזשי? — האָט זי ווייטער געפרעגט.

— ניין, מאַדאַם. דאָס ניט. — האָב איך איהר אויף איהר שאלה געענטפערט.

— פאַרוואָס עפּעס? ס׳געפעלט אייך ניט דער פּלאַץ?

—האָט זי מיט אַ באַליידיגטער שטימע געפרעגט.

— ניין, מאַדאַם. פאַרקערט, אייער פּלאַץ זעהט אויס צו זיין זעהר אַ גוטער, אָבער ניט פאַר מיר.

— פאַרוואָס עפּעס ניט פאַר אייך? — האָט זי אויף גיך געוואָלט וויסען.

איך האָב איהר ניט געזשאַלעוועט און געזאָגט אויך:

— ערשטענס, בין איך נאָך ניט קיין קאַליקע, און צווייטענס, בין איך אויך ניט קיין גרויסער שוטה, און דריטענס, בין איך דוקא ביי מיין פולשטענדיגען פאַרשטאַנד.

אויסהערענדיג דאָס, האָט זי פאַרקרימט איהר פּעפּער־

שעפּיגע נאָז און איז אַ באַליידיגטע אַוועק.

באַלד האָב איך דערזעהן מיין ווייבעל, אַרויסקומענדיג פון אַ שטאַל. איך בין איהר אַנטקעגען געגאַנגען און זי גערופען ביים נאָמען — אַז ניט, וואָלט זי מיך ניט געווען דערקענט, וואָרים איך האָב גיכער אויסגעזעהן ווי אַ שד, אַ נישט-גוטער, איידער איהר מאַן. איך האָב באַלד דער־זעהן, אַז זי איז מוכן ומזומן צו מאַכען אַ געוואַלד, דערפאַר האָב איך מיך אונטערגעאיילט.

— דאָס ביסטו, טאַטעלע ? — האָט זי מיך שטאַמלענ־דיג געפרעגט.

— יאָ, מאַמעלע, דאָס בין איך, דיין שאָץ... — האָב איך איהר לאַכענדיג געענטפערט.

— וועה איז מיר ! וואָס איז מיט דיר געשעהן, טאַ־טעלע ?

— דאָס אייגענע, וואָס ס'איז מיט דיר אודאי געשעהן, ווען דו ביסט אַהער געקומען, מאַמעלע ! — האָב איך איהר געזאָגט.

— קום אַריין אין קאַטעדזש, וועסטו זיך אַרומוואַשען. קערסט אודאי זיין הונגעריג אויך ? — און זי פיהרט מיך צום שטאַל, פון וועלכען זי איז נאָר וואָס אַרויסגעקומען.

— מאַמעלע, אמת, איך בין טאַקע ברודיג, אָבער קיין בהמה בין איך ניט. וואָס פיהרסטו מיך עפּעס אין אַ שטאַל אַריין ?

— ס'איז ניט קיין שטאַל, נאַרעלע, ס'איז אַ קאַטעדזש, —האָט זי מיך געגומען איבערשפּאַרען.

— הער מיך אויס, מאַמעלע, דו ווייסט, אַז איך בין געבוירען און אויפגעצויגען געוואָרען אין אַ דאָרף און איך ווייס וואָס ס'איז אַ קאַטעדזש און וואָס ס'איז אַ שטאַל.

— אמת, — האָט זי מיר געזאָגט. — ווינטער, ווען עס איז קאַלט און קיין באָרדערס זיינען נישטאָ, האַלטען די פּאַרמערס דאָ זייערע בהמות. אָבער זומער נויטיגען זיך די קיה, קעלבלעך און פערד אין קיין שטאַל ניט, פּאַרוואַנד־

לען די פאַרמערס די שטאַל אין אַ קאַטעדזש פאַר באַר־דערס. פאַרשטעהסט? — האָט זי מיך געפרעגט.

— נו, אויב אַזוי, איז רעכט — קום אין קאַטעדזש אַריין.

מיר זיינען אַריין אין קאַטעדזש. כאָטש די ווענט זיינען דאָ געווען פאַרהאַנגען מיט אַלערליי קאָלירטע פאַפּי־רען און ביליגע בילדלעך און מיט קאַלענדאַרען פון אַלע יאָהרהונדערטער, אָבער דער ריח און דאָס אויסזעהן האָבען עדות געזאָגט, אַז דאָס איז אַ שטאַל, און נאָך פון אַ אידישען פאַרמער דערצו.

מיין ווייבעל האָט אַריינגעבראַכט אַ קרוג וואַסער מיט אַ שיסעל. איך האָב מיך אָרומגעוואַשען, און זי, מיין ווייבעל, צוליב מיר, איהר גאַסט, האָט זיך אויך אָרומגעוואַשען. איך האָב ביי איהר געבעטען אַ בראַש (אַ באַרשט), זיך צו באַפרייען אַביסעל פון דעם שטויב. זי איז אַוועק צו די פאַרמערקעס נאָך אַ בראַש, אָבער צוריק איז זי געקומען מיט אַ בעזים.

— פאַרוואָס עפּעס האָסטו מיר געבראַכט אַ בעזים אַנשטאָט אַ בראַש? — האָב איך ביי איהר געפרעגט.

— ווייל די פאַרמערס ניט זיי האָבען און ניט זיי ניצען אַ בראַש.

ווען איך בין שוין געווען אַביסעל אָרומגעוואַשען און אָרומגעשייערט, האָב איך מיך צוגעזעצט האַרט נעבען מיין ווייבעל און זיך פריהער צעקושט און דערנאָך זיך צע־שמועסט מיט איהר. צווישען אַנדערעס, האָב איך איהר אַ פרעג געטאָן:

— זאָג מיר, איך בעט דיך, מאַמענקע, וואָס איז דאָ אַ שפּיטאַל, אַ לאַזאַרעט, מושב זקנות, אַ הקדש אָדער וואָס?

— וואָס־זשע, ווייסט ניט, זעהסט ניט, אַז דאָס איז אַ באָרדינג־הויז?

— פאַר ווייבערשע קאַליקעס, — האָב איך צוגעגעבען.

— ניין, — האָט זי געזאָגט, — ערשט היינט אינדער־פריה זיינען זיי אַזוי צע'מזיק'ט געוואָרען.

אויסהערענדיג דאָס, האָב איך געוואָלט פרעגען מיין ווייבעל די זעלבע קשיא, וואָס אַ חתן האָט געפרעגט זיין כלה. איהר האָט דערפון געהערט? אויב ניט, וועל איך אייך דערצעהלען. אויף אַזעלכע זאַכען בין איך אַ בעלן. הערט אייך איין.

אַמאָל האָט אַ קליין־שטעדטעלדיגער בעל־הבית פאַר־קנס׳ט זיין בת־יחידה צו אַ בחור פון אַן אַנדער קליין שטעד־טעל. אויף פורים האָט דער מחותן, אבי הכלה, איינגעלאַדען דעם חתן צו דער סעודה. אַריינקומענדיג אין הויז, האָט ער געטראָפען די כלה אַליין. „גוט מאָרגען אייך, שלימע־בלימע", האָט ער מיט צעקראָכענע ווערטער, קוקענדיג אַן אַ זייט, געזאָגט. „אַ גוט יאָהר אייך, רב בייניש בער", האָט זי איהם אַ פאַרשעמטע געענטפערט. איהם אונטערגעטראָגען אַ בענקעל און געבעטען זיצען, און זי אַליין האָט זיך אויך אַוועקגעזעצט, אַביסעל אָפּגערוקט פון איהם. ער האָט גע־שוויגען און זי האָט געשוויגען. ניט ער האָט געפונען פון וואָס מיט איהר צו ריידען, און ניט זי מיט איהם. האָבען זיי געגענעצט. נאָכדעם ווי זיי האָבען זיך אויסגעגענעצט, האָט זי געפּאַסט מוט און איהם מיט צעקראָכענע ווערטער געפרעגט: „רב בייניש־בער, ביי אייך אין שטעדטעל נעמט מען סאָלדאַטען?" „אַ גוזמא," האָט ער געענטפערט. „און ווי קומט עס, וואָס מען האָט אייך ניט גענומען?" „כ׳וויים", האָט ער מיט געצויגענע ווערטער געענטפערט און איז ווײי־טער שטיל געבליבען ווי אַ גולם. ער האָט געטראָטען מיט איין פוס דעם אַנדערען, זיך די פינגער געקנאַקט, אַ שוויים האָט איהם באַשלאָגען, מאַטערענדיג זיך אויף אַ המצאה פון וואָס און איבער וואָס ער זאָל מיט איהר פאַרפיהרען אַ געשפּרעך, און ניט געקענט געפינען. ענדליך איז אַ נס געשעהן — אַ טעמע איז איהם ווי פון הימעל אין קאָפּ אַריינגעפאַלען. ער האָט זיך אויסגעהוסט, אויסגעשנייצט די נאָז מיט צוויי פינגער און מיט דער רויטער פאַטשיילקע, וואָס די מאַמע האָט איהם מיטגעגעבען, זיך אָפּגעווישט,

און צו זיין כלה מיט אַט דער פראַגע זיך געווענדעט: „שלימע בלימע, ביי אייך אין שטעדטעל איז אויך געווען די כאָליערע?" „יאָ, ניט איצט געדאַכט", האָט זי געענט־פערט. „ס'האָט עפּעס פילע מענשען אויסגעקאַרענעיעט?" האָט ער ווייטער געפרעגט. „יאָ, זעהר פיל, אַ גוזמא, אָהן אַ שיעור", האָט זי געענטפערט. „ווי קומט עס, וואָס עס האָט אייך די כאָליערע ניט געכאַפּט?" — — —

אַזוי איז מיר אויסגעקומען מיין ווייבעל צו פרעגען. זי האָט אָבער פאַרכאַפּט און מיר אָנגעהויבען דערצעהלען, ווי אַזוי ס'איז געשעהן.

— ווייסט דאָך, אונזערע ווייבער, אַז זיי קומען אין קאַנטרי, זוכען זיי נאָר פּלעזשור. נו, איז וואָס קען זיין נאָך מעהר פּלעזשור ווי אַ מאַשין־ראַיד? האָבען זיך אַלע יענטעס צונויפגערעדט און זיך באַדונגען מיט איינעם פון די פאַר־מערס, אַז פאַר אַ דאָלאַר אַ פּאַרשוין זאָל ער זיי געבען אַ לאַנגען ראַיד. און ער, דער פאַרמערוק, האָט אריינגעפּאַקט גאַנצע אַכט יאַכנעס אין זיין קליינער, אַלטער, צעבראָכענער, צעלאָמעטער קאַטערינקע, און קוים איז ער נאָר מיט זיי אָפּ־געפאָהרען אַ שטיקעל וועג, האָט זיך זיין טראָלעלייקע אי־בערגעקרעט און אין אַ גרוב אריינגעפאַלען און פון זיי אַלע אַ לייט געמאַכט.

— נו, און איהם האָט דען ניט געשאַדט? — האָב איך געפרעגט.

— ניין. ער איז אַרוים אפילו אָהן אַ קראַץ. הלואי וואָלט ער כאָטש געווען זיין קאָפּ געבראָכען! — האָט זי צוגעלייגט. — פרעג גאָר ניט, וואָס ס'האָט זיך דאָ היינט אָפּגעטאָן. מ'האָט געבראַכט דאָקטוירים, מעדיצין, באַנ־דאַזשען, קוליעס, שטעקענס — און ס'וועט זיך ערשט טאָן!

— ווי קומט עס, וואָס דו ביסט ניט מיטגעפאָהרען? — האָב איך זי אַ פרעג געטאָן.

— וואָס־זשע, דו ווייסט דען ניט, אַז איך פאָהר ניט אום שבת? — האָט זי מיר מיט אַ טריאומף געענטפערט.

די זון האָט אונז שוין פון לאַנג געהאַט פאַרלאָזען, און די נאַכט האָט זיך צו אונז געטוליעט. אונזערע מיליאָנדלעך האָבען מיר שוין געהאַט אויפגעזוכט, און מיר האָבען זיך אַלע פאַרקליבען אין קאַטעדזש אַריין, וועלכער איז באַשטאַנען פון איין־איינציגען ניט־איבעריג גרויסען צימער. האַלטען אָפען די טיר האָט מען ניט געטאָרט, מחמת זייער קעלבעל און דעם שכנ׳ס חזירים פלעגען אַריינקומען אומגעבעטענערהייט. מיין ווייבעל האָט לכבוד מיר אויסגעווישט דאָס גלעזעל פונ׳ם קעראָסין־לאָמפּ, וועלכער האָט פון אַ באַלקען אין מיטען צימער אַרונטערגעהאַנגען. דעם גרויסען קאַסטען, אין וועלכען די פאַרמערס קלייבען אויף דעם אָפּפאַל פון די בהמות, האָט מיין ווייבעל מיט אַ טישטוך באַדעקט. זי האָט אַריינגעטראָגען פּוטער, אייער, קעז מיט סמעטענע, און מיר האָבען זיך גענומען פּראַווען די סעודה. צום עסען האָבען מיר געקענט נוצען נאָר איין האַנט, ווייל אין דער צווייטער האָבען מיר געמוזט האַלטען אַ וואַפע, אום די פליגען צו באַקעמפען. און פליגען זיינען דאָרט געווען מכל המינים, און גרויסע עזות־פּנים׳ער דערצו. זיי האָבען זיך ניט צופרידענגעשטעלט מיט דעם, וואָס זיי האָבען אונז געהאָלפען עסען פון די טעלער, זיי האָבען נאָך ממש אונזער פלייש אויך געגעסען.

צו פאַרלאָזען דעם שטאַל, איך וועל זאָגען דאָס דושנע צימער, אין וועלכען ס׳האָט זיך גאָר קיין געהויבענער גערוך ניט געפיהלט, איז אוממעגליך געווען, ווייל אין דרויסען איז געווען נאָך פינסטערער ווי אין מצרים אין די שלשת ימי אפלה, האָבען מיר געמוזט מלחמה האַלטען מיט די פליגען אינעווייניג.

איך בין געווען מיד און אויסגעמאַטערט פון דעם לאַנגען און זעהר ניט אָנגענעהמען שפּאַציר — האָב איך מיך געלייגט אויף דעם האַלב־צעריסענעם און גאַנץ פאַרפוילטען שטרוי־זאַק שלאָפען. קיין בערג און טאָלען האָבען אויף איהם ניט אויסגעפעהלט און האָט שוין געמעגט פון לאַנג

דעם באַרג מיסט באַצירען.

כאָטש איך בין געווען זעהר מיד, האָב איך דאָך ניט געקענט איינשלאָפען, ווייל דאָס קוועטשעניש פון דעם מאַטראַץ און דאָס בייסעניש פון די פליגען האָבען ניט דערלאָזען. וואָס מעהר איך האָב זיי ניט געלאָזען, אַלץ מעהר האָבען זיי זיך צו מיר געטוליעט.

אַרום האַלבע נאַכט, ווען איך און אפנים די פליגען אויך זיינען שוין געווען גוט אויסגעמאַטערט, און איך האָב גע־פיהלט, אַז אָט־אָט שלאָף איך איין, האָבען זיך די העַנער צעלאָזען מיט זייער העַנערישען קאָנצערט. זיי האָבען נאָך ניט באַוויזען צו ענדיגען, האָבען די קיה און קעלבער גע־נומען מרוקען, אויך די פערד מיט זייער הירזשען זיינען ניט געבליבען הינטערשטעליג, און די כלבים האָבען אויך גענומען אַ גרויסען אַנטייל אין דעם קאָנצערט. אַזוי גיך ווי זיי זיינען פאַרטיג געוואָרען, האָבען די פאַרמערס אַליין מיט זייערע פאַרמערקעס און העלפּערס זיך געלאָזען הערען. זיי האָבען זיך גענומען פורקען אַרום די קיה און פערד.

מיר זיינען אַרונטער פון אונזערע האַרטע געלעגערס, זיך אַרומגעוואַשען און זיך גענומען צום ברעקפעסט. דאָס מאָל האָבען מיר זיך שוין געקענט פאַרגינען צו נוצעןביידע הענט ביים עסען, מחמת די פליגען רוהען אפנים בייטאָג. באַלד נאָכ'ן עסען האָבען מיר אַלע גענומען אַ שפּאַציר אַרום דער פאַרם, אויסגעקוקט און זיך באַקענט מיט די פאַרמערשע פאַרמעגענס. קוים זיינען מיר אָפּגעגאַנגען אַ שטיקעל וועג, האָב איך באַלד געפונען אַ תירוץ אויף מיין קשיה, למאי אַלערליי אינסעקטען, ווי פליגען, שפּי־נען, קאָקורוטשעס, קנאָפּערס, נאָסטלאָך, וואַנצען, פליי און מוראַשקעס זיינען דאָרטען פאַראַן לרוב, און קיין איינ־ציגע מאָסקיטאָ (קאָמאַר) איז ניט צו זעהן און ניט צו פיהלען. און ווילט איהר אפשר וויסען פאַר וואָס? וועל איך אייך מגלה סוד זיין: אויף דער גאַנצער פאַרם איז ניטאָ קיין סימן פון גראָז אָדער פון אַ בוימעלע, — אַ

מדבר, אַ וויסטעניש, אַ היבשער באַרג מיט, איך בעט אייך מחילה, אָפּפאַל פון די בהמות, חיות און עופות, וועלכער איז ביי די פאַרמערס פאַר אַ גאַנצען אוצר פאַר־רעכענט. און טאַקע אין דעם אוצר האָבען זיך די שכנ׳ישע חזירים מיט זייערע משפחות, און די הינער מיט די העגער געפּורקעט. עטליכע צובראָכענע וועגענער, אַ קופּע אַלטע אייזען פון אַמאָל געוועזענע מאַשינען, צו־בראָכענע לאָפּעטעס, גראַבלעס (רעיקס), פעסלאַך, קאַס־טענס, צעובראָכענע, צוקנייטשטע און געלעכערטע בלע־כענע קאַנען, און נאָך הונדערטער און אפשר גאָר טוי־זענטער אַזעלכע ווערטפולע זאַכען האָב איך דאָרטען יאָ געזעהן, אָבער אַ גאָרטען — לא מיט אַן אלף!

צוריק קומענדיג פון אונזער שפּאַציר מיט אַ גוטען אַפּעטיט, האָבען מיר געגעסן דינער און זיך צוגעלייגט שלאָפען, דאָס מאָל אין דרויסען. זייענדיג זעהר מיד, בין איך גאַנץ געשמאַק איינגעשלאָפען. והנה חלמתי, אַז איך בין אַ מיליאָנער און אַ פּרעזידענט, ניט פון דער חברה אנשי בני יצמח, נאָר פון אַ גרויסען באַנק, און איך וואוין אין מיין אייגענער דאַטשע און אַ פּאַלאַץ, וועלכער איז אַרומגערינגעלט מיט וועלדער, אין וועלכע עס וואַקסען צעדער־בוימען ווי אויפן׳ באַרג לבנון, מיט פּרסדים, אין וועלכע עס וואַקסען מאַראַנצען, אַזוי ווי למשל אין יפו, און מיט שמעקעדיגע בלומען־גערטנער. איך ליג צווישען די קוסטעס בלומען אויף אַ העמאַק (העננ־בעטעל), וועלכע איז פון זייד און מיט גאָלדענע פּראַנזען באַפּוצט, און רויכער אַ קאָראָנע סיגאַר, און זעה ווי מיין וויבעל איז שעהן ווי אונזער מוטער שרה איז געווען, און געקליידעט איז זי ממש ווי אַ קעניגין, עס פינקעלט פון איהר אַרונ־טער די דימאַנטען און בריליאַנטען אַזוי ווי די זון, די לבנה מיט די שטערען, און זי דערנעהנטערט זיך צו מיר וואָס אַמאָל נעהענטער, און איך מאַך צו מיינע אויגען און מאַך זיך כלומר׳שט שלאָפעדיג. זי קומט צו גאַנץ

נאָהענט צו מיר, שטעלט זיך אויף די שפּיץ פינגער און בויגט זיך אַריבער דער פאַרענטשע פונ׳ם הענג-בעטעל און טוט מיר אַ האַרציגען קוש.

פון דעם קוש האָב איך מיך אויפגעכאַפּט מיט אַ וועה-טאָג, אַ צובלוטיגטער. ווייל דער קוש איז גאַרניט פון מיין ווייבעל געווען, זאָנדערן פון דעם פאַרמער׳ס קאַלב, וועלכע האָט מיט איהר ניט זעהר גלאַטיג צינגעל ניט נאָר די הויט, נאָר טאַקע דאָס פלייש פון מיין באַק מיטגעריסען. מיין ווייבעל האָט מיר מיין אָפגעשונדענע באַק מיט אַ פּאַטשיילע פאַרבונדען. איך האָב מיך מיט איהר און מיט אונזערע מיליאָנען אָפגעזעגענט, און מיט מיינע רגלים ווי פון אַ פייער אַנטלאָפען.

## אַ מציאה — אַ צרה צו פאַרקויפען

אַט אַזאַ מין טרעפעניש האָט זיך מיר אַליין, ניט פאַר אייך געדאַכט, געטראָפען, און איך ווינש ניט נאָר אייך, נאָר אַפילו אַלע גוטע גוים, זאָל זיך אַזאַ טרעפעניש ניט טרעפען. און ווען, מיינט איהר, האָב איך פאַר דער מכה אשר לא כתובה בתורה צו פאַרדאַנקען? וועמען אַלע מענער האָבען פאַר זייערע זיך אַליין גענומענע צרות צו פאַרדאַנקען. דאַכט זיך, אַלע יאָהרען געוואוינט אין ניו יאָרק, דאָון-טאָון, אָפּטאָון, אין בייסמענטס, טאָפּ-פלאָרס, ערשטע, צווייטע, דריטע און פערטע פלאָרס, ווער קען זיך עפּעס אַנ-געדענקען וואו איך האָב געוואוינט און וואו איך האָב ניט געוואוינט.

פאַר די אַלע וואוינענישען האָב איך ניט געהאַט קיינעם, אחוץ מיין אידענע זאָל לעבען, צו פאַרדאַנקען, מחמת זי איז בטבע אַ גרויסע קלייבערקע, ניט נאָר חלילה אויף דירות אַליין, נאָר ממש אויף אַלעמען. ביים בוטשער טאַפּט זי איבער אַלע טשיקענס ביז זי קאָן קיין איינציגע ניט אויס-קלייבען, און אַז זי האָט שוין יאָ אַמאָל איינע ביי איהם

אויסגעקליבען, פאַרשעלט זי איהם דערנאָך זיין געביין. אין פיש קראַם בלייבט ניט אַ פיש, וועלכער איז פון איהר ניט באַטאַפּט, באַקוקט, באַזוכט און אונטערזוכט און באַשמעקט געוואָרען. אין גראָסערי און מילך סטאָר, די אייער, ביים וועדזשעטייבל מאַן די טאָמייטאָס, פּאָטייטאָס, ציבעלעס — אַלעס קלייבט זי. מילא, אויף אַ דרעס, העט, שיך, און נאָך, און נאָך אַנדערע ווייבערשע צאַצקעס און מטלטלים, זיינען אייערע ווייבער און אַלע ווייבער גרויסע קלייבערקעס, אַבער צו איהר קומען זיי ניט. אַפּילו ווען זי איז נאָך געווען אַ מיידעל, איז זי שוין אַ קלייבערקע געווען, און איך האָב דאָס גליק געהאַט ביי איהר פון עטליכע טוץ בחורים אויס־געקליבען צו ווערען. נאָר אויף דירות איז זי שוין די גרעסטע קלייבערקע פון אַלע קלייבערקעס געווען. דאַכט זיך, בלויז איינע פון הונדערטער אויסגעקליבען.

איך האָב מיך צו ניט צו דעם און ניט צו עפּעס אַנדערש ניט געמישט, און קיין דעה ניט געהאַט און ניט געזאָגט. אַריינגעמופּט, און איך בין דערביי אַ היבש ביסעל פאַר־שוואַרצט און אויסגעריסען און אָרימער געוואָרען, און גע־מיינט אַז איך וויים שוין וואו איך וואוין, און קען אין פּאָסט אַפּים, אַ גוטען פריינד אָדער אַ קרוב מיין אַדרעס אָנגעבען, אַז זיי זאָלען אונז קומען באַזוכען און איך זאָל האָבען מיט וועמען אַ פּויקער אָדער פּינאָקעל צו מאַכען. ווייס איך וואָס! עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. און אַז איך האָב קוים פּאָספּעיעט דעם אויל־קלאָטה אָוועקצולייגען, די בילדער אויפצוהענגען, די טשערס און פלאָרס אָרומצופּעינטען, און מיינע בעבעכעס אויף אַ פּלאַץ, ניט חלילה אויף איין מאָל, — דאָס קענט איהר ביי איהר ניט פּועל'ען, און איך אודאי ניט, — נאָר פון פּלאַץ צו פּלאַץ אָרומגעשלעפּט און אָרומ־געטראָגען ביז גאָט און זי האָבען זיך אויף מיר דערבאַרימט און מיט איהר הסכמה אָוועקגעשטעלט, האָט שוין מיין אידענע אויף איהר נייער, פון איהר אַליין אויסגעקליבענער דירה, אַ פּאָר טוץ חסרונות אויסגעפונען, און זי האָט שוין

ווידער געקליבען. און אַזוי ווי קיין „טו־לעטס“, וועלכע זיינען מודיע, אַז אין די הייזער פּוסטעווען דירות, האָט קיין מאָל און היינט, ברוך השם, אויך ניט געפעהלט, האָט מיין ווייב זאָל לעבען געהאַלטען אין איין קלייבען און מופען. און איך האָב דערביי געהאַלטען אין איין פאַרשוואַרצט און אויסגעריסען ווערען. וואָרים איך וויים ניט אויב איהר האָט דעם טעם פאַרזוכט. איך קאָן אייך זאָגען, אַז קיין גרוים פאַרגעניגען איז עס ניט, און קיין כח און געזונט פון קריכען אויפ׳ן לייטער און זיך אַרומשלעפּען מיט טישען און בענק־לאַך און נאָך אַנדערע הונדערטער חפצים פון פּלאַץ צו פּלאַץ נאָך אַ שווערען טאָג אַרבייט, קומט קיין געזונט ניט צו. און חוץ לזה בין איך נאָך יעדען מופען אַ גרעסערער בעל חוב געוואָרען.

אַ שטיקעל ישועה איז אויף מיר דאָך געקומען. ווערענד די לעצטע עטליכע יאָהר, ווען ס׳איז געווען אַ גרויסער דוחק אויף דירות, און אַ פּוסטע דירה איז ממש געווען אַ יקר המציאות, האָט מיין ווייב׳ס קלייבעניש און מופעניש גע־ליטען אַ גרויסען קלאַפּ. אָבער ניט איך. פאַרקעהרט, איך בין דערפון זעהר צופרידען געווען, מיין רוקען אויסגעגלייכט, מיינע הענט און פים אויסגערוהט, און חוץ דעם האָט עס מיר די מעגליכקייט געגעבען זיך פון מיינע אָנגעקליבענע חובות צו באַפרייען. איך האָב דעמאָלט אַפילו געוואוינט אין אַ גאַנץ וואוילער דירה מיט אַלע באַקוועמליכקייטען, און בין זעהר צופרידען געווען, און וועגען מופען פון דאָרט איז מיר אין זינען ניט געקומען.

מיר טאָקע ניט, אָבער מיין אידענע איז עס שוין גאָר אין זינען געלעגען. זי האָט זיך דערפון געפיהלט ממש ווי אַ פיש אָהן וואַסער, אָדער להבדיל ווי אַ קאַץ אָהן אַ בוזעם־קעשענע.

אין אַ פאַרנאַכט בין איך פון מיין ביזנעס אַהיים גע־קומען, און טהו זיך אַ לאָז צו מיין ווייב, ווי תמיד, מיט אַ „גוד־איווניג“־קוש. טוט זי מיר אַ שטופּ אַוועק פון זיך מיט

אזאַ אימפּעט, אַז איך האָב, ניט פאַר אייך געדאַכט, שיעור העגט און פּיס געבראָכען. מיך האָט אַפּילו דער עסק פאַר־דראָסען, נאָר אַזוי ווי איך האָב ליב מיט מיין ווייב שלום צו זיין, איבערהויפּט איז עס גראַד געווען אין אַזאַ צייט ווען איך האָב מיט איהר געוואָלט שלום זיין, — טהו איך זי מיט אַ געמאַכטען גוטמוטיגען שמייכעל אַ פרעג:

— וואָס־זשע, ביסט מעד, מאַי דיער ליטל ווייפי?...

— געראַרע היר! — האָט זי מיר אַ בייזע, אַ קאָכעדיגע אויף מיין ווייכער פראַגע געענטפערט.

דאָס מאָל האָט מיך שוין שטאַרק פאַרדראָסען, און איך בין זיך מודה ומתודה: וואָלט עס געווען אין אַן אַנדער צייט, אָדער איך וואָלט געוואוסט פון עפּעס אַ סקעביכע, וועלכע וואָלט איהר שטעלע געוואָלט פאַרטרעטען, וואָלט איך גאָרניט געווען פאַרשוויגען. האָב איך זי ווייטער מיט דעם זעלבען שמייכעל אויף מיינע ליפּען אַ פרעג געטאָן:

— וואָס'ס די מעדער, מאַי דיער? וואָס ביסטו אַזוי בייז, אָנגעדרודעלט, אויפגעברויזט און אויפגעקאָכט? געהען אפשר דיינע ביזנעס ניט גוט? האָסטו אפשר דאגות פרנסה?

מיינע וויציגע באַמערקונגען האָבען זי נאָך מעהר אויפגעבראַכט, און זי האָט זיך צולאָזען אויפ'ן קול, אַזוי ווי זי קען, און מיט איהר פּה קדוש האָט זי גענומען אַר־בייטען ווי אַ ווינט־מיהל.

— וואָס פאַר אַ חוצפה מיך צו פרעגען פאַרוואָס איך בין בייז! וואָס מיינסטו, איך קאָן אויך זיין אַזוי ווי דו ביסט, ס'זאָל מיך קיין זאַך ניט אָנגעהן און ניט ערגערען? וואָס־זשע, האָב איך אפשר ניט קיין רעכט זיך צו ערגערען און צו זיין בייז, אַז איך האָב אַ מאַן אַ לעמעשקע, אַ ליימע־נעם גולם, וואָס ס'אַרט איהם קיין שום זאַך ניט?

— אדרבה, זאָג מיר וואָס! — האָב איך מיך ביי איהר געבעטען.

— וואָס־זשע! — האָט זי שוין אויף נאָך אַ העכערען טאָן געשריען. — ביסט, מיינע שונאים, בלינד? קאָנסט ניט

זעהן?

— וואס האב איך דען צו זעהן און זעה ניט? — האב איך זי געפרעגט.

— גוואלד, דער מענש פיקעט מיר די גאל! ווי אזוי קען א מענש אזוי זיין, אז אלעס זאל ביי איהם זיין גוט, רעכט און וואויל? — האט זי געשריען.

— וואס איז דען, חלילה, ניט רעכט און ניט גוט? — האב איך איהר שוין א ביסעל בייזלאך געפרעגט.

— וואס-זשע, די וואוינונג אונזערע, ווי דו רופט ע'ם,

— דער חזיר-שטאל, דער הקדש, געפעהלט דיר שטארק? איא, ס'געפעהלט דיר, לעמעשקע מיינער?

— וואס איז עפעס פלוצים געווארען א חזיר-שטאל? ערשט ניט לאנג האסטו דאך ביז אין הימעל אריין געלויבט פאר אלעמען דיינע רומס, און אויף איין מאל מאכסטו זיי צו אש און צו בלאטע! — האב איך איהר גע'מוסר'ט.

— מישטיינס געזאגט, וואס ס'הייסט ביי איהם א וואוינונג, וואס ס'הייסט ביי איהם רומס! געה זעה ווי אזוי מענשען וואוינען. ביי לייטען איז א תענוג, מען געהט און מען קויפט זיך אייגענע הייזער מיט פארטשעס, מיט סאן-פארלארס, מיט גאראדזשעס, מיט גערטנער, און איך שלעפ זיך ביי דיר ארום ווי די צגיינער, פון איין חזיר-שטאל אין צווייטען, פון איין הקדש אין אנדערען. וואוינען מיר ניט צווישען איטאליענער, איז צווישען פאליאקען, איירישע. ווייסט וואס איך וועל דיר זאגען, אין נעקסטען בלאק וואוי-נען שוין שפאנישע אויך, און מיסעס פעטבויך — דו קענסט זי דאך — זי האט זיך פאר מיר געשוואוירען, אז זי אליין האט מיט איהרע אויגען א צוויי בלאק ארונטער געזעהן שווארצע. נו, מיין טייערינקער, געפעהלט דיר דער נייבאר-הוד? — האט זי מיך סארקאסטיש געפרעגט. — אט בין איך היינט געוועזן ביי א לאנטשעאן ביי מיסעס קראצמאן אין בארא פארק. זאלסטו זעהן א הויז זיי האבען געקויפט! ווער מיר גוטעס ווינשט, טאטע געטרייער, זאלען אזעלכע

הייזער קויפען, און אין אַזעלכע הייזער און נייבאַרהודס וואוינען! זאָלסטו זעהן די פאַרטשעס, די סאַן־פּאַרלאָרס, די דיינינג און סיטינג רומס, און די בעד רומס, די קיטשען און באַד רום, — אַלע געפּאַרקעטעוועט, און אפילו די קי־טשען און באַדען זיינען מיט קאָלירטע שטיינדלאַך אויס־געלייגט. און היינט זאָלסט זעהן פוירניטשור, דרייפּעריס, טייפּעסטריס, פוירזשען קאַרפּעטס! פרעג גאָר ניט ביי לייטען לעבט מען, ניט ווי איך לעב אין חזיריי ווי אַ שלע־פערקע, אַ בעטלערקע, ווייל איך האָב דיך, אַ לעמעשקע, פאַר אַ מאַן!

— זאָג מיר, איך בעט דיך, ווער איז די מיסעס קראַצ־מאַן, די נגידות׳טע, די קאַפּיטאַליסטקע, און ווי קומסטו צו איהר?

— וואָס הייסט, ווי קום איך צו איהר? זי איז דאָך מיין סאָסייעטי שוועסטער.

— אַזוי גאָר? דו האָסט זיך שוין אריינגעכאַפּט צווי־שען די פיר הונדערט, און קומסט זיך צונויף מיט מיליאָנ־שטשיכעס און ווילסט זיי נאָכטאַנצען? — האָב איך זיך געוויצעלט?

— וואָס־זשע, דו קאָנסט דען ניט מיסעס און מיסטער קראַצמאַן? — האָט זי מיך אַ פאַר׳חידוש׳טע געפרעגט.

— פון וואַנען קום איך צו קאָנען אַזעלכע רייכע לייט? און אויב איך וואָלט זיי געוואָלט קענען, וואָלטען זיי מיר ניט געוואָלט קענען. און דערצו נאָך דיינע סאָסייעטי ליידיס. גענוג איך קען איינע פון זיי, און זי ליגט מיר טאַקע גוט אין די ביינער, זאָל איך נאָך זיך קענען מיט זייערע מענער? אַ שעהן פּנים וואָלט איך געהאַט! — האָב איך לאַכענדיג געזאָגט.

— צו מיינע שונאים׳ס קעפּ, וואָס ס׳האָט זיך מיר גע׳־חלומ׳ט די נאַכט און יענע נאַכט און אַלע נעכט פון אַ גאַנץ יאָהר זאָל עס אויסגעהן. וואָס־זשע, ביסט גע׳פּגר׳ט, צו דו מאַכסט זיך גע׳פּגר׳ט! וואָס־זשע ווילסטו מיר זאָגען,

אַז איטשע שמערל האָסע יענטע׳ס, וואָס פלעגט אַרומטראָגען בייגעל, און די איטשע שמערליכע, וואָס פלעגט פאַרקויפען וויין-בלעטלאַך און קלייען-באַרשט, קאָנסטו ניט ?

— יאָ, זיי קאָן איך גאַנץ גוט, און ווייסט וואָס איך וועל דיר זאָגען: ס׳קומט מיר נאָך פון דער היים ביי איהם שעהנע עטליכע קערבלאַך.

— וואָס-זשע, ביסט אין דער היים אַ בעל מלוה געווען ?

— האָט זי מיך שפּאָטיש אַ פרעג געטאָן.

— דאָס בין איך טאַקע ניט געווען, אָבער איהם אויף אַ מאַנטעל און אויף אַ פּאָר שטיוועל האָב איך יאָ געליהען. מילא, אין דער היים איז ער געווען אַ איד אַ קבצן און האָט מיר דעם חוב ניט באַצאָהלט, האָב איך אויף איהם אַ זכות געפונען, אָבער היינט — אַ איד אַן עושר, מיט אַן אייגענעם מאַיאָנטעק אין בּאָראָ פּאַרק, איז טאַקע אַ גרויסע עוולה למאי ער באַצאָהלט מיר ניט. זאָג מיר, איך בעט דיר, ווי אַזוי קוקען זיי אוים ?

— וואָס הייסט, ווי אַזוי ? ער, איטשע שמערל, איז דער זעלבער איטשע שמערל מיט׳ן זעלבען האָרביקעל אויף זיינע אייגענע פּליימעס, און מיט זיין שופר-נאָז באַזעצט מיט באָבקעס, און זיינע לעקישעוואָטע פּים וועלכע זיינען ווי צוויי האַלבע בייגעל געווען, געדענקסטו דאָך ? יאָ, דאָס איז ער געווען און דאָס איז ער. און זי, האָסע יענטע, אָהן דער נאָז מיט די בלייזע אויגען, געדענקסטו ? ווי זי איז געווען אַזוי איז זי.

— און זיי זיינען היינט אַזוי רייך ? — האָב איך פאַר-וואונדערט געפרעגט.

— ווער זאָגט דען, אַז זיי זיינען רייך ? וואָס מיינסטו, זיי האָבען עפּעס פאַר אַלעמען דעם בייטעל באַדאַרפט עפענען, פאַר אַלעמען קעש געלט באַצאָהלען ? ס׳הויבט זיך גאָר ניט אָן. סך הכל האָט זי איינגעצאָהלט עטליכע הונ-דערט דאָלאַר, האָט ער זיי געליהען ביי זיין שוועגערין, די אַלטע מויד, די קני-פּענטס אָפּערייטערקע, דו קאָנסט זי —

אין דער היים האָט זי פאַרקויפט קנישעס אין שול-הויף. און דאָס איבעריגע האָט מען איהם געטרויעט אויף דריי מאָרטגיידזשלאַך. אַ פּיאַנאָ, פּוירניטשור, דרייפּערים, טייפּעסטרים — דאָס איז גאָרנישט שבגאָרנישט! דאַרפסט נאָר זאָגען אַז דו ווילסט, און אַפילו אַז דו זאָגסט דו ווילסט ניט, מאַכט מען דיך שוין צום זאָגען אַז דו ווילסט. ווער פרעגט עפּעס אויף געלד? זיי שיקען אַרום קאָלעקטאָרס. נו, גיט מען אַ מאָל אַז מ'האָט אַן איבעריגען דאָלאַר, און אַז ניט — איז מען אויך ניט חייב מיתה. און אַזוי אַרום איז מען אַ לענדלאָרד מיט אַן אייגענער הויז, מ'וואוינט צווישען מענשען, איטליכער גיט אָפּ כבוד. זאָלסט זעהן אין דער סאָסייעטי, ווי מ'הערט נאָר מיסעס קראַצמאַן און מיסעס קראַצמאַן. וואָס דען, מיין נאָמען וועט מען דערמאָנען? איהרען יאָ, ווייל זי האָט אַ מאַן, אַ מענש, אַ דרעהקאָפּ. וואָס דען, אַזוי ווי מיך האָט גאָט געשטראָפט מיט אַ שלימזל'ניק, אַ לעמעשקע פאַר אַ מאַן?

אָט דאָס קאַפּיטעל פון איהר מאָנאָלאָג האָט זי שוין געזאָגט מיט'ן נוסח פון יזכור, און געוויינט האָט זי, גלייך ווי איהר טאַטע-מאַמע וואָלטען פאַר איהרע אויגען טויטע אויף דער ערד געלעגען.

— אין גאָטעס ווילען, מאַכליע, וואָס איז מיט דיר געשעהן? — האָב איך איהר געפּרואווט אַיינשטילען. איינשטילען זי האָב איך ניט געקאָנט, אָבער אַנשטאָט דעם האָט זי אויף מיר איהרע ברייט-געעפענטע אויגען אַ שטעל געטאָן, אַזוי ווי צוויי קאַנאָנען, פאַרטיג מיט זיי מיך דורכצולעכערען.

— געה לערן זיך ביי מענשען, ווי אַזוי מ'רופט אַ ווייב. מיסטער קראַצמאַן ווערט אויך רופען זיי ווייב מאַכליע? וואָס מיינסטו, וואו געפינסטו זיך — אין סלאָבאָדקע אין שוהל-הויף, און רעדסט מיט די יאַכנעס? מאַלווינע שטעהט דיר נישט אָן מיך צו רופען? מיסטער קראַצמאַנ'ען שטעהט אָן צו רופען זיין ווייב אַנעטע דיער, און דיר איז אַ וועהטאָג.

וואָס עפּעס איז — מאַכליע, מאַכליע!

— עקסקויז מי, מאַלווינאַ דיער! ס'האָט זיך ביי מיר אַרויסגעכאַפּט. כ'האָב דיר געוואָלט זאָגען, אַז קויפען אַ הויז און אַ פּיאַנאָ און פוירניטשור קאָן טאַקע נאָר קויפען איטשע שמערל האַסע יענטע'ס. מילא, מיר פאַר'ן מאַנטעל און די שטיוועל אַז ער האָט ניט באַצאָהלט, איז אויף זיי קיין מאָרטגיידזש ניט געווען, אָבער אויף זיין הויז פּויר־ניטשור מיט די מאָרטגעדזשעס בין איך איהם מוחל. זאָל ער האָבען אַזעלכע הייזער, ניט איך. — האָב איך קורץ געענטפערט און געמיינט, אַז מיין דעמאָלטיגער געשפּרעך מיט מיין ווייב, זאָל לעבען, איז פאַר אַ קורצער צייט גע־ענדיגט.

עס הייסט, איך האָב געמיינט, אָבער אזוי איז ניט געווען, ווארים מיין ווייב איז טאַקע פאַר עטליכע מינוט שטיל געבליבען, אָבער ניט חלילה וויל זי האָט געמיינט אַז זי האָט שוין גענוג גע'חנה־פּעסיל'ט און איך וועל שוין אפשר ניט קענען מעהר פאַרדייהען. ניין, עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. זי האָט זיך אַ ביסעל אָפּגערוהט, אום נייע פרישע כחות צו געווינען איהר מאָנאָלאָג פאָרטצוזעצען.

— איך וויים, אַז אַזעלכע זאַכען ווי אַ שעהן הויז, שעהנע פוירניטשור און שעהנע קליידער ביסטו אָן אַנדערען מוחל. איהם, איטשע שמערל'ען דעם בייגעל־טרעגער, דעם האָרבאַטשניק, און איהר, האַסע יענטע'ן, דער בייגעל־טרע־גערין, וועלכע איז גראָב ווי אַ פאַס און האָט אַ פּנים גע־שטופּעלט ווי אַ מצה, און איז כמעט גאָר אָהן אַנאַז, און אַז זי רעדט פייפט זי, — דאָס ביסטו ז י י מוחל; זיין אָנגעזעהן אומעטום — דאָס ביסטו ז י י מוחל; אָבער אָן אַלטע כאַלופּע, אַ חזיר־שטאַל, אָנגעשטעלט מיט אַלטע טראַנטעס, צובראָכענע, צולאָמעטע, צושאָטענע, אַז עס פלאַמט מיר דער פּנים ווען אימיצער טוט אַ קוק אויף זיי — דאָס ביסטו מ י ר מוחל. און מאַלווינאַ־קוה האָט ביז אַצינד געשוויגען, אָבער מעהר שווייגען קאָן איך

שוין ניט. וואָס מיינסטו, איך וועל ליידען און ליידען, און זיך עסען, ביז איך וועל באַקומען די טשאַכאָטקע און אַוועקגעהן מיט יאָהרען פון דער וועלט, אַזוי ווי די מומע לאה, און זאָלסט אַריינקריגען די אינשורענס אַזוי ווי דער פעטער דיינער און חתונה האָבען מיט אַ מויד? אָט דאָס זוכסטו, מיין טייערער מאַנדעלע? וועסט עס אָבער ביי מיר ניט פועל'ן. איך וויל אויך זיין אַ מענש מיט לייטען צו־גלייך. אַלע סאָסייעטי שוועסטער מאַכען לאָנטשעאָנס, ברידזש־פאַרטיס, קאַרד געימס און מען אַמוזירט זיך, און איך האָב פשוט מורא ערגעץ צו געהן, און אַז איך געה שוין יאָ אַ מאָל אין אַ יובל ערגעץ, ווערט מיר, מיינע שונאים, די גאַל צופיקעט, אַז איך טהו אַ קוק אין וואָסערע הייזער און אין וואָסערע נייבאָרהודס זיי וואוינען, אין זייערע רומס, אין זייער פוירניטשור, אין זייערע אַנטיקען.

אָט בין איך לעצטע וואָך געוועזן ביי מיסעס קישקע אויף אַ ברידזש פאַרטי. וואוינט זי אין אַ נייער הויז, פון די ווענט ציהען זיך אַרויס בעטען. און ביי מיסעס העלפאַנט, דו קענסט זי דאָך, זי איז אַמאָל ביי אונז געוועזן צו־גאַסט, דו געדענקסט? האָסט מיך אַפילו געפרעגט אויב זי איז דורך דער טיר אַריינגעקומען, צו מ'האָט זי דורך דעם פענסטער ווי אַ פיאַנאָ אַרויפגעשלעפט. בין איך ערשט די וואָך ביי איהר אויף אַ קאַרד געימס געוועזן. זאָלסטו זעהן ווי אַזוי מענשען וואוינען און לעבען, דאַרף מען טאַקע צו זיי געהן לערנען. מיינסט איך וואָלט ניט געמאַכט אַ לאָנטשעאָן, אַ ברידזש פאַרטי אָדער אַ קאַרד געימס? האָב איך דאָך דיר, אַ לעמעשקע, פאַר אַ מאַן, וואָס ס'אַרט דיר קיין שום זאַך ניט. פון דיינעט וועגען, אין וואָס פאַר אַ חזיר־שטאַל מען וואוינט איז ביי דיר גוט. די נייבאָרהוד מעג זיין אָנגעפיקעוועט מיט איטאַליענער, פאָליאַקען, שפאַנישע, אַפילו מיט ניגערס, אַלבעטשיו, וואָלט דיך אויך ניט געאַרט. און די פוירניטשור דיינע, וואָס אַנדערע מענשען שטעלען שעהנערע אַרויס אויפ'ן מיסט, איז דאָך ביי דיר אַוודאי גוט.

און ווער ווייסט ווי לאַנג זי וואָלט נאָך געווען איהר דרשה פאַרצויגען, ווען איך זאָל איהר ניט געווען אַריינפאַלען אין די רייד, מיט די ווערטער:

— הערסט, מאַלווינאַ דיער, וואָס איך וויל דיר זאָגען. אַזוי ווי דו ביסט פון תמיד אָן די קליינבערקע און אויסקלייבערקע, אַפילו מיר אַ ווייב און דיר אַ מאַן האָסטו אויך אויסגעקליבען, און אַזוי ווי איך האָב שוין לאַנג דערפון געטראַכט און דיר אין זינען געהאַט דאָס צו זאָגען, אַז עס וואָלט שוין לאַנג אַ יושר געווען צו האָבען אייגענע פיר ווינקעלאַך און זיך אויפהערען אַרומצושלעפען פון איין הויז אין צווייטען און פון איין גאַס אין דער אַנדערער. דיר ווייס איך ניט, נאָר מיר האָט זיך עס שוין לאַנג דערעסען, מיר ליגט עס שוין ממש אין די ביינער, און לויט ווי איך פאַרשטעה פון דיינע איצטיגע רייד, ביסטו שטאַרק מקנא דיינע סאַסייעטי שוועסטער, די איצטיגע מיסעס קראַצמאַן און די אַמאָליגע האַסע יענטע, וואָס גאָט האָט איהר געהאָלפען, זי האָט שוין אָן אייגענע הויז מיט אַ פּאָרטש, זון-פּאַרלאָר, גאַראַדזש, מיט דריי מאָרטגיידזשעס דערצו, און האָט זיך שוין באַפרייט פון די רויבערשע לענדלאָרדס, די הויטשינדערס און בלוט-זויגערס, ימח שמם. געה, זוך, קלייב און קלייב זיך אויס אַ הויז וואָס זאָל דיר געפעהלען.

— וואָס-זשע, און דיר דאַרף עס ניט געפעהלען? — האָט זי אונטערגעכאַפּט.

— ניין, פאַר מיר זאָלסטו זיך גאָר ניט זאָרגען. אַבי עס וועט דיר געפעהלען, וועט מיר מוזען, ווי תמיד, געפעהלען ווערען. איך וועל בדאַי פאַרזעצען מיין און דיין פּאָליסי און טאָן וואָס איך וועל נאָר קענען טאָן, אַחוץ גנב'ענען, ווייל דערצו, גלויב איך, בין איך נאָך אַ גרעסערער שלימזלניק ווי דו האָלסט מיך, — אַבי איך זאָל שוין אַמאָל פּטור ווערען פון דיינע טענות, פון דיין שטענדיגען חנה-פּעסל'ען, מיט דיין דירה-קלייבעניש און אויסקלייבעניש, מופעניש און שלעפּעניש.

— וואָס-זשע, מיינסט עס טאַקע ערנסט ? — האָט זי מיך מיט פאַרשענדע בליקען איבערגעפרעגט.

— וואָס דען, איך טרייב מיט דיר קאַטאָוועס ? נאָך דאָס וואָלט מיר געפעהלט, — האָב איך מיט ערנסט גע־ענטפערט.

מילא ביז דעמאָלט האָט איהר מיך מיט ווייניג וואָס געהאַט מקנא צו זיין, אָבער פון דעמאָלט אָן בין איך אויס־געשטאַנען און זיך אָנגעליטען פון מיין ריעל־עסטייטניצע און פון איהרע בראָקערס ראשונים און בראָקערס אחרונים, מיט זייער טעלעפאָנירעווען, און פון איהרע אַרומגעהענישען, לויפענישען און אַרומפאָהרענישען, מיט זיי און אָהן זיי, מיט מבינים. מיין הויז איז קיין הויז מעהר ניט געווען. קיין לעפעל געקעכץ האָב איך וואָכען לאַנג אין מיינע אויגען ניט אָנגעזעהן. פון די קען־גודס און פון די רעסטאָראַנטישע מאכלים טראָג איך מיך נאָך היינט אַרום מיט אַ פאַרדאָרבע־נעם מאָגען. קיין רוה, קיין ווייב האָב איך ניט געהאַט. און אַז זי איז אַהיים געקומען אַ מידע, אַ הונגעריגע, האָט זי מיך מכבד געווען מיט אַ גאַנץ לאַנגליכען מאָנאָלאָג:

— ביי לייטען איז אַ תענוג, מענער געהען קויפען ניט נאָר הייזער, נאָר אַפילו אין בוטשער, גראָסערי און פיש־סטאָרס זעה איך מענער מיט די קאָשיקעס. אָט האָב איך אָנומעלט באַגעגענט מיסטער פרעסמאַן. געדענקסט איהם פון דער היים ? מ׳פלעגט איהם רופען טשאָלענט גנב, ווייל ער האָט אין אַ שבת פריה אויפגעבראָכען ביי ריסע בריינע׳ן, מאיר זעליג׳ס דעם שוחט׳ס ווייב, דאָס טשאָלענט-ברעטעל און אַרויסגע׳גנב׳עט די סאַמע בעסטע און פעטסטע קוגלען. געדענקסט, ווי מ׳האָט איהם געשמיסען אין מיטען גאַס ? טאַקע איהם מיין איך. איז ער געווען באַלאָדען מיט צוויי קאָשיקעס, אין וועלכע ס׳איז געלעגען פון אַלדאָס גוטס. טהו איך איהם נאָך אַ פרעג: „אַזוי אַליין, אַליין, מיסטער פרעסמאַן ?" „וואָס דען מיינט איהר, כ׳וועל עפעס לאָזען מיין זשאַנעטעלע׳ן זיך שלעפען מיט פעק ? ס׳איז גענוג

פאַר איהר אַז זי דאַרף קאָכען. וואָס מיינט איהר, די טשיקען און די פיש מאַך איך ניט צו־רעכט פאַר איהר? און דאָס געשיר וואַש איך אויך איבער. און קאַרפּעטס, ווער מיינט איהר קלינט — ניט איך? און ראַמען העלף איך איהר אויך. וואָס מיינט איהר עפּעס, כ'וועל נעהמען אַ פרוי, אַ שוואַכע באַשעפעניש, און מאַכען פון איהר אַ שקלאַף, אַ קאַטאַרזשניק, זי פּלאָגען, מאַטערען? ניין, ניט ביי מיר! דאָס טוען גראָביאַנעס.״ אָט דאָס הייסט אַ אַ געטרייער מאַן, וואָס האָט רחמנות אויף זיין ווייב. ער היט זי אָפּ, זעהט אַז זי זאָל ניט אַרבייטען ווי אַן אייזעל, שאָנעוועט זי. און היינט זאָלסטו זעהן ווי געקליידעט זי איז, ממש ווי אַ קעניגין, אַ פּרינצעסין. איך האָב זי אַנומעלט באַגעגענט, האָב איך זי ניט אָנגעהויבען צו דערקענען. ס'הייסט דערקאָנט האָב איך זי טאַקע ניט, און דו וואָלסט זי אויך ניט דערקאָנט. געדענקסט זי דאָך אַוודאי— יענטע, סאָסע דעם אונטער־שמש'ס טאָכטער, די שוואַרצע מיט'ן פאַרריסענעם שטיקעל נעזעל, — זי איז גאַר אַצינד אַן עכטע בלאָנדינקע, און אַחוץ די גאָלדענע ברילען אויף איהר מישטיינס געזאָגטען שטיקעל נעזעל, הענגט ביי איהר אויפ'ן האַלז, כ'מיין שטיקעל גערגעלע, אַ לאָרנעט, און אָהן דעם טוט זי זיך ניט אַ ריהר. אַזעלכע מענער איז כדאי צו האָבען. וואָס דען, דו ביסט אויך אַ מאַן? דו ביסט אַ שקלאַפען־טרייבער, אַ גזלן, אַ רוצח. אַ דירה זוכען דאַרף איך, די פוירניטשור רייניגען דאַרף איך, איינקויפען, שלעפּען זיך מיט פּעק, איהם אַנצושטאָפּען זיין געשמד'טע קישקע, קאָכען, באַקען, ראַמען, קעהרען, וואַשען, ביגלען — אַלעס איך. אַ גליק, וואָס עס קומט נאָך אַריין די ניגערטע יעדען טאָג אויף עטליכע שעה, אַז ניט וואָלט איך פּשוט פון די פיס געפאַלען. און אַצינד, אַז ס'האָט זיך איהם פאַרוואָלט אַ הויז, איז ווידער איך, איך — אַ שוואַכע פרוי, דאַרף זיך אַרומשלעפּען פון גאַנץ פריה ביז שפּעט אין דער נאַכט, וואו די וועלט האָט אַן עק. אויף בערג און אין טאָלען, אין סעלערס און

אויף דעכער, און אין בלאָטעס, שליכאָטעס און אין אַלדי שוואַרץ יאָהר אַ מידע, אַ הונגעריגע, אַ פאַרשמאַכטע, אַ פאַר׳חלש׳טע. און ער, מיין טייערע מאַנדיאַק, זיצט זיך צוליגט אויפ׳ן ראָקינג-טשער ווי אַ פּריץ און רויכערט זיך אַזוי געמיטליך די פּיפּקע, אַודאי שוין אַן אָנגעפרעסענער, אַן אָנגעזויפּענער, אַן אויסגערוהטער, אַז זיצען זאָלסטו שוין, לאָמיך בעסער שווייגען...

און זי איז טאַקע אַ ביסעלע אַנטשוויגען געוואָרען.

געלויבט איז השם יתברך, וואָס ער האָט זיך אויף דיר און מיר מרחם געווען און האָט דיר אַזאַ טייערען רצון צו-געשיקט. אַפילו גאָט אַליין, דער אל נוקם ונוטר, האָט שוין אַפּנים מיין צער ניט געקענט צוזעהן און האָט אויף מיר רחמנות באַקומען, און האָט מיין ווייב, זאָל לעבען, צוגע-שיקט אַ מציאה פון מציאה-לאַנד — אַ הויז וואָס איז איהר געפעהלען. דאָס איז ביי מיר, מוז איך מודה זיין, געווען אַ גרעסערער נס ווי קריעת ים סוף. זי האָט געקליבען און האָט אויסגעקליבען אַ הייזקע, פון הייזקעס וואָס בילדערס האָבען אויסגעבילדעט אַרום ניו יאָרק, און נאָכ׳ן קלייבעניש און אויסקלייבעניש האָט זיך ביי איהר אָנגעהויבען אַ סדרה פון דינגען זיך מיט די בילדערס, און אַז זי איז מיט זיי פאַרטיג געוואָרען, אויסגעדונגען, האָט זי זיך ערשט פאַר-קאָשערט די אַרבעל און זיך אַ נעהם געטאָן צו די שוין פון איהר אויסגעמאַטערטע בראָקערס, און געטענה׳ט האָט זי:

בכן, אַזוי ווי איך, איהר מאַן, דער גולם, שלימזל׳ניק, לעמעשקע, בין דער קויפער און צאָהלער, איז די די בראָ-קערין, און אַז ניט צום פולען קאָמישאָן, אָבער כאָטש אַ העלפט קומט איהר על פי יושר. אַזוי האָט זי גע׳טענה׳ט, און געהט טוט איהר עפּעס. און אַפּנים, דאָ האָט זיך גאָט ווידער אַריינגעמישט און האָט די הערצער פונ׳ם בילדער און בראָקער ווייך געמאַכט, און זיי האָבען איהר נאָכגע-געבען. און — ווינשט אונז מזל טוב! מיין ווייב איז אַ לענדליידי, און איך בין אַ לענדלאָרד, ניט פאַר אייך געזאָגט,

געוואָרען.

מיר האָבען אין אונזער נייער הויז, אַן אייגענע אחוץ די מאָרטגיידזשעס, דערפאַר אָבער אַ היבש ביסעל ווייטלאַך פון ניו יאָרק, נישט בשלום חלילה, אָבער דאָך ווי ניט איז אריינגעמופט. מילא, איך זאָל אפילו וועלען אלע מעלות פון מיין הויז אויסרעכענען, וועט איהר ניט האָבען קיין געדולד מיך אויסצוהערען. נאָר די מעלה, וואָס זי איז אין אַ דורכאוים קריסטליכער געגענד, — דאָס טוט מיין ווייב גרויס הנאה. אַזוי פאַרזיכערט זי מיך.

און מיינט איהר אפשר, אַז איך בין שוין דעמאָלט אַ געהאָלפענער געוואָרען? אַז עס האָט שוין צו מיינע צרות און צו איהר חנה־פעסל׳ען און מאַנאָלאָגען אַן ענדע גענומען, האָט איהר במחילה אַ גרויסען טעות.

נאָך דעם ווי איך האָב מיך אָפגעזעגענט מיט מיינע לעצטע עטליכע דאָלאַר אָלס די ערשטע איינצאָהלונג אויפ׳ן הויז, דעם לאָיער, דעם מואווינג מאַן, און זיינע העלפּערס די טיפּס, האָבען זיך מיינע צרות אויפסניי אָנגעהויבען, און טאָקע די אמת׳ע אויך.

— סידני, — שרייט צו מיר מיין ווייב, ווערענד איך זיץ פאַרטראַכט אין מיינע געהאַקטע צרה׳דיגע געדאַנקען, און כאַפּ מיך נישט וועמען זי מיינט, וואָרים סך הכל היים איך כתריאל זעליג, און רוף מיך ניט אַזוי גיך אָן. — וואָס־זשע, ביסט שוין טויב אויך געוואָרען, טייערער תכשיט מיינער?

האָב איך שוין פאַרשטאַנען, אַז דאָס מיינט זי מיך. וואָס דען, צו אַן אַנדערען וועט זי אַזוי „איידעל״ ריידען? פרעג איך זי:

— מאַלווינאַ דיער, צו וועמען רעדסטו?

— צו דיר, גולם מיינער,ע צו דיר, צו דיר.

— וואָס־זשע הער איך, אַז דו רופסט עפּעס אַ סידני?

— וואָס מיינסטו, גרינהאָרן מיינער, דאָ וועל איך דיך אויך רופען כתריאל זעליג, און דו מיך מאַכליע? אַ שעהן

פנים וואלט איך פאר מיינע זשענטייל נייבארס געהאט.

— געלויבט איז השם יתברך, אט האב איך שוין א נייעם נאמען און עס קאסט מיך אפליו קיין תיקון ניט, — האב איך פאר צרות שמייכלענדיג געזאגט. — וואס ווילסטו, מאלווינא דיער?

— הער צו, סידניקע, — זאגט זי צו מיר מיט א לאס־טשענדיגער שטימע. — ווייסט וואס מיר מוזען האבען? א ווילאו סעט אין דעם סאן־פארלאר, אזעלכען ווי איך האב געזעהן ביי מיסעס קאכלעפעל, די פרעזידענטין פון מיין סאסייטי. מען קאן דאך דעם סאן־פארלאר ניט האלטען א ליידיגען. מענשען קוקען דאך אריין פון דרויסען. מיינסט מיסעס בעק האט מיך שוין ניט געפרעגט? האב איך איהר געזאגט, אז דער סעט קומט פון פעקטארי, און עטליכע זשארדינס מיט סטענדס און עטליכע בלומען טעפ, און א פאר פלאר־לאמפען, און די ווינדאו־שיידס וואס דו האסט מיטגעשלעפט, מיינסטו טויגען? אויף כפרות! און א ברעקפעסט סעט מוז איך אודאי האבען, ער דארף מעטשען צו די ווענט, בלוי און ווייס, אזעלכען ווי מיר האבען געזעהן ביי די געגזעלמאנס. ער איז מיר שטארק געפעהלען. און מיינסט אפשר, אז איך וועל זיצען מיט דעם צוקראצטען און צובראכענעם דיינינג־רום סעט, וואס מ׳האט איהם שוין אויסגעשלעפט ווי די וועלט האט אן עק? און דער בעד־רום סעט אונזערער, וועלכער איז נאך פון כמעלניצקי׳ס צייטען, מיינסטו אודאי אז איך וועל איהם אין בעד־רום אריינשטעלען? ניין, ניט איך! כ׳האב איהם געהייסען אין סעלער אוועקשטעלען, ביז איך וועל איהם מיט די אנדערע זאכען פארקויפען. און דער סיטינג־רום סעט איז אויך אפשר ביי דיר גוט, איא? וואס ער איז צובראכען, צולאמעט, די סיטס איינגעפאלען, און אז די ווענט פונ׳ם סיטינג־רום זיינען באף, און דער סעט איז עפעס א מין רויט, גרין, געל, מיתה־משונה קאליר, זאל דיך גאר אנהויבען צו ארען? ביי דיר איז אלעס גוט, אלעס רעכט, אלעס וואויל,

אַ קאַץ אָדער אַ אינדיק, אַבי אַן אוף אויף שבת. און די קאַרפּעטס, וועלכע כ׳האָב פּאַר אַ יאָהרען געקויפט, האָב איך באַלד געזעהן, אַז זיי זיינען שמאַטעס. וואָס האָב איך מיר געקענט העלפען, אַז איך האָב דיך פאַר אַ מאַן, און דו צעהלסט מיר צו די גרויפּען אין טאָפּ אַריין? ביי לייטען געהט אַרום אַ ווייב אין סטאָרס, שאָפּס, און קויפט וואָס איהר האַרץ גלוסט, און הייסט די בילס שיקען צו איהר מאַן אין סטאָר אַריין און ער באַצאָהלט ווי אַ טאַטע, נאָר אויף מיר איז אַן אומגליק, איך האָב אַ מאַן אַ סחור, און ווען איך דאַרף עפּעס האָבען מוז איך ביי איהם בעטלען, שנאָרען, און ער שטעלט תמיד אָן אַ רחמנות פּנים, און וויינט מיט ביטערע טרערען, אַז ביזנעס זיינען שלעכט און ער דאַרף רענט און בילס צאָהלען און האָט ניט, כאָטש געה מאַך צונויף אַ נדבה, אָדער אַ טעאַטער בענעפיט פאַר איהם. רבונו של עולם, וואָס האָסטו מיך אַזוי געשטראָפט מיט אַ מייזער, אַ שנאָרער אַ מאַן? מיסעס קאַנטשיק האָט אויך געקויפט אַ הויז, נו, האָט זי אויך מיטגעשלעפּט איהר פוירניטשור, כאָטש איהרע איז געווען שפּאָגעל נייע און אַפּ-טו-דייט? וויים איך וואָס! זי איז אַריין אין עטליכע סטאָרס, און די טייערסטע און די בעסטע פ ו י ר נ י ט ש ו ר, קאַרפּעטס, דרייפּערים, ראָגס, אַפילו נייע געשיר איינגעקויפט, און דאָס אַלטע, וועלכע איז נאָך טויזענט מאָל בעסער פאַר אונזערע, האָט זי פּשוט צושעקט.

— און פאַר דער נייער האָט ער באַצאָהלט? — האָב איך זי אַ פרעג געטאָן.

— וואָס דען, דו האָסט אפשר באַצאָהלט פאַר איהם?

— ניין, איך פאַר איהם טאַקע ניט, אָבער ער אַליין אויך ניט.

— פון וואַנען ווייסטו, נביא מיינער?

— טאַקע פון דיר אַליין. דו אַליין האָסט מיר דערצעהלט, אַז נאָך דעם ווי ער האָט געקויפט דאָס הויז מיט צונויפגעליהענע געלט, האָט ער גענומען און אַנגעשלעפּט

פון אַלדאָס גוטס, ווי ס'האָט זיך נאָר געלאָזען, ביי רייכע סטאָר קיפּערס און ביי אָרימע פּעדלערס, און האָט אַלעס, אפילו דאָס ביסעל סחורה וואָס ער האָט ניט פּאַספּעיעט בגנבה צו פאַרקויפען, איבערגעשריבען אויף איהר, אויף דער קאַנטשיקעלעכע, און זיי, זיינע קרעדיטאָרען, האָט ער אַ פייג אַרויסגעשטעלט. — האָב איך זי מיט טריאומף דערמאָנט.

— פשי, אַ קלייניגקייט! דו ביסט דער פיינער מאַן, און ער ניט. לאָמיר זעהן וועמען גיט מען אָפּ מעהר כבוד. געדענקסט אַנומעלט ביים טעאַטער בענעפיט, ווען מיסטער שנאָרעזאָן האָט גערעדט וועגען די קליינע אָרימע עלענדע יתומים'לאַך און האָט אַלעמענס הערצער צובראָכען, און מענשען האָבען ממש מיט געלט געשאָטען, האָסטו זיך אויך צובראָכען און האָסט האַרטע פינף דאָלאַרעס דערלאַנגט. ס'איז מיר אַ פינסטערע חרפה און בושה געווען. כ'האָב מיך געשעהמט מיינע אויגען אויפצוהויבען עמיצען אין פנים אַריינצוקוקען. האָט זיך מיסעס קאַנטשיק אויך באַדאַרפט שעהמען בשעת מיסטער שנאָרעזאָן האָט אויסגעשריען: „מיסטער און מיסעס קאַנטשיק איין הונדערט דאָלאַר", און אין טעאַטער איז געוואָרען אַ געפּלעסקעריי און אַ געשריי: „הורראַ, מיסטער און מיסעס קאַנטשיק, הורראַ!" אַז די ווענט האָבען זיך געטרייסעלט. הא, וואָס האָסטו אַצינד צו זאָגען? ווער איז אַ פיינער מענש, דו, דער שנאָרער מיט דיינע פינף דאָלאַרטשיקעס, צו ער, מיסטער קאַנטשיק? הא? איאָ ביסט שוין פאַרשטומט געוואָרען? ס'האָט דיר שוין דעם לשון אָפּגענומען, — האָט זי מיט נצחון געזאָגט.

— דאָס לשון איז ביי מיר ניט אָפּגענומען געוואָרען, און ריידען קען איך אויך, און אַ סך דערצו, אָבער צו וועמען זאָל איך ריידען, צו דיר? קאָנסטו, ווילסטו מיך דען אַמאָל פאַרשטעהן? האָב איך מיט דיר אַמאָל גע'טענה'ט און בין אַרויס דער געוועכטער? קיין מאָל ניט, און היינט אויך ניט. דו ווייסט נאָר איין זאַך: געלט, געלט און ווידער געלט...

וואו זאָל איך אַזוי פיל נעהמען? גנב'ענען, גזלנ'ען, צו דעם טויג איך ניט. דאָס האָב איך אין דער ישיבה ניט געלערנעט און קאָן און וועל אַפילו ניט פּרואווען. מיין זיידע און מיין טאַטע זיינען קיין אַנזעצערס ניט געווען, און איך וועל אויך ניט זיין. — און האָב איהר אין מיטען אַ פרעג געטאָן: מאַלווינאַ דיער, האָסט דאָך עפּעס געהאַלטען אין אויסמאַכען אַן אויסרעכענונג. זאָג מיר, טייערינקע, ביסט שוין דערמיט פאַרטיג? איך בין הונגעריג און מיד, און ס'איז שוין צייט פאַר מיר זיך אַפּצורוהען.

— אַט נאָר דאָס ווייסט ער, פרעסען, זויפען, די טריפה'נע קישקע זיינע אַנשטאָפּען, און פּאַפּען. ווייטער געהט איהם קיין שום זאַך ניט אָן.

— וואָס זאָל מיך אַנגעהן? — האָב איך זי געפרעגט.

— וואָס זשע, ביסט בלינד? זעהסט ניט, אַז די ווינדאָוס זיינען נאַקעטע, אָהן שיידס, אָהן דרייפּערים, און איטליכער קאָן אַריינקוקען? און די ווענט און די פלאָרס זיינען אויך נאַקעטע, און אַלע שכנות, מיסעס סאַליוואַן און מיסעס אָ'קאָננער און מוררפי האָבען מיך שוין עטליכע מאָל געפרעגט, „וואָט איז די מעדער? ווײַ דאָנטש יו פיקס אַפּ די האַוז? איט לוקס בעד, איט לוקס טעריבל." (פאַרוואָס פוצסטו נישט אויס די הויז? זי קוקט געפעהרליך שלעכט אויס.) און איך האַלט זיי אין איין זאָגען, אַז היינט-מאָרגען וועט עס אָנקומען.

איך נעהם מיך שוין, כאַטש אַ הונגעריגער און אַ מידער, צו דער אַרבייט און הענג און לייג אַלעס ווי תמיד אַוועק, און האָב זיך גענומען די אַרבעל פאַרקאַטשען.

— וואָס מיינסטו? איך וועל דיך לאָזען די שמאַלע און קויטיגע ווינדאָו שיידס און די קורצע צוטערעפּאַלצעטע קוירטענס און די שמאַטעוואַטע דרייפּערים און די אָפּגע-בליאַקעוועט פּיקטשור פריימס פון באָבע טאַלצע'ס צייטען אויפהענגען? אַ שעהן פּנים וואָלטען מיר געהאַט! זיי וואָלטען געהאַט פון וואָס צו לאַכען. ס'איז נאָך אַ גליק,

וואס זיי ווייסען ניט אז מיר זיינען אידען. דער בילדער האט זיי געזאגט, אז מיר זיינען דזשוירמען.

נו, טראכט איך זיך, געלויבט איז השם יתברך, וואס איך, כתריאל זעליג, דער סלאבאדקער עלוי, בין שוין צוליב מיין ווייב א דזשוירמען געווארען.

— מאלווינענקע, טייערע מאמעלע, — האב איך מיך ביי איהר גענומען בעטען. — וואו זאל איך נעהמען אזוי פיל געלט? דאס אלעס וואס דו האסט מיר אויסגערעכענט, באטרעפט דאך אן אוצר, פיל מעהר ווי מיין גאנצע קראם אפילו מיט די פאליצעס באטרעפען. — האב איך כמעט וויינענדיג געזאגט.

— שא, שא, משוגע'נער גולם, נארעשעוואטע לעמעשקע מיינע! וואס ווייסטו? ווער מאהנט עס עפעס ביי דיר געלט? ווער קויפט עס עפעס היינט מיט געלט? מיינסט עפעס איטליכער איז ווי דו? געטרויסט קיינעם ניט פון האנט ארויס. געה, ועסטו זעהן ווי מענשען בעטען זיך מען זאל ביי זיי נעהמען אהן געלט. וואס מיינסטו, איך בין ביז אצינד ווי דו געשלאפען? איך בין שוין וואו נאר א פויר־ניטשור סטאר אויסגעווען און אלעס געפרייזט, אויסגעקלי־בען און אויסגעדונגען. א קלייניגקייט איינצוצאהלען און זעהר לייכטע טוירמס, אז עס וועט זיך כמעט ניט אנזעהן. און מיינסט עס באטרעפט א גוזמא געלט? ווייס איך וואס! די גאנצע פוירניטשור, אחוץ די קארפעטס, ראגס, דרייפע־רים, קוירטענס, לאמפען, סטעטשוס, וואזאנען און נאך דארטען קלייניגקייטען באטרעפען אפילו קיין דריי טויזענט דאלאר ניט. און אלעס איז אפ־טו־דייט! דו ווייסט, אז איך בין א מבין, און דינגען זיך, ברוך השם, דארף איך מיך ביי קיינעם ניט לערנען. נאר מיט'ן בילדער בין איך ארייג־געפאלען. כ'האב פארגעסען מיט איהם אויסצונעהמען, אז ער זאל ארייננשטעלען סקרינס אין אלע פענסטער. האב איך היינט באשטעלט ביים קארפענטער פאר הונדערט מיט פופציג דאלאר. פאר'ן געלט וועט ער מיר א ביסעל צו־

וואַרטען. און אויף איינצוצאָהלען אויף דער פּוירניטשור און די אַנדערע זאַכען וואָס מען וועט איבערמאָרגען ברענגען וועל איך אויך אַ גרויס טייל האָבען, ווייל דעם דיינינג-רום סעט אונזערען האָב איך דעם אייז-מאַן פאַר פינף און צוואַנציג דאָלאַר פאַרקויפט, און דעם בעד-רום מיט די אַלע אַנדערע חפצים האָב איך דעם קוילען-מאַן, דעם איטאַ-ליענער, פאַר פופצעהן דאָלאַר פאַרקויפט, און דעם סיטינג-רום מיט די פאַר שפּיגלען מיט די סמוקינג סטענדס מיט'ן קאַרפּעט האָב איך דעם מילכמאַן, דעם איירישען מעק, פאַר דרייסיג דאָלאַר פאַרקויפט, און די אַנדערע שמאַטעס, לאַ-טעס, די אַנטיקען דיינע, וואָס דו טאַפּעסט זיך אין זיי, האָב איך פאַרקויפט דעם דזשאַנק-מאַן פאַר אַ פינפערל. נו, האָב איך ניט גלייך געטאָן? — האָט זי זיך מעשה חכמה איבערגעפרעגט.

— יאַ, גלייך, זעהר גלייך געטאָן. געמאַכט פון מיר אַ לייט. פאַרן' דיינינג-רום סעט, וואָס דו האָסט איהם אליין ערשט פאַראיאָרען פאַר פינף הונדערט דאָלאַר געקויפט, פאַר פינף און צוואַנציג דאָלאַר פאַרקויפט; פאַר דעם בעד-רום סעט מיט אַ פאַר יאָהר צוריק זעקס הונדערטער באַ-צאָהלט, און היינט דער סיטינג-רום מיט די אַלע שפּיגלען, קאַרפּעטס, ראַגס און בילדער האָב איך אודאי מעהר ווי צוויי טויזענטער קעש געלט באַצאָהלט, און אַצינד האָסטו אַלעס צושענקט, פון הויז אַ תל, אַ חורבה געמאַכט. אַלעס וואָס דו האָסט איינגעקויפט באַטרעפט דאָך אַ פאַרמעגען. פּראַ-צענט פאַר די מאָרטגיידזשעס ווערען באַלד פעליג, וועל איך מוזען צאָהלען, אַז ניט וועט מען אונז באַלד אַרויס-וואַרפען אויפ'ן גאַס. טעקסעס האָב איך באַדאַרפט צאָהלען און האָב ניט געצאָהלט, ווייל איך האָב פּשוט ניט מיט וואָס, און די מאָרטגיידזשירערעס האָבען מיך שוין אַפילו דער-מאַנט אויך. בילס צו צאָהלען פאַר סחורה האָב איך גענוג. אַ פאַר וועקסלען גוט צו מאַכען האָב איך אויך. קיין רענט פאַר דער סטאָר דעם חודש האָב איך נאָך ניט באַצאָהלט,

און קיין קונה זעהט מען ניט אין די אויגען. און דו געהסט און שלעפסט מיך אריין אין נייע חובות. וואס זשע מיינסטו, ס'דארט מיר ווייניג מיין קאפ, ס'טריקענט מיר ווייניג מיין מוח? אפילו ניט אויף איין מאל צו באצאהלען, אבער באצאהלען וועל איך דאך דארפען און מוזען. אפילו לייהען און בארגען האב איך ניט ביי וועמען. ביי מיין רייכער משפחה, וואס זיי קומען אלע מאנטאג און דאנערשטאג ביי מיר לייהען, ווייל זיי זיינען נעבאך גרויסע קבצנים, און איך מוז זיי אפזאגען, און זיי זיינען מיר דערפאר שונאים, ווייל לויט דיין אריסטאקראטישער פיהרונג מיינען זיי, אז איך בין א ראטשילד, א ראקפעלער, אדער כאטש א וואנדערבילט. וואס וועל איך טאן, אז מען וועט דיין אפ-טו-דייט פוירניטשור קומען ארויסשלעפען? וואו וועל איך קריגען אזא גוטען דיינינג-רום סעט, וועלכען דו האסט ערשט היינט א יאהר געקויפט, און זיך אין איהם געשפיגעלט, און אלע שכנים צונויפגערופען, און זיי האבען דיין מציאה באוואונדערט. און דאס אנדערע באלעבאטישקייט פאר אזא קליינינקייט באקומען. מיינסט אפשר, אז אלע פרויען זיינען אזוי ווי דו, וואס האבען קיין רחמנות און בארעכענען ניט זייערע מענער, און זוכען זייער לעצטען טראפען בלוט פון זייערע אדערען ארויסצוציהען?

און איידער איך האב נאך פאספעיעט דאס לעצטע ווארט איהר צו זאגען, האט זי זיך אויף מיר, אזוי ווי זי קאן, צושריען:

— וואס זשע, ס'געפעהלט דיר אפשר ניט דער פרייז, וואס איך האב פאר דיינע אלטע שמאטעוואטע טראנטעס גענומען? וויל איך דיר זאגען, אז אן אנדערע אויף מיין ארט וואלט אפילו אהעלפט, א פערטעל אויך ניט געקראגען. מיינסט כ'האב ווייניג סעקאנד-הענדיגע דילערס גערופען? ווער האט זיי דען אפילו אין האנט אריין געוואלט נעהמען? אפילו די איטאליענער, ניגערס, און וואש-פרויען נעהמען היינט אזא אלד-סטייל פוירניטשור אין האנט ניט אריין.

און דו האָסט געוואָלט איך זאָל מיך מיט איהר האַלטען.

— ניין, ניין, האַלט זיך ניט, טו וואָס דו ווילסט, אַזוי ווי דו האָסט תמיד געטאָן, טו ווייטער, און איך וועל זעהן וואָס דו וועסט מיט דיינע טועכצען אויפטאָן.

אין אַ פּאָר טעג שפּעטער בין איך אַהיים געקומען, און האָב פּאַר מיין הויז אַ סקאַדראָן מיט וועגענער געטראָפען. די עקספּרעס לייטע האָבען די פּוירניטשור אַלע אויף רעדלאַך אַריינגערעדעלט. אַנדערע האָבען קאַרפּעטס, ראָגס, שפּיגלען, בילדער געטראָגען. ס'האָט מיר אויסגעזעהן, אַז זי האָט כמעט די גאַנצע סטאָר אויסגעקויפט. און זי, מיין ווייב, אַן איבער-גליקליכע, אַ פּאַרפלאַמטע, האָט מיט די לייטע מעשה קאָמענדאָנט געקאָמאַנדעוועט, ביז זיי האָבען צו איהר צופרידענהייט אויף די פּלעצער אויף דערווויילע אוועקגעשטעלט.

אין יענעם אָבענד בין איך אויף אַ ווייכער, טייערער סאַמעטענער קאַנאַפּע ווי אַ פּריץ אין געהאַקטע צרות און ליידען ווי אַ צום טויט פּאַר'משפּט'ער געזעסען.

— הערסט, סידני, — זאָגט צו מיר מיין ווייב. — ווייסט וואָס מיר איז איינגעפאַלען?

— מאַלע וואָס דיר קען איינפאַלען! אודאי נאָך פּויר־ניטשור, נייע געלט אָדער נייע חובות, — זאָג איך.

— ניין, דאָס ניט.

— אויב אַזוי, בין איך אַ בעלן צו הערען דיין איינפאַל.

— הערסטו, סידניקאַ, מאָרגען איידער דו וועסט קומען, זאָלסטו פריהער אַריינגעהן צום באַרבער און זאָלסט זיך אָפּזועגענען מיט'ן רעמניץ פון דיין אַמאָל־געוועזענער באָרד. צו וואָס טויג עס אָדער נוצט דיר? וואָס זשע, ביסט עפּעס אַ דאָקטאָר, אָדער דיפּלאָמאַט, וואָס זאָלסט זוכען אויסזעהן עלטער ווי דו ביסט? הייגט האָט מיר לעסטערל דערצעהלט, אַז אין סקול האָבען איהם עטליכע באָיס געפרעגט אויב זיין פּאַפּאַ איז אַ שיני, ווייל ער האָט וויסקערס. ס'איז נאָך אַ גליק, וואָס דאָס קינד האָט שכל געהט און געזאָגט, אַז זיין

פּאַפּאַ-מאַמאַ זײַנען דזשוירמען, ווי איך האָב איהם אָנגע־זאָגט. און ס'וואָלט ניט געשאַדט, אַז אײן איין ווענם זאָלסטו זיך אויך מיט דײַנע איטאַליעניזשע מאַסטעזוש (וואַנצעס) אויך שיידען. דאָס מעג מען דאָך. כ'לעבען, וואָלסט אַ סך שעהנער און יונגער אויסגעזעהן. מילא, אַז מיר האָבען געוואוינט אין די חזיר'שע נעיבאַרהודס, האָט מיך ניט גע־אַרט. אָבער דאָ מוז מען זיך פיהרען מיט לייטען גלייך. דאָ, פאַרשטעהסטו מיך, איז אַ דזשענטייל רעזידענשעל נעי־באָרהוד, און מען זעהט דאָ ניט קיין מאַן מיט וואַנצעס. פון בערד איז אָפּגערעדט.

— דו ועסט ביי מיר ניט פועל'ן. דיינע שכנים, די סאָליוועגס און די אָקאָנערס, זיי זיינען אײרישע באָמס מעגען זיי געהן מיט אָפּגעשונדענע בערד און וואַנצעס. אָבער איך בין דאָך אַ איד! — האָב איך גע'טענה'ט.

— שאַ, שריי ניט. מ'קען נאָך דערהערען. מעהר וואָל־טען מיר ניט באַדאַרפֿט.

— הכלל, וואָס זאָל איך אייך זאָגען, מיר האָבען זיך אַזוי לאַנג אַרומגעקאָמפּערט איבער מיין בערדל (מ'שטיינס־געזאָגט, ווי גרוים ס'איז שוין דאָן אינגאַנצען געווען!) און איבער מיינע געדרעהטע וואָנצעלאַך, ביז מיר האָבען, גאָר אָהן בוררים, געמאַכט אַ פשרה — האַלב אויף האַלב: דאָס שטיקעל בערדעל מיט אַ העלפֿט פון די וואָנצעס אָפּשייווען און האַלב פון די וואַנצעס איבערלאָזען, לזכר.

אויף מאָרגען, פונקט ווי טשאַרלי טשאַפּלין, האָב איך מיך קוים אַהיים דערשלעפּט מיט מיינע באַנדלאַך פיש, פלייש און גראָסערי-זאַכען. און אנשטאָט זי זאָל מיר אַנט־קעגען געהן און מיך פון אַ פּאָר באַנדלאַך באַפרייען, האָט זי מיך גאָר מיט אַן אומדערוואַרטען היבשען ברוך-הבא אויפגענומען. דאָס מאָל האָט זי זיך אויף מיר ניט נאָר געבייזערט, נאָר סתם אויפ'ן קול געשריען, געליאַרעמט און געוואָלדעוועט:

— אַ באַלעבאָס ביסטו? אַ לענדלאָרד האָסטו געוואָלט

זיין, אַ הויז האָט זיך דיר געגלוסט צו האָבען! ווען איך זאָל מיך דאַרפען אַנליידען פון אַ לענדלאָרד, וואָס איך האָב מיך היינט דאָ אַנגעליטען, וואָלט איך איהם זיינע אויגען אויסגעדראַפּעט, די געדער׳רים אַרויסגענומען.

— שאַ, שריי ניט. וואָס איז עפּעס געשעהן מיט׳ן הויז?

דערווייל זעה איך, אַז זי שטעהט נאָך ניט קיין אָפּגע־ברענטע (און אויב יאַ, וואָלט אויך אַ קנאַפּער אומגליק געווען), האָב איך מיך ביי איהר געבעטען און זי געפּרואווט איינשטילען.

— הער, ווי ער רעדט זיך מיט אַ גרינג לעבערל, — האָט זי אַן אויפגעקאָכטע און אויפגעברויזטע ניט מיט איהר קול נאָך העכער געשריען. — וואָס־זשע, זעהסט ניט? ביסט, מיינע שונאים, בלינד? וואָס־זשע, פיהלסט ניט? דאַכט זיך, האָסט אַ היבש לאַנגע ניאָניע (נאָז), ווי אַ שופר!

— זעהסטו, וואָס איך האָב אַ נאָז ווי אַ שופר, בין איך ניט שולדיג. איך האָב זי מיר ניט אַליין גענומען. אָבער דו וואָלסט געקענט נעהמען אַ מאַן מיט אַ קלענערער נאָז און אפילו גאָר אָהן אַ נאָז. — האָב איך מיך געוויצעלט.

— זעה נאָר זעה, עס עיפּוש׳ט, און איהם זאָל עס גאָר אָרען!

איהרע לעצטע ווערטער האָבען געצויגען מיין אויפ־מערקזאַמקייט, און ווערהרענד איך האָב אַנגעשטעלט מיין שמעקער, האָב איך טאַקע דערפיהלט, אַז עס פיהלט זיך עפּעס אַ מאָדנער ניט זעהר אַנגענעהמער ריח, וועלכער איז געקומען פון באָד־רום.

כאָטש קיין עקספּערט פּלאָמבער בין איך ניט געווען, האָב איך דאָך אויסגעפונען, אַז מיין אידענע האָט אַ היבש ביסעל שמאַטעס אַריינגוואָרפען, וואו זי האָט ניט באַדאַרפט וואַרפען. איך האָב געלאָזט וויסען דעם ווילעדזש־פּלאָמבער פון מיין „תענוג“, און פאַר עטליכע פינפערלאַך האָט ער אונז באַפרייט פון דעם פאַרגעניגען.

און מיינט איהר אפשר, אַז דעמאָלט האָט מיך שוין

מיין אידענע צו־רוה געלאָזט, אָדער זי האָט זיך באַרוהיגט מיט איהרע שעהנע און אַריסטאָקראַטישע פּוירניטשור און מיט דעם, וואָס איהרע איירישע שכנים האָבען זי פּאַר אַ דזשווירמען ליידי געהאַלטען, אָדער זי איז שוין צופרידען געוועזען פון מיינע טשאַרלי טשאַפּלין וואַנצעלעך און האָט שוין אפשר אויפגעהערט צו מאַנאַלאָגעווען און חנה־פּעסלען, און איהר מעגט מיך שוין אפשר אָנהויבען מקנא זיין? — זאָג איך אייך: איילט אייך ניט!

יעדען טאָג, ווען איך קום אַהיים, טרעף איך אַ פּאַר־טיג צוגעגרייטען מאַנאַלאָג, אַ היבשע און לענגליכע חנה־פּעסיל־דרשה. און טרעהרען פאַרגיסט זי בעת מעשה גענוג, און קלאָגען קלאָגט זי אויך גענוג. צימערען זיינען פאַראַן גענוג — אפילו אַ הכנסת אורחים צו מאַכען, פּוירניטשור — דאַרף איך שוין מעהר ניט דערצעהלען. דאָס אַלעס דאַרף מען ריין האַלטען, און עמיצען קריגען איהר אַרויסצוהעלפען איז פּשוט אוממעגליך. זי אַליין איז שוין פון דער ארבייט אַן אויסגעמאַטערטע, אַז זי קאָן זיך שוין כמעט אויף איהרע פיס ניט האַלטען. און דאָ האָט איהר גאָט צוגעשיקט נייע צרות, נייע האַרץ־קלעמעניש. עפּעס דורך אַ סיבה האָבען זיך אונזערע שכנים, די סאַליווענס, אָקאָנערס און מעקאַר־טיס, דערוואוסט, אַז מיר זיינען פּשוט'ע אידען, און דערצו נאָך „ראַשען דזשוס", אפילו קיין „דזשווירמען דזשוס" ניט. האָבען זיי שוין געפונען אַ פּריטשעפּקע און וואַכען פון אונז ווי פון אַ פּעסט.

זיצט זי נעבעך אַליין דורך די טעג און האָט ניט מיט וועמען אַ וואָרט אין מויל אַריינצונעהמען. און ועל כולם זוכען אונזערע אַריסטאָקראַטישע שכנים, די יענקים, פּטור צו ווערען פון אונז די „דוירטי דזשוס". האָבען זיי אונז אַלערליי צרות אָנגעטאָן: דעם אייזמאַן פאַרזאָגט ניט צו פאַרקויפען אונז קיין אייז; דעם מילך־מאַן, ער זאָל אונז ניט פאַרקויפען קיין מילך; און אַלס צוגאָב שטעלען זיי אָן זייערע קינדער, אַז זיי זאָלען לייזערלען, מיין בן־יחיד, מיין

אויג אין קאָפּ, שלאָגען און איהם רופען קריסט-קילער, און מיך אַליין שוינען זיי אויך ניט. די גאַרבעדזש-קען, כאָטש זי שמעקט ניט איבעריג פיין, מוז זי האַלטען אין הויז, מחמת זייערע יענקילעך ליידיגען זי אוים פאַר מיין טיר אַזוי גיך ווי זיי דערזעהן זי נאָר, און מיט בלאָטע, וועלכע פעהלט דאָ קיינמאָל ניט און מ׳דאַרף ניט לאַנג זוכען, באַוואַרפען זיי מיינע פענסטער און נאָך וואו ס׳לאָזט זיך. כדי דאָס אַלץ צו פאַרמיידען וואָלט איך באַדאַרפט כאָטש אַ פּאָר שומרים אוועקשטעלען. און איך אַליין, אַ חוץ פּלאָמבער-, קאַרפּענ-טער-, רופער- און פּיינטער-בילס, האַלט אין איין צאָהלען ראַטעס און שלעפּ זיך מיט באַנדעלס. צו דעם אַלעם קומען נאָך צו די צעטעלעך מיט די פאַרשידענע שמוציגע אויפ-שריפטען, ווי דוירטי דזשוס, שינים, קרייסט-קילערס, וואָס אונזערע נאָבעלע שכנים לאָזען זייערע קינדער אויפקלעבען אויף די ווענט פון מיין הויז...

אדרבא, אפשר זוכט איהר זיך צרות, טאָ קומט, איהר קאָנט ביי מיר קריגען אַ גרויסען באַרגעין!

---

## די מגפה פון מייסאָניזם.

אויב איהר געפינט זיך אין אַ געזעלשאַפט פון מענער פון יעדען עלטער, נאָר ניט אינגער פון איין-און-צוואַנציג יאָהר, סיי ביי אַ פאַרזאַמלונג און סיי איהר באַגעגענט זיי איינצעלנע אָדער אין אַ גרופּע געהענדיג איבער די גאַסען, קוקט אייך צו, זייט מוחל, צו די לאַצען פון זייערע רעקלעך, און איהר קענט זיין זיכער, אַז כמעט ניט ווייניגער ווי זיבעציג פּראָצענט, איבערהויפּט ביי אונזערע אחינו בני ישראל, וועט איהר זעהן שטעקען אַ קנעפּעל, אויף וועלכען ס׳איז אויסגעקריצט אָדער אויסגעמאָלען אַ סקווער (אַ ווינקעל) איבערגעקרייצט מיט אַ קאָמפּאַס (אַ געצייג מיט וועלכען מען מאַכט אַ צירקעל) מיט אַ בוכשטאַב „דזשי" (ג). דאָס לאָזט

אייך ווייסען, אַז דער באַזיצער פון דעם קנעפּעל איז אַ מאַסאָניק און איז זעהר שטאָלץ דערויף, וואָס ער האָט זוכה געווען, אָדער בעסער געזאָגט, איז בכח געווען פאַר די עטליכע הונדערטער, וואָס ס'האָט איהם אָפּגעקאָסט, צו דער־שלאָגען זיך צו אַזאַ הויכער מדרגה. איבערהויפּט גרויסט ער זיך אַנטקעגען די זעהר ווייניגע, וועלכע האָבען ניט די מאַטעריעלע מעגליכקייט און זיינען ניט בכח צו פאַרמעסטען זיך מיט איהם אין גדלות.

דאָס קאָנט איהר אָבער נאָר זעהן היינט אין אַמעריקע, און דאָס אויך ניט אומעטום, נאָר אין די גרעסערע שטעדט. איבערהויפּט אין דער גרעסטער שטאָדט, ניו יאָרק, קאָנט איהר עס זעהר בולט, אפילו ניט־ווילענדיג, זעהן. און הגם עס איז דאָ אַ לעגענדע, אַז דער אָרדען עקזיסטירט זינט שלמה המלכ'ס צייטען, דאָך האָט מען פון זיי, פון די מאַ־סאָניקס, זעהר ווייניג געהערט און נאָך ווייניגער געזעהן.

דעמאָלט האָט אַ מיטגליד פון דעם אָרדען געהאָט אַ געוויסע רעכט צו שטאָלצירען מיט זיין מיטגלידערשאַפט אַלס מאַסאָניק, ווייל עס איז ניט געווען קיין געלט־פראַגע— עס איז געווען אַ פראַגע פון זיין ראוי צו ווערען אַ מיטגליד פון דעם אַלטען און נאָבעלען מאַסאָניק אָרדען. און דערפאַר טאַקע איז זעהר אַ באַשרענקטע צאָהל געווען מיטגלידער פון דעם אָרדען. די, וואָס האָבען געוואָלט ווערען מיטגלי־דער האָבען זעלטען געקענט צופרידען שטעלען מיט זייער אָפּשטאַמונג, פאַרגאַנגענהייט און געגענוואַרט די שוין גע־וועזענע מיטגלידער פון דעם אָרדען, כדי צוקריגען זייער צו־שטימונג אריינגענומען צו ווערען אין דעם אָרדען. און אויך היינט, אין צוואַנציגסטען יאָהרהונדערט, אויב איהר זאָלט די גאַנצע וועלט אַרומרייזען, און ניט נאָר זיין אין די קליינע שטעדטלעך, נאָר אויך אין די גרויסע שטעדט, וועט איהר זעהר ווייניג אַזעלכע קנעפּלעך־באַזיצערס זעהן און פון נאָך ווייניגער הערען. און אויב איינער איז שוין יאָ אַ מיטגליד פונ'ם אָרדען, וועט ער עס אייך בסוד ענטדעקען,

נאָכדעם ווי ער וועט פון אייך אויסגעפינען און גאַנץ זיכער זיין, אַז איהר זייט אַ ברודער מייסאָן.

אַבער זיך דערמיט צעשפרייטען און זיך דערמיט אַדווערטייזען, ווי אַ קרעמער זיין סחורה„ דאָס האָט דער אייראָפּעער, דער אויפריכטיגער מאַסאָניק, קיינמאָל ניט געטאָן, און טוט דאָס היינט אויך ניט.

אויך דאָ אין אַמעריקע איז עס ביז צוריק מיט עטליכע צעהנדליג יאָהר גאַנץ אַנדערש געווען, ווי היינט. הגם צו יענער צייט האָט דאָס איינטריט-געלט באַטראָפען ווייניגער ווי אַ צענט-חלק פון דעם היינטיגען און די יעהרליכע מעמבערשיפּ-דיוס האָט באַטראָפען אַ דריט-חלק פון דעם איצטיגען, דאָך האָט איהר זעלטען געזעהן מאַסאָניקס און נאָך ווייניגער פּאַטענטירטע קנעפּעל-טראָגערס. פאַרוואָס? ווייל צו יענער צייט איז נאָך ניט געווען דער אַפּעטיט צו פּראָפיטען אַזוי גרוים אין די אָרדענס.

אַבער זינט די לעצטע עטליכע צענדליג יאָהר האָבען זיך די לאָדזשעס, כּאָטש ניט אַלע, אַבער דאָך גענוג פון זיי, ענטוויקעלט צו אַ קאַפּיטאַליסטישער מדרגה. עס האָט זיך ביי זיי אויך ענטוויקעלט די געלט-גייציגקייט, די לוסט צו פּראָפיטען. אום דאָס צו דערגרייכען, איז מען פשוט אין די מאַסאָניק מאַנופעקטשורינג ביזנעס געגאַנגען. און אַזוי ווי דעם פאַבריקאַנט׳ס אַמביציע איז וואָס מעהר צו פּראָדוצירען און וואָס מעהר פאַר זיינע פּראָדוקטען באַקומען, און וואָס ווייניגער די פּראָדוצירער, איך מיין די, וועלכע גיבען אַוועק זייערע כחות און שאַפען די אוצרות, זאָלען דערפון געניסען, — דער זעלבער צושטאַנד איז אויך היינט אין פילע לאָדזשען. אַנשטאָט די אַמאָליגע פינף-און-צוואַנציג דאָלאַר איינטריטס-געלט, דאַרף מען היינט פון צוויי ביז פינף הונדערט דאָלאַר איינצאָהלען, און אַנשטאָט די פינף דאָלאַר דיוס, וואָס מען האָט אַמאָל געדאַרפט צאָהלען, דאַרף מען היינט צאָהלען צעהן, צוועלף און אַמאָל פיל מעהר צאָהלען. און וואָס קריגט היינט דער מיטגליד דערפאַר?

גאַרנישט מיט גאַרנישט. דער מיטגליד האָט בלויז אַ פּליכט צו צאָהלען דיוס און אַסעסמענטס. דאָס מוז ער טאָן אין צייט. שולדיג זיין לאָזט מען איהם ניט. איהר מעגט האָבען געצאָהלט רעגעלמעסיג אין משך פון צוואנציג יאָהר און נאָך לענגער, קוים האָט איהר איינמאָל פאַרפעהלט, ווערט איהר אוים מחותן, און מ'הייסט אייך געהן. פאַראַנשטאַלטעט דער לאָדזש אַ באַנקעט אָדער אַן אַנדער שמחה לכבוד זיין מאַסטער, אָדער סתם אַ געוויסען־יעהריגען יובילעי פון דער עקזיסטענץ פון לאָדזש, פלעגט מען זיך אַמאָל נוהג זיין, אַז די אויסגאַבען פאַר דעם צוועק זיינען געגאַנגען פון דעם לאָדזשען־פאָנד, ווי מאָגער ער איז געווען, און מען האָט אַלע לאָדזשען־ברידער געגעבען אַ געלעגענהייט צו קומען מיט זייערע פרויען. און סיי אָרים און סיי רייך האָבען אַלע צוזאַמען פאַרבראַכט אַ פרעהליכען אָוענט. דאָס אַלץ איז געווען אַמאָל, אָבער ניט היינט. היינט איז דער לאָדזש, ווי שוין געזאָגט, אַ קאַפּיטאַליסטישע אינסטיטוציע. מעג די מיטגלידערשאַפט באַשטעהן פון לויטער קבצנים, די פיהרער אָבער פיהרען זיך גרויסאַרטיג און באַשטעלען די באַנקעטען אין די גרעסטע און רייכסטע האָטעלען, וואו מען סערווירט די זרוך'ס מיט די זרוך'טעס, און די ברוך'ס מיט די ברוך'טעס מיט אויסטער־קאָקטעילס און טוירטעל־זופּ, פון וואָס עס קערט זיך זיי די גרינע גאַל. און זיין חאַנצע מוז האָבען אַ נייע דרעס, שיך, און גאָט ווייסט וואָס נאָך דערצו. וואָרים דער באַנקעט אָדער דינער, ווי מ'רופט איהם היינט, איז דאָך אין די גרויסע פענסטער, ניט ווי אַמאָל אין אַ צוגענגליכען פּלאַץ.

נו, קאָסט טאַקע חיים־חייקלען אַפּ אַ שטיק גאָלד. פאַר'ן פּלייט — כאָטש אַ צעהנערעל, טיפּען די וועיטערס און גאַרדעראָב קאָסט אויך, און אַחוץ דעם ווי קען מען עפּעס אין אַזאַ פּלאַץ קומען ניט אין קיין טעקסי — עס איז ממש אַ בושה פאַר די ברידער משה'ס. שניידט זיך חיים־חייקעל אַ קריעה, ער לייט און באָרגט, אַבי צו זיין מיט לייטען גלייך.

נאָר אַז עס קומט שוין מים עד נפש, זיצט ער מיט זיין אידענע אין דער היים. און אַז ער קומט צום נעקסטען מיטינג, אויב ער קומט, און די ברידער פרעגען איהם: סטייטש? זאָגט ער זיי (כאָטש אַ מייסאָן) אַן אויסגעטראַכטען, גראָבען ליגען.

צו קיין פאַרזיכערונגען, קרקע און קראַנקען-בענעפיט איז ער ניט באַרעכטיגט. ניט מעהר, אַז ער ווערט געבענשט מיט אַ היבשען דלות און ער קען ביי זיך פועל'ן, וואָס אַנדערע קענען ניט, צו דערנידריגען און בלאַמירען זיך ווי אַ געוועהנליכער בעטלער און שנאָרער, — דאַן קריגט ער אַביסעל שטיצע. און אַזוי טאַקע קוקט מען אויף איהם, בעת די ברידער מייסאָנס שענקען איהם אַ נדבה, וואָס ס'קלעקט אַמאָל ניט מעהר נאָר פאַר אַ חודש דירה-געלט צו באַצאָהלען. און אַמאָל נאָך ווייניגער. און קוים קומט ער נאָכאַמאָל זיך קלאָגען, איז אים גאָר ניטאָ מיט וואָס מקנא צו זיין. ווייל דאָס געלט דאַרף פון דעם לאַדזשען-פאָנד גענומען ווערען. און כאָטש די פאָנדען זיינען זעהר געשוואָלענע, איז דאָך אַ שאָד זיי צו ריהרען, ווייל זיי ברענגען אַריין גרויסע פראָפיטען : פראָצענטען פון מאָרטגעדזשעס, באָנדס און נאָך אַנדערע איינקונפטען, וועלכע מאַכען דעם לאַדזש אַלץ רייכער און רייכער. אמת, ריהרען ריהרט מען יאָ אַמאָל פון דעם געלט. אָבער ווען ? אַז מען שטימט אָפּ צו געבען דעם מאַסטער אָדער דעם דעפּיוטי גרענד-מאַסטער, אָדער עמיצען אַנדערש פון דער קליקע (און דאָס איז גראָד ניט קיין זעלטענהייט!) — אַז מ'שטימט אָפּ צו געבען זיי אַ פּרעזענט, אַ טעסטימאָניעל פאַר זייערע וואַזשנע אויפטואונגען — און דאָס באַטרעפט שעהנע הונדערטער — דעמאָלט נעמט מען אַוועק די האַנט פון הארץ. אָבער ניט פאַר אַזאַ קליינינגקייט, פאַר אַזאַ אומוויכטיגקייט, ווי העלפען אַ ברודער אַ שנאָרער, אַ בעטלער... וועט איהר פרעגען אַ קשיה : מה זה ועל מה זה ? פאַרוואָס-זשע זיינען עפּעס פאַראַן אַזוי פיל קנעפּעל-טראָגערס און יעדען טאָג קומען צו

מחנות גאַנצע! אַז קיין נוצטען ברענגט עס ניט, קיין בענע־
פיטען קריגט מען ניט, און קאָסטען קאָסט עס זעהר פיל
(ביי איינינע איז דאָס אַ גאַנצער אוצר, וועלכען זיי האָבען
קיינמאָל ניט פאַרמאָגט, נאָר האָבען געמוזט אָנקומען צו
גוטע פריינט — געליהען, געבאָרגט, ביז זיי האָבען די סומע
צונויפגעשלעפּט!) — וואָס האָט איהם דערצו געטריבען,
ווער האָט איהם געצוואונגען? דער תירוץ איז זעהר אַן
איינפאַכער. עס איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט, וועלכער
קען ניט אָפּגעלייקענט ווערען, אַז זעהר זעלטען זאָל זיך
היינט עמיצער, איבערהויפּט אַ קבצן, לאָזען קאָסטען אַזאַ
סומע צו ווערען אַ מייסאָן לשם כבוד. וואָרים ווען איז
כבוד אַ כבוד, ווען נאָר איינינע אָנערקענטע מענשען האָבען
דורך זייער ווּיסענשאַפט, גרויסע מעשים אָדער ערליכקייט
דעם כבוד זיך ערוואָרבען. די דאָזינע זיינען טאַקע באַרעכ־
טיגט מיט דעם צוגעטיילטען כבוד צו שטאָלצירען. צו דער
שטופע האָט דער אַמאָליגער מאַסאַניק געשטרעבט און ער
האָט עס אויך דערגרייכט. און קוים איז איהם געלונגען,
האָט ער געהאַט מיט וואָס אויך געמעגט שטאָלצירען. אַבער
ניט דער היינטיגער מייסאָן. אפילו ביי זיין אידענע ווערט
ער קיין גרעסערער מיוחס ניט. וואָס איז דאָס פאַר אַ יחוס
צו זיין אַ מייסאָן? איז דען איהר טאַטע דערשוסטער, וואָס
שלאָגט דער מאַמען מיט דער קאַפּיטע, ניט קיין מייסאָן?
און איהרע ברידער די בעלי־עגלות, און אפילו דער סאַלון־
קיפּער, וועלכען מען אַרעסטירט אַלע מאָנטאָג און דאָנערש־
טאָג פאַר גאָר קיין מעשים טובים ניט, איז ער דען ניט קיין
מייסאָן? און אין די פּריזאָנס זיינען זיי עפּעס קנאַפּ פאַר־
טראַטען? און דעם טעם פון עלעקטריק טשעיר האָבען
איינינע פון זיי אויך פאַרזוכט. און אַ חוץ דעם, פאַר וועמען
זאָל ער זיך גרויסען? מיט וואָס און פאַר וועמען זאָל ער
שטאָלצירען, אַז „אין בית אשר אין שם מת“? איבערהויפּט
ווען ער מאַכט מיט זיך אַליין אַ חשבון הנפש, ווייסט ער
דאָך אודאי ווי ווייט ראוי ער איז צו זיין אַ גדול בדור, אַ

בעל כבוד, אַ גרויסער מענש, אַ מייסאַן.

נאָר וואָס דען? צו ביזנעס, אַזוי רעכענט ער און אַזוי רעכענען אַלע קאַנדידאַטען, איז עס אַ גרויסע סגולה. און פילע, זעהר פילע האָבען זיך פּשוט איינגערעדט, אַז אָהן אַזאַ קנעפּעל וועלען זיי גאָר קיין מעגליכקייט האָבען אַ קאַריערע אָדער אַ לעבען צו מאַכען. אַזוי דענקט יעדער קאַנדידאַט, ווייל אַפּנים אַ מייסאַן האָט איהם, איך זאָל ניט זינדיגען מיט מיינע רייד, אָפּגעבלאָפט.

דאָס איז קיין זעלטענהייט ניט. אַלע מייסאָנס זיינען געקניפּט און געבונדען. איינער פאַר׳ן צווייטען געהט ממש אין פייער אריין. און קוים קומט אויף איינעם אַן עת־צרה, העלפט מען איהם פון רעכטס און פון לינקס. אַ קלייניגקייט, די מייסאָנס! איינער פאַר אַלע און אַלע פאַר איינעם!

נו, טוט ער ביי זיך אַ טראַכט: אַ שטייגער, אַז איך וועל געהן זוכען אַ שטעלע, און דער באָס, דער קנעפּעל־טראָגער (און וועלכער באָס איז עס ניט קיין קנעפּעל־טראָגער?) וועט מיך, דעם קנעפּעללאָזען, דערזעהן, וועט ער מיר דען די שטעלע געבען? געוויס ניט. געבען וועט ער גיכער זיינעם אַ ברודער, אויך אַ קנעפּעלטראָגער. איהם איז ער עס שולדיג. ער איז דאָך זיינער אַן אייגענער. אָבער ניט מיר, אַ פרעמדען, צו וועמען ער איז ניט פאַרפּליכטעט. עס וואָלט גאָר אפשר געווען אַן עולה פון איהם אַזוי צו האַנדלען. אַזוי דענקט ער, דער אומוויסענדער קנעפּעללאָזער. און ער דענקט אויך, אַז אויב ער וועט געהן אין ביזנעס און וועט זיך נויטיגען אין קרעדיט, וועט איהם דאָס קנעפּעל פיל מיטהעלפען. און אַז ער וועט האָבען אַ ביזנעס און קונים וועלען צו איהם אריינקומען, און אויב זיי זיינען נאָר קנעפּעל־מענשען, ווי וועלען זיי אַרויסגעהן ניט קויפענדיג עפּעס ביי איהם. עפּעס איז ער דאָך אַ זייעריגער, אַ ברודער, אַ שמעלקע. און אַז ער וועט אַמאָל דאַרפען פאַר אַ דזשאָדזש פאַרקומען וועגען עפּעס אַ טובה — נו, וועלכער דזשאָדזש

איז עס ניט אַ מאַסאָניק? — וועט דאָס איהם ממש זיין לעבען ראַטעווען.

אַזוי פאַנטאַזירט נעבעך יעדער קנעפּעללאַזער.

נו, גיט ער זיך אַן עצה. אַ פאַרשלעגער אין אַ לאָדזש, כאָטש דאָס איז זעהר אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטליכקייט, מוז דעם קאַנדידאַט פאַר אַ לאַנגער צייט אַלס עהרליכען און רעספּעקטאַבלען מאַן קענען. דער פאַרשלעגער קען איהם אָבער סך־הכל שלושים און אַמאָל אַזוי לאַנג אויך ניט, נאָר אַ טובה טוט ער איהם סיי ווי סיי און שרייבט זיך אונטער אויף דער אַפּליקיישאַן, אין וועלכער, אַחוץ אפשר דער נאָמען, איז קיין פיל אמת ניט פאַראַן. אמת, דער מאַסטער ערוועהלט און שיקט אַ קאָמיטע, אויסצוגעפינען זיין כאַ־ראַקטער און נאָך אַנדערע מעלות. די קאָמיטע באַשטעהט פון דריי ברידער, נאָר אַ גינסטיגער רעפּאָרט פון צוויי איז אויך גענוג. די קאָמיטעלייט לאָזען איהם וויסען, אַז זיי קומען איהם מקבל פנים זיין, און טאַקע ביי איהם אין זיין היים, אָדער אין זיין אייגענער ביזנעס, אָדער וואו ער אַר־בייט, פרעגען זיי זיך נאָך טאַקע ווידער ביי איהם אַליין. פאַרשטעהט איהר דאָך שוין אַליין, אַז דער רעפּאָרט מוז זיין אַ גינסטיגער.

דאָס ביסעל תורה בעל־פה, וואָס באַשטעהט פון ניט מעהר און ניט ווייניגער ווי פון אַ בר־מצוה דרשה פון אַן אַמעריקאַנער „עלוי", וועלכע זיין מלמד קויפט דריי פאַר אַ קוואָדער, — אָט דאָס ביסעל תורה האַקט מען איהם אין קאָפּ אַריין, און אַזוי ווערט ער, דער קאַנדידאַט, בשעה מצלחת אַ מאַסאָניק. אין אַ גאַנץ קורצער צייט פאַרגעסט ער די גאַנצע תורה, וואָס מען האָט איהם בעל־פה אויסגע־לערענט. און שווער צו פאַרגעסען קומט איהם ניט אָן, ווייל ער האָט ווייניג וואָס געקענט און נאָך ווייניגער פאַר־שטאַנען. נאָר אַ קנעפּעל אין לאַץ טראָגט ער בהכשר המאַסאָניק דפה.

די ערשטע צייט אינטערעסירט עס איהם אַזוי ווי אַלע

נייקייטען. עס נעמט אָבער ניט לאַנג און ער ווערט אַן אָפּגעקיהלטער און אפילו אַן ענטוישטער אויך. ווייל ביי דער ערשטער געלעגענהייט געפינט ער אוים, אַז ס'איז לא דובים ולא יער. קומט ער בעטען אַ שטעלע, וויל דער באַס קיין ברודער, קיין שמעלקע ביי זך ניט האָבען. איז פאַר איהם אַ סך בעסער דאָס קנעפּעל אָפּצוקנעפּלען. קומען צו איהם קונים מיט קנעפּלעך אין זייערע לאַצען, ווילען זיי ביי איהם באַלד קרעדיט פאַרלאַנגען — דאָך עפּעס אַ מייסאַן, אַן אייגענער. און וועט ער זיי ניט קענען אָדער ניט ווענלען אָפּזאָגען, איז אים גאָר ניטאָ מיט וואָס מקנא צו זיין. איז שוין פאַר איהם בעסער און פּראַקטישער זיין קנעפּעל אין די שבת'דיגע בגדים צו שטעקען. און די אייגענע ערפאַה־רונג קריגט ער אויך, ווען עס קומט איהם אוים אָנצוקומען נאָך קרעדיט. און ואחר כך זעהט ער אַרוים, אַז דער גאַנ־צער עסק, נאָך וועלכען ער האָט זיך געיאָגט, ברענגט איהם גאָר קיין נוצען ניט. די עטליכע דאָלאַר דיום, וועלכע ער מוז צאָהלען, קען ער פאַר אַ פיל בעסערען צוועק פאַר־ווענדען. צאָהלט ער ניט, לאָזט מען וויסען, אַז ער איז גע־שטראָכען פאַר ניט צאָהלען דיום. נו, איז איהם דער באַרשט זויער געוואָרען. דאָס קנעפּעל אין לאַץ, אַז ער וויל, לאָזט ער דאַרטען שטעקען. ווער קען איהם דען אַ דעה זאָגען? עס איז דאָך זיין אייגענטום.

## מיין מאַמע'ס ערצעהלונג

אַז איך בין נאָך קיינע פולע צעהן יאָהר ניט אַלט געווען, האָב איך שוין געוואוסט וואָס אַ מייסאַן, אָדער מייסאָנרי איז. אַזוי אַמווייניגסטען האָב איך געדענקט, און בין געווען זיכער, אַז איך ווייס. דערוואוסט דערפון האָב איך מיך פון מיין מאַמען, עליה השלום. מיין מאַמע, עליה השלום, איז

געוועז אַ יודעת הכל, און אויף מעשיות דערצעהלען איז זי געוועז אַ גרויסע בריה.

מעשיות פון צדיקים, גוטע אידען, למד־וואָוו'ניקעס, און, להבדיל, פון שדים, מזיקים, ניט־גוטע און שרעקלעך האָבען איהר קיינמאָל ניט אויסגעפעהלט, נאָר איבער מייסאָנס און מייסאָנרי, — איבער דעם פלעגט זי רעדען ווי אַן אויטאָרי־טעט. דערויף פלעגט זי זאָגען, באַזיצט זי פאַקטען צו באַ־שטעטיגען איהרע באַהויפּטונגען. די גרויסע וויסענשאַפט און ערפאַהרונג האָט זי געקראָגען ביי איהרען אַ קרוב, וועלכער איז געוועז דער גרעסטער און פראָמינענטסטער אַדוואָקאַט אין שטאָדט. ער איז אויך געוועז זעהר אַ רייכער מאַן, און ביי זיי, ביי די מייסאָנס, איז ער דער גרעסטער, דער מאַסטער געוועז. און אין די עטליכע יאָהר, וואָס זי איז ביי איהם אין הויז געוועז, האָט זי גענוג צייט און די געלעגענהייט געהאַט זיך צו צוהערען און זיך אונטערצו־הערען צו די פילע געהיימע פאַרהאַנדלונגען און געשפּרעכען, וואָס זיינען פאָרגעקומען צווישען איהם און זיינע ברידער מייסאָנס, ווי זיי פלעגען זיך רופען.

איך פלעג מיך מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט צוהערען צו אַלע איהרע מעשיות, נאָר ווען זי פלעגט דער־צעהלען פון די מייסאָנס (פריי־מויערער) פלעגט עס מיך האַלטען מעהר געשפּאַנט, ווי אַלע איהרע אַנדערע מעשיות. עפּעס האָט מיך דאָס מעהר ווי אַלעס אינטערעסירט. איך פלעג אַנשטעלען מיינע קינדערשע אויערען און עפענען מיין מויל, און כמעט יעדעס וואָרט שלינגען. און דערפאַר טאַקע איז ביי מיר נאָך היינט יעדע פון איהרע מעשיות, איבער־הויפּט פון פריי־מויערי, טיף איינגעקריצט אין מיינע זכרונות, און איך גלויב, אַז ניט נאָר ביי מיר, נאָר ביי אַלע, וועלכע האָבען די זכיה געהאַט איהרע מעשיות אויסצו־הערען. מיט געניאַליטעט פלעגט זי שילדערען די פריי־מויערער אַלס אַ מין סאָרט הימעל־מענשען. זייער גאַנץ לעבען און שטרעבען איז פאַרבונדען מיט זעהר גרויסע

סודות. איבערהויפּט באַזיצען זיי זעהר אַ גרויסען סוד, און אום דעם סוד געוואַר צו ווערען, מוז יעדער קאַנדידאַט זיין געקליידעט אין תכריכים, און ליגענדיג אין אַ טויטען־קאַסטען, אַרומגערינגעלט מיט גרויסע, שוואַרצע ברענענדיגע ליכט. דאָס צימער, אין וועלכען דער קאַנדידאַט ווערט אַריינגעפיהרט, אום די צערעמאָניע פון איינשווערען אַלס מייסאָן דורכצופיהרען, זיינען די ווענט און דער סופיט מיט שוואַרצען טוך אויסגעטאַפּעצירט, און אינמיטען צימער, וועלכער איז אומגעהויער גרויס, שטעהט אַ גרויסער, פיר־עקיגער טיש, אויף וועלכען עס ליגט אַ גרויסער אָפענער בוך, געשריבען מיט מענשען־בלוט אנשטאָט טינט, און אין מיטען פון דעם מיט בלוט באַשריבענעם בוך שטעהט אַ מענשען־קאָפּ, אונטער וועלכען'ם צונג עס ליגט אַ שם־המפורש, און נעבען איהם שטעהען אויך גרויסע ברענענדיגע שוואַרצע ליכט, און קיין מענשליכע שאַרבענס מיט ביינער פון הענט און פיס פעהלען אויף דעם טיש אויך ניט. פאַר דעם טיש צו מערב זייט ווערט דער טויטען־קאַסטען מיט'ן קאַנדידאַט אוועקגעשטעלט, און אַלע ברידער מייסאָנס זיינען געקליידעט אין ווייסע, לאַנגע קיטלען מיט קאַלפּאַקעס, להבדיל, ווי קלעניקעס, און מיט טויטען־מאַסקעס אויף זייערע פנימ'ער. אין זייערע רעכטע הענט האַלטען זיי גרויסע קאָסעס (אַזעלכע געבויגענע מעסערס, מיט וועלכע די פויערים שניידען אָפּ די תבואה פון די פעלדער), אין זייערע לינקע הענט האַלטען זיי גרויסע שוואַרצע ברענענדיגע ליכט, און זיי שטעהען אויסגעשטעלט אין צוויי רייהען, צו צפון און צו דרום פון דעם צימער.

און אַז אַלעס איז אין אָרדנונג, דאַן קומט אַריין דער מאַסטער. פון קאָפּ ביז די פיס איז ער געקליידעט אין שוואַרצען, אפילו אויפ'ן פנים טראָגט ער אַ שוואַרצע מאַסקע. אין זיינע הענט טראָגט ער גאָר ניט. ער שטעלט זיך אוועק אין מזרח זייט פונ'ם טיש, אַנטקעגען דעם ליגענ־דען קאַנדידאַט, און נאָך דעם עפענען זיך צוויי זייטיגע

טירען, פון וועלכע עס קומען אַרויס דעם מאַסטער׳ס אַדיו־טאַנטען, דער סיניאָר און דזשוניאָר וואַרדען. זיי זיינען שוין געקליידעט אין גאַנצען אין רויטען, און אויף זייערע פנים׳ער טראָגען זיי מאָדנע מאַסקעס, און אין זייערע רעכטע הענט טראָגען זיי לאַנגע און שאַרפע שפּיזען. זיי שטעלען זיך אַוועק רעכטס און לינקס פונ׳ם מאַסטער. און וועהרענד עס הערשט שוין אַ טויט־שטילקייט אין צימער, הויבט זיך אָן די צערעמאָניע אויף פאָלגענדען אופן.

דער מאַסטער מיט זיינע וואַרדענס טרעטען צו נאָהענט צום טיש, און דער מאַסטער באַפעהלט דעם קאַנדידאַט, ער זאָל זיך אין טויטען־קאַסטען אויפזעצען. דער קאַנדידאַט זעצט זיך אויף, דער מאַסטער רעכענט איהם אויס אַלע פליכטען, וואָס אַ מייסאָן איז פאַרפליכטעט צו זיינע ברידער מייסאָנס, און פרעגט איהם אויב ער פאַרפליכטעט זיך זיי פינקטליך און גענוי אויסצופאָלגען. דער קאַנדידאַט ענט־פערט: יאָ, און דורך אַ באַפעהל פונ׳ם מאַסטער לייגט ער זיך צוריק אַוועק. דאַן טרעטען צו זעקס ברידער און נעהמען דעם טויטען־קאַסטען אויף זייערע אַקסלען, און טראָגען איהם אַרום דריי מאָל אַרום דעם צימער פאַרביי אַלע ברידער, וועלכע שטעהען אין רייהען מיט די קאָפּעס אין זייערע הענט, גרייט איהם אפילו אַוועקצו׳הרג׳ענען. דער מאַסטער מיט זיינע וואַרדענס געהען פאַראויס פונ׳ם טויטען־קאַסטען און פון הינטען געהט נאָך אַ ברודער, וועלכער שטעלט פאָר מיט זיין אַרט קליידונג דע׳ם מלאך המות. און בשעת זיי האַלטען אין מאַרשירען, שפּילט דער אָרגעל אַ טויטען־מאַרש. און נאָך דעם מאַרשירען ווערט דער טויטען־קאַסטען צוריק אויפ׳ן פריהערדיגען אָרט אַוועקגעשטעלט. דער מאַסטער מיט זיינע וואַרדענס טרעטען ווידער צו נאָהענט צום טויטען־קאַסטען, און דער מאַסטער באַפעהלט איהם ווידער זיך אויפצוזעצען, און ער פאָלגט אויס דעם באַפעהל. דאָ שטעלט איהם דער מאַסטער די פאָלגענדע פראַגען.

ער רופט דעם קאַנדידאַט ביים נאָמען און פרעגט איהם:

— ביזטו נאָך אַלץ ווילינ צו שווערען, אַז דו וועסט אַלע פליכטען צו די ברידער מייסאָנס פינקטליך און גענוי אויספאָלגען, און אַלע סודות וועלכע וועלען פאַר דיר אַנט־דעקט ווערען, אין דער טיפעניש פון דיין האַרץ און נשמה אויף דיין גאַנצען לעבען לאַנג באַהאַלטען, און זיי מיט זיך אין קבר אַריין מיטנעהמען?

און אַז דער קאַנדידאַט ענטפערט אויף אַלע פראַגען, וועלכע זיינען איהם געשטעלט געוואָרען, מיט אַ יאָ, באַ־פעהלט איהם דער מאַסטער זיך צוריק אַוועק צו לייגען. עס ווערען אויסגעלאָשען אַלע ליכט, מיט דער אויסנאַהמע פון די פּאַר, וועלכע שטעהען אויפ'ן טיש נעבען דעם מענשען־קאָפּ, און ביי דער שוואַכער שיין, וועלכע די פּאַר ליכט וואַרפען אויף דעם גרויסען צימער, מאַרשירען אַלע ברידער אין זייערע ווייסע לאַנגע קיטלען, מיט זייעע טויטען־מאַסקעס אויף זייערע פּנים'ער, האַלטענדיג אין זייערע הענט די קאַסעס און שוואַרצע ליכט, וועלכע ברענען מיט זעהר קליינע פלעמעלאַך, און זעהען אויס ווי מתים, גאַנץ נאָהענט אַרום דעם טויטען־קאַסטען. דער אָרגעל שפּילט ווידער אַ טויטען־מאַרש. דער אָרגעל בלייבט שטיל, און די ברידער שטעלען זיך צוריק אויף זייערע פריהערדיגע ערטער, און דאַן טרעט דער מאַסטער מיט די וואַרדענס ווידער צו צום טויטען־קאַסטען. אין צימער הערשט אַ טויטע שטילקייט, און דער מאַסטער פרעגט ווידער דעם קאַנדידאַט:

— ביסטו נאָך אַלץ ווילינ צו שווערען?

— יאָ! — איז זיין ענטשלאָסענער ענטפער.

אַזוי ווערט דריי מאָל איבערגע'חזר'ט, און אַז דער דריטער ענטפער פונ'ם קאַנדידאַט איז אַלץ אַ פּאָזיטיווער, טרעטען דער מאַסטער מיט די וואַרדענס ווידער צו צום קאַנדידאַט. דער מאַסטער באַפעהלט איהם אין קאַסטען זיך אויפצוזעצען. די וואַרדענס שטרעקען אויס זייערע לאַנגע שפּיזען גאַנץ נאָהענט צום קאַנדידאַט'ם רעכטער און לינקער

זייט פון זיין ברוסט. אַלע ברידער טרעטען אויך צו נאָהענט צום קאַסטען, און די ליכט, וועלכע שטעהען אויפ'ן טיש נעבען דעם מענשען-קאָפּ מיט'ן שם-המפורש אונטער'ן צונג, ווערען אויך אויסגעלאָשען, און אין דער געדיכטער פינס־טערניש, וועלכע מען קען כמעט מיט די הענט אָנטאַפּען, זאָגט איהם דער מאַסטער פאַר די הייליגע שבועה, וועלכע דער קאַנדידאַט זאָגט נאָך וואָרט ביי וואָרט, הויך און שאַרף געגוג, אַז יעדער ברודער זאָל קענען דייטליך הערען און פאַרשטעהן. אין וואָס די שבועה איז באַשטענען, האָט מיין מאַמע, עליה השלום, מודה געווען, אַז זי ווייסט ניט. ווייל די שבועה פלעגט געמאַכט ווערען ניט אַזוי הויך, אַז זי זאָל פון איהר אָרט געגוי הערען און פאַרשטעהן. אָט די צערעמאָניע, פלעגט מיין מאַמע זאָגען, רופען זיי דער ערש־טער גראַד.

און נאָך דעם ווי דער קאַנדידאַט האָט בשלום דורכ־געמאַכט די צערעמאָניע פונ'ם ערשטען גראַד, האָבען איהם אַ פּאַר ברידער געהאָלפען אַרויסשטייגען פונ'ם שוואַרצען טויטען-קאַסטען און איהם אויף דער בימה אַרויפגעפיהרט, וואו דע מאַסטער איז געזעסען מיט זיינע צוויי טשאַפּליינס, פון רעכטס און לינקס, אויף ספּעציעלע שטולען.

דער קאַנדידאַט האָבען זיי אַוועקגעשטעלט פּנים אל פּנים מיט'ן מאַסטער, און זיי, די ברידער צערעמאָניען־מאַסטערס, שטעלען זיך אויך פון רעכטס און לינקס פון קאַנדידאַט. נאָך דעם ווי דער מאַסטער האָט דעם קאַנדידאַט נאָך אַ מאָל פילע פראַגען געשטעלט, און ער האָט אויף זיי צופרידענשטעלענדע ענטפערס באַקומען, ערשט דאַן שטרעקט איהם דער מאַסטער אויס זיין רעכטע האַנט און גראַטולירט איהם, און רופט איהם שוין ניט ביים נאָמען, זאָנדערן מיט'ן טיטול „ברודער".

נאָך דעם ווענדעט זיך דער מאַסטער צו די צוויי ברי־דער צערעמאָניען-מאַסטערס און באַפעהלט זיי, אַז זיי זאָלען דעם נייעם ברודער די געהיימע צייכענס איבערגעבען, דורך

וועלכע ער זאָל אימשטאַנד זײַן זיך אַלס ערשט־גראַדיגער ברודער מייסאָן קענען אָנגעבען און אַלס אַזעלכער אַנ־ערקענט צו ווערען. די צערעמאָניען־מאַסטערס, מיט דער הילף פון דעם דזשוניאָר און סיניאָר וואָרדען, שטודירען מיט דעם נייעם ברודער די געהיימע צייכענס אַזוי לאַנג, ביז ער קען זיי גענוי נאָכמאַכען. קיינע פעהלערען מאַכען ווערט ניט דערלאָזט. נאָך דעם שטעלען זיך די וואָרדענס פאַר׳ן מאַסטער אין פאָזע אַוועק, און מיט זייערע רעכטע הענט אויפ׳ן האַרצען, וואַרטענדיג אויף זײַן ווייטערדיגען באַפעהל. זיי בלייבען אַזוי שטעהן אַ פאָר סעקונדען, ווערענד דער מאַסטער איז איבערצייגט, אַז דער נייער איינגעשוואוירענער ברודער איז אימשטאַנד די געהיימע צייכענס ריכטיג צו געבען און אויך זיי פון אַנדערע ריכטיג צו דערקענען. ערשט דעמאָלט באַפעהלט דער מאַסטער דעם דזשוניאָר און סיניאָר וואָרדען, אַז זיי מיט דער הילף פון די צוויי ברידער צערע־מאָניען־מאַסטערס זאָלען דעם נייעם ברודער אויך די גע־היימע ווערטער, וועלכע מוזען די געהיימע צייכענס באַ־גלייטען, איבערגעבען און זיי מיט איהם גוט איינשטודירען. זיי אַלע סאַלוטירען דעם מאַסטער און ווענדען זיך צום נייעם ברודער, וועלכער שטעהט אויך אין פאָזע, דעם מאַסטער׳ס באַפעהל אויסצופאָלגען.

דער סיניאָר צערעמאָניען־מאַסטער טרעט צו האַרט צום ברודער און הייסט איהם דעם ערשטען צייכען אַלס ערשט־גראַדיגער מייסאָן צו געבען. ער גיט דעם צייכען. דאַן טרעט צו דער דזשוניאָר צערעמאָניען־מאַסטער און פאַר־לאַנגט פון איהם דאָס געהיימע וואָרט, וועלכע מוז מיט דעם צייכען געזאָגט ווערען. נאָר אַזוי ווי ער איז דאָס ניט אימשטאַנד אַצינד צו טאָן, טוט עס און ענטפערט פאַר איהם איינער פון די וואָרדענס. אַזוי עטליכע מאָל, ביז דער נייער ברודער איז אַליין, אָהן זייער הילף, אימשטאַנד ריכטיג און פינקטליך די צייכענס מיט די ווערטער צו געבען, דורך וועלכע איין ערשט־גראַדיגער מייסאָן קען אַ

צווייטען דערקענען און אַליין דערקענט ווערען.

דער סיניאָר דיאַקאָן, וועלכער שטעהט די גאַנצע צייט פון ווייטען אויף דער בימה, טרעט נאָהענט צו און פאַר־לאַנגט פונ׳ם נייעם ברודער, ער זאָל איהם דעם צייכען געבען. ער גיט איהם דעם צייכען.

— נו, גיב־זשע מיר דאָס געהיימע וואָרט — זאָגט איהם דער סיניאָר דיאַקאָן.

ער נעמט איהם פאַר זיין רעכטער האַנט און זאָגט דאָס וואָרט גאַנץ שטיל אין אויער אַריין. און אויב דער סיניאָר דיאַקאָן איז איבערצייגט, אַז דער ברודער קען דעם געהיימען צייכען און דאָס געהיימע וואָרט, וועלכע באַלאַנגען צו אַן ערשט־גראַדיגען ברודער מייסאָן, געניי און פּאָלקאָם איבער־געבען, ערשט דאַן שטעלט ער זיך אַוועק פאַר׳ן מאַסטער אין אַ באַשטימטער פּאָזע, מיט זיינע הענט גיט ער אַ צייכען אַלס סאַלוט, אויף וועלכען דער מאַסטער ענטפערט איהם. און וועהרענד ער קריגט פון מאַסטער אַ צייכען, אַז ער גיט איהם ערלויבעניש צו ריידען, גיט ער איהם איבער דעם רעפּאָרט, וועלכער לאָזט איהם וויסן, אַז דער נייער ברודער איז אין באַזיץ פון דעם צייכען און וואָרט, וועלכעס געהערט צום ערשטען און שוואַכסטען גראַד פון די מייסאָנס. דער מאַסטער ענטפערט איהם אויף זיין סאַלוט, מיט וועלכען ער האָט זיין רעפּאָרט געענדיגט, און הייסט איהם פאַרנע־מען זיין באַשטימטען אָרט אין לאָדזש. ער פאָלגט און זעצט זיך. דאַן טרעטען צו די צוויי צערעמאָניע־מאַסטערס און שטעלען זיך אַוועק פאַר׳ן מאַסטער. זיי סאַלוטירען איהם מיט זייער צייכען, אויף וועלכען ער ענטפערט זיי. און וועהרענד ער גיט זיי אַ צייכען, אַז זיי האָבען זיין ער־לויבעניש צו ריידען, רעפּאָרטען זיי אַזוי ווי דער סיניאָר דיאַקאָן. זיי סאַלוטירען און אויף אַ באַפעהל פון מאַסטער פאַרלאָזען זיי אויך די בימה און פאַרנעמען זייערע באַ־שטימטע פּלעצער. דאַן טרעטען צו די צוויי וואָרדענס. זיי סאַלוטירען דעם מאַסטער דורך זייער צייכען, אויף וועלכען

ער סאַלוטירט זיי אויך אַלס ענטפער. און וועהרענד ער גיט זיי אַ צייכען, גיבען זיי איהם אויך איבער זייער פולען רעפּאָרט. דער מאַסטער דאַנקט זיי און ענטפערט אויפ'ן סאַלוט און גיט זיי אַ צייכען, אַז זיי זאָלען זייערע עהרען-פלעצער פאַרנעהמען. דער מאַסטער באַפעהלט דעם סיניאָר דיאַקאָן, ער זאָל דעם נייעם ברודער פאַר איהם פאָרברענגען און איהם אין זיין געגענוואַרט און אין דער געגענוואַרט פון אַלע אַנוועזענדע ברידער עקזאַמינירען, אום ער און אַלע ברידער זאָלען צופרידען זיין צו וויסען, אַז דער נייער איינגעשוואָרענער ברודער איז אין באַזיץ פון דעם געהיימען צייכען און וואָרט וואָס געהערט צום ערשטען מאַסאָניק-גראַד. דער סיניאָר דיאַקאָן פאָלגט אוים דעם מאַסטער'ס באַפעהל, טרעט אַרויף אויף דער בימה און צוזאַמען מיט'ן נייעם ברודער שטעלען זיי זיך פאַר'ן מאַסטער, זיי סאַלוטירען און מ'ענטפערט זיי מיט אַ סאַלוט. זיי וואַרטען אויפ'ן מאַסטער'ס באַפעהל. ער באַפעהלט און דער סיניאָר דיאַקאָן רעפּעטירט מיט'ן ברודער די גאַנצע פּראָצעדור אויפסניי איבער. דאַן גיט דער מאַסטער עטליכע קלעפּ מיט'ן האַמער אַן דער מאַרמאָר-פּלאַטע. דאָס דינט אַלס צייכען, אַז אַלע ברידער זאָלען זיך אויפהויבען פון זייערע ערטער און בלייבען שטעהן אין פּאָזע. זיי פאָלגען זיין צייכען און שטעלען זיך אויף. נאָך אַ קורצער ווייל וועגדט ער זיך צו די ברידער מיט פאָלגענדע ווערטער:

— ברידער! איהר האָט אַלע געהערט און געזעהן ווי דער נייער איינגעשוואָרענער ברודער האָט דעם געהיימען צייכען און דאָס געהיימע וואָרט, וועלכע געהערען צום ערשטען און שוואַכסטען גראַד אין פריימוירעריי. וואָס זאָגט איהר? וואָס איז אייער באַגעהר? זייט איהר צופרידען מיט דער אַרט און ווייזע ווי די ביז-איצטיגע צערעמאָניעס זיינען דורכגעפיהרט געוואָרען? זייט איהר צופרידענגעשטעלט און באַוויזען געוואָרען, אַז דער ברודער איז אין באַזיץ פון דעם געהיימען צייכען און וואָרט, דורך וועלכע

ער קען דערקענען און דערקענט ווערען אַלס ערשט-גראַדי-גער ברודער מאַסאָניק?

און ווען עס איז שטיל און קיין פּראָטעסט הערט זיך ניט, טוט דער מאַסטער ווידער אַ קלאַפּ מיט זיין האַמער אין דער מאַרמור פּלאַטע און ווענדט זיך צו די ברידער מיט די פאָלגענדע ווערטער:

— ברידער! אַזוי ווי איך און די וואַרדענס און איהר אַלע אַנוועזענדע זיינען איבערצייגט, אַז דער ברודער האָט די אַלטערטימליכע מאַסאָנישע צערעמאָניעס דורכגעמאַכט און איז אין באַזיץ פון געהיימען צייכען און וואָרט, דערפאַר ערקלער איך מאַסטער פון דעם לאַדזש דעם הערר... (און רופט אהם אָן ביים נאָמען) אַלס ערשט-גראַדיגען מאַסאָניק.

ער טוט ווידער אַ קלאַפּ מיט'ן האַמער אַלס צייכען, און אַלע ברידער זעצען זיך אַוועק. דער מאַסטער באַפעהלט דעם סיניאָר דיאַקאָן, אַז ער זאָל צופיהרען דעם ברודער צום אַלטאַר (טיש), אויף וועלכען עס שטעהט דער מענשען-קאָפּ און וואו ער האָט די שבועה גענומען. דער סיניאָר דיאַקאָן סאַלוטירט און פיהרט דורך דעם מאַסטער'ס באַפעהל. דער דיאַקאָן סאַלוטירט ווידער און לאָזט שטעהן דעם ברודער ביים אַלטאַר און אַליין פאַרנעמט ער, אויפ'ן באַפעהל פונ'ם מאַסטער, זיין שטענדיגען פּלאַץ.

דער מאַסטער ווענדט זיך מיט אַ באַפעהל צום סיניאָר און דזשוניאָר מאַסטערס אָוו צערעמאָניעס, אַז זיי זאָלען דעם נייעם ברודער צוריקפיהרען צום פּלאַץ פון וואַנען ער איז געקומען און דאָרטען באַקליידען איהם מיט די קליידער, וועלכע מען האָט איהם פריהער אויסגעטאָן, און צוריקגע-בראַכט ווערען אין לאַדזש פאַר ווייטערע אינסטרוקציעס, פאַר דער צווייטער טייל פון דעם ערשטען גראַד.

די מאַסטערס אָוו צערעמאָניעס פאַרלאָזען זייערע פּלע-צער און טרעטען צו צום אַלטאַר און שטעלען זיך דאָרטען רעכטס און לינקס פון דעם ברודער, און אַלע שטעהענדיג אין פּאָזע סאַלוטירען מיט'ן צייכען וועלכען דער נייער ברו-

דער האָט זיך נאָר וואָס אויסגעלערענט צו געבען. זיי פאַר־לאָזען דעם לאַדזש דורך דער זעלבער טיר, דורך וועלכער זיי זיינען אריינגעקומען.

אין דער צייט, ווען דער נייער ברודער ווערט צוריק אָנגעטאָן אין זיינע קליידער און פאַרגעבראַכט פאַר ווייטערע אינסטרוקציעס, נעהמען די ברידער פון זיך אראָפּ די טויטען־מאַסקעס, קיטלען און קאַלפּאַקעס, און אַ ספּעציעלער בעאַמטער, וועלכער ווערט פון דעם מאַסטער אַנגעשטעלט פאַר אַזעלכע און ענליכע אַרבייטען, נעמט דאָס אַלעס צונויף און שליסט דאָס איין אין אַ צימער, וועלכעס מען האַלט ספּעציעל פאַר דעם צוועק.

דער לאַדזש און די ברידער באַקומען אַ גאַנץ אַנדער אויסזעהן. די פריהעריגע מרה־שחורה, וועלכע האָט ערשט מיט עטליכע מינוט צוריק געהערשט אין יעדען ווינקעלע, און אויף יעדען אַ פּחד געוואָרפען, איז גענצליך פאַרשוואונ־דען. אָבער אין אַ שטילער הייליגער אַטמאָספערע פיהלט מען זיך דאָך. דער לאַדזש איז וואונדערליך העל באַלויכטען, די ברידער אין זייערע פראַקען און שניי־ווייסע פאַרטוכלעך און הענטשקעס זיצען נאָך דער רייע אויסגעזעצט אויף די מיט טייערען פלוש באַדעקטע שטולען, און ביי דעם מאַס־טער, וואָרדענס, דיאַקאָנס, צערעמאָניע־מאַסטערס, סטיו־אַרטס, סעקרעטאַר־טרעזשורער און נאָך אַנדערע טיטולירטע ברידער, ווי טשאַפּלאַנס, עקס מאַסטערס, גרויס לאַדזש בע־עאַמטע און סתם ווירדיגע געסט, וועלכע פעהלען קיינמאָל ניט אויס ביי די סעשאָנס, — ביי זיי אַלעמען גלאַנצען די רעגאַלען אין זייערע פאַרטוכער, וועלכע זיינען באַזעצט מיט עמבלעמס, אויסגעשטיקטע מיט גאָלד און זילבער און באַזעצט מיט דיאַמאַנטען און טייערע קאָלירטע עדעלשטיי־נער. אויף דעם אַלטאַר, אויף וועלכען עס איז געשטאַנען דער מענשען־קאָפּ און די מענשען־קנאָכען זיינען געלעגען אַרום די שוואַרצע ליכט, און וואָס האָט מיט זיך פאַרגע־שטעלט אַ שוידערליך בילד און אויף אַלעמען אַן אימה

געוואָרפען, — איז אַצינד געלעגען אַ גרויס בוך מיט גאָלד־באַצירטע טאָוולען. אויף דעם פּלאַץ וואו די שוואַרצע לייכ־טער זיינען פריהער געשטאַנען, שטעהען אַצינד גרויסע גאָל־דענע קאַנדעלאַברען, אין וועלכע עס ברענען גרויסע ליכט. די שוואַרץ געוועזענע וועגט זיינען פּראַכטפול דעקאָרירט מיט פאַנען און באַנערס, אויף וועלכע עס זיינען אויסגע־שטיקט פאַרשידענע פיגורען און עמבלעמס פון גאָלד מיט זילבער. דער סופית, וועלכער איז אין דער פאָרם פון אַ קופּאָל געבויט, שטעלט פאָר דעם הימעל, לבנה און שטערען און אַ שעהן העל־באַלויכטענע זומער־נאַכט. אפילו די פּאָדלאָגע (פלאָר), וועלכע איז פריהער געווען שוואַרץ איז אַצינד פון טייערע פּאָלירטע און פאַרשידענע קאָלירטע מאַרמאָר שטיינער.

בעת אַלץ איז פאַרטיג דעם ברודער ווידער אַריינצו־ברענגען, הערט זיך פון אַ זייטיגען צימער עטליכע קלעפּ צו סטאַקט. דער דזשוניאָר דיאַקאָן שטעלט זיך אויף, סאַלו־טירט דעם מאַסטער און לאָזט איהם דערפון וויסען.

— געפין אויס די אורזאַך פון דעם סיגנאַל און לאָז מיך וויסען! — איז דעם מאַסטער׳ס באַפעהל.

דער דזשוניאָר דיאַקאָן סאַלוטירט און געהט־צו צו דער טיר, פון וואַנען דער סיגנאַל האָט זיך געהערט. ער עפענט זי אַ קליין ביסעל אויף און געפינט אויס פונ׳ם דזשוניאָר מאַסטער אָוו צערעמאָניעס, אַז דער ניי־איינגעשוואָרענער ברודער מייסאָן איז פאַרטיג און איז באַרייט די צווייטע טייל פונ׳ם ערשטען גראַד דורכצומאַכען. דער דיאַקאָן לאָזט דעם צערעמאָניע מאַסטער־וויסען, אַז ער וועט זיין פאַרלאַנג לאָזען וויסען דעם מאַסטער און איבערגעבען איהם זיין ענטפער. ער מאַכט די טיר פעסט צו און געהט־צו צום אַלטאַר. ער סאַלוטירט און לאָזט וויסען דעם מאַסטער די אורזאַך פון דעם געגעבענעם סיגנאַל. דער מאַסטער שטעלט זיך אויף און גיט איבער דעם באַריכט צו די אַנוועזענדע ברידער און פרעגט זיי, אויב זיי זיינען אַלע איינשטימיג,

אַז דער ניי־איינגעשוואָרענער ברודער זאָל די צווייטע טייל פונ׳ם ערשטען גראַד באַקומען. ער בלייבט אַ פּאָר סעקונדען שטילשווייגענד שטעהן, און אַזוי ווי עס לאָזט זיך ניט הערען קיין געגען־שטימע, טוט ער אַ קלאַפּ מיט זיין האַמער אין דער מאַרמאָר־פּלאַטע אַלס צייכען פון זייער צושטימונג. ער ווענדט זיך דאַן צום ברודער דיאַקאָן מיט די פאָלגענדע ווערטער:

— אויב דער ניי־איינגעשוואָרענער ברודער איז ריכטיג פאַרבאַרייטעט און איז ווילינג צו באַקומען די צווייטע טייל פונ׳ם ערשטען גראַד, און איך און קיינער פון די אַנוועזענדע ברידער זיינען ניט דאַגעגען, דאַן איז מיין באַפעהל, אַז ער זאָל אַריינקומען און פאַרנעהמען דעם פּאַר איהם באַשטימטען פּלאַץ.

דער דיאַקאָן, וועלכער איז די גאַנצע צייט אין פּאָזע מיט זיין סטעק (אַזאַ מין שפּיז, וועלכע האָט אויפ׳ן שפּיץ אַ מעטאַלענעם עמבלעם פון דעם באַזיצער׳ס אַמט) אין זיין לינקער האַנט, סאַלוטירט און פאַרנייגט זיך צום מאַסטער און געהט צוריק צו דער טיר, פון וועלכער דער אַלאַרם איז פריהער געקומען. ער טוט אַ לייכטען קלאַפּ אין טיר אַלס צייכען, אַז ער האָט אַ באַריכט איבערצוגעבען, און אַז ער קריגט אַן ענטפער אויף זיין סיגנאַל, עפענט ער די טיר ברייטלעך. עס באַווייזען זיך די צערעמאָניע־מאַסטערס מיט זייער קאַנדידאַט. דער דיאַקאָן גיט זיי איבער דעם מאַסטער׳ס באַפעהל. ער געהט פאָראויס און הינטער איהם דער קאַנדידאַט, באַגלייט פון ביידע צערעמאָניע־מאַסטערס, וועלכע טראָגען זייערע סטעפּס אין די לינקע הענט. נאָכ׳ן טאַקט פון דעם אָרגעל מאַרשירען זיי אַריין אין לאָדזש און בלייבען אַלע שטעהן פאַר׳ן אַלטאַר. דער אָרגעל ווערט שטיל און אין לאָדזש הערשט אַ טויטע שטילקייט. דער מאַסטער שטעלט זיך אויף און טוט עטליכע קלעפּט מיט זיין האַמער אין דער פּלאַטע. אַלע ברידער פאַרנעמען ווידער זייערע פּלעצער.

אַ געניט אויג קען גלייך באַמערקען, אַז דער נייער ברודער ביי זיין איצטיגען אַריינקומען פיהלט זיך פיל בע־סער און אין אַ מעהר געהויבענער שטימונג, ווי ביי זיין ערשטען אַריינטרעטען אין לאַדזש. דעמאָלט ביי זיין אַריינ־קומען איז איהם באַפאַלען אַ מורא, ווייל וואוהין ער האָט נאָר געטאָן אַ בליק, האָט ער פאַר זיך געזעהן שוואַרץ און טויט; און די גאַנצע אַטמאָספערע האָט געאָטעמט מיט פּחד און מורא. איצט אָבער איז אין לאַדזש אַלעס אַרום איהם מיט ליכט און לעבען באַגאָסען און עס אָטעמט מיט פריינדשאַפט. איצט האָט ער, אַנשטאָט טויטע און פאַרגלי־ווערטע פּנים'ער, געזעהן פריינדליכע און שמייכלדיגע.

דער מאַסטער ווענדט זיך צו די צערעמאָניע־מאַסטערס מיט אַ באַפעהל, אַז זיי זאָלען אַרויפקומען אויף דער בימה מיט'ן ברודער פאַר ווייטערע אינסטרוקציעס. זיי פאַרלאָזען דעם אַלטאַר און קומען אַרויף אויף דער בימה און פאַרנע־מען די פּלעצער, וועלכע זיינען אַנטקעגען דעם מאַסטער'ס שטול פאַר זיי צוגעגרייט געוואָרען.

דער צווייטער טייל פון'ם ערשטען גראַד באַשטעהט בלויז פון אַ זעהר לאַנגער לעקציע, וואָס דער מאַסטער האַלט פאַר'ן נייעם ברודער. ער ערקלערט איהם די באַדייטונג פון פריימוירעריי. ער באַקענט איהם מיט פילע מאַסאָנישע פּראָבלעמען פון רחמנות, יושר, גערעכטיגקייט, פריינד־שאַפט, טאָלעראַנץ און די אמת'ע ליבע, טריישאַפט און אויפ־אָפּפערונג, וואָס אַ ברודער מייסאָן דאַרף און מוז אין יעדער צייט באַרייט זיין אַרויסצואווייזען אין צייט פון נויט, און אין צייט פון געפאַר מוז ער אפילו מיט זיין אייגענעם לעבען פאַרטיידיגען דאָס לעבען פון זיין ברודער מאַסאָניק. ער באַקענט איהם אויך אויבערפלעכליך מיט דער היסטאָריע פון דעם לאַדזש, פון וועלכען ער איז נאָך ניט קיין פולקאָ־מענער מיטגליד, אָבער ער האָפט, אַז ער וועט אמאָל זיין. ער באַקענט איהם אויך מיט אַלע איינצעלהייטען, מיט'ן געבוי און אַרכיטעקטור פון לאַדזש. אפילו וועגען דעם

מעבעל פון דעם לאַדזש פאַרפּעהלט ער איהם ניט איבער־צוגעבען. ער שילדערט אויך פאַר איהם די היסטאָרישע ענטוויקלונג פון פריימוירעריי. און צום סוף פון דער לעקציע, וועלכע פאַרנעמט אַ היבשע צייט, ווייזט ער איהם דעם גרויסען אוצר, דעם טשאַרטער, וואָס דער לאַדזש באַזיצט און מיט וועלכען ער שטאַלצירט.

דער מאַסטער טוט אַ קלאַפּ מיט׳ן האַמער אַלס צייכען, אַז די לעקציע איז געענדיגט. דאַן באַפעהלט ער דעם סיניאָר דיאַקאָן אַרויפצוקומען אויף דער בימה. דער סיניאָר דיאַקאָן קומט אַרויף, שטעלט זיך אויף דעם אַנגעוויזענעם פּלאַץ, וועלכער איז אינמיטען צווישען דעם מאַסטער׳ס שטול און דעם נייעם ברודער׳ס. ער סאַלוטירט דעם מאַסטער און בלייבט שטעהן אין פּאָזע מיט זיין סטעפּ אין דער רעכטער האַנט און זיין לינקע אויפ׳ן הארצען און וואַרט אויפ׳ן מאַסטער׳ס באַפעהל. דער מאַסטער שטעלט דעם דיאַקאָן אַ פראַגע, אויף וועלכער ער ענטפערט איהם. און אַזוי שטעלט איהם דער מאַסטער ניט ווינציגער פון אַ הונדערט פראַגען. ניט אַלע פראַגען פרעגט איהם דער מאַסטער אויף איינמאָל, און ניט ער ענפערט אויף איינמאָל. דער מאַסטער פרעגט און דער דיאַקאָן ענטפערט אויף זיין פראַגע — אַזוי כסדר, ביז אַלע פראַגען ווערען אויסגעפרעגט און געענטפערט. דער דיאַקאָן סאַלוטירט און דורך אַ צייכען פונ׳ם מאַסטער פאַרנעמט ער זיין פּלאַץ. דער מאַסטער באַפעהלט די צערעמאָניע־מאַסטערס, אַז זיי זאָלען צוריקפיהרען דעם ברודער צום הייליגען אַלטאַר און דאָרטען סאַלוטירען מיט׳ן צייכען און געהיימען וואָרט, אַזוי ווי ער איז אינסטרואירט געוואָרען. דער ברודער אין באַגלייטונג פון די צערעמאָניע־מאַסטערס פאַרלאָזען די בימה און בלייבען שטעהן פאַר׳ן אַלטאַר. דאָרטען סאַלוטירען זיי דעם מאַסטער שטעהענדיג אין פּאָזע און גיבען דעם געהיימען צייכען און דאָס געהיימע וואָרט. דער אָרגעל שפּילט און זיי מאַרשירען נאָכ׳ן טאַקט דורך אַ זייטיגער טיר אַרויס פונ׳ם

לאַדזש און געהען אַריין אין אַ צימער, וועלכער זעהט אויס ווי אַן אַרכיוו. דאָרטען לאָזען זיי איבער דעם נייעם ברודער מיט אַ קאָמיטע פון דריי ברידער און זיי אַליין, די צערע־מאָניע־מאַסטערס קעהרען זיך צוריק אין לאַדזש. די דריי ברידער אין דער קאָמיטע, דאָס איז די אינסטרוקציאָנס־קאָמיטע באַשטימט פון דעם מאַסטער. די ברידער אינ־סטרוקטאָרען גיבען דעם ברודער זייערע קאַרדס, אויף וועל־כע ס׳געפינען זיך זייערע אַדרעסען און אויך די צייט און שטונדע, ווען ער זאָל זיי באַזוכען, אום צו קריגען די נויטיגע אינסטרוקציעס. דערביי ערקלערען זיי איהם, אַז אום ער זאָל באַרעכטיגט זיין צו באַקומען דעם צווייטען גראַד אין פריימוירעריי, איז דורכאויס נויטווענדיג פאַר איהם, אַז ער זאָל זיין אימשטאַנד צו ענטפערען אויף די אַלע פראַגען, וועלכע דער מאַסטער האָט געשטעלט דעם סיניאָר דעאַקאָן, אויף וועלכע דער לעצטער האָט געענפערט. נאָר דאַן און ניט אַנדערש און ניט פריהער וועט ער באַקומען דעם צווייטען גראַד.

עס דויערט אַמווינציגסטען אַ יאָהר און אַמאָל נאָך מעהר פון דער צייט, ווען דער ברודער האָט זיין ערשטען גראַד געקראָגען, ביז ער איז אימשטאַנד צו באַקומען דעם צווייטען גראַד. אין פאַרלויף פון דער צייט, פונ׳ם ערשטען ביז׳ן צווייטען גראַד, האָט ער פיל אויסצושטעהן און איז אונטערוואָרפען אַ סך נסיונות. אַ חוץ דעם מוז ער באַזוכען די ברידער אינסטרוקטאָרען פינקטליך און אין דער באַ־שטימטער צייט. ווייל אויסלערנען אויף אויסווייניג, וואָס אַ מאַסאָניק מוז אומבאַדינגט וויסען, איז גאָר ניט קיין גרינגע שטיקעל אַרבייט. ווייל עס איז אויף קיין פאַפיר אָדער אויף פאַרמעט ניט אויפגעשריבען, אויך איז עס ניט אויס־געקריצט אויף שטיין, מעטאַל אָדער האָלץ. ער מוז די גאַנצע לעהרע פון מויל צו מויל און פון אויער צו אויער אויסלערנען. און אַזוי ווי די ווערטער זיינען נאָך איהם זעהר אומבאַקאַנט און פילע פון זיי אפילו אומפאַרשטענד־

ליך, איז איהם גאָר ניטאָ מיט וואָס מקנא צו זיין.

און ווען די אינסטרוקציאָנס-קאָמיטע איז זיכער, אַז דער קאַנדידאַט פאַר'ן צווייטען גראַד איז פאָלקאָם אויסגע־לערענט און וועט אימשטאַנד זיין צו ענטפערען אויף אַלע פראַגעס געניי, און ווען דער קאַנדידאַט איז בייגעשטאַנען אַלע נסיונות צו זייער צופרידענהייט, ערשט דעמאָלט גיבען זיי זייער הסכמה דורך אַ רעקאָמענדאַציע צום מאַסטער און וואָרדענס. זיי רעקאָמענדירען איהם אַלס אויסגעלערענטען און אויספּרובירטען ערשט-גראַדיגען מאַסאָניק, וועלכער איז פאָרבאַרייטעט און באַרעכטיגט צו באַקומען דעם צווייטען גראַד מייסאָן.

דער צווייטער גראַד אונטערשיידט זיך אין אַ סך פּרטים פונ'ם ערשטען גראַד. אין קיין טויטען-קאַסטען לייגט מען שוין מעהר ניט אַריין, אָבער אַזוי גלאַט אָפּגעהן, ווי ער ריכט זיך ביים אַריינקומען, געהט עס ניט. כאָטש ביים אַריינקומען ווערט ער זעהר פריינדליך אויפגענומען פון דעם מאַסטער, וואָרדענס, דיאַקאָנס און אַלע ברידער. דאָס דוי־ערט אָבער בלויז ביז ער קריגט אַ באַפעהל פונ'ם מאַסטער, אַז ער זאָל זיך שטעלען אין פּאָזע פאַר'ן הייליגען אַלטאַר און ענטפערען דעם דיאַקאָנ'ס אַלע פראַגען צו דער צופרי־דענהייט פונ'ם מאַסטער, וואָרדענס, דיאַקאָנס און אַלע ברי־דער, וועלכע זיינען אַנוועזענד. אויפ'ן באַפעהל פון מאַסטער טרעט ער צו צום אַלטאַר, אין דער באַגלייטונג פון סיניאָר דיאַקאָן. דאָרטען שטעלט איהם דער סיניאָר דיאַקאָן די זעלבע פראַגען, וועלכע דער מאַסטער האָט איהם, דעם סי־ניאָר דיאַקאָן, געשטעלט, בשעת דער ברודער האָט דורכ־געמאַכט דעם צווייטען טייל פונ'ם ערשטען מאַסאָניק-גראַד. ער שטעלט איהם יעדע פראַגע באַזונדער און דער ברודער ענטפערט אויף יעדער פראַגע באַזונדער. און ווען די פראַ־גען זיינען אַלע פאַרענטפערט, הערט זיך אַ קלאַפּ פון מאַס־טער'ס האַמער אויף דער פּלאַטע. אַלע ברידער שטעלען זיך אויף. דער מאַסטער באַפעהלט דעם דיאַקאָן, אַז ער

זאָל דעם קאַנדידאַט פאַר׳ן צווייטען גראַד אַריינפיהרען אין פאַרבאַרייטונגס-צימער. דער דיאַקאָן און דער קאַנדידאַט סאַלוטירען און פאַרלאָזען דעם לאַדזש.

ביז דער קאַנדידאַט פאַר׳ן צווייטען גראַד קריגט די ערלויבעניש ווידער אַריינגעלאָזען צו ווערען און דורכמאַכען די ווייטערע צערעמאָניעס, געהט אָן כמעט דער זעלבער פּראָצעס ווי ביים ערשטען גראַד. די גוטע שטימונג און אַטמאָספערע פאַרשווינדען. דער לאַדזש, דער אַלטאַר, די ווענט און אפילו די פאַדלאָגע (פלאָר) קריגען גאָר אַן אַנדער אויסזעהן. דער קאַנדידאַט אַליין איז שוין ניט אין די זעלבע קליידער, אין וועלכע ער האָט נאָר וואָס דעם לאַדזש פאַר־לאָזען. ער טראָגט גאָר עפּעס מאָדנע בגדים, וועלכע פּאַסען ניט פאַר אַ טויטען און נאָך ווייניגער פאַר אַ לעבעדיגען מענשען. אויפ׳ן מאַסטער׳ס באַפעהל קומט ער אריין אין דער באַגלייטונג פון די צערעמאָניע־מאַסטערס און נאָך אַ גאַנצע מחנה אַנדערע לאַדזשען-בעאַמטע, וועלכע מאַרשירען פאַר און הינטער איהם מיט ענטבלויזטע שווערדען. עס הערען זיך ווידער אַ פּאַר העפטיגע קלעפּ פונ׳ם מאַסטער׳ס האַמער, און אַלע שטעלען זיך אויף. די גאַנצע פּראָצעסיע בלייבט שטעהן ביים אַריינקומען.

דער מאַסטער באַפעהלט דעם מאַרשאַל און די דיאַקאָנס, אַז זיי זאָלען זיך אַנשליסען אָן דער פּראָצעסיע און פיהרען דעם קאַנדידאַט צו די דריי סטאַנציעס פונ׳ם לאַדזש און ביי יעדער סטאַנציע זאָל ער עקזאַמינירט ווערען.

דער מאַרשאַל טרעט-צו צו די דיאַקאָנס. זיי בלייבען שטעהן פאַר׳ן אַלטאַר אין פּאָזע. זיי סאַלוטירען דעם מאַס־טער, הויבען זייערע סטעפּס, וועלכע זיינען געוועזן אַנגע־שפּאַרט אָן זייערע אַקסלען, טרעטען-צו צו דער פּראָצעסיע און שטעלען זיך אין סאַמע פּראָנט. דער אָרגעל שפּילט און זיי מאַרשירען צוויי מאָל אַרום דעם לאַדזש. זיי קומען צו צו דער ערשטער סטאַנציע, וועלכע געפינט זיך אין דרום־זייט פונ׳ם לאַדזש. אויף אַ פּלאַטפאָרמע בלויז איין טרעפּ

הויך שטעהט אַ שטול, אויף וועלכער ס'זיצט דער דזשוניאָר וואָרדען. פאַר איהם שטעהט אַ שעהן געשניצטער שטענדער, אויף וועלכען עס שטעהט אַ קאָלום מיט דעם עמבלעם פון זיין אַמט. קוים דערנענטערט זיך די פראָצעסיע צו זיין סטאַנציע, טוט דער מאַרשאַל מיט'ן סטעק אַ קלאַפּ אין באָדען אַלס צייכען, און די פראָצעסיע שטעלט זיך אָפּ. דער דזשוניאָר וואָרדען שטעלט זיך אויף און טוט מיט אַ שטרענגען טאָן אַ פרעג:

— ווער קומט דאָ?

דער סיניאָר דיאַקאָן, וועלכער שטעהט אַנטקעגען איהם אין פּאָזע, סאַלוטירט און ענטפערט:

— אַן אָרימער בלינדער קאַנדידאַט, וועלכער פאַרלאַנגט צו באַקומען דעם צווייטען גראַד אין דעם מאַסאָניק אָרדען און וועלכער האָט דעם ערשטען גראַד באַקומען דורך מאַסאָנישען געזעץ און באַשטעטיגונג. די פאָרגעשריבענע צייט האָט ער אָפּגעוואַרט, אויף אַלע געשטעלטע פראַגען געגעבען די ריכטיגע ענטפערס. און איצט זוכט ער מעהר ליכט אין מאַסאָנעריי דורך דעם צווייטען גראַד, וועלכען ער פיהלט זיך באַרעכטיגט צו קריגען.

דער דזשוניאָר וואָרדען ווענדט זיך צום קאַנדידאַט, רופט איהם ביים נאָמען און פרעגט איהם:

— איז דאָס אַ טאַט פון דיין אייגענעם פרייען און גוטען ווילען?

— עס איז, — איז דער ענטפער פון דעם קאַנדידאַט.

— ברודער סיניאָר דיאַקאָן, — פרעגט ווייטער דער דזשוניאָר וואָרדען — איז דער קאַנדידאַט ריכטיג און געהעריג פאָרבאַרייטעט?

— ער איז.

— איז ער אויך געהעריג געקליידט? — פרעגט ער ווייטער.

— ער איז — ענטפערט דער דיאַקאָן.

— אַזוי לאַנג דאָס איז אַ טאַט פון זיין אייגענעם גוטען

ווילען און ער איז פאַרבאַרייטעט פאַר דעם צווייטען גראַד, דאַן פיהרט איהם צום סעניאָר וואָרדען פאַר זיין אונטער־זוכונג, — רעקאָמענדירט דער דזשוניאָר וואָרדען.

דער סיניאָר דיאַקאָן סאַלוטירט.

די פּראָצעסיע ציהט זיך צום סיניאָר וואָרדען. צוקו־מענדיג צום סיניאָר וואָרדענ׳ס סטאַנציע, טוט דער מאַרשאַל אַ קלאַפּ מיט זיין סטעק אין באָדען אַלס צייכען צו בלייבען שטעהן. דער סיניאָר וואָרדען טוט אַ קלאַפּ מיט זיין האַמער אין דער פלאַטע און טוט אויך אַ פרעג מיט אַ שטרענ־גען טאָן:

— ווער קומט דאָ?

דער סיניאָר דיאַקאָן ענטפערט איהם. די זעלבע פראַ־גען ווי ביי דער פריהערדיגע סטאַנציע ווערען געפרעגט פון דעם סיניאָר וואָרדען, און די זעלבע ענטפערס ווערען גע־ענטפערט פון דעם סיניאָר דיאַקאָן. דאַן זאָגט איהם דער סיניאָר וואָרדען:

— קוים איז דאָס אַ טאַט פון זיין אייגענעם פרייען און גוטען ווילען און ער זוכט מעהר ליכט, דאַן פיהרט איהם צום מאַסטער׳ס סטאַנציע פאַר זיין אונטערזוכונג און באַפעהל.

דער דיאַקאָן סאַלוטירט און פאַרלאָזט די סטאַנציע. די פראָצעסיע ציהט זיך דאַן צום מאַסטער׳ס סטאַנציע אין מזרח.

צוקומענדיג צום מאַסטער׳ס סטאַנציע, גיט דער מאַר־שאַל אַ קלאַפּ מיט זיין סטעק אין באָדען, און די פראָצעסיע שטעלט זיך אָפּ. דער מאַסטער שטעלט זיך אויף און טוט אַ קלאַפּ מיט זיין האַמער אין דער פלאַטע און פרעגט דעם סיניאָר דיאַקאָן די זעלבע פראַגען, וועלכע ביידע וואָרדענס האָבען איהם געפרעגט. דער סיניאָר דיאַקאָן סאַלוטירט און ענטפערט איהם.

— פון וואַנען וואַנדערט דער קאַנדידאַט און וואָס זוכט ער? — פרעגט דער מאַסטער.

— ער וואַנדערט פון מערב צו מזרח און זוכט מעהר ליכט אין מאַסאָנעריי.

— אויב דער קאַנדידאַט וואַנדערט פון מערב צו מזרח און זוכט מעהר ליכט, דאַן באַפעהל איך, אַז דער קאַנדידאַט זאָל געפיהרט ווערען צום הייליגען אַלטאַר און דאָרטען פאַרבאַרייטעט ווערען פאַר דער ערשטער טייל פון דעם צווייטען גראַד.

די פראָצעסיע ציהט זיך צום אַלטאַר און בלייבט דאָרט שטעהן און וואַרט אויף ווייטערע באַפעהלען. דער מאַסטער באַפעהלט, אַז אַלע בעאַמטע אויסער די מאַסטערס אָוו צערעמאָניעס זאָלען פאַרנעמען זייערע אַמטליכע פּלעצער אין לאָדזש. יעדער פון זיי נאָך דער רייע סאַלוטירט, פאַרלאָזט דעם אַלטאַר און פאַרנעמט זיין פּלאַץ אין דעם לאָדזש. דעם מאַסטער׳ס האַמער הערט זיך ווידער, און אַלע ברידער שטעלען זיך אויף. דער מאַסטער ווענדט זיך צום קאַנדידאַט מיט פאָלגענדע פראַגען:

— ברודער (ער רופט איהם אָן ביים נאָמען), ביסט נאָך אַלץ וויליג און ענטשלאָסען צו נעמען אויף זיך די שבועה פון דעם צווייטען גראַד?

— איך בין — ענטפערט דער קאַנדידאַט.

— איז דאָס אַ טאַט פון דיין פרייען און גוטען ווילען?

— ס׳איז.

— ביסטו פעסט אַנטשלאָסען די געהיימניסע, וועלכע וועלען דיר אָנפאַרטרויט ווערען, צו האַלטען טייער און פאַרשלאָסען אין דיין ברוסט און קיינמאָל זיי ניט אַנטדעקען אויסער צו אַ ברודער פון זעלבען גראַד און ניט אַנדערש?

— איך בין — איז דער אַנטשלאָסענער ענטפער פון דעם קאַנדידאַט.

אויפ׳ן מאַסטער׳ס באַפעל טרעטען אַלע ברידער צו הארט צום אַלטאַר און בילדען אַ צירקעל אַרום איהם. ביים אַלטאַר איז דער קאַנדידאַט געקניט אין מערב-זייט, און דער מאַסטער מיט די וואָרדענס פון רעכטס און לינקס אין מזרח-

זייט. אַלע ליכט, מיט דער אויסנאַמע פון די דריי, וועלכע שטעהען צו מזרח, מערב און דרום פון דעם אַלטאַר, ווערען אויסגעלאָשען. ביי דעם זעהר שוואַכען שיין פון די דריי ליכט הויבט אָן דער מאַסטער פאַרצוזאָגען די שבועה און דער קאַנדידאַט זאָגט נאָך וואָרט ביי וואָרט אפילו שטיל, אָבער דייטליך. ווי נאָר דער מאַסטער האָט געענדיגט די שבועה מיט דעם קאַנדידאַט, ווערט דער לאַדזש ווידער העל באַלויכטען. דער מאַסטער פרעגט דאַן דעם קאַנדידאַט:

— אין דיין איצטיגען צושטאַנד וואָס איז דיין גרעס־טער באַגער?

— מעהר ליכט אין מאַסאָנעריי, — ענטפערט דער קאַנדידאַט.

דער מאַסטער טרעט צוריק עטליכע שפאַן פון דעם אַלטאַר און רופט אויס פאָלגענדע ווערטער:

— אין אָנהויב האָט גאָט באַשאַפען דעם הימעל און די ערד, און די ערד איז געווען וויסט און פּוסט, און פינ־סטערניש איז געווען אויפ׳ן וואַסער, און גאָט׳ס גייסט האָט געשוועבט אויפ׳ן וואַסער. און גאָט האָט געזאָגט ס׳זאָל ווערען ליכטיג — און ס׳איז ליכטיג געוואָרען. און איך מאַסטער פון דעם לאַדזש באַפעהל, אַז דער קאַנדידאַט זאָל קריגען ליכט אין מאַסאָנעריי.

דער סיניאָר דיאַקאָן, וועלכער שטעהט די גאַנצע צייט הינטער׳ן קאַנדידאַט, ציהט איהם אַרויף דעם קאַלפאַק, וועלכער האָט איהם פאַרשטעלט די אויגען. און ווען דער קאַנדידאַט קאָן שוין אַלעס זעהן, טרעט דער מאַסטער מיט די וואָרדענס צו נאָהענט צום אַלטאַר. דער מאַסטער רייכט דעם קאַנדידאַט זיין רעכטע האַנט און מיט אַ פריינדליכען טאָן גראַטולירט ער איהם אויף זיין ביז־איצטיגען ערפאָלג. ער גיט איהם אויך צו פאַרשטעהן די באַדייטונג פון די דריי ליכט, וועלכע שטעהען אויף די דריי שטאַנגען אין מזרח, מערב און דרום פון דעם אַלטאַר. ער גיט איהם אויך צו פאַרשטעהן די באַדייטונג פון דעם סקווער מיט דעם

קאָמפּאַס, וואָס זיי האָבען פאַר אַ מאַסאָניק. דער מאַסטער מיט די וואָרדענס גיבען איהם אויך איבער די צייכענס און די פאַרבאָרגענע ווערטער, וועלכע געהערען צו דעם גראַד. און ווען דער איינגעשוואָרענער צוויי-גראַדיגער ברודער איז אימשטאַנד נאָכצומאַכען און נאָכצוזאָגען דיגעהיימע צייכענס און ווערטער, באַפעהלט איהם דער מאַסטער אויפצושטע־לען זיך.

דורך אַ באַפעהל פון מאַסטער, ווען ער זיצט שוין אויף זיין שטול, פאַרלאָזען דעם אַלטאַר צוערשט די וואָרדענס און נאָך זיי די דיאַקאָנס, בעאַמטע און אַלע ברידער און זיי פאַרנעמען זייערע פריהעריגע פלעצער אין דעם לאַדזש.

נאָר דער נייער ברודער בלייבט שטעהן ביים אַלטאַר. דע מאַסטער באַפעהלט די צערעמאָניע-מאַסטערס, אַז זיי זאָלען דעם נייעם ברודער צוריק אַריינפיהרען אין דעם פאַר־באַרייטונגס-צימער און דאָרטען איהם אָנטאָן די קליידער, וועלכע מען האָט איהם פריהער אויסגעטאָן, און דורך דעם געהעריגען סיגנאַל לאָזען וויסען דעם לאַדזש, אַז דער ברו־דער איז פאַרטיג און באַרייט צו באַקומען דעם צווייטען טייל פון דעם צווייטען גראַד. די מאַסטערס אָוו צערע־מאָניעס טרעטען צו צום אַלטאַר. זיי מיט'ן ברודער סאַלו־טירען מיט דעם געהיימען צייכען און וואָרט און פאַרלאָזען דעם לאַדזש.

אין דער אָפּוועזענהייט פון דעם קאַנדידאַט ווערט דער לאַדזש פאַרוואַנדעלט אין אַ גאַנץ אַנדער אויסזעהן. עס דויערט ניט לאַנג און עס הערט זיך אַ סיגנאַל, וועלכער קומט פון פאַרבאַרייטונגס-צימער. דער מאַסטער באַפעהלט דעם סיניאָר דיאַקאָן אויסצוגעפינען די אורזאַכע פון דעם סיגנאַל. ער געהט צו דער טיר, פון וואַנען דער סיגנאַל איז געקומען, און ענטפערט מיט אַ צייכען. ער עפענט די טיר און פרעגט די צערעמאָניע-מאַסטערס אויף זייער פאַר־לאַנג. זיי לאָזען איהם וויסען, אַז דער קאַנדידאַט איז פאַר־טיג אויף דעם מאַסטער'ס באַפעהל אין לאַדזש אַריינצוקומען.

דער דיאַקאָן הייסט זיי אויפ׳ן מאַסטער׳ס באַפעהל וואַרטען און פאַרמאַכט צוריק די טיר. ער געהט ביז אין דער מיט פון לאַדוש און בלייבט דאָרט שטעהן אַנטקעגען דעם מאַס־טער און גיט איהם אָן די אורזאַכע פון דעם סיגנאַל. דער מאַסטער באַפעהלט איהם, ער זאָל זעהן, אויב דער ברודער איז ריכטיג געקליידט, און אויב זיין פאַרטוך איז אויף אַזאַ אָרט, וואו אַ צוויי־גראַדיגער מאַסאָניק מוז עס טראָגען. און אויב דאָס אַלץ איז אין אָרדנונג, זאָל מען איהם אין לאַדוש אַריינברענגען און האַלטען פאַר איהם די לעקציע, וועלכע געהערט צום צווייטען טייל פון צווייטען גראַד. דער סיניאָר דיאַקאָן סאַלוטירט, נעמט זיין סטעק אין זיין רעכטער האַנט און געהט צו דער טיר, ער גיט דעם אַריינ־גאַנגס־צייכען און עפענט די טיר ברייט אויף. און האָט נאָר דער ברודער אַריבערגעטראָטען די שוועל, שטעלט ער איהם אָפּ, פאַרמאַכט די טיר הינטער איהם און ווענדט זיך צו איהם מיט פאָלגענדע ווערטער:

— ברודער, דער צווייטער טייל פון דעם גראַד איז גע־ווידמעט צום שטאַם פון דער מאַסאָנישער אינסטיטוציע אונטער צוויי פאַקטאָרען: אָפּערייטיוו און ספעקולייטיוו (פיזישע און גייסטיגע). פיזישע מאַסאָנעריי איז געווידמעט צו דער אויספירונג פון געוועהנליכע רעגלען אין בוי־קונסט, ווי אַזוי אַ בילדינג זאָל פריהער אויסגערעכענט ווערען סיי אין שטאַרקהייט, סיי אין שיינהייט. דאָס פאַרזאָרגט אונז מיט וואוינונגען און פאַרהיטונגס־פלעצער פון די קאַפּריזען פון דער נאַטור. דאָס שטעלט אַרוים די מאַכט פון דעם מענשליכען גייסט, ווייזט אָן דעם פּראָגרעס, וועלכען די מענשהייט האָט געמאַכט אויף דעם געביט פון וויסענ־שאַפט. גייסטיגע מאַסאָנעריי לערענט אונז צו אונטערדריי־קען ליידענשאַפטען, צו באַהערשען דעם צונג, אויפצוהאַלטען געהיימניסען און זיין וואוילטעטיג. עס איז אויך דורכגע־וועבט מיט רעליגיאָן. עס פירט צו דער אָנערקענונג פון דער ערהאַבענער שאַפונג און צו באַוואונדערען דאָס באַשאַפענע.

דער צווייטער טייל פון דעם גראַד איז אויך געווידמעט צום אידישען שבת און צו דער אַרט און ווייזע ווי ער איז גע־האַלטען און דורכגעפירט געוואָרען פון אונזערע פּאַרציי־טיגע ברידער. אין זעקס טעג האָט גאָט באַשאַפען די גאַנ־צע וועלט און האָט גערוהט אין דעם זיבעטען. דערפאַר האָבען אונזערע פּאַרצייטיגע ברידער פאַרהייליגט דעם זיבעטען טאָג אַלס אַ רוה־טאָג נאָך זייער אַרבייט.

און ער זעצט פאָר:

— מיין ברודער! ביי דער בויאונג פון קעניג שלמה׳ס טעמפּעל זיינען געוועזען באַשעפטיגט אַכציג טויזענט אַרביי־טער. זיי זיינען געשטאַנען אונטער דער אויפזיכט פון דעם גרויס־מאַסטער חירום אביף, אַן אלמנה׳ס אַ זוהן. אין דעם אָווענד פון׳ם זעקסטען טאָג איז זייער אַרבייט איבערגע־קוקט געוואָרען. און אַלע אַרבייטער, וועלכע האָבען דורך זייער אַרבייט אַרויסגעוויזען צו זיין געטרייע און פעהיגע אַרבייטער, זיינען מיט געוויסע געהיימע צייכענס אינפאָר־מירט געוואָרען. אין דעם זעלבען טאָג פלעגט קעניג שלמה מיט זיינע איבערגעגעבענע בעאַמטע, וועלכע זיינען באַ־שטאַנען פון זיין סעקרעטאַר, סיניאָר און דזשוניאָר וואָרדען, אַריינגעהן אין דעם מיטעל־צימער פון׳ם טעמפּעל. זיין סעקרעטאַר איז געשטאַנען נעבען איהם, דער דזשוניאָר וואָרדען ביי דער דרויסען־טיר און דער סיניאָר וואָרדען ביי דער אינעווייניגסטער טיר. זיי איז געווען שטרענג פאַרבאָטען אַריינצולאָזען אַן אַרבייטער, וועלכער איז ניט אין באַזיץ פון די שוין פון פריהער פעסטגעשטעלטע ציי־כענס. און קוים איז אַן אַרבייטער יאָ אַריינגעקומען, איז ער אַלס אַ געטרייער טעמפּעל־אַרבייטער אויפגענומען גע־וואָרען און דאָרטען האָבען זיי זייער וועכענטליכע לוין באַ־קומען — קאָרן, אויל און וויין. דער קאָרן פאַר נאַהרונג, דער אויל פאַר ערהאָלונג און דער וויין פאַר פרייליכקייט. נאָך דעם אָוועגד־געבעט האָבען זיי זיך צוריקגעקערט צו זייערע פריהעריגע פלעצער און דאָרטען גערוהט ביז דעם

אַנהויב פון דער קינפטיגער אַרבייטס-וואָך. און דו, מיין ברודער, ביזט אויך אין באַזיץ פון די זעלבע געהיימע ציי־כענס, אַזוי ווי אונזערע פּאַרצייטיגע ברידער-אַרבייטער זיינען געווען, און דו ביזט אויך נאָהענט פון דעם אַריינגאַנג אין אַ פּלאַץ, וועלכער שטעלט פאָר דאָס מיטעל-צימער פון קעניג שלמה'ס טעמפּעל. און אַז ס'וועט דיר געלינגען אַריינגעלאָזען צו ווערען, וועסטו אויך אַזוי ווי זיי באַלוינט ווערען מיט דעם זעלבען לוין. און ווערענד דו מאַכסט דעם שריט, וועסטו דאַרפען דורכגעהן צווישען צוויי פילערס (סטולפּערס), וועלכע שטעלען מיט זיך פאָר די צוויי באַ־רימטע סטולפּערס, וועלכע זיינען געשטאַנען ביים אַריינגאַנג פון קעניג שלמה'ס טעמפּעל, איינער צו דיין רעכטער האַנט און איינער צו דיין לינקער האַנט. זיי האָבען ביידע נעמען מיט גרויסע באַדייטונגען. די סטולפּערס זיינען פון בראָנז געגאָסען, אום זיי זאָלען זיין דויערהאַפט און קיין פייער אָדער וואַסער זאָל זיי ניט שעדיגען. זיי זיינען געגאָסען געוואָרען ביי דעם ברעג פון'ם ירדן. זיי זיינען געמאַכט געוואָרען פוסט, ווייל אונזערע פּאַרצייטיגע ברידער האָבען זיי גענוצט אַלס זייער אַרכיוו. די סטולפּערס זיינען געווען פינף-און-דרייסיג פוס הויך. אויף יעדען פון זיי איז געווען אַ גלאָוב (קוגעל) פינף פוס הויך, וועלכער האָט פאָרגעשטעלט דעם הימעל מיט דער ערד, ימים און טייכען, די זון, לבנה און שטערען.

דער דיאַקאָן גיט דאַן דעם קאַנדידאַט אַן אויבערפלעכ־ליכע ערקלערונג פון אַלע הימלישע און ערדישע קערפּערס און נאַטור-ערשיינונגען. ער ווייזט דעם קאַנדידאַט, אַז די סטולפּערס זיינען באַצירט מיט לילים, געשטריקטע אַרבייט, און מיט מילגרוימען און גיט דעם קאַנדידאַט צו פאַרשטעהן די מליצה פון די זאַכען אויף פאָלגענדען אופן:

— די בלומען מיט זייער ווייסקייט שטעלען פאָר הער־ליכקייט, ריינקייט און פרידען. די געשטריקטע אַרבייטען באַדייטען פאַרבאַנד — צוזאַמענהאַלטונג, און אַזוי זאָלען

מייסאָנס זיין פאַרבונדען און זיך צוזאַמען האַלטען. די מיל־גרוימען באַדייטען צופרידענהייט. אַזוי זאָל אַ מייסאָן זיין ערליך, ריין, און אומבאַפלעקט און לעבען מיט אַלעמען אין פרידען, אין איינינקייט און צופרידענהייט.

— און אום אַריינצוקומען אינ׳ם מיטעלסטען צימער פונ׳ם טעמפעל, וועסטו דאַרפען קלעטערען דריי, פינף און זיבען קרומע טרעפ צו אַן אויסערער און אינוויינינגסטער טיר און דאַן צו אַ פלאַץ, וועלכעס שטעלט פאָר דאָס מיטלסטע צימער פון קעניג שלמה׳ס טעמפעל. מאַך דעם ערשטען שריט מיט דריי טריט.

דער קאַנדידאַט מאַכט דריי טריט פאָרווערטס און בלייבט שטעהן. דער דיאַקאָן, וועלכער שטעהט אַנטקעגען איהם, גיט איהם צו פאַרשטעהן די מליצה פון די געמאַכטע דריי טריט:

— אַ מאַסאָניק מוז באַזיצען די דריי מעלות: אַ הער־רענדיג אויער, אַן אויסגעלערנטע צונג און אַ געטריי הארץ. זיין געניט אויער זאָל ערהאַלטען דעם קלאַנג פון דער גע־לערנטער צונג, און די מאַסאָנישע געהיימניסע זאָלען זיין געזיכערט פאַרבאָרגען אין אַ געטריי הארץ. זיי האָבען אויך אַ שייכות צו די דריי סטולפעס פון דעם לאָדזש, וועלכע שטעלען פאָר די דריי הויפט־בעאַמטע פונ׳ם לאָדזש: דעם מאַסטער אין מזרח, וועלכער באַזיצט די מאַכט צו באַפעהלען און רעגירען. אַזוי ווי די זון רעגירט דעם טאָג, אַזוי שטעהט דער מאַסטער אין מזרח, עפענט און שליסט און רעגירט דעם לאָדזש. דעם סיניאָר וואָרדען אין מערב. אַזוי ווי די זון אין מערב שליסט דעם טאָג, אַזוי שטעהט דער סיניאָר וואָרדען אין מערב, אום צו העלפען דעם מאַס־טער ביים עפענען און שליסען דעם לאָדזש. ער צאָהלט די אַרבייטער זייערע פאַרדינטע שכירות און זעהט, אַז קיינער זאָל ניט זיין אומצופרידען, ווייל צופרידענהייט און גוטע שטימונג איז די שטיצע פון אַלע אינסטיטוציעס, איבער־הויפט אונזערע. דעם דזשוניאָר וואָרדען אין דרום־זייט,

וועלכער וואַכט די זון ביי איהר אויפגאַנג און רופט די אַר־בייטער פון זייער אַרבייט צו ערקוויקונג און גיט אויף זיי אַכטונג דורך דער צייט און זעהט, אַז זיי זאָלען צוריקקערען צו זייער אַרבייט אין דער ריכטיגער צייט, אום דער מאַס זאָל געהערט ווערען און פאַרגעניגען און פאַרדינסט האָבען דערפון.

דער דיאַקאָן ווענדט זיך דאַן ווייטער צום קאַנדידאַט:

— אַצינד וועסטו מאַכען די פינף טריט פאָרווערטס.

דער קאַנדידאַט מאַכט פינף טריט און בלייבט שטעהן.

דער דיאַקאָן דרעהט זיך אום צו איהם פנים אל פנים און ערקלערט איהם די מליצה פון די פינף געמאַכטע טריט.

— מיין ברודער, — ווענדט זיך צו אים דער דיאַקאָן,— די פינף שריט שטעלען מיט זיך פאָר די פינף מענשליכע חושים: הערען, זעהן, פיהלען, שמעקען, טאַפּען. הערען, זעהן און פיהלען זיינען די חשוב'סטע ביי אַ מייסאָן, ווייל מיט'ן הערען הערט ער די געהיימע ווערטער, מיט'ן זעהן זעהט ער די געהיימע צייכענס, און מיט'ן פיהלען פיהלט ער דעם ברודערליכען האַנד־דרוק, דורך וועלכען איין ברודער דערקענט אַ צווייטען, אין דער פינסטער אַזוי ווי אין דער ליכט.

דער דיאַקאָן מיט'ן קאַנדידאַט דעמאָנסטרירען די צייכענס, האַנד־דרוק און די ווערטער. דער דאַיקאָן ער־קלעהרט איהם אויך, אַז די פינף שריט האָבען אַ שייכות צו די פינף קאָלומס (סלופּעס) פון אַרכיטעקטור, נעמליך: טאָסקאַן, דאָריק, יאָניק, קאָרינטהיען, קאָמפּאָזיט. די ערשטע און די הויפּט פון זיי דריי — די דאָריק, יאָניק און קאָרינטהיען, האָבען די גריכען ערפונדען. די אַנדערע צוויי — די טאָסקאַן און די קאָמפּאָזיט, זיינען אַ רוימישע ער־פינדונג. דער טאָסקאַן איז געמאַכט געוואָרען אַ ביסעל איינפאַכער פון דעם דאָריק, און דער קאָמפּאָזיט איז שעהנער און מעהר באַצירט פון דעם קאָרינטהיען. און דערפאַר טאַקע

האָבען די גריכען און ניט די רוימער באַקומען מעהר אנער־קענונג אין דער קונסט.

— אַצינד, מיין ברודער, ווערסטו מאַכען די זיבען שריטע!

דער קאַנדידאַט מאַכט די זיבען שפּאַן און בלייבט שטעהן. דער דיאַקאָן, וועלכער שפּאַנט אין פאָראויס, שטעלט זיך אָפּ און קעהרט זיך אום צו איהם פּנים אל פּנים, ערקלעהרט איהם, אַז די זיבען שפּאַן באַצייכענען די זיבען וויסענשאַפטען, נעמליך: גרעמער, רעטאָריק, לאָדזשיק, אַריפמעטיק, געאָמעטריע, מוזיק און אַסטראָנאָמיע. און ער ערקלעהרט איהם די נוצען וואָס יעדע וויסענשאַפט האָט דער מענשהייט געבראַכט. ער ערקלעהרט איהם אויך, אַז די זיבען שפּאַן כאַראַקטעריזירען די זיבען ברכות, מיט וועלכע דער כהן גדול האָט געבענשט אונזערע פאָרצייטיגע ברידער, די איזראַעליטען, בשעת זיי האָבען עולה רגל גע־ווען קיין ירושלים צום בית המקדש: יברכך יי׳ וישמרך, יאר יי׳ פניו אליך ויחנך, ישא יי׳ פניו אליך וישם לך שלום.

— מיין ברודער, — זאָגט איהם דער דיאַקאָן, — מיר האָבען געמאַכט די דריי, פינף און זיבען שפּאַן. און אַצינד זיינען מיר נאָהענט צו דער דרויסען־טיר פון׳ם מיטעלסטען צימער פון קעניג שלמה׳ס טעמפּעל, וועלכע איז שטרענג באַוואַכט פון דעם דזשוניאָר וואָרדען. לאָמיר זיך דער־נעהנטערען און פאַרלאַנגען אַריינגעלאָזען צו ווערען.

זיי טרעטען צו. דער סיניאָר דיאַקאָן טוט אַ קלאַפּ מיט זיין סטעק אין באָדען אַלס סיגנאַל. דער דזשוניאָר וואָר־דען ענטפערט איהם אויף זיין סיגנאַל, און פרעגט:

— ווער קומט דאָ?

— אַ ברודער אַרבייטער, וועלכער האָט דורכגעמאַכט דעם ערשטען גראַד אין מייסאָנעריי און איז צוגעטראָטען צום אַרבייטער׳ס צווייטען גראַד, האָט די הייליגע שבועה מקבל געווען, און איז דורך די צוויי קאָלומס דורכגעגאַנגען, די דריי, פינף און זיבען טרעפּ אַרויפגעגאַנגען, און אַצינד

פאַרלאַנגט ער אין מיטעלסטען צימער פון קעניג שלמה׳ס טעמפעל אַריינגעלאָזען צו ווערען.

— ווי אַזוי ווייס איך, אַז ער איז דאָס? גיב מיר די צייכענס!

דער קאַנדידאַט גיט איהם די צייכענס.

— וואָס איז זייער באַדייטונג?

ער זאָגט איהם די באַדייטונג פון די צוויי צייכענס.

— גיב מיר אַן האַנט-דרוק! — פאַרלאַנגט פון איהם דער דזשוניאָר וואָרדען.

ער דריקט זיין אויסגעשטרעקטע האַנט, ווי ער איז איינסטרואירט געוואָרען.

— האָט דאָס אַ וואָרט? — פרעגט ער איהם ווייטער.

— ס׳האָט, — ענטפערט דער קאַנדידאַט.

— נו, גיב דאָס וואָרט.

ער זאָגט איהם דאָס געהיימע וואָרט.

— וואָס איז די באַדייטונג פון דעם וואָרט?

ער זאָגט איהם.

—ווילסטו פון דעם צייכען צום צווייטען איבערגעהען?

— איך וועל, — זאָגט דער קאַנדידאַט, און בייט די פּאָזיציע פון זיין גרייף אויף אַן אַנדערען.

— האָט דער גרייף אַ וואָרט? — פרעגט איהם דער דזשוניאָר וואָרדען.

— עס האָט — ענטפערט דער קאַדידאַט.

— נו, זאָג עס.

ער זאָגט עס איהם.

— וואָס באַדייטעט דאָס וואָרט? — פרעגט ער איהם.

ער זאָגט איהם די באַדייטונג פון דעם געהיימען וואָרט.

— ביי ועמען איז דאָס געהיימע וואָרט, און צו וועלכען צוועק איינגעשטעלט געוואָרען?

— ביי יפתח׳ן, אַ שופט בישראל בשעת דער מלחמה מיט׳ן שבט אפרים, אום דאַדורך צו דערקענען צווישען אַ פריינט און אַ שונא.

— דיינע ענטפערס האָבען מיך צופרידען געשטעלט. דו קענסט דורכגעהן.

דער דיאַקאָן מיט'ן קאַנדידאַט געהען דורך און בלייבען שטעהן.

— אַצינד, — רופט זיך אָן דער דיאַקאָן צום קאַנדידאַט, — זיינען מיר נאָהענט צו דער אינווייניקסטער טיר, וועלכע פיהרט צום מיטעלסטען צימער פון קעניג שלמה, און די טיר איז נאָך שטרענגער באַוואַכט פון דעם סיניאָר וואָרדען, און ער וועט דיך בלי ספק שטעלען די זעלבע שאלות. לאָמיר צוגעהן און געבען דעם געהעריגען סיגנאַל.

צוקומענדיג צום סיניאָר וואָרדען'ס סטאַנציע אין מערב זייט פונ'ם טעמפעל, טוט דער דיאַקאָן, ווי פריהער, אַ קלאַפּ מיט'ן סטעק אין באָדען אַלס סיגנאַל. דער סיניאָר וואָרדען שטעלט זיך אויף און ענטפערט איהם אויפ'ן סיגנאַל, און פרעגט:

— ווער קומט דאָ?

— אַ געזעצליכער ערשט-גראַדיגער ברודער, וועלכער איז צוגעלאָזען און איינגעשוואָרען געוואָרען אין צווייטען און אַרבייטער גראַד.

— ווי אַזוי ווייס איך, אַז ער איז אַזאַ? — פרעגט דער סיניאָר וואָרדען.

— ביי געוויסע צייכענס, האַנט-גרייפס און ווערטער, — ענטפערט דער דיאַקאָן.

— טרעט פאָר און גיב זיי.

דער קאַנדידאַט טרעט צו און גיט איהם די צייכענס, האַנט-גרייפס און ווערטער און זאָגט איהם זייער באַדייטונג, אַזוי ווי ער האָט דעם דזשוניאָר וואָרדען געזאָגט.

— דיין ענטפער האָט מיך צופרידען געשטעלט, קענסט דורכגעהן.

זיי געהען דורך די טיר און קומען אַריין אין מיטעלסטען צימער פון קעניג שלמה, און דאָרטען בלייבען זיי שטעהן פנים אל פנים מיט'ן מאַסטער. דער סיניאָר דיאַקאָן סאַלו-

טירט דעם מאַסטער און ווענדעט זיך צו איהם מיט די פאָלגענדע ווערטער:

— וואָירשיפּפול מאַסטער, איך האָב דאָס פאַרגעניגען פאַר דיר פאָרצושטעלען אַ ברודער אַרבייטער פונ׳ם טעמפּעל, וועלכער איז צווישען די צוויי קאָלומס דורכגעגאַנגען, די דריי, פינף און זיבען טרעפּ אַרויפגעגאַנגען, און איין אויסערע און אינוועניגסטע טיר דורך, און אַצינד האָט ער דאָס מיטעל־סטע צימער פון דעם טעמפּעל דערגרייכט און וואַרט אויף דיינע באַפעהלען.

דער מאַסטער ענטפערט דעם דיאַקאָן מיט אַ דאַנק, אַלס צופרידענהייט מיט דער אַרט און ווייזע ווי אַזוי ער האָט די לעקציע דורכגעפיהרט. דער דיאַקאָן סאַלוטירט, און אויפ׳ן מאַסטער׳ס באַפעהל פאַרנעהמט ער זיין פּלאַץ אין דער לאדזש.

דער מאַסטער ווענדעט זיך צו איינעם פון די צוויי טשאַפּליינס, וועלכע זיצען ביי זיין רעכטער און לינקער זייט, אָדער צו אַ געהויבענעם גאַסט און עקס־מאַסטער פון דער אָדער אַ שוועסטער לאדזש, און איז מכבד מיט׳ן כבוד דעם נייעם ברודער דאָס פאַרטוך איבערצוגעבען. דער בעל הכבוד נעהמט דאָס פאַרטוך און ווענדעט זיך דערמיט צום ברודער מיט די פאָלגענדע ווערטער:

— ברודער מיטאַרבייטער! דער כבוד איז מיר פון דעם מאַסטער צוגעטיילט געוואָרען, אַז איך זאָל דיר דאָס פאַרטוך איבערגעבען, וועלכער איז פון אַ ווייסער שאָפענער פעל. דאָס פאַרטוך איז ריין, וויים און אומבאַפלעקט, איז אַן עמבלעם פון ערליכקייט און אומשולד און די בעדזש פון אַ מייסאָן. נעהם עם פון מיין האַנט, טראָג עם מיט פאַרגעניגען צו זיך און מיט עהרע צו דעם גרויסען און ערהאַבענעם מאַ־סאָנישען אָרדען, פון וועלכען דו האָסט אַצינד די עהרע צו זיין אַ מיטאַרבייטער. איך האָף און גלויב, אַז די ווייסקייט און זויבערקייט פון דעם פאַרטוך, פון וועלכען דו ביסט אַצינד דער באַזיצער, וועט דיר אַלס ביישפּיל פאַר דיין

אויפפיהרונג דינען, און אַז די צייט וועט קומען ווען דער קרוג וועט צובראָכען ווערען, זאָלסטו דאָס פאַרטוך מיט זיך מיטנעהמען, און ווען דו וועסט פאַר דעם מאַסטער איבער אַלע מאַסטערס שטעהן, זאָל דיין פאַרגאַנגענהייט זיין אַזוי ריין און אומבאַפלעקט ווי דאָס פאַרטוך, וועלכע איך וועל דיר אַצינד מיט מיינע הענט אָנטאָן.

ער טוט איהם אָן דאָס פאַרטוך אויפ'ן אָרט וואו אַ צווייטער-גראַדיגער מייסאָן טראָגט זיין פאַרטוך. ער גראַטו־לירט איהם און פאַרנעהמט צוריק זיין פלאַץ.

דער מאַסטער ווענדעט זיך צום צווייטען טשאַפליין, אָדער צו אַן עקס-מאַסטער און איז איהם מכבד מיט'ן כבוד אַז ער זאָל דעם ברודער ווייזען, באַקענען און דערקלערען די באַדייטונג און נוצליכקייט פון די ווערקצייג וועלכע אַ צווייטער-גראַדיגער מייסאָן נוצט ביי זיין אַרבייט. דער בעל הכבוד ווענדעט זיך צום ברודער מיט פאָלגענדע ווערטער:

— ברודער מיטאַרבייטער! דער כבוד און דאָס פאַר־געניגען איז מיר פון אונזערען מאַסטער צוגעטיילט געוואָרען דיר דאָס ווערקצייג, וועלכעס געהערט צו אַ צווייטען־גראַדיגען מייסאָן, פאַרצולייגען. דעם סקווער (ווינקעל), (אַ ווערקצייג מיט וועלכען מען געפינט אוים ווינקעל־גלייכקייט), דער פלאָמב (אַ ווערקצייג מיט וועלכען מען געפינט אוים גלייכקייט פון שטעהענדיגע זאַכען) און לעוועל (אַ ווערקצייג מיט וועלכען מען געפינט אוים די גלייכקייט פון ליגענדיגע זאַכען).

ער ווייזט איהם דעם סקווער און ערקלעהרט איהם, אַז דאָס איז אַ ווערקצייג מיט וועלכען אַ גשמיות'דיגער בעל־מלאכה מעסט די גלייכקייט פון זיין האַנט-געמאַכטער אַר־בייט. — אָבער דער רוחניות'דיגער מייסאָן מעסט און גלייכט דערמיט זיינע מעשים. דער פלאָמב לערנט צו געהן גלייך פאַר גאָט און פאַר מענשען, און דער לעוועל איז אונז צו דערמאָנען אין אונזער לעבענס-צייט, אין וועלכער מיר וואַנדערען צו אַן אומענטדעקט לאַנד, פון וועלכען קיין

וואַנדערער האָט זיך נאָך ניט צוריקגעקעהרט. ער גראַטו־לירט איהם און פאַרנעהמט זיין פּלאַץ.

דער מאַסטער באַפעהלט דעם סיניאָר דיאַקאָן ער זאָל דעם ברודער אויף דער בימה אַרויפפיהרען. דער דיאַקאָן נעהמט זיין סטעק, טרעט צו צום ברודער, און ביידע גע־אַרעמט קומען אַרויף אויף דער בימה און בלייבען שטעהן אין פאָזע פאַר דעם מאַסטער. זיי סאַלוטירען און וואַרטען אויף זיין באַפעהל. עס דויערט ניט לאַנג, און דער מאַסטער שטעלט דעם דיאַקאָן אַ גאַנצע לאַנגע רייהע פראַגען, אויף וועלכע ער ענטפערט איהם, אויף יעדער פראַגע באַזונדער. דער דיאַקאָן דעמאָנסטריט מיט'ן ברודער די געהיימע צייכענס, האַנט־גרייפס און ווערטער, און דער מאַסטער לאָזט דעם ברודער וויסען, אַז אום ער זאָל אימשטאַנד זיין צו קריגען דעם דריטען און מאַסטער מייסאָנישען גראַד, וועט פאַר איהם נויטיג זיין די אַלע פראַגען וועלכע באַציהען זיך אויף דער אַרט און וועיזע ווי אַזוי און פאַרוואָס יעדע צערעמאָניע איז דורכגעפיהרט געוואָרען, ניט נאָר צו ענט־פערען, נאָר אויך צו ערקלעהרען די באַדייטונג פון זיי.

דער מאַסטער האַלט פאַר איהם אַ לאַנגע דרשה און ער־קלעהרט די באַדייטונג פון דעם בוכשטאַב „דזשי“, וועלכער העגנט אַרונטער פון סופיט איבער דער פּלאַטפאָרם (בימה). ער ערקלעהרט איהם אויך די אורזאַכע, פאַר וואָס זיין רעכטער אָרעם איז מיט אַ שטריק צוויי מאָל אַרומגעבונדען, און ניט אַרום זיין האַלז, ווי ער איז ביי איהם געווען בעת נעהמענדיג זיין ערשטען גראַד, און פאַר וואָס ער האָט אַצינד געקניהט פאַר'ן אַלטאַר בשעת נעהמענדיג די הייליגע שבועה, אויף זיין רעכטער קניה, און ניט אויף זיין לינקער, ווי דעמאָלט. ער ערקלעהרט איהם אויך פאַר וואָס אַצינד, נעהמענדיג זיין צווייטען גראַד, איז זיין רעכטער אָרעם און פוס, און ניט דער לינקער, ווי ביים ערשטען גראַד, ענט־בלויזט געווען, און פאַר וואָס מען האָט איהם צוויי מאָל אַרום דער לאַדזש, און ניט איין מאָל אַרומגעפיהרט, ווי ביים

ערשטען גראַד. און בשעת דער מאַסטער ווערט פאַרטיג מיט דער לעקציע, באַפעהלט ער דעם דיאַקאָן ער זאָל דעם ברודער צום אַלטאַר פיהרען. דער דיאַקאָן מיט'ן ברודער פאַרלאָזען די בימה און טרעטען צו צום אַלטאַר און בלייבען שטעהן אין פאָזע פאַר'ן אַלטאַר. דער מאַסטער באַפעהלט די צערעמאָניען-מאַסטערס אַז זיי זאָלען דעם ברודער פון לאָדזש אַרויספיהרען. דער דיאַקאָן און זיי סאַלוטירען. דער דיאַקאָן פאַרנעהמט זיין פּלאַץ און די צערעמאָניען-מאַסטערס מיט'ן נייעם ברודער פאַרלאָזען די לאָדזש.

פונ'ם צווייטען ביז'ן דריטען גראַד דאַרף דער קאַנדידאַט דורכמאַכען די זעלבע פּראָצעדורע ווי ער האָט דורכגעמאַכט פון דעם ערשטען ביז דעם צווייטען גראַד, מיט'ן אונטער־שייד, וואָס עס דויערט איהם פיל לענגער. ערשטענס, האָט ער אַ סאַך מעהר ווי פריהער צו לערנען, און אַ חוץ דעם איילט מען זיך טאַקע ניט אונטער, ווייל די ברידער וועלכע זיינען פון דעם מאַסטער באַשטימט איהם אויסצופאָרשען און נאָכצושפּירען און שפּיאָנירען, נעהמען זיך געגוג צייט דאַפיר, און קיינער זאָגט זיי קיין דעה ניט. און קוים איז די אומבאַשטימטע צייט אָפּגעלאָפען און דער קאַנדידאַט איז שוין דורכגעגאַנגען אַלע שבעה מדורי גיהנום און איז שוין ביי זיינע מלמדים, די בעאַמטע, זוכה צו קריגען זייער הסכמה און רעקאָמענדאַציע, און די ברידער וועלכע האָבען איהם נאָכגעפאָרשט און אויסגעפאָרשט, האָבען וועגען איהם אַ גוטע מיינונג, — ברענגען די ברידער אינסטרוקטאָרס און די ברידער אינוועסטיגייטאָרס זייער רעפּאָרט צום סעקרע־טער פון דער לאָדזש, און ער גיט איבער זייער רעפּאָרט צום מאַסטער, און דורך זיין באַפעהל לייענט ער איהם בקול רם. נאָכ'ן לייענען טוט דער מאַסטער מיט זיין האַמער אַ קלאַפּ אין דער מאַרמאָר פּלאַטע. אַלע ברידער שטעלען זיך אויף, און דער מאַסטער ווענדעט זיך צו זיי מיט דער פראַגע:

— מיינע ברידער! איהר האָט געהערט לייענען דעם

גינסטיגען רעפּאָרט פון אונזער ברודער מיטאַרבייטער. וואָס איז אייער פאַרגעניגען?

אַ ברודער מאַכט אַ פאָרשלאַג, אַז לויט זיין מיינונג איז דער ברודער באַרעכטיגט און דער מאַסטער מאַסאָנישער גראַד זאָל איהם געגעבען ווערען. אַ צווייטער ברודער אונטערשטיצט דעם פאָרשלאַג. דאַן ווענדעט זיך דער מאַסטער מיט אַ צווייטער פראַגע:

— געפינט זיך צווישען אייך אַ געגנער?

און אַז קיין געגנער איז ניט פאַראַן, באַפעהלט דער מאַסטער דעם סיניאָר דיאַקאָן אַז ער זאָל פאַרבערייטען דעם שטימקאַסטען. דער סיניאָר דיאַקאָן געהט אַרויף אויף דער בימה, עפּענט דעם שטימקאַסטען אַזוי, אַז יעדער זאָל קאָנען זעהן אַז אינוועניג געפינט זיך קיין שום זאַך ניט. ער קעהרט עס אין מזרח, מערב, צפון און דרום זייט, אום יעדער זאָל זיין זיכער אויף זיין באַהויפּטונג. נאָכדעם ווייזט ער איהם דעם מאַסטער און די וואַרדענס און שטעלט איהם אויפ׳ן אַלטאַר. ער סאַלוטירט דעם מאַסטער און לאָזט איהם וויסען, אַז אַלעס איז פאַרטיג צו באַלאָטירען. דער מאַסטער טוט אַ קלאַפּ מיט זיין האַמער. די ברידער שטעלען זיך אויף, און נאָך אַ קורצער פּויזע באַפעהלט דער מאַסטער אַז יעדער ברודער זאָל און מוז באַלאָטירען, און ער ערקלעהרט זיי ווי אַזוי צו באַלאָטירען. די ברידער מאַרשירען אַרום דעם אַלטאַר און שטימען. און נאָכדעם ווי אַלע האָבען באַלאָטירט פרעגט דער מאַסטער דעם דיאַקאָן:

— האָבען אַלע ברידער געשטימט?

— זיי האָבען, — ענטפערט ער.

— אַצינד איז מיין באַפעהל, אַז דו זאָלסט דעם שטימקאַסטען טראָגען צום דזשוניאָר און סיניאָר וואַרדען פאַר זייער אינספּעקציע, און דאַן זאָלסטו איהם ברענגען אין מזרח. דער סיניאָר דיאַקאָן טוט ווי דער מאַסטער האָט איהם באַפוילען און שטעלט אַוועק דעם שטימקאַסטען פאַר איהם. ער עקזאַמינירט דעם צושטאַנד, און ווענדעט זיך

צום דזשוניאָר וואָרדען און פרעגט איהם אויף דעם רעזול־טאַט פון דעם באַלאָט.

— זויבער אין דרום זייט.

— און ווי אַזוי אין מערב זייט? — פרעגט ערביים סיניאָר וואָרדען.

— זויבער אין מערב און זויבער אין מזרח, און דערפאַר ערקלעהר איך דעם ברודער אַלס ערוועהלט פאַר דעם דריטען און מאַסטער מאַסאָנישען גראַד.

דער מאַסטער טוט אַ קלאַפּ מיט זיין האַמער און אַלע ברידער פאַרנעהמען זייערע פּלעצער. דער מאַסטער טוט צוויי קלעפּ מיט זיין האַמער אין דער פּלאַטע און די צוויי צערעמאָניען?מאַסטערס שטעלען זיך אויף. דער מאַסטער ווענדעט זיך צו זיי מיט דער פאָלגענדער פראַגע:

— ברידער צערעמאָניען־מאַסטערס, ווי אַזוי זאָל אַ קאַנדידאַט ווערען פאַרבערייטעט אום צו באַקומען דעם דריטען און מאַסטער מאַסאָנישען גראַד?

דער סיניאָר צערעמאָניען־מאַסטער רעכענט איהם אום אַלע איינצעלהייטען. דאַן באַפעהלט זיי דער מאַסטער, אַז זיי זאָלען זיך צום פאַרבערייטונגס צימער ווענדען. זיי נעהמען זייערע סטעפּס, סאַלוטירען און פאַרלאָזען די לאדזש. דעם סיניאָר דיאַקאָן קריגט פון מאַסטער אַ באַפעהל דעם קאַנדידאַט אין לאדזש אַריינצובריינגען. ער סאַלוטירט און פאַרלאָזט די לאדזש און קעהרט זיך באַלד אום מיט איהם. זיי בלייבען ביידע שטעהן פאַר'ן אַלטאַר, סאַלוטירען און וואַרטען אויפ'ן מאַסטער באַפעהל. דער מאַסטער לאָזט זיי ניט לאַנג וואַרטען און באַפעהלט דעם דיאַקאָן, אַז ער זאָל דעם קאַנדידאַט פרעגען די זעלבע פראַגען, וועלכע ער האָט איהם געפרעגט, און ער, דער קאַנדידאַט, זאָל אויף זיי ענטפערען. דער דיאַקאָן שטעלט דעם קאַנדידאַט אַ פראַגע און ער ענטפערט איהם. אַזוי לאַנג, ביז אַלע פראַגען זיינען אויסגעפרעגט געוואָרען אויף אויף אַלע די ריכטיגע ענטפערס באַקומען. דער מאַסטער ווענדעט זיך צו די וואָר־

דענס און ברידער מיט אַ פראַגע, אויב זיי זיינען צופרידען מיט די ענטפערס, וועלכע זיינען פונ׳ם קאַנדידאַט געענט־פערט געוואָרען, און ווערענד עס הערט זיך קיין אומצו־פרידענע שטימע ניט, ערקלעהרט דער מאַסטער זייע שוויי־גען אַלס אַ צייכען פון צופידענהייט און באַפעהלט דעם דיאַקאָן, אַז ער זאָל דעם קאַנדידאַט צו דעם פאָרבערייטונגס צימער פיהרען. דער דיאַקאָן מיט׳ן קאַנדידאַט סאַלוטירען און פאַרלאָזען די לאָדזש.

דער קאַנדידאַט ווערט פון די צערעמאָניען־מאַסטער אריינגעפיהרט אין אַן אונטערערדישער הייל, וועלכע זעהט אויס ווי אַ נאָרע פון חיות רעות, און וואו נאָר ער ווענדעט זיינע אויגען זעהט ער פאַר זיך שרעקליכע און שווידערליכע בילדער, וועלכע וואַרפען אויף איהם אַן אַ פחד, אַן אימה. זיי הייסען איהם אַליין געהן ביז ער וועט קומען צו אַ טיר, און דאָרטען זאָל ער דריי מאָל אַ קלאַפ טאָן. די צערעמאָניען־מאַסטערס ווערען פאַרשוואונדען. דער קאַנדידאַט ווייסט ניט וואוהין. ער געהט אַ שרעקעדיגער טריט ביי טריט, ביז ער דערזעהט ביים שוואַכען שיין פון דעם שוואַרצען ליכט, וועלכע ער טראָגט אין זיין האַנט, אַ טיר. ער טוט דריי קלעפּ אין טיר, ווי מען האָט איהם געהייסען. די טיר עפענט זיך ברייטלאַך. ער געהט אַריין, און פלוצלינג באַ־ווייזען זיך פאַר איהם צוויי געשטאַלטען, וועלכע קומען פון צוויי געהיימע עפענונגען פון דער וואַנט אַרויס, און וועלכע קוקען אויס, מיט זייער אַרט קליידונג און גרימירונג, ניט אַנדערש ווי צוויי שדים. דער קאַנדידאַט קריגט פונ׳ם סיניאָר צערעמאָניען־מאַסטער אַ באַפעל, אַז ער זאָל זיינע אויי־בערשטע קליידער אַרונטערנעהמען.ביידע צערעמאָניען־מאַסטערס טרעטען צו איהם און באַקוקען זיין קערפּער מעשה געניטע דאָקטוירים, און נאָך דעם ווי זיי ווערען פאַרטיג מיט זייער בדיקה נעהמען זיי איהם אָנקליידען אין מלבושים, וועלכע זיינען פיל עהנליך אויף תכריכים. דעם ווייסען קאָלפּאַק ציהען זיי איהם איבער׳ן קאָפּ ביז צום

האָלז אַרונטער און פעסט אַרומגעבונדען. ביי דעם גאַנץ שוואַכען און טונקעלען שיין פון די צוויי שוואַרצע ליכט, וועלכע זיי טראָגען אין זייערע הענט, פיהרען זיי איהם פון דעם צימער אַרויס און הייסען איהם אין אַן אַנגעוויזענער ריכטונג געהן. זיי געהען ביי זיינע זייטען און האַלטען זייערע אויגען פעסט אויף איהם, אַז עס זאָל איהם קיין שלעכטס ניט געשעהן. דער קאַנדידאַט געהט אַ היבשע שטרעקע באָרוועסערהייט, באַרג אַראָפּ און באַרג אַרויף אויף דריי-קאַנטיגע קלעצלאַך. ער געהט אַ שרעקעדיגער און ציטערענדיג מיט אַלע זיינע גלידער, און קוים טרעפט זיך איהם, אַז דורך אַ פאַלשען שריט האַלט ער ביים אומפאַלען, כאַפּען די צערעמאָניען-מאַסטערס איהם אונטער. ער געהט אַזוי לאַנג, ביז זיי שטעלען איהם אָפּ. ביים אָפּשטעלען ציהען זיי איהם אַרויף דעם קאָלפּאַק, וועלכער האָט זיינע אויגען פאַרשטעלט, אַזוי הויך, אַז ער זאָל קענען אַלעס גענוי זעהן.

אָבער דאָס וואָס ער דערזעהט פאַר זיך מאַכט איהם דאָס בלוט פון זיינע אָדערען פאַרגליווערט צו ווערען. ער שטעהט האַרט אַנטקעגען אַ גאַנץ שמאָלער טיר, וועלכע פיהרט צו אַן אויווען, אין וועלכען עס ברענט אַ העליש פייער. לאַנג טראַכטען לאָזען זיי איהם ניט. דער קאָלפּאַק ווערט אויף גיך איבער זיין קאָפּ אַריבערגעצויגען, און אַ באַפעהל הייסט געהן. און ער געהט. און ווען ער איז שוין דעם גיהנום פייער דורכגעגאַנגען, שטעלט מען איהם אָפּ און זיין קאָלפּאַק ווערט ווידער ביז צו זיין שטערן אַרויפ-געצויגען. און וואָס ער דערזעהט פאַר זיך אַצינד מאַכט איהם נאָך פיל מעהר ווי פריהער צו שוידערען. ער געפינט זיך שטעהענדיג האַרט נעבען אַ ברעג פון אַ שמאָלען אָבער זעהר לאַנגען, שמוציגען טייך, אין וועלכען ער קען גאַנץ דייטליך זעהן די קעפּ פון פאַרשידענע עקעלדיגע וואַסער-ברואים. דער קאָלפּאַק ווערט ווידער איבער'ן קאָפּ אַריבער-געצויגען און מען באַפעהלט צו געהן. ער געהט און פיהלט

זיך טאַקע ווי ער וואָלט געגאַנגען אין אַן אומריינעם, מיט שמוץ פאַרוואָרפענעם וואַסער. און קוים געהט ער דעם טייך אַריבער, ווערט ער ווידער פון זיינע באַגלייטער אָפּגע־שטעלט, און דער קאַלפּאַק ווערט איהם ווידע אַרויפגעצויגען.

אַצינד געפינט ע זיך שטעהענדיג נעבען אַ גרויסען אייזערנעם קעסעל, וועלכער הענגט אויף שטאַנגען און אונטער איהם ברענט אַ גרויסער פייער, וועלכער האָט דעם אינוועניגסטען בליי כמעט ווי אויף וואַסער צושמאָלצען. דער סיניאָר צערעמאָניען־מאַסטער ערקלעהרט, אַז אום ער זאָל ראוי זיין אַריינצוגעהן אין דעם צימער פאַר וועלכען ער שטעהט, און עס איז דאָס היילינגסטע פון היילינקייט, מוז ער זיינע הענט אָפּוואַשען אין דעם קעסעל, פאַר וועלכען ער שטעהט. פיל צייט זיך מיישב צו זיין גיבען זיי איהם ניט. שטעקט ער אַריין זיינע טרייסלענדיגע הענט אין קעסעל מיט׳ן צושמאָלצענעם מעטאַל. קיין בייז, ווי פריהער, גע־שעהט איהם ניט, אָבער אַז ער איז צום טויט דערשראָקען קען מען זעהן פון זיין בלאַסען פּנים און פון יעדער פון זיינע באַוועגונגען.

די צערעמאָניען־מאַסטערס ציהען איהם דעם קאָלפּאַק איבער׳ן פּנים אַריבער, און טוען באַלד נאָכדעם דריי קלעפּ אין דער טיר, וועלכע פיהרט צו דער לאדזש, אין וועלכער די צערעמאָניע דאַרף פאָרטגעזעצט ווערען.

דער דזשוניאָר דיאַקאָן, וועלכער באַוואַכט די טיר, רע־פּאָרטעט דעם אַלאַרם צום מאַסטער, און יענער באַפעהלט איהם אויסצוגעפינען די אורזאַך. ער סאַלוטירט דעם מאַס־טער און טרעט צו צו דער טיר, עפענט זי און פרעגט די צערעמאָניען־מאַסטערס אויף זייער באַגעהר. דער סיניאָר צערעמאָניען־מאַסטער פאַרלאַנגט אַריינגעלאָזען צו ווערען און די וויטערע צערעמאָניעס דורכצומאַכען.

— איז דאָס אַ טהאַט פון דעם ברודער׳ס פרייען און גוטען ווילען?

— עס איז! — ענטפערט דער צערעמאָניען־מאַסטער.

— איז ער ראוי און גוט אינפאָרמירט ? — פרעגט ווייטער דער דיאַקאָן.
— ער איז ! — ענטפערט דער צערעמאָניען-מאַסטער.
— האָט ער די צערעמאָניעס און די פריהערדיגע גראַדען פאָלקאָם דורכגעמאַכט ?
— ער האָט, — ענטפערט דער צערעמאָניען-מאַסטער.
— אויב אַזוי, זאָל ער וואַרטען ביז איך וועל זיין פאַרלאַנג דעם מאַסטער לאָזען וויסען און זיין ענטפער צוריק ברענגען.
ער מאַכט פעסט די טיר און טרעט צו צום אַלטאַר. בלייבט שטעהן און סאַלוטירט. דאַן ווענדעט ער זיך צום מאַסטער מיט פאָלגענדע ווערטער:
— אין פאָדער-צימער געפינט זיך אַ ברודער מיטאַרבייטער, וועלכער פאָדערט אַריינגעלאָזען צו ווערען.
— איז דאָס אַ טהאָט פון זיין פרייען און גוטען ווילען ? — פרעגט דער מאַסטער.
— עס איז, ענטפערט דער דיאַקאָן.
— איז ער ראוי און גוט אינפאָרמירט ? — פרעגט דער מאַסטער.
— ער איז, — ענטפערט דער דיאַקאָן.
— האָט ער די צערעמאָניעס און פריהערדיגע גראַדען פאָלקאָם דורכגעמאַכט ? — פרעגט ווייטער דער מאַסטער.
— ער האָט, — ענטפערט דער דיאַקאָן.
— דאַן לאָז איהם אַריינקומען אין דער לאדזש פון מאַסטער מייסאָנס אין נאָמען פון גאָט און ער זאָל אויפגענומען ווערען ווי עס קומט איהם לויט די אור-אַלטע פאָרמען.
דער דיאַקאָן סאַלוטירט און טרעט צוריק צום טיר, עפענט זי און ווענדעט זיך צום צערעמאָניען-מאַסטער און גיט איהם פינקטליך איבער דעם מאַסטער׳ס באַפעהל.
דער ברודער, אין דער באַגלייטונג פון די צערעמאָניען-מאַסטערס, מאַרשירט נאָכ׳ן טאַקט פונ׳ם אָרגעל אַריין, און אונטער זיי פאָרמירט זיך אַ גאַנץ לענגליכע פראָצעסיע פון

ברידער, וועלכע זיינען פונ׳ם מאַסטער באַפוילען געוואָרען צו נעהמען אַן אנטייל אין דער צערעמאָניע. דער מאַרשאַל מיט זיין גרויסען זילבערנעם סטעק פאָראויס, און הינטער איהם די צוויי דיאַקאָנס מיט זייערע סטעפּס, נאָך זיי דער קאַנדידאַט מיט׳ן קאַלפּאַק איבער׳ן קאָפּ אריבערגעצויגען און האָט ניט קיין מעגליכקייט די מינדעסטע שיין צו זעהן. עס הערט זיך אַ קלאַפּ פונ׳ם האַמער באַגלייטעט מיט אַ באַפעהל פונ׳ם מאַסטער:

— קיין מענש זאָל ניט וועגען אריינצוגעהן אָני אַ גרויסער און וויכטיגער אונטערנעהמונג בעפאָר ער וועגדעט זיך צו גאָט׳ס הילף. פיהרט דעם קאַנדידאַט צו דער מיט פון דער לאַדזש און דאָרטען זאָל ער קניהען און בעטען.

מען פיהרט דעם קאַנדידאַט צו דער מיט פון דער לאַדזש און דאָרטען קניהט ער. דער מאַסטער מיט די טשאַפּליינס טרעטען צו האַרט נעבען איהם און זאָגען מיט איהם אַ תפילה. נאָכדעם פרעגט דער מאַסטער דעם קאַנדידאַט:

— אין וועמען האָסטו בטחון?

— אין גאָט, — ענטפערט ער.

דער מאַסטער נעהמט איהם פאַר זיין רעכטער האַנט מיט די ווערטער:

— דיין בטחון איז אין גאָט. שטעה אויף און געה נאָך דיינע פיהרערס אָהן מורא פאַר קיין בייז.

די פּראָצעסיע ציהט זיך מיט׳ן קאַנדידאַט דריי מאָל אַרום דער לאַדזש און שטעלט זיך אָפּ פאַר׳ן דזשוניאָר וואָרדען׳ס סטאַנציע אין דרום. דער סיניאָר דיאַקאָן טוט אַ קלאַפּ מיט זיין סטעק אין באָדען. דער וואָרדען פרעגט:

— ווער קומט דאָ?

— אַ ברודער מיטאַרבייטער, וועלכער האָט זיין ערשטען און צווייטען גראַד דורך באַרעכטיגונג באַקומען, און אַצינד זוכט ער מעהר ליכט אין מאַסאָנעריי, וועלענדיג צוגעלאָזען ווערען צום דריטען מאַסטער מאַסאָנישען גראַד, — ענטפערט דער דיאַקאָן.

— איז דאס א טהאט פון זיין אייגענעם פרייען און גוטען ווילען און באשלוס ?
— עס איז, — ענטפערט דער דיאקאן.
— איז ער בארעכטיגט און גוט אינפארמירט ?
— ער איז, — ענטפערט דער דיאקאן.
— איז ער ריכטיג און געהעריג פארבערייטעט ? — פרעגט דער װארדען.
— ער איז, — ענטפערט דער דיאקאן.
— וואס פאר א וויטערע רעכט און ערלויבניש ער־זוארטעט ער צו קריגען פון דער וויכטיגער בארעכטיגונג ? — פרעגט דער װארדען.
— די בארעכטיגונג אויפ'ן מאסטער מאסאנישען פאסיר־ווארט, — ענטפערט דער דיאקאן.
— האט ער דאס פאסיר־ווארט ?
— ער האט עס ניט. איך האב עס פאר איהם, — ענט־פערט דער דיאקאן.
— דאן טרעט צו און גיב מיר דאס מאסטער מאסאנישע פאסיר־ווארט.

דער דיאקאן טרעט צו און גיט דאס פאסיר־ווארט.

— דאס פאסיר־ווארט איז ריכטיג. איך בין צופרידען, — זאגט איהם דער דזשוניאר װארדען. — געה צום סיניאר װארדען פאר זיין אונטערזוכונג.

די פראצעסיע מארשירט צום סיניאר װארדען אין מערב זייט. צוקומענדיג צו סיניאר װארדען'ס סטאנציע טוט ווידער דער סיניאר דיאקאן א קלאפ מיט זיין סטעק אין באדען. דער סיניאר װארדען שטעלט זיך אויף און שטעלט דעם דיאקאן די זעלבע פראגעם וואס דער דזשוניאר װארדען האט איהם געפרעגט. און דער דיאקאן גיט איהם די זעלבע ענטפערס ווי ער האט דעם דזשוניאר װארדען געענטפערט. פון מערב מארשירען זיי צום מאסטער'ס סטאנציע אין מזרח. דער מאסטער שטעלט אויך די זעלבע פראגעס און באקומט אויך די זעלבע ענטפערס ווי די װארדענס האבען באקומען.

— פאַרוואָס האָט דער קאַנדידאַט געוואַנדערט פון דרום און מערב צו מזרח ? — פרעגט דער מאַסטער דעם דיאַקאָן.

— ווייל ער זוכט מעהר ליכט אין מאַסאָנעריי, — איז דעם דיאַקאָנ'ס ענטפער.

דער מאַסטער באַפעהלט דעם דיאַקאָן צוריק צו פיהרען דעם קאַנדידאַט צום סיניאָר וואָרדען אין מערב זייט און ער זאָל איהם לערנען ווי אַזוי זיך צו ווענדען צום מזרח.

די פּראָצעסיע קעהרט זיך צוריק צו מערב און בלייבט שטעהן פאַר'ן סיניאָר וואָרדען. און דער דיאַקאָן גיט דעם וואָרדען דעם מאַסטער'ס באַפעהל איבער. דער וואָרדען טרעט אַרונטער פון זיין סטאַנציע און פאָרבערייטעט דעם קאַנדידאַט פאַר דער הייליגער מאַסטער מאַסאָנישער שבועה צו נעהמען. דער קאַנדידאַט ווערט ביים הייליגען אַלטאַר אוועקגעשטעלט, אויף וועלכען עס ליגט אַ גרויסע ביבעל, אַ געעפענטע. אין זיינע פאַרמאַכטע פויסטען ווערען צוויי גרויס שווארצע ליכט אַריינגעשטעקט.

דער דיאַקאָן לאָזט וויסען דעם מאַסטער, אַז דער קאַנ-דידאַט איז אויפ'ן ריכטיגען פּלאַץ און איז אין אַלע פרטים און טראַדיציאָנעלע מנהגים פאָרבערייטעט געוואָרען, און איז וויליג און באַרייט די גרויסע, ערהאַבענע און הייליגע מאַסטער מאַסאָנישע שבועה אויף זיך צו נעהמען. דער מאַס-טער פאַרלאָזט די בימה, און אין דער באַגלייטונג פון דעם סיניאָר און דזשוניאָר וואָרדען טרעט ער צו צום אַלטאַר און זיי פאַרנעהמען די פּלעצער וועלכע זיינען ביים אַלטאַר געגענאיבער דער קאַנדידאַט רעזערווירט געוואָרען. אין לאדזש הערשט אַ טויטע שטילקייט, וועלכע ווערט מיט אַ פראַגע פונ'ם מאַסטער צום קאַנדידאַט אונטערגעבראָכען :

— ביסטו נאָך אַלץ וויליג און באַרייט אויף זיך די גרעסטע און הייליגסטע שבועה צו נעהמען ?

— יאָ, איך בין וויליג, ענטשלאָסען און באַרייט, — ענטפערט דער קאַנדידאַט.

— איך צווייפעל ניט אין דער אויפריכטיגקייט פון דיין באַהויפּטונג, און איך, דער מאַסטער פון דער לאָדזש, פאַר־זיכער דיר, אַז די הייליגע שבועה וועלכע דו ביסט באַרייט אויף זיך צו נעהמען אין דער געגענוואַרט פון דעם אַל־מעכטיגען גאָט און אין דער געגענוואַרט פון די אנוועזענדע ברידער וועט דיר ניט שטערען אין דיינע פּערזענליכע רעכטע, פּרינציפּען, מאָראַלישע אָדער פּאָליטישע.

נאָך דעם טרעט דער מאַסטער צוריק פון דעם אַלטאַר און ווענדעט זיך צו אַלע ברידער מיט אַ פראַגע:

— ברידער מייסאָנס! איהר האָט געהערט די פראַגעס וואָס איך האָב דעם קאַנדידאַט געפרעגט און זיינע ענטפערס, וואָס ער האָט אויף זיי געענטפערט? געפינען זיך צווישען אייך איינער אָדער מעהר, וועלכע ווילען דעם קאַנדידאַט אַ פראַגע אָדער מעהר שטעלען? האָבען זיי מיין ערלויבעניש דערצו.

אַ ברודער שטעלט זיך אויף און פרעגט דעם קאַנדידאַט, וואָס פאַר אַ אומשטענדען האָבען איהם געבראַכט דערצו, אָדער וואָס זיינען זיינע אַבזיכטען? טוט ער עס פרייוויליג אָדער ער איז פון יעמאַנד באַאיינפלוסט געוואָרען זיך אין דעם מייסאָנישען אָרדען זיך אַנצושליסען?

— קיינע אומשטענדען האָבען מיך דערצו ניט געבראַכט און קיינער האָט מיך ניט געצוואונגען אָדער צוגערעדעט דאָס צו טאָן, זאָנדערן איך טהו עס מיט מיין פרייען און גוטען ווילען און איך וועל מיך שעצען גליקליך אַז איך זאָל האָבען דעם כבוד און פאַרגעניגען אַ מייסאָן צו זיין, — ענטפערט איהם דער קאַנדידאַט.

— איך בין מיט זיין ענטפער צופרידען, — ענטפערט דער ברודער.

דער מאַסטער טרעט צוריק עטליכע טריט צום אַלטאַר, און די טויט שטילקייט, אין וועלכער אַ ברודער קאָן דעם צווייטענ׳ס אָטעם ניט נאָר פיהלען, נאָר אויך כמעט הערען,

ווערט פון מאַסטער איבערגעריסען מיט די פאָלגענדע ווערטער:

— ברידער! עס שטעהט פאַר אונז ביים הייליגען אַלטאַר אַ ברודער, וועלכער איז פון איינעם פון אונזערע ברידער פאַרגעשלאַגען געוואָרען. זיין פאַרגאַנגענהייט און זיין איצטיגער באַשטאַנד איז פון אַ קאָמיטע, באַשטעהענד פון דריי ברידער, אונטערזוכט געוואָרען, און מיר האָבען קיין שום חשד אַז זיי זאָלען ניט האָבען זייער שליחות ריכטיג אויסגעפיהרט. זייער צופרידענשטעלענדער באַריכט איז פון אונזער סעקרעטער אין אונזער אַלעמענס געגענוואַרט אָפּגעגעבען געוואָרען און איהר האָט אַלע מיט דעם אַלטער־טימליכען מאַסאָנישען צייכען געשטימט צו דער צופרידענ־הייט פון דעם ברודער. דער ברודער האָט דעם ערשטען גראַד באַקומען. ער האָט זיינע פליכטען פאָלקאָם ערפילט און ער איז באַרעכטיגט געווען, און מיט אייער צושטימונג האָט ער דעם צווייטען און מיטאַרבייטער גראַד באַקומען. דער ברודער האָט אַצינד אויך ווי פריהער זיינע פליכטען פּינקטליך ערפילט, און דער ברודער איז פאַרבערייט דעם דריטען און מאַסטער מאַסאָנישען גראַד צו באַקומען. וואָס איז אייער באַגעהר? — פרעגט דער מאַסטערח

עס שטעלט זיך אויף אַ ברודער און סאַלוטירט דעם מאַסטער, און מאַכט אַ פאָרשלאַג מיט די פאָלגענדע ווער־טער:

— ווערטהער מאַסטער, וואָרדענס און ברידער! אויס־הערענדיג דעם באַריכט פון אונזער ווערטהען מאַסטער און אויך די צופרידענשטעלענדע ענטפערס פון דעם קאַנדידאַט, וועלכע ער האָט אויף די געשטעלטע פראַגעס געגעבען, נעהם איך מיר די פרייהייט און דאָס פאַרגעניגען פאָרצושלאָגען, אַז דער ברודער זאָל דעם דריטען און מאַסטער מאַסאָנישען גראַד באַקומען.

ער סאַלוטירט און פאַרנעהמט זיין פריהערדיגען פּלאַץ.

דער מאַסטער ווענדעט זיך צו די ברידער מיט די פאָל־גענדע ווערטער:

— ברידער, איהר האָט אַלע געהערט דעם פאָרשלאַג פון אונזער ברודער. וואָס איז אייער פאַרגעניגען? אויב איהר זענט אַלע איינשטמיג מיט דעם פאַרשלאַג פון דעם ברודער, באַפעהל איך אייך, אַז איהר זאָלט שטימען מיט'ן אַלטערטימליכען צייכען פון אַ מאַסטער מאַסאָניק.

אַלע ברידער שטעלען זיך אויף און גיבען דעם צייכען— זיי סאַלוטירען. און דורך אַ צייכען פונ'ם מאַסטער זעצען זיי זיך צוריק. דער מאַסטער מאַכט אַ וויטערדיגע באַ־מערקונג:

— ברידער! כאָטש איהר האָט אַלע געשטימט צו מיין אייגענער צופרידענהייט און צו דער צופרידענהייט פון דעם ברודער, דאָך אום איך זאָל מעהר זיכער זיין, אַז עס געפינט זיך ניט צווישען אייך איינער וואָס קען ניט אָדער וויל ניט זיין געגנערישקייט עפענטליך אַרויסווייזען, ווערט איהר אויך מוזען שטימען אין געהיים. ברודער סיניאָר דיאַקאָן, — באַפעהלט דער מאַסטער, — גרייט־צו דעם שטים־קאַסטען.

דער דיאַקאָן סאַלוטירט, עפענט דעם שטים־קאַסטען און קערט אים צו מזרח, מערב, צפון און דרום, אום אַלע ברידער זאָלען זעהן, אַז די אָפּטיילונג, אין וועלכער די קוגלען דאַרפען אַריינגעוואָרפען ווערען, איז ליידיג. דער מאַסטער באַפעהלט דעם דיאַקאָן, אַז ער זאָל דעם שטים־קאַסטען טראָגען צו דרום־מערב, אום די וואָרדענס, וועלכע דאַרפען ניט פאַרלאָזען זייערע פלעצער, זאָלען שטימען, און דאַן שטעלען איהם אויפ'ן אַלטאַר פאַר דער אָפּשטימונג פון די איבריגע ברידער.

דער דיאַקאָן טוט ווי דער מאַסטער האָט איהם באַפוי־לען, סאַלוטירט און בלייבט שטעהן ביים אַלטאַר. דער מאַסטער באַפעהלט די ברידער צו שטימען. זיי הויבען זיך אויף פון זייערע ערטער און מאַרשירען אין רייע צום שטים־קאַסטען. דאָרטען שטעלען זיי זיך אָפּ, סאַלוטירען און

שטימען איינער נאָכ׳ן אַנדערען. און ווען ער זעהט, אַז זיי זיינען פאַרטיג, פרעגט ער דעם דיאַקאָן:

— האָבען אַלע ברידער פון מזרח, מערב, צפון און דרום געשטימט?

— זיי האָבען, — ענטפערט דער דיאַקאָן.

אַלע ברידער פאַרנעמען זייערע ערטער און דער דיאַ־קאָן, דורך אַ באַפעהל פונ׳ם מאַסטער, טראָגט דעם שטים־קאַסטען צום דזשוניאָר וואָרדען אין דרום־זייט און צום סי־ניאָר־וואָרדען אין מערב־זייט פאַר אינספעקציע. דאַן ברענגט ער דעם קאַסטען צום מאַסטען און ער אינספעקטירט איהם אויך. דאַן ווענדט ער זיך מיט אַ פראַגע צום דזשוניאָר וואָרדען:

— ברודער דזשוניאָר וואָרדען, ווי אַזוי איז די שטימע אין דרום?

— לויטע׳ר אין דרום.

— און ווי אַזוי איז אין מערב, ברודער סיניאָר וואָרדען?

— לויטער אין מערב, — איז זיין ענטפער.

— און לויטער אין מזרח און איך ערקלער דעם שטים־קאַסטען געשלאָסען.

— אויפ׳ן מאַסטער׳ס באַפעהל טרעטען אַלע ברידער צו האַרט צום אַלטאַר אויסצושטעלען זיך אין צוויי רייען, אין צפון און אין דרום. די מזרח־זייט ווערט פאַר׳ן מאַסטער, וואָרדענס און טשאַפּלאַנס און עקס־מאַסטערס פריי געלאָזען. די מערב־זייט ווערט אויך פריי געלאָזען פאַר די דיאַקאָנס, צערעמאָניע־מאַסטערס, סטוארטס און שווערדען־טראָגערס. דער מאַסטער מיט זיין סוויטע פאַרלאָזען די בימה און שטע־לען זיך אין מזרח אַקעגען אַלטאַר. אויפ׳ן מאַסטער׳ס באַ־פעהל ווערען אַלע ליכט אויסגעלאָשען און ס׳ווערט אַזוי פינסטער, אַז מ׳קען די פינסטערניש כמעט מיט די הענט אָנטאַפּען. די שטילקייט וואָס הערשט אין לאַדזש ווערט אונטערבראָכען פונ׳ם מאַסטער׳ס פראַגע, וואָס ער שטעלט דעם קאַנדידאַט, וועלכער שטעהט געקניט פאַר׳ן אַלטאַר:

— ברודער (ער רופט איהם אָן ביים נאָמען), ביסטו נאָך אַלץ וויליג צו נעהמען אויף זיך די הייליגע שבועה פון אַ מאַסטאַר מאַסאָניק?

— איך בין, — ענטפערט דער ברודער.

— אויב אַזוי, ציטיר דיין פולען נאָמען און זאָג מיר נאָך יעדעס וואָרט דייטליך און פאַרשטענדליך.

דער ברודער ציטירט זיין נאָמען. דער מאַסטער זאָגט איהם פאָר די שבועה אין אַ נידעריגער שטימע. דער ברודער זאָגט איהם דייטליך נאָך יעדעס וואָרט.

ווען די שבועה איז געענדיגט, פרעגט איהם דער מאַס־טער שוין אין אַביסעל אַ העכערער שטימע:

— אין דיין איצטיגער לאַגע וואָס איז דיין באַגעהר?

— די פולע ליכט אין מאַסאָנעריי, — ענטפערט דער ברודער.

דער מאַסטער, ווי ביים צווייטען גראַד, ציטירט די ערשטע עטליכע פסוקים פון מעשה בראשית און ענדיגט מיט די ווערטער:

— אום צו דערמאָנען די גרויסע און ערהאַבענע גע־שעהעניש, טו איך, דער מאַסטער פון דעם לאָדזש, איצט באַפעהלען, עס זאָל ליכטיג ווערען.

אין לאָדזש ווערט ליכטיג.

— ברודער סיניאָר דיאַקאָן, — באַפעהלט דער מאַס־טער, — ברענג דעם ברודער צו דער אמת'ער מאַסאָנישער ליכט.

דער דיאַקאָן ציהט דעם ברודער דעם קאָלפּאַק אַרויף. דער מאַסטער באַפעהלט ווידער דעם דיאַקאָן, אַז ער זאָל לויז מאַכען דעם ברודער פון דעם שטריק, מיט וועלכען ער איז דריי־פאַך אַרומגעבונדען. דאַן באַמערקט ער:

— מיר האַלטען איצט דעם ברודער מיט דריי שבועות געבונדען.

דער דיאַקאָן מאַכט איהם דעם שטריק לויז. דער מאַס־טער געאָרמט פון די וואָרדענס טרעטען צו גאַנץ נאָהענט

צום ברודער. דער מאַסטער רייכט דעם ברודער זיין רעכטע האַנט און גראַטולירט איהם אויף זיין ערפאָלג און מאַכט איהם אויפמערקזאַם אויף דער פּאָזיציע פון דעם סקוועָר מיט'ן קאָמפּוס און מאַכט איהם קלאָר פאַרוואָס זיי ליגען איצט אַנדערש ווי זיי זיינען געלעגען בשעת דעם ערשטען און צווייטען גראַד. דער מאַסטער מיט דער הילף פון די וואָר־דענס לערנען איהם אוים צו געבען די מאַסטער מאַסאָנישע געהיימע צייכענס און האַנטגרייפס און אַלץ נאָך ניט דאָס הויפּט־געהיימע וואָרט. דער מאַסטער באַפעהלט איהם זיך אויפצושטעלען און וואַרטען אויף ווייטערע באַפעהלען. דער מאַסטער מיט זיין סוויטע געהען אַרויף אויף דער בימה, און אויף זיין באַפעהל פאַרנעהמען אַלע ברידער זייערע פריי־הערדיגע פּלעצער. דער מאַסטער באַפעהלט דעם דיאַקאָן, אַז ער זאָל דעם נייעם ברודער לערנען ווי אַזוי ער זאָל זיין פאַרטוך אַלס אַ מאַסטער מאַסאָניק טראָגען. דער דיאַקאָן ווייזט איהם און ערקלערט איהם פאַרוואָס ער דאַרף אַזוי און ניט אַנדערש זיין פאַרטוך אַלס אַ מאַסאָניק טראָגען.

דאַן באַפעהלט ווידער דער מאַסטער, אַז דער ברודער זאָל צום דזשוניאָר און סיניאָר וואָרדענס געפיהרט ווערען פאַר עקזאַמינעישאָן און אינספּעקשאָן. דער דיאַקאָן פיהרט דעם ברודער אַרום דעם לאַדזש און בלייבט שטעהן פאַר'ן דזשוניאָר וואָרדען און גיט מיט זיין סטעק דעם סיגנאַל. דער דזשוניאָר וואָרדען פרעגט:

— ווער קומט דאָ?

— אַ ברודער מאַסטער מאַסאָניק.

— ווי אַזוי ווייס איך, אַז ער איז אַזאַ? — פרעגט דער וואָרדען.

— ביי די געהיימע צייכענס, האַנט־דרוק און ביי דעם פּאַסיר־וואָרט — ענטפערט דער דיאַקאָן.

— זאָל ער פאַרטרעטען און זיי מיר געבען.

דער נייער ברודער טרעט צו צום וואָרדען און גיט איהם איבער די צייכענס, האַנט־גרייפס און דאָס פּאַסיר־

וואָרט. דער וואָרדען זעהט נאָך, אויב ער טראָגט זיין פאַר־טוך ווי געהעריג, און דאַן זאָגט ער דעם דיאַקאָן, ער זאָל דעם ברודער פיהרען צום סיניאָר וואָרדען פאַר זיין אינ־ספעקציע. זיי מאַרשירען צום סיניאָר וואָרדען אין מערב און בלייבען שטעהן ביי זיין סטיישאָן. דער דיאַקאָן גיט דעם סיגנאַל, און דער וואָרדען שטעלט איהם די זעלבע פראַגעס, וועלכע דער דזשוניאָר וואָרדען האָט איהם גע־שטעלט, און ער גיט איהם די זעלבע ענטפערס, ווי ער האָט דעם דזשוניאָר וואָרדען געגעבען. ער זעהט אויך נאָך, אויב דער ברודער טראָגט זיין פאַרטוך ווי אַ מאַסאָניק דאַרף עס טראָגען.

— איך בין צופרידען. פיהר דעם ברודער צום מאַס־טער אין מזרח פאַר זיין עקזאַמען, — זאָגט איהם דער סי־ניאָר וואָרדען.

זיי סאַלוטירען דעם וואָרדען און מאַרשירען צום מאַס־טער אין מזרח. דאָ גיט אויך דער דיאַקאָן זיין סיגנאַל, און דער מאַסטער שטעלט אויך די זעלבע פראַגעס. דער דיאַקאָן ענטפערט איהם אַזוי ווי ביי די פריהערדיגע סטיישאָנס. דער מאַסטער איז מכבד אַן עקס-מאַסטער מיט'ן כבוד צו ווייזען דעם נייעם ברודער און ערקלערען די באַדייטונג פון די ווערקצייג וואָס אַ מאַסטער מאַסאָניק האָט נויטיג צו זיין אַרבייט. דער עקס-מאַסטער האַלט פאַר'ן ברודער אַ קורצע דרשה און ערקלערט איהם די נאָבעלע און גייסטיגע באַדייטונג פון די מאַסטער-מאַסאָנישע ווערקצייג. ער גראַ־טולירט אויך דעם ברודער און פאַרנעמט צוריק זיין פלאַץ.

דער מאַסטער שטעלט דעם דיאַקאָן אַ גאַנץ לאַנגע רייע פראַגעס, און דער דיאַקאָן ענטפערט איהם אויף יעדער פראַגע באַזונדער. און ווען אַלע פראַגעס זיינען אויסגע־פרעגט און געענטפערט געוואָרען, באַפעהלט דער מאַסטער דעם דיאַקאָן צו פאַרנעמען זיין פלאַץ. דער דיאַקאָן סאַלו־טירט און פאַרנעמט זיין פלאַץ אין מזרח צום מאַסטער נאָר ניט אויף דער בימה. דער מאַסטער באַפעהלט די צערע־

מאָניע־מאַסטערס צוצופיהרען דעם נייעם ברודער צום אַל־טאַר און דאָרטען סאַלוטירען און איהם צוריקצופיהרען צום פּלאַץ פון וואַנען זיי האָבען איהם געבראַכט, דאָרטען איהם אָנטאָן און איהם צוריקברענגען פאַר די ווייטערדיגע צערע־מאָניעס, וועלכע געהערען צום צווייטען טייל פון דריטען און מאַסטער־מאַסאָנישען גראַד. די צערעמאָניע־מאַסטערס פיהרען איהם צום אַלטאַר, סאַלוטירען און פאַרלאָזען דעם לאַדזש.

אַזוי גיך ווי דער נייער ברודער איז איבערגעטאָן, לאָזען די צערעמאָניע־מאַסטערס וויסען דורך דריי העפטיגע קלעפּ מיט זייערע סטעפּס אין דער טיר, אַז זיי זיינען פאַרטיג, און אויב דער סיניאָר מאַסטער אָוו צערעמאָניעס באַקומט באַלד אַן ענטפער אויף זיין סיגנאַל, ווערט דער ברודער ווי־דער פאַרבלענדעט און מען פיהרט איהם אריין אין לאַדזש. באַלד ווי די טיר ווערט הינט איהם פעסט געמאַכט, ווערט ער פון די צערעמאָניע־מאַסטערס פאַרלאָזען און בלייבט שטעהן אַ פּאָר שריט ווייט פון דער טיר. דער סיניאָר דיאַקאָן טרעט צו, אויפ׳ן מאַסטער׳ס באַפעהל, גאַנץ נאָהענט צום ברודער און אָהן אַ וואָרט צו ריידען באַפרייט ער איהם פון דעם קאַלפּאַק, וועלכער האַט איהם פאַרבלענדעט. דער נייער ברודער, אָנשטאַט דעם פאַנטאַסטישען לאַדזש, וועלכער האַט ווי אַ צויבער אויסגעזעהן, דערזעהט פאַר זיך אַן אומגעהויער גרויסען פּוסטען צימער, וועלכער האַלט זיך אין בויען און איז נאָך ווייט פון פאַרטיג צו זיין. ברעטער, ציגעל, קאַלך, זאַמד און בוי־מאַטעריאַל קען מען זעהן דאָ און דאָרט ליגען. דער סיניאָר דיאַקאָן האַלט אַ רעדע פאַר׳ן ברודער. ער ערקלערט איהם, אַז כאָטש ער האַט שוין אַלע גראַדען פון מאַסאָנישען אָרדען באַקומען, דאָך איז ער נאָך זעהר ווייט פון אַ פאָלקאָמענעם מאַסטער מאַסאָניק, ווייל דאָס הויפּט־געהיימע וואָרט איז איהם נאָך ניט אָנפאַרטרויט געוואָרען. און ער ווייסט ניט, אויב עס וועט איהם אמאָל אָנפאַרטרויט

ווערען. סיידען ער זאָל אימשטאַנד זיין צו איבערצייגען אַלע אַנוועזענדע אין זיין אויפריכטיגקייט צו די אַלע געהיימניסען וועלכע זיינען איהם ביז איצט אַנפאַרטרויט געוואָרען. אום דאָס צו טאָן, וועט ער דאַרפען ניט נאָר פילע אומאַנגענעמ־ליכקייטען און געפאַרען דורכמאַכען, נאָר ער וועט אויך מוזען ריזיקירען זיין לעבען. און אויב ער איז באַרייט דערויף, וועט ער מוזען מיט זיין פּערזענליכקייט פאַרשטעלען די פּערזענליכקייט פון אונזער פאַרצייטיגען גרויס־מאַסטער חירום אביף, דער זוהן פון אַן אַלמנה פון שבט נפתלי, וועל־כער האָט געאָפּפערט זיין לעבען, אום דאָס געהיימע וואָרט זאָל פאַר אומווירדיגע ניט ענטדעקט ווערען. און אַזוי ווי ער האָט מיט זיין לעבען פאַרטיידיגט דאָס געהיימע וואָרט פון אַ פריי־מאַסאָניק, אַזוי וועט איהם, דעם נייעם ברודער אפשר אויסקומען צו באַצאָלען מיט זיין לעבען, פאַרטיידי־גענדיג די געהיימניסען וועלכע זיינען איהם ביז איצט פאַרטרויט געוואָרען.

— ביסטו באַרייט? — פרעגט איהם דער דיאַקאָן, האַלטענדיג אין איין האַנט אַ ווייסען מאַנטעל ווי מויערערס טראָגען בעת זייער אַרבייט, און אין זיין צווייטער האַנט האַלט ער אַ שילד ווי דער גרויס־מאַסטער חירום אביף האָט אויף זיין ברוסט אַלס צייכען פון זיין ווירדיגען אַמט גע־טראָגען.

— יאָ, — ענטפערט דער ברודער.

די צערעמאָניע־מאַסטערס טרעטען צו און העלפען איהם דעם מאַנטעל אָנטאָן. דער דיאַקאָן וואַרפט אַריבער די שנור איבער זיין קאָפּ, און די שילד בלייבט הענגען אויף זיין ברוסט. דער דיאַקאָן פיהרט איהם צו צום אַלטאַר און הייסט איהם קניען און תפילה טאָן. דער ברודער טוט ווי דער דיאַקאָן האָט איהם געהייסען. און בשעת ער זאָגט אָמן, ווענדט זיך צו איהם דער דיאַקאָן מיט די פאָלגענדע ווערטער:

— ברודער חירום! די צוועלפטע שטונדע פון טאָג האָט געשלאָגען און עס איז די צייט, אין וועלכער איהר דאַרפט די צייכענונגען פאַר דער וויטערדיגער אַרבייט פאַר־ברייטען. וויל אָהן אייערע צייכענונגען קענען די אַר־בייטער מיט זייער אַרבייט ניט אָנגעהן.

ער ווייזט איהם אָן אויף אַ טיר, וועלכע פיהרט צו אַ צימער, אין וועלכען אַלע פלענער און צייכענונגען ווערען געמאַכט. געהענדיג צו דער אָנגעוויזענער טיר, שטעלט ער זיך ווידער פאַר'ן אַלטאַר און קניט.

דאָס מאָל ווערען אַלע אַ חוץ די דריי ליכט, וועלכע שטעהען אין איסט, וועסט און סאַוט, אויסגעלאָשען. אין צימער הערשט אַ שטילקייט און כמעט אַ פינסטערניש. דער ברודער האַלט צוזאַמען זיינע הענט צום געבעט. זיינע אויגען האַלב פאַרמאַכט. מיט אַ גאָטספאָרכטיגער מינע הויבט ער אָן זיין תפילה מיט פאָלגענדע ווערטער:

— אָ, אַלמעכטיגער גאָט, הימלישער פאָטער פון אוי־בען! איך ווענד מיך היינט ווי אַלע מאָל נאָך דיין הילף און דיין גענאָד. גאָט, אָ, האָב רחמנות אויף מיר, ווייל איך בין דאָך ניט מעהר ווי אַ שוואַך, ערדיש באַשעפעניש, וועלכעס איז דורך דיין ווילען באַשאַפען געוואָרען און וועט דורך דיין ווילען צו־נישט ווערען. אָ, גאָט, דו ביסט אַ גאָט פון גרויס רחמנות, העלף מיר און שיץ מיך אין מיין איצטי־גער לאַגע. מיט דיין גענאָד בלייבט מיר איצטער דער וועג צו וואַנדערען, וועלכער איז מיט דערנער און מיט סכנות אויסגעשפרייט. אָ, גרויסער באַשעפער פון אַלע באַשעפע־נישען! אין דיין האַנט גיב איך מיך אַצינד איבער מיט מיין קערפער און נשמה, און בעט דיך פון דער טיפעניש פון מיין האַרץ און נשמה, אַז דו זאָלסט זיין מיט מיר אין אַלע מיינע נויטען און מיך היטען, באַשיצען און באַשירמען פון אַלע מינים שטרויכלונגען. זאָל דיין נאָמען זיין געהייליגט און געלויבט אויף אייביג, אָמן!

אָפּזאָגענדיג די תפילה, הויבט ער זיך אויף פונ'ם אַל־

טאַר און הויבט אָן אַרומצוגעהן איבער'ן צימער, וועלכעס איז אַצינד העל באַלויכטען, און באַטראַכט די אַרבייט. איינינע פּלעצער פּרוּאווט ער אוים מיט אַ פּלאָמב, אַ טייל מיט אַ לעוועל און אַ טייל מיט אַ סקווער. און ווען ער ווערט פאַרטיג מיט זיין רעוויזיע, פאַרלאָזט ער דאָס צימער דורך אַ טיר, וועלכע פיהרט צו זיין אַרבייטס-צימער און וועלכעס איז דאָס נאָך ניט פאַרטיגע קדשי-קדשים פונ'ם נישט-פאַרטיגען טעמפּעל. צוקומענדיג נאָהענט צו דער טיר, דורך וועלכער ער דאַרף אין זיין אַרבייטס-צימער אַריינגעהן, ווערט ער באַגעגענט פון אַ מאַן אין אַרבייטס-קליידער. ער שטרעקט איהם אוים זיין קרעפטיגע האַנט און פרעגט איהם אין אַ געמאַכטען פריינדליכען טאָן אויף זיין באַגעהר.

— אין אַרבייטס-צימער וויל איך אַריינגעהן, אום די פּלענער און צייכענונגען פאַר דער ווייטערדיגער אַרבייט פאַרצובערייטען.

— דו קענסט ניט און ווערסט ניט אין דעם צימער אַריינ-געהן סיידען דו ווערסט מיר פריהער דעם פריי-מאַסאָנישען סוד-וואָרט איבערגעבען, אַזוי האָסטו אונז צוגעזאָגט בשעת מיר האָבען אָנגעהויבען דאָס טעמפּעל צו בויען, און אַצינד איז דאָס טעמפּעל כמעט פאַרטיג, און איך פאַרלאַנג עס פון דיר.

— איך קאָן עס דיר אַצינד ניט געבען. וואַרט ביז דאָס טעמפּעל וועט פאַרטיג ווערען, און אַז דו ווערסט ווערט זיין, ווערסטו עס קריגען. אָבער ניט דאָ און ניט אַצינד, — ענטפערט איהם דער ברודער חירום אביף.

— רעד ניט צו מיר פון צייט און פּלאַץ, נאָר גיב מיר דאָס וואָרט! — שרייט אויף איהם דער אַרבייטער מיט רציחה און האַלט איהם איינגעקלאַמערט אין זיינע קרעפ-טיגע אָרעמס.

— איך וויל ניט!

— דו ווילסט ניט? — שרייט ער אויף איהם מיט כעס, און מיט אַ גזלנ'ישער מינע זאָגט ער איהם ווידער — אויב

דו גיסט מיר ניט אין דעם מאָמענט דאָס געהיימע וואָרט, נעם איך אַוועק דיין לעבען.

— איך וועל ניט זאָגען, — ענטפערט דער ברודער ענטשלאָסען.

דער אַרבייטער דערלאַנגט איהם אַ קלאַפּ מיט אַ גע־צייג איבער'ן האַלז, זאָגענדיג:

— דאַן שטאַרב!

דער ברודער, אַ דערשראָקענער און אַ צעטומעלטער, געהט צו דער צווייטער טיר אין מערב זייט, אָבער דאָ ווערט ער אויך מיט נאָך מעהר חוצפה, רציחה און גראָבערער באַהאַנדלונג באַגעגענט. ער לאָזט איהם אויך ניט די שוועל אַריבערטרעטען און מאַכט איהם אויך דעם זעלבען פאָר־שלאַג, נאָר מיט מעהר סטראַשונקעס ווי דער ערשטער. און נאָך דעם ווי ער זעהט, אַז ער האָט איהם מיט זיין אַרומ־שליידערען, דריקען און שטיקען כמעט ביז צום טויט אוים־געמאַטערט און דעם סוד האָט ער פון איהם דאָך ניט גע־קענט אַרויסקריגען, דערלאַנגט ער איהם מיט אַ געצייג אַ העפטיגען זעץ איבער'ן האַרץ, און מיט ווערטער, אין וועלכע עס פעהלט ניט קיין צאָרן, כעס און רציחה, טוט ער איהם אַ שליידער צו דער ערד, זאָגענדיג דערביי:

— געה און שטאַרב!

דער ברודער, נאָך אייניגע מינוטען ליגענדיג אויפ'ן באָדען, קומט ער אַביסעל צו זיך. ער נעמט דאַן צונויף זיי־נע לעצטע קרעפטען. ער געהט שוין מעהר ניט, נאָר ער שלעפט זיך ווי אַ פאַרוואונדעטע חיה, צום דריטען אַריינ־גאַנג, וועלכער איז אין מזרח זייט.

דער דריטער און דער הויפט פון די פאַרשווערערס וואַרפט זיך אויף איהם ווי אַ ווילדע און צערייצטע חיה און שטעלט איהם אויך די זעלבע פאָדערונג, נאָר מיט נאָך מעהר שרעקעדיגע סטראַשונקעס און מיט נאָך מעהר ברוטאַלער באַנעמונג. און נאָך דעם ווי דער ברודער ענטזאָגט איהם צום דריטען מאָל מיט אַ פעסטען און ענטשלאָסענעם טאָן

לאָזט איהם זיין אָנגרייפער ווּיסען, אַז ער האַלט אין זיין האַנט אַ טויטליכע וואַפע, און אויב ער גיט איהם ניט מאָמענטאַל איבער דאָס געהיימע מאַסאָנישע וואָרט, וועט ער מיט דער וואַפע, וועלכע ער האַלט פאַרטיג פאַר איהם, זיין לעבען אויסלעשען.

— מיין לעבען אַוועקנעמען קענסטו, אָבער דאָס געהיימע וואָרט דאָס וועסטו קיינמאָל ניט קענען, — ענטפערט איהם דער ברודער מיט עקשנות און חוצפה, כאָטש ער איז אַ דערשראָקענער און אויסגעמאַטערטער און קוים וואָס ער האַלט זיך אויף זיינע ציטערדיגע פיס.

זיין פאַרפאָלגער איבערראַשט איהם מיט אַ שטאַרקען זעץ מיט דער וואַפע איבער'ן מוח, און דער ברודער פאַלט צום באָדען ווי אַן אונטערגעהאַקטער בוים און בלייבט באַוועגלאָז ליגען. זיין מערדער אַלאַרמירט זיינע קאַמעראַדען. ער רופט זיי ביי זייערע נעמען, און זיי קומען זיך צונויף אויפ'ן פלאַץ. אַלע דריי קוקען איהם איבער און ערקלערען איהם אַלס טויט. זיי האַלטען אַ קאָנפערענץ און באַשליסען, אַז ביז מיטנאַכט זאָל מען דעם קערפער האַלטען אונטער דעם מיסט פונ'ם טעמפעל.

זיי וואַרטען ביז מיטנאַכט און דאַן טוען זיי ווי באַשלאָסען און פאַרדעקען אַלע שפורען. זיי צעגעהען זיך מיט'ן אָפמאַך, אַז פונקט נאָך האַלבער נאַכט זיך צונויפצוקומען אויפ'ן זעלבען אָרט. פינקטליך צו דער מינוט פאַרזאַמלען זיי זיך אין געהיים אויפ'ן אָרט, וואו זיי האָבען דעם קרבן פאַרשטעקט. זיי נעמען אַרויס דעם קערפער פון דער באַהעלטעניש און טראָגען איהם אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט אַוועק אויף אַ באַרג, אויף וועלכען זיי האָבען זיך שוין פון פריהער געאייניגט. דאָרטען זיינען זיי מקבר דעם קערפער אין דעם פון זיי צוגעגרייטען קבר, זיי פאַרדעקען אַלע שפורען, און אום זיי אַליין זאָלען דעם קבר דערקענען, פאַרפלאַנצען זיי אַ געוויסע פלאַנץ. קוים ווערען זיי מיט זייער אַרבייט פאַרטיג, צעשיידען זיי זיך און אויף אַ גע-

היימען אופן ווערען זיי פאַרשוואונדען.

דאָס אומפאַרטיגע צימער ווערט שטאַרק באַלויכטען. דער מאַסטער, וועלכער איז אַצינד אין קעניגליכע מלבושים אָנגעטאָן, קומט אַריין אין דער באַגלייטונג פון זיין סוויטע. דער סיניאָר וואָרדען, וועלכער טראָגט אויך קעניגליכע מלבושים, צו זיין רעכטער זייט, און דער סעקרעטאַר צו זיין לינקער זייט. הינטער זיי די דיאַקאָנס, מאַסטערס אָוו צערעמאָניעס, סטוּאַרדס און שווערדען־טראָגערס. אַלע זיי־נען איצט יום־טוב׳דיג אָנגעטאָן מיט זייערע פאַרטוכער, אויף וועלכע עס זיינען מיט גאָלד און זילבער אויסגעשטיקט די עמבלעמס, וועלכע באַצייכענען דעם ראַנג פון זייערע עמ־טער. אין זייערע רעכטע הענט טראָגען זיי זייערע סטעפּס און פון זייערע שפּיצען פינקלען די גאָלדענע און זילבערנע עמבלעמס; און נאָך זיי אַלע ברידער אויך יום־טוב׳דיג, מיט זייערע ווייסע איינפאַכע פאַרטוכער אָנגעטאָן. דער אָרגעל שפּילט און זיי מאַרשירען נאָכ׳ן טאַקט אַריין. יעדער פון זיי פאַרנעמט זיין עהרען־פּלאַץ, נאָר איין שטול בלייבט ליידיג. דער אָרגעל בלייבט שטיל און אין לאָדזש הערשט אזאַ טויטע שטילקייט, אַז אַ ברודער קען כמעט הערען דאָס אָטעמען פון אַ צווייטען. די שטילקייט ווערט איבערגע־ריסען פון דעם מאַסטער׳ס האַמער, מיט וועלכען ער טוט צוויי קלעפּ אין דער מאַרמאָר־פּלאַטע. אַלע באַאַמטע שטע־לען זיך אויף. דער מאַסטער ווענדעט זיך צום סיניאָר וואָר־דען, וועלכער זיצט אין דער ועסט אַנטקעגען איהם, מיט דער פאָלגענדער פראַגע:

— ברודער חירום, קעניג פון צור, וואָס איז די אורזאַך פון דער אומרעגעלמעסיגקייט און פאַרוואָס זיינען ניט די אַרבייטער ביי זייער אַרבייט?

— דיין עקסעלענץ, קעניג שלמה! די אורזאַך פון דער אומרעגעלמעסיגקייט איז, ווייל עס זיינען ניט פאַראַן קיינע צייכענונגען אויפ׳ן טאָוועל, ביי וועלכע די אַרבייטער זאָלען קענען ווייטער אָנגעהן מיט זייער אַרבייט. אונזער הויפּט־

מאַסטער חירום אביף פעהלט. ער איז ניט געזעהן געוואָרען זינט נעכטען צוועלף האַלבען טאָג — איז זיין ענטפער.

— איז דאָס מעגליך, אַז אונזער הויפּט-מאַסטער חירום אביף, וועלכער ערפילט זיינע פליכטען שטענדיג פינקטליך, זאָל אַצינד אויספעלען? איך האָב מורא, אַז עפּעס שרעקלי־כעס האָט מיט איהם געטראָפען, — זאָגט קעניג שלמה מיט אַ דראַמאַטישען טאָן. — עס איז מיין באַפעהל, אַז עס זאָלען צונויפגערופען ווערען אַלע אַרבייטער און זאָלען זיך פאַר־שפּרייטען איבער אַלע אָפּטיילונגען פונ'ם בילדינג. זיי זאָ־לען זוכען און פאָרשען אַזוי לאַנג, ביז זיי וועלען געפינען אונזער פאַרשוואונדענעם הויפּט-מאַסטער חירום אביף.

קעניג חירום סאַלוטירט און זיי זעצען זיך אוועק אויף די טראָנען. קעניג חירום ווענדט זיך צום דזשוניאָר דיאַקאָן, וועלכע זיצט צו זיין רעכטער האַנט, און גיט איהם זיין מאַ־יעסטעטישען באַפעהל איבער. דער דיאַקאָן סאַלוטירט און ווערט פאַרשוואונדען דורך אַ זייטיגער טיר. עס נעמט ניט לאַנג, און עס הערט זיך אַ סיגנאַל אין איינער פון די טירען. דער סיניאָר דיאַקאָן ענטפערט דעם סיגנאַל און לאָזט וויסען קעניג חירום, אַז אַלע אַרבייטער זיינען פאַרזאַמעלט און זיי שטעהען פאַרטיק אַריינצוקומען. קעניג חירום הייסט איהם זיי אַריינלאָזען. ער עפענט די טיר און זיי מאַרשירען אַריין נאָך דער רייע און בלייבען שטעהן פאַר קעניג חירום'ס טראָן. זיי הערען אויס פון איהם זיין מאַיעסטעטע קעניג שלמה'ס באַפעהל, סאַלוטירען און פאַרטיילען זיך אין עט־ליכע פאַרטיעס. יעדע פאַרטיע פאַרלאָזט דעם לאַדזש דורך אַן אַנדער טיר, וועלכע געפינט זיך אין אַן אַנדער זייט פון דעם לאַדזש.

ס'געדויערט ניט פיל, און עס הערט זיך אַ סיגנאַל אין די טירען. דער סיניאָר דיאַקאָן געפינט אויס די אורזאַך און לאָזט עס וויסען דעם קעניג חירום. ער הייסט איהם עפענען פאַר זיי די טירען. די אַרבייטער שטעלען זיך אויס פאַר קעניג חירום, מיט זייערע פירערס בראש. יעדער פי־

רער באַזונדער לאָזט וויסען קעניג חירום, אַז ער מיט זיינע קאַמעראַדען האָבען גע־זוכט און געפאָרשט און האָבען דעם הויפּט־מאַסטער חירום אביף ניט געפונען. ער איז ניט געזעהן געוואָרען זינט האלבען טאָג נעכטען. ער הייסט זיי צוריק־קעהרען צו זייערע פריהעריגע' ערטער. זיי סאַלוטירען און פאַרלאָזען דעם לאַדוש.

חירום, דער קעניג פון צור, שטעלט זיך אויף, סאַלו־טירט קעניג שלמה'ן און לאָזט איהם וויסען וואָס ער האָט אויסגעפונען. און נאָך איידער ער האָט צייט צו פאַרענדיגען זיין רעפּאָרט, הערען זיך שוין ווידער סיגנאַלען קומען פון איינער פון די מערב־טירען. דער סיניאָר דיאַקאָן לאָזט דערפון וויסען קעניג שלמה. ער באַפעהלט איהם אויסצוגעפינען די באַדייטונג פון די סיגנאַלען. דער דיאַקאָן סאַלוטירט און ווענדט זיך צו דער טיר, פון וואַנען די סיגנאַ־לען זייענען געקומען. ער עפענט די טיר. אין דער טיר באַווייזט זיך דער טיילער (אויסער וואַכמייסטער) און לאָזט איהם וויסען, אַז צוועלף אַרבייטער פונ'ם טעמפּעל פאַרלאַנ־גען צו האָבען אַן אוידיענץ מיט זיין מאַיעסטעט קעניג שלמה. דער דיאַקאָן הייסט איהם וואַרטען אויף דעם קע־ניג'ס ענטפער און פאַרמאַכט די טיר הינטער'ן זיך. טרעט אָפּ עטליכע שריט פון טיר, סאַלוטירט און מעלדעט דערפון זיין עקסעלענץ און ער באַפעלט איהם זיי אַריינצוברענגען. ער סאַלוטירט, טרעט צוריק און עפענט די טיר. זיי מאַרשי־רען אַריין און בלייבען שטעהן אין אַ צירקעל פאַר'ן טראָן פון קעניג שלמה. נאָך דעם ווי זיי סאַלוטיען לאָזען זיי זיך אַרונטער אויף זייערע קני, און זייער פירער ווענדט זיך צו זיין מאַיעסטעט מיט די פאָלגענדע ווערטער:

— דיין מאַיעסטעט קעניג שלמה: מיר צוועלף מיט נאָך אַנדערע דריי האָבען געמאַכט אַ פאַרשווערונג אויף אונזער הויפּט־מאַסטער חירום אביף אַרויסצופּרעסען דאָס געהיימע וואָרט, אום אַוועקצואוואַנדערען אין ווייטע לענדער און קריגען מאַסטערס שכירות און אויב ער וועט אונזער

פאַרלאַנג צוריקקווייזען, זאָלען מיר איהם הרג'ענען. מיר צוועלף האָבען אויף דעם באַשלוס חרטה געקראָגען און מיר זיינען געקומען פאַר דיר אַנגעטאָן אין ווייסע פאַרטוכער און בעטען דיין מחילה. מיר האָבען זעהר מורא, אַז די אַנדערע דריי, וועלכע זיינען פאַרבליבען פאַר'עקשנ'ט, האָבען זייער מערדערליכען פלאַן אויסגעפירט.

— קערט צוריק צו אייער אַרבייט! אייער מחילה הענגט אָפּ פון אייער וויטערדיגער אויפפירונג — איז דער קעניגליכער באַפעל.

זיי סאַלוטירען און פאַרלאָזען דעם לאַדזש.

זיין מאַיעסטעט קעניג שלמה ווענדט זיך צום קעניג חירום מיט פאָלגענדע ווערטער:

— ברודער חירום, היינט אינדערפריה זיינען פאַר מיר ערשינען צוועלף אַרבייטער פונ'ם טעמפעל, אַנגעטאָן אין ווייסע פאַרטוכער. מיט פּחד און חרטה אויף זייערע פנימ'ער האָבען זיי געקניט און זיך מודה געווען, אַז זיי צוועלף מיט נאָך אַנדערע דריי האָבען געמאַכט אַ פאַרשווערונג געגען אונזער הויפּט-מאַסטער חירום אביף אויסצופּרעסען פון איהם דורך געוואַלד-טאַטען דאָס געהיימע וואָרט, און אויב עס וועט זיי ניט געלינגען, זאָלען זיי איהם הרג'ענען. זיי האָבען זייער מורא אויסגעדריקט, אַז זיי צווייפלען ניט, אַז די אַנדערע דריי, וועלכע זיינען געבליבען פאַר'עקשנ'ט, האָבען זייער מערדערליכען פלאַן אויסגעפירט. איצט איז מיין באַפעהל צו פאַרזאַמלען אַלע אַרבייטער פאַר אַ ראָל-קאָל, אום אויסצוגעפינען ווער און וועלכע פון זיי פעהלען.

קעניג חירום סאַלוטירט און ווענדט זיך צום דזשוניאָר דיאַקאָן און גיט איהם איבער קעניג שלמה'ס באַפעהל. דער דיאַקאָן סאַלוטירט און פאַרלאָזט דעם לאַדזש.

אין אַ קורצער צייט אַרום הערען זיך עטליכע קלעפּ אין איינער פון די מערב-זייט טירען. דער סיניאָר דיאַקאָן לאָזט וויסען דעם קעניג חירום וועגען דעם אַלאַרם. ער הייסט איהם אויסגעפינען די באַדייטונג פון דעם אַלאַרם.

ער סאַלוטירט און עפענט די טיר. דער טיילער, וועלכער באַוואַכט די טיר מיט זיין ענטבלויזטער שווערד,, לאָזט איהם וויסען, אַז אַלע אַרבייטער פונ׳ם טעמפעל זיינען פאַר־זאַמעלט און וואַרטען אויף אַ באַפעהל.

— זאָלען זיי וואַרטען ביז איך וועל מיך צוריק קערען מיט זיין קעניגליכען באַפעהל.

ער פאַרמאַכט די טיר הינטער זיך און לאָזט וויסען וועגען דעם קעניג חירום. קעניג חירום הייסט איהם זיי אַריינברענגען אין לאַדזש און אויסשטעלען זיך אין מיטען פון לאַדזש אין פיער רייען פאַר אַ ראָל־קאָל.

דער דיאַקאָן סאַלוטירט, עפענעט די טיר און גיט אי־בער דעם באַפעהל. ווערענד די אַרבייטער שטעהען אויף די אָנגעוויזענע ערטער אין פאָזע, ווענדט זיך קעניג חירום צום סעקרעטאַר און לאָזט איהם וויסען, אַז די אַרבייטער זיינען פאַרטיג פאַר דעם ראָל־קאָל. דער סעקרעטאַר שטעלט זיך אין צענטער פון זיי און רופט אוים זייערע נעמען פונ׳ם בוך. ער געפינט אוים, אַז דריי מיט די נעמען הוירדעס, אַדריאָנעס און יוזעפוז, ברידער פון אַ קרעפטיגער משפחה און מענער פון צור, פעהלען. ער לאָזט דערפון וויסען זיין מאַיעסטעט קעניג שלמה. ער סאַלוטירט און פאַרנעמט צוריק זיין פלאַץ אין דער מזרח־זייט.

נאָך אַ קורצער פויזע באַפעהלט קעניג שלמה די אַר־בייטער, אַז זיי זאָלען זיך צעטיילען אויף מחנות, און יעדע מחנה זאָל פון זיך וועהלען אַ פירער, און זיי זאָלען וואַנ־דערען אין מזרח, מערב, צפון און דרום, אום אויפצוזוכען די, וועלכע פעהלען. ער גיט זיי אַ שטרענגען באַפעהל זיך ניט צוריקצוקערען אָהן שפורען פון די, וועלכע פעהלען. די אַרבייטער וועהלען פון זיך פירערס, סאַלוטירען און פאַר־לאָזען דעם לאַדזש דורך פיער טירען און נעמען זיך וואַנ־דערען, לויט די אינסטרוקציעס.

זייט מיר מוחל און האָט אויף מיר קיין פאַראיבעל ניט וואָס איך וועל אייך מטריח זיין צו פאַרלאָזען דעם לאַדזש

מיט'ן קעניג שלמה, קעניג חירום, די דיאַקאַנס און די אַנ־דערע באַאַמטע און ברידער און וועל אייך אַוועקפירען אויף אַן אַנדער אָרט און אין אַן אַנדערער שטאָט, וועלכע הייסט יפו. די שטאָט יפו איז אַ גרויסע האַפען־שטאָט, פון וואַנען ע'ס זעגלען אָפּ שיפען איבער דער גאַרער וועלט.

דאָרטען זעהען מיר שטעהן די דריי אַנטרונענע טעמ־פעל־אַרבייטער נעבען אַ שיף, וועלכע גרייט זיך אָפּצוזעגלען קיין מעסאַפּאַטאַמיען. איינער פון זיי געהט צו נאָהענט צום אַלטען שיפס־קאַפּיטאַן און מיט אַ געמאַכטען פריינד־ליכען טאָן זאָגט ער איהם אַ ברייטען גוט־מאָרגען און דער־לאַנגט איהם אַ וואַרימען שלום־עליכם, ווי זיינעם אַן אַלטען גוטען פריינד, און פאַרפעהלט איהם ניט צו פרעגען וועגען זיין געזונט און וואוהין ער קלייבט זיך אָפּצופאָהרען מיט זיין שיף. דער גרייז־גרויער קאַפּיטאַן ענטפערט איהם אויף אַלעם גאַנץ פריינדליך און זאָגט איהם, אַז זיין שיף וועט איננגיכען אָפּזעגלען קיין מעסאָפּאָטאַמיען.

— אויב אַזוי, אַלטער גוטער פריינד, וועל איך מיט מיינע חברים מיטפאָהרען אויף דיין שיף. — און נעמט זיך צו זיין בייטעל פאַרטיג צו באַצאָלען וויפיל ער וועט פאַר־לאַנגען.

דער אַלטער און קלוגער שיפס־קאַפּיטאַן קריגט אַ חשד און איילט זיך גאַר ניט צו נעמען ביי איהם דאָס געלט. ער ערקלערט איהם, אַז דאָס געלט איז נאָך ניט די הויפט־זאַך. אויב זיי ווילען מיט איהם מיטפאָהרען, מוזען זיי האָבען ערלויבענישען פון קעניג שלמה און נאָר דאַן און ניט אַנ־דערש קען ער זיי מיטנעמען.

— וואָס פאַר אַן ערלויבענישען מוזען מיר האָבען ? — פרעגט איהם דער זעלבער חברה־מאַן מיט אַ געמאַכטער תמ'עוואַטער מינע.

— וואָס־זשע, איהר ווייסט גאָר ניט, אַז קעניג שלמה האָט אַרויסגעגעבען אַ באַפעהל, אַז קיין מענש זאָל אָהן זיין ערלויבעניש ניט פאַרלאָזען דעם האַפען ? עס איז מיר אַ

חידוש, אַז איהר, וועלכע קוקען אוים צו זיין טעמפּעל-אַר־בייטער, זאָלט דערפון ניט וויסען. און אַזוי ווי אייך פעהלט זיין ערלויבעניש, קען איך אייך ניט מיטנעמען.

— מיר האָבען פון אַזאַ באַפעהל ניט געוואוסט. און אַצינד איז צו-שפּעט און צו-ווייט זיך אומצוקערען. טו אונז די טובה און נעם אונז מיט. מיר זיינען בארייט דיר דאָבעל דעם פּרייז צו באַצאָלען, — האָט איהם דער זעלבער חברה־מאַן ווידער געזאָגט מיט אַ פאַרפירערישער מינע.

— אָ, ניין! דאָס האָט קיינער נאָך ביי מיר ניט גע'ע־פּועל'ט, אַז איך זאָל די קעניגליכע געזעצען פאַרלעצען; און איך וועל דאָס אַצינד אויך ניט טאָן.

מיט די ווערטער האָט ער זיי פאַרלאָזען און איז אַרויף אויף זיין שיף.

די חברה זעהענדיג, אַז זיי האָבען זייער געפּלאַנטען ציל ניט געקענט אויספירען, האָבען זיי דעם האַפען פאַרלאָזען און צווישען די בערג פאַרשוואונדען.

איצט ווּעלען מיר צוריקקערען אין טעמפּעל און זעהן וואָס דאָרטען טוט זיך.

אין דער טיר, וועלכע פירט צום הויפּט-אַריינגאַנג פון'ם טעמפּעל, הערען זיך דריי העפטיגע קלעפּ. דער דזשוניאָר דיאַקאָן לאָזט דערפון וויסען דעם קעניג שלמה. ער באַ־פעהלט איהם אויסצוגעפינען די אורזאַך און איהם לאָזען וויסען. ער סאַלוטירט און טרעט-צו צו דער טיר, פון וועל־כער דער אַלאַרם איז געקומען. ער עפענט די טיר און דער אויסער-וואַכמאַסטער לאָזט איהם וויסען, אַז איין מחנה אַר־בייטער האָט זיך פון זייער וואַנדערונג מיט נייעס צוריק־געקערט און ווילען זיין מאַיעסטעט די נייעס איבערגעבען. דער דיאַקאָן הייסט איהם וואַרטען אויף דעם קעניג'ס באַ־פעהל. ע פאַרמאַכט די טיר און לאָזט דערפון וויסען דעם קעניג, און קריגט אַ באַפעהל די אַרבייטער אַריינצולאָזען. ער עפענט די טיר און זיי מאַרשירען אַריין נאָך דער רייע. זיי בלייבען שטעהן פאַ'ן קעניגליכען טראָן און סאַלוטירען.

דער פירער ווענדט זיך צום קעניג שלמה מיט פאָלגענדע ווערטער:

— דיין מאַיעסטעט, קעניג שלמה! מיר האָבען געוואַנ־דערט ווי מ'האָט אונז באַפוילען, און ווען מיר האָבען די שטאָט יפו דערגרייכט, זיינען מיר אַוועק צום האַפען און דאָרט האָבען מיר אַן אַלטען שיפס־קאַפּיטאַן אָנגעטראָפען. דער שיפס־קאַפּיטאַן האָט אונז דערצעהלט, אַז מיט אַ טאָג פריהער האָבען זיך צו איהם געווענדט דריי מענער און האָ־בען פון איהם פאַרלאַנגט, אַז ער זאָל זיי מיטנעמען קיין מעסאָפּאָטאַמיען. זיי האָבען איהם אָנגעבאָטען פיל געלט. נאָר אַזוי ווי זיי האָבען ניט געהאַט קיין קעניגליכע ערלוי־בעניש צו פאַרלאָזען דאָס לאַנד, האָט ער זייער פאַרלאַנג צוריקגעוויזען. האָבען זיי זיין שיף פאַרלאָזען און אין לאַנד פאַרשוואונדען. מיר האָבען פאַרלאַנגט פון איהם, ער זאָל זייער אויסזעהן פאַר אונז שילדערען און ער האָט אונז צוליב געטאָן. אַלע דריי הויכע און שטאַרקע מענער און פון זייערע פּנים'ער האָבען זיי אויסגעזעהן צו זיין ברידער. לויט דעם לשון זייערען, שטאַמען זיי פון צור און נאָך זייער אָרט קליידונג, זיינען זיי אַרבייטער פון'ם טעמפּעל. — אַזוי האָט ער זיי פאַר אונז געשילדערט.

— דאָס שטעלט מיך ניט צופרידען! איהר מוזט ווידער ווי פריהער וואַנדערען און זיי ברענגען. אַז ניט וועט איהר גערעכענט ווערען פאַר די מערדער פון אונזער הויפּט־מאַסטער חירום אביף און די שטראָף באַקומען! — זאָגט זיי קעניג שלמה מיט אַ בייזען טאָן.

זיי סאַלוטירען און פאַרלאָזען דאָס טעמפּעל. קוים האָבן זיי נאָר באַוויזען אַרויסצוגעהן, הערט זיך אַן אַלאַרם פון אַ צווייטער טיר. דער דיאַקאָן געפינט אויס פון דעם אויסער־וואַכמאַסטער און לאָזט וויסען קעניג שלמה, אַז אַ צווייטע מחנה אַרבייטער האָט פון זייער וואַנדערונג צו־ריקגעקערט און וויכטיגע נייעס מיטגעבראַכט. דער קעניג באַפעהלט, זיי זאָלען אַריינקומען. זיי מאַרשירען אריין

און בלייבען שטעהן פאַר זיין מאַיעסטעטישען טראָן.

— דיין מאַיעסטעט, קעניג שלמה! — הויבט דער פּי־רער אָן. — מיר האָבען געוואַנדערט אַזוי ווי דיין עקסעלענץ האָט אונז באַפוילען. און ווען מיר האָבען דערגרייכט די מזרח־זייט, בין איך זעהר מיד געוואָרען און האָב מיך גע־זעצט אויף אַ בערגעל זיך אָפּרוהען און דערקוויקען. מיינע קאַמעראַדען האָבען מיך אויפמערקזאַם געמאַכט אויף דער צייט, באַהויפּטענדיג, אַז מיר האָבען אַ זעהר וויכטיגע פליכט צו ערפילען. און ווען איך האָב מיך געוואָלט אויפהויבען, האָב איך אומווילּיג די פּלאַנץ אָנגעגריפען און זי איז מיט'ן וואָרצעל גאַנץ לייכט פון דער ערד אַרויסגעצויגען געוואָרען. דאָס האָט ביי מיר אַ חשד אַרויסגערופען. איך האָב מיינע קאַמעראַדען דערויף געמאַכט אויפמערקזאַם. און נאָך דעם ווי מיר האָבען דעם פּלאַץ גוט אויסגעפאָרשט, איז ביי אונז קיין צווייפעל געבליבען, אַז דאָס בערגעל ערד איז אַ נאַר־וואָס פאַרשאָטענער קבר. און ווען מיר האָבען שוין גע־האַלטען אין פאַרלאָזען דאָס פּלאַץ, האָט אונז אַ קוים־הער־באַרע שטימע דערגרייכט, וועלכע איז פון צווישען די דער־בייאיגע שטיינער געקומען. מיר האָבן דייטליך געהערט די פאָלגענדע ווערטער: „אָ, מיין גאָט! זאָל מיין האַלז דורכגעשניטען ווערען און מיין צונג אויסגעריסען ווערען און מיין קערפּער זאָל באַערדיגט ווערען אין זאַמד פונ'ם ים ווי דאָס וואַסער קומט צו און פאַלט אָפּ צוויי מאָל אין פיר־און־צוואַנציג שעה, וואָרים איך בין געוועזן אַן אנטיילנעמער אין דעם מאָרד פון אונזער הויפּט־מאַסטער חירום אביף.“ מיר האָבען אַלע די שטימע פון הוירדעס'ן דערקענט, און זיינען צום אָרט אַוועק. איהם אויסגעזוכט. ער גיט זיך זיי איבער און זיי נעמען איהם געפאַנגען. זיי געהען אָפּ אַ שטיקעל וועג פון דאָרטען, דערהערען זיי אַ צווייטע שטימע פון אַ באַהעלטעניש קומען. די ווערטער לויטען: „אָ, מיין גאָט! מיין ברוסט זאָל אויפגעריסען ווערען, מיין האַרץ און לונגען זאָלען אַרויסגענומען ווערען און זאָל אַלס שפּייז פאַר די

רויב-פויגעל דינען, ווייל איך האָב אַן אנטייל גענומען אין דער ערמאָרדונג פון אונזער הויפט-מאַסטער חירום אביף.״ זיי דערקענען די שטימע פון אַדריונעם'ן. זיי גיבען אַ שפרונג צום פּלאַץ, באַלאַגערען עם און נעמען איהם אָהן ווידער־שטאַנד געפאַנגען. געהענדיג מיט זייערע צוויי געפאַנגענע, ווערען זיי צום דריטען מאָל איבערראַשט, הערענדיג גאַנץ דייטליך, כאָטש אַ שוואַכע און קרעכצענדיגע שטימע, וועל־כע קומט פון אַ פאַרבאָרגענעם אָרט פון צווישען די פילע שטיינער וואָס געפינען זיך דאָרטען. די ווערטער זיינען צעריסען, אויסגעצויגען און געזאָגט מיט אַ טרויעריגען נוסח: „אָ, גרויסער אַלמעכטיגער גאָט, באַשאַפער פון דער וועלט! הלואי וואָלסטו פריהער דאָס ליכט פון מיינע אויגען אויסגעלאָשען און מיין קערפער אין אַ פייער טראָגען און אויף אַש פאַרברענען, און דאָס אַש צו די פיער הימלישע ווינטען איבער די זיבען ימים צעטראָגען אַזוי, אַז עס זאָל פון מיר קיין סימן און קיין זכר ניט בלייבען, איידער עס איז מיר די בייזע מחשבה געקומען, איך זאָל מיט מיינע הענט הרג'ענען אונזער הויפט-מאַסטער חירום אביף.״ הערט, קאַמע־ראַדען, איז ביי אייך אַ צווייפעל, אַז דאָס איז די שטימע פון יוזעפוז'ן? „ניין, מיר זיינען זיכער, אַז דאָס איז זיין שטי־מע", ענטפערען אַלע. זייט פאַרטיג צו אַ קאַמף, ווייל ער איז זייער עלטסטער ברודער און אויך דער גרעסטער גבור פון זיי. זיי באַלאַגערען דעם פּלאַץ און נעמען אויך איהם געפאַנגען. די געפאַנגענע ווערען מיט שטריק געבונדען. איילט אייך, אום מיר זאָלען נאָך היינט קיין ירושלים קומען און די געפאַנגענע איבערגעבען צום משפט פון זיין מאַיעס־טעט דעם קעניג שלמה, — איז זייער פיהרער'ס באַפעהל.

עס הערען זיך דריי העפטיגע קלעפּ אין דער טיר, וועלכע איז דער הויפט-אַריינגאַנג פונ'ם טעמפּעל. דער דזשוניאָר דיאַקאָן לאָזט וויסען זיין מאַיעסטעט וועגען דעם אַלאַרם און יענער באַפעהלט איהם די אורזאַך אויסגעפינען. ער סאַלוטירט און עפענט די טיר. ער געפינט אוים פון

טיילער, אַז אַ מחנה האָבען זיך פון זייער וואַנדערונג צוריק־געקעהרט, און אַ חוץ וויכטיגע נייעס האָבען זיי די דריי פאַרשוואונדענע אַלס געפאַנגענע געבראַכט. דער דיאַקאָן מאַכט פעסט די טיר, שטעלט זיך פאַר זיין מאַיעסטעט אַוועק און גיט איהם איבער די נייעס. זיין מאַיעסטעט באַפעהלט איהם זיי אַריינצולאָזען. ער געהט צו צו דער טיר, עפענט זי ברייטלאַך און זיי קומען אַריין מיט זייערע געפאַנגענע און בלייבען שטעהן פאַר'ן קעניגליכען טראָן. זיי אַלע סאַלו־טירען. זייער פיהרער ווענדעט זיך צו זיין מאַיעסטעט און גיט איהם איבער אַלע איינצעלהייטען פון זייער וואַנדערונג. ער ענדיגט מיט די ווערטער, אָנווייזענדיג אויף די גע־פאַנגענע: — אָט שטעהען די מערדער פאַר דיר.

קעניג שלמה דאַנקט זיי פאַר זייער גוטער און וויכטיגער אַרבייט, און ווענדעט זיך צום איינגסטען פון די דריי מיט די ווערטער:

— הורדוס, דו ווערסט באַשולדיגט צו זיין אַ טיילנעמער אין דער הריגה פון אונזער הויפט־מאַסטער חירום אביף. וואָס זאָגסטו אויף דער באַשולדיגונג? שולדיג אָדער ניט שולדיג?

— שולדיג, — ענטפערט ער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ און אַ נידעריגער שטימע.

— און דו, אַדריגוס, וואָס זאָגסטו אויף דער באַשולדי־גונג, שולדיג אָדער ניט שולדיג?

— שולדיג, — איז זיין ענטפער.

— און דו, יאָזעפוס, וואָס זאָגסטו אויף דער באַשולדי־גונג, שולדיג אָדער ניט שולדיג?

— שולדיג, — איז אויך זיין ענטפער.

— הויבט אויף אייערע קעפּ און קוקט אַרויף און ער־האַלט אייער משפט: איהר זאָלט אַרויסגעפיהרט ווערען אויסער די ווענט פון דער שטאָדט, און דאָרט הינגעריכטעט ווערען לויט די פאַרגעשריבענע געזעצען. געהט! — שרייט אוים קעניג שלמה מיט כעס.

די ברידער וועלכע האָבען די געפאַנגענע געבראַכט,

פיהרען זיי פונ'ם טעמפעל אַרויס, און פיהרענדיג זיי באַנעהמען זיי זיך צו זיי ניט זעהר פריינדליך.

עס הערט זיך אַן אַלאַרם אין איינער פון די טירען. דער דזשוניאָר דיאַקאָן לאָזט דערפון זיין מאַיעסטעט וויסען. יענער באַפעהלט איהם אויסצוגעפינען די אורזאַכע פונ'ם אַלאַרם. דער דזשוניאָר דיאַקאָן עפענט די טיר און געפינט אויס פונ'ם טיילער אַז אַ מחנה אַרבייטער פאַרלאַנגען אין טעמפעל אַריינגעלאַזען צו ווערען. זיין מאַיעסטעט גיט זיי די ערלויבעניש. זיי קומען אַריין און בלייבען פאַר זיין קעניגליכען טראָן שטעהן. זיי סאַלוטירען און זייער פיהרער מעלדעט זיין מאַיעסטעט, אַז זיין באַפעהל איז פינקטליך אויסגעפיהרט געוואָרען: די דריי ברידער און טעמפעל־אַרבייטער, הורדוס, אַדרינוס און יוזעפוס האָבען מיט זייער לעבען פאַר זייער מערדערליכען טהאַט, לויט'ן באַפעהל, באַצאָהלט.

— דאָס איז גוט, — ענטפערט קעניג שלמה. — און אַצינד איז מיין באַפעהל אַז איהר זאָלט צוריק וואַנדערען אין דער זעלבער געגענד און אויפזוכען דעם פאַרדעכטיגען קבר, און זעהן צו געפינען אַ סימן, דורך וועלכען מען זאָל קענען פעסטשטעלען אַז אין יענעם קבר ליגט דער קערפער פון אונזער הויפט־מאַסטער חירום אביף.

זיי סאַלוטירען און פאַרלאָזען דאָס טעמפעל. עס דויערט ניט לאַנג און עס הערט זיך ווידער אַן אַלאַרם אין איינער פון די טעמפעל טירען. דער דיאַקאָן עפענט די טיר און געפינט אויס פונ'ם טיילער אַז די מחנה אַרבייטער האָבען פון זייער וואַנדערונג זיך צוריקגעקעהרט און האָבען זעהר וויכטיגעס זיין מאַיעסטעט מיטצוטיילען. דער דיאַקאָן לאָזט עס זיין מאַיעסטעט וויסען, און ווער באַפוילען זיי אין טעמפעל אַריינצולאָזען. ער עפענט די טיר און זיי מאַרשירען אַריין איינער נאָך דעם אַנדערען און בלייבען אין אַ גלייכער ליניע פאַר זיין קעניגליכען טראָן שטעהן. זיי סאַלוטירען

און זייער פיהרער וועגדעט זיך צו זיין מאַיעסטעט מיט פאָל-גענדע ווערטער:

— דיין מאַיעסטעט, קעניג שלמה! מיר האָבען גע-וואַנדערט אַזוי ווי מיר זיינען באַפוילען געוואָרען, און ווערענד מיר זיינען ווידער צו דעם פאַרדעכטיגען בערגעל געקומען, האָבען מיר עס ווידער גוט באַקוקט און זיך איבערצייגט, אַז עס איז אַ נייע געגראָבענער און פאַרשאָטע-נער מענשליכער קבר. מיר האָבען דעם קבר אויפגעגראָבען און אין איהם ענטדעקט אַ מענשליכען קערפער, אָבער אין אַזאַ שרעקליכען צופאַלענעם און צופוילטען צושטאַנד, — אָבער צוליב דעם אומערטרעגליכען ריח, וואָס איז פונ'ם קערפער געקומען, האָבען מיר מיט אונזער אַרבייט ניט געקענט אָנגעהן. מיר זיינען געצוואונגען געווען אייניגע מאָל אָפּצוטרעטען, אום פרישע לופט איינצואָטעמען. ענדליך איז אונז, נאָך פיל אָנשטרענגונג און זוכעניש, געלונגען דעם דזשול (אַ קליינעם גאָלדענעם לעווע'ל) צו געפינען.

דער פיהרער דערלאַנגט דעם דזשול זיין מאַיעסטעט. ער נעהמט און באַטראַכט עס, און מיט אַ טרויעריגער מינע ווענדעט ער זיך צו חירום, דעם קעניג פון צור, מיט פאָל-גענדע ווערטער:

— ברודער חירום, קעניג פון צור! איצט איז שוין מעהר קיין ספק ניטאָ, אַז אונזער ברודער חירום אביף, דער הויפט-בויער פונ'ם טעמפּעל, איז ניט מעהר צווישען אונז. אַט דער דזשול (ער ווייזט איהם דעם דזשול) איז אַן עדות, אַז דער פאַרדאָרבענער און צופוילטער קערפער אין יענעם קבר איז פון אונזער הויפט-בויער חירום אביף, דער זוהן פון אַן אלמנה.

זיין מאַיעסטעט טוט די קלעפּ מיט זיין האַמער אין דער מאַרמאָר פּלאַטע. אַלע ברידער שטעלען זיך אויף און בלייבען עטליכע מינוט שטעהן אין אַ טרויעריגער פּאָזע מיט די קעפּ געבויגען. זיין מאַיעסטעט קעניג שלמה באַ-פעהלט דעם מאַרשאַל, אַז ער זאָל אַלע ברידער פאַר דער

לויה־פּראָצעסיע צוגרייטען. דער מאַרשאַל טרעט צו צו דער צפון־מזרח זייט פון'ם טעמפּעל. נאָך איהם זיין מאַיעסטעט געאַרעמט מיט'ן קעניג חירום. נאָך זיי די טשאַפּליינס, דיאַ־קאָנס, צערעמאָניען־מאַסטערס, סטואַרטס, שווערדען־טרע־גערס און אַלע ברידער הינטער זיי צו צוויי אין אַ רהייע. דער אָרגעל שפּילט אַ טויטען־מאַרש און די טשאַפּליינס זאָגען פּאַסיגע תפילות. מען מאַרשירט זיבען מאָל אַרום דעם טעמפּעל און מען בלייבט שטעהן ביים קבר, וועלכער איז אין מערב זייט פון'ם טעמפּעל. מען נעהמט דעם אָרון מיט'ן מת אויף די אַקסלען און מען טראָגט איהם אַוועק אין צפון־מזרח זייט פון'ם טעמפּעל. מען שטעלט דעם אָרון אַוועק. דער אָרגעל בלייבט שטיל. אַלע ברידער קניהען אַרום דעם אָרון. די טויט שטילקייט ווערט געבראָכען דורך אַ פראַגע פון קעניג שלמה, וועלכע ער פרעגט דעם קעניג חירום:

— אין אונזער איצטיגער לאַגע, וואָס זאָלען מיר טאָן?

— גאָט בעטען פאַר זיין נשמה, — איז קעניג חירום'ס קורצער ענטפער.

איינער פון די טשאַפּליינס זאָגט אַ תפילה, און ווען ער ענדיגט זאָגען אַלע ברידער בקול רם: אָמן!

זיין מאַיעסטעט טרעט צו גאַנץ נאָהענט צום מת מיט פאָלגענדע ווערטער:

— אין דיין איצטיגער לאַגע שטעלסטו פאַר אונזער אַלטערטימליכען הויפּט בוי־מייסטער חירום אביף, דער זוהן פון אַן אלמנה פון'ם שבט נפתלי, וועלכער האָט זיין לעבען אַוועקגעגעבען און די סודות ניט אויסגעזאָגט נאָך איידער דאָס טעמפּעל איז פאַרטיג געוואָרען. און אַזוי ווי מען האָט זיין קערפּער פון זיין קבר אַרויסגעצויגען, אַזוי וועל איך איצט דיינעם אַרויסציהען.

קעניג שלמה אין איין זייט און קעניג חירום אין דער אַנדערער זייט פון אָרון נעהמען איהם פאַר די הענט און

שטעלען איהם אויף. און דער טויטער, צופוילטער קערפּער, וועלכער איז תחית המתים אויפגעשטאַנען, איז קיין אַנ־דערער ווי דער קאַנדידאַט, וועלכער איז די גאַנצע צייט גאַנץ געמיטליך געלעגען, און האָט נאָך, וויליג אָדער אומ־וויליג, אַ שמייכעל געטאָן. ער ווערט פון זיין מאַיעסטעט קעניג שלמה, פונ׳ם ברודער חירום, קעניג פון צור, און אַלע באַאַמטע און ברידער הארציג גראַטולירט.

זיין מאַיעסטעט פאַרנעהמט זיין טראָן אין מזרח, קעניג חירום אין מערב און אַלע באַאַמטע און ברידער זייערע פּלעצער. נאָר דער נייער ברודער בלייבט שטעהן. זיין מאַיעסטעט באַפעהלט דעם סיניאָר דיאַקאָן אַז ער זאָל דעם נייעם ברודער אויף דער בימה אַרויפפיהרען. ער פיהרט דעם ברודער אַרויף אויף דער בימה און דאָרטען שטעלט ער איהם אַוועק פּנים אל פּנים מיט קעניג שלמה, און אַליין פאַרנעהמט ער צוריק זיין פּלאַץ. זיין מאַיעסטעט האַלט פאַר׳ן ברודער אַ קורצע אָבער איינדרוקספולע דרשה. צום סוף שטעלט ער זיך אויף, נעהמט אָן דעם ברודער׳ס רעכטע האַנט און דריקט איהם צו זיין ברוסט, און זיין מויל האַלט ער גאַנץ נאָהענט צו זיין אויער, און גאַנץ שטיל שעפּטשעט ער איהם דאָס געהיימע מאַסאָנישע וואָרט אין אויער אַריין. קעניג שלמה טוט איהם אַ קוש אויף דער רעכטער און לינ־קער באַק און אויפ׳ן שטערן. ער באַפעהלט איהם זיך צו ווענדען צום סעקרעטער. דאָרטען שרייבט ער זיין נאָמען אין ספר הזכרונות אַריין, און דאָס מאַכט איהם פאַר אַ דריי־גראַדיגען מאַסטער מייסאָן.

# גאָט, גלויבען, נשמה און טויט
(אַ קאַפּיטעל פילאָזאָפיע)

## וואָס און ווער איז גאָט?

אויב ס'זאָל זיך עמיצען וועלען וויסען דאָס, וואָס ער וואָלט אַליין געקענט וויסען, פאַרשטעהן און באַגרייפען, נאָר ער פּרובירט ניט, אָדער פּוילט זיך אָנצושטרענגען זיין דענקונג-אַפּאַראַט, און וויל קומען צום פאַרטיגען און אַ פרעג טאָן ביי אַ דורכשניטליכען מענשען, אַ פאָלקס-מענש: וואָס איז גאָט, גלויבען, נשמה, טויט? — קען ער זיך ריכטען צו באַקומען איינעם פון די צוויי ענטפערס. אַמאָל, אנשטאָט אָן ענטפער, זאָל דער געפרעגטער אַ שפּיי טאָן, זאָגען ויהי נועם, אויס'בטל'ען חלומות, אָנשטעלען אויף איהם זיינע ברייט געעפענטע אויגען, און שאָקלענדיג מיט'ן קאָפּ מיט אַ געפיהל פון רחמנות איהם זאָגען:

— רב קרוב לעבען, איהר זיינט ניט מיט אַלעמען! עפּעס טומעלט זיך ביי אייך אין אייער דאַך-שטיבעל. — און וועט איהם צורעדען, אַז ער זאָל זיך זעהן און באַראַטען מיט אַ נערוועץ-ספּעציאַליסט, און טאַקע שוין, און ניט חלילה פאַרלאָזען אין דער לאַנגער באַנק אריין.

און אויב דער געפרעגטער איז אַ מענש אַ געלאַסענער מיט איבערלייגונג, און באַזיצט ביז אַ געוויסען גראַד אינ-טעליגענץ, און וועט זיך ניט איילען איהם צו פאַר'משפּט'ן, וועט ער איהם אויף זיין שאלה ענטפערען מיט אַ מעהר לאָגישער שאלה:

— רב קרוב לעבען, ווי קומט איהר ביי מיר אַזעלכע שאלות צו פרעגען? איהר ווייסט, אַז איך בין ניט אימשטאַנד אייך צו געבען אַ ריכטיגען ענטפער, מחמת אין קיין קאָלעדזש בין איך ניט געגאַנגען, אין קיין אוניווערזיטעט אויך ניט, קיין פילאָסאָפיע האָב איך זיכער ניט שטודירט,

און קיין דיפּלאָמאַ און קיין טיטול האָב איך ניט באַקומען. ווי זשע קום איך, אַ פּשוט׳ער בשר ודם, דערצו — צו גריבלען זיך אין אַזעלכע פילאָסאָפישע פּראָבלעמען? איך וועל זיי פּשוט ניט פאַרשטעהן. אָט זעהט איהר, פון מיין רבי׳ן און אַנדערע רבנים, צדיקים, גוט אידען און מגידים האָב איך מיך געניגענד אָנגעהערט. אַמאָל האָט זיך עס צו מיר געקלעפּט, אָבער היינט ניט. אַרונטער פון דרך הישר, בעונותינו הרבים. — און אויב ער וועט אין איהם זעהן אַ מענש מיט לוסט צו וויסענשאַפט, וועט ער איהם ראַטהען זיך צו ווענדען צו די דערמאָנטע אינסטאַנצען, אויב ער באַזיצט די מאַטעריעלע מיטלען, און נאָך אַ פּאָר גוטע מעלות אחוץ, — איך מיין אַ גוטען קאָפּ און אַ גוטען אָחור אויך.

מיין מלמד, עליו השלום, איז געווען אַ קלוגער איד. ער פלעגט זאָגען, אַז אום צו קענען לערנען מוז מען אויך האָבען געדולד צו זיצען. אָהן דעם מעג אַ תלמיד האָבען אַפילו צוויי גוטע קעפּ, וועלען זיי איהם אויך ניט העלפען. איז אודאי כדאי זיין ראַטה צו פאָלגען. אָבער וויפיל מענשען באַזיצען די מאַטעריעלע מיטלען און די דערמאָנטע מעלות? אַ זעהר קליינע צאָהל. און דערפאַר טאַקע איז די צאָהל פון אויסשטודירטע, דיפּלאָמירטע, טיטולירטע און פּריווילעגירטע מענשען אַזוי באַשרענקט. עס וועט זעלטען אַ מענשען קומען אויף זיין מחשבה, אַז ער דאַרף מיט אַזעלכע שאלות צו קיינעם ניט קומען, נאָר צו זיך אַליין, צו זיין אייגענעם געוויסען, פאַרשטאַנד — צו זיין אייגענעם איך. אַזעלכע מענשען קענען אָהן קאָלעדזשעס, אָהן אוניווערזיטעטען, און אַפילו אָהן פילאָסאָפישע ווערק אויך דערגרייכען ביז צו אַ געוויסער מדרגה פון וויסען. אונזערע אַלע וויסענשאַפטען זיינען פּראָדוקטען פון מענשליכע טעאָריעס, שטודירטע, אויספּרובירטע, און אַ טייל אַפילו מיט פאַקטען באַשטעטיגטע. יעדער דענקענדער מענש האָט זיין חלק צוגעטראָגען. דער מענש איז בטבע פון דור דורות אַ גלויבער. אין גלויבען האָט מען איהם געהאָדעוועט פון קינדוויי׳ז אָן.

ער וואָלט עס גערן געוואָלט אויסבייטען אויף וויסען, און מען דאַרף אויף איהם קיין פּאַראיבעל ניט האָבען. נאָר וואָס טוט ער? ער שטעלט זיך די פראַגע, ווער און וואָס איז גאָט?

אויף זיין שאלה געפינט ער אפילו אַן ענטפער אין ספר בראשית: בראשית ברא אלהים את השמים ואת הארץ. והארץ היתה תוהו ובהו וחושך על פני תהום, ורוח אלהים מרחפת על פני המים. ויאמר אלהים יהי אור ויהי אור. דאָס איז געווען גאָט'ס ערשטער טאָג אַרבייט. דעם צווייטען טאָג האָט ער באַשאַפען דעם הימעל. דעם דריטען טאָג — די ערד מיט די פלאַנצונגען. דעם פערטען — די זון מיט דער לבנה. דעם פינפטען — די שרצים, חיות און עופות; און אַפילו דעם זעקסטען טאָג, ווען ער איז שוין מיט זיין גאַנצער אַרבייט פאַרטיג געוואָרען און געזעהן אַז די אַרבייט איז גוט, האָט ער באַשאַפען דעם מענש.

אויב דאָס זאָל טאַקע געווען זיין אַזוי ווי עס איז גע־שריבען, וואָלט עס טאַקע געווען אַ וואונדערליכע זאַך. אַ רוח מיט אַ גוף, אַזוי ווי דער מחבר פון מעשה בראשית האָט געוואָלט, אָדער אָהן אַ דמות הגוף, ווי דער מחבר פון אדון עולם האָט געוואָלט, — האָט באַוויזען אין אַזאַ קורצער צייט ווי זעקס טעג צו באַשאַפען די גאַנצע וועלט, אָהן אַ ווארשטאַט מיט מאַשינען, אָהן עלעקטריק, אָהן באַלייכטונג, סתם אין דער פינסטער, און ניט מעהר ווי מיט'ן וואָרט. און אַז עס איז איהם געבליבען אַ ביסעל צייט בין השמשות, האָט ער באַשאַפען די שדים. צו וואָס ער האָט זיי באַ־דאַרפט האָבען, עגבערען מיר זיך די מוחות זינט די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען, און קענען ניט אויסגעפינען, אַזוי ווי מיר קענען ניט אויסגעפינען אויב די גאַנצע מעשה איז אַן אמת'ע.

אין אונזער יוגענד, ווערענד מיר זיינען געווען שמאָל־קעפּיגע מענשען, האָבען מיר זיך צופרידענגעשטעלט מיט דעם. ווער עס זאָל שאלות פרעגען איז ניט געווען, און אויב

עס האָט זיך איינער יאָ געפונען, האָט ער פשוט מורא געהאט צו פרעגען — טאַקע פאַר גאָט אַליין מיט זיין גיהנום, מיט זיינע משחיתים דאָרט, אויף יענער וועלט, און פאַר זיינע סטראַפּטשעס דאָ, אויף דער וועלט.

דאָס איז געווען אַמאָל. אָבער היינט, ווען מיר זיינען שוין דערוואַקסענע מענשען, פיהלען מיר זיך באַרעכטיגט צו שאלות, און שטעלען זיי אויך. און וואָס איז דער פּועל יוצא געווען? מיר האָבען דעם מחבר געכאַפּט ביי דער האַנט, ווי מען זאָגט, און טאָן קענען מיר איהם גאָר ניט. ווייל ער טראָגט נאָך און וועט נאָך לאַנג טראָגען דעם פּאַנצער, דורך וועלכען עס איז איהם אוממעגליך געגצליך צו באַזיגען. אָבער זיך לאָזען איינשמועסען, אַז זיין מעשה בראשית איז אַן אמת'ע — ווי קענען מיר? אויב ער וואָלט געווען דער ערשטער באַשאַפען צו ווערען, און וואָלט אין זיין נאַטיץ־ביכעל אַלעס געווען פאַרשריבען, וואָלט ער נאָך געהאַט אַ ביסעל רעכט צו פּרעטענדירען אויף גלויבען, אָבער אַזוי ווי ער אַליין באַהויפּטעט, אַז ער איז גאָר געווען, אַחוץ דעם שד, דער לעצטער באַשאַפען צו ווערען, ווי־זשע קען ער פאַרלאַנגען פון אונז אַזאַ זאַך, ווי איהם צו גלויבען? נאָר אַפּנים ער האָט ניט גערעכענט אַז מיר וועלען אויסוואַקסען און קומען צום שכל, און זיך ניט באַנוגענען מיט מעשיות, נאָר טאַקע וועלען וויסען אנשטאָט גלויבען אין אַ באַהויפּטונג וועלכע איז מיט קיינע פאַקטען ניט באַגלייט. וואָס מעהר דער מענש איז עלטער און קליגער געוואָרען, אַלץ מעהר האָט זיך אין איהם אַנטוויקעלט זיין באַגעהר צו וויסען. דאָס האָט איהם געמאַכט צו אַפּעלירען צו זיין אייגענעם פאַרשטאַנד, בילדען אייגענע טעאָריעס, קאָמענטירען און פילאָזאָפירען. און דעמאָלט האָט ער אַ באַגריף געקראָגען, אַז גאָט איז באַשאַפען געוואָרען אין אַ מוח אָדער אין די מוחות פון די פּרימיטיווע, אומוויסענדע, האַלב און אפשר גאַנץ ווילדע מענשען, אום צו צאַמען אָדער געגנצליך צו פאַרניכטען די שוין דעמאָלט עקזיסטירענדע הערשאַפט

פון זייערע געטער, וועלכע זיינען געווען אַ פּראָדוקט, וואָס איז באַשאַפען געוואָרען אין די שמאָל-קעפּיגע און ניט-אַנטוויקעלטע מוחות פון אונזערע אור-אַלטע, פּרימיטיווע און ניט קולטיווירטע מענשען.

וואָס עס איז גוט, און וואָס עס איז שלעכט — ווייסט און באַגרייפט דער מענש, און עס ווייסט און פיהלט יעדע לעבעדיגע באַשעפעניש. פון'ם מענש ביז צו דער מילב ווייסט און פיהלט דעם טעם פון גוט און שלעכט. אויב איהר טוט אַ מענשען גוטעס וועט ער אייך דאַנקבאַר זיין, און אויב איהר וועט איהם שלעכטס טאָן וועט ער פיהלען צו אייך אַ שנאה און וועט זוכען אַ געלעגענהייט פון אייך נקמה צו נעהמען. און דאָס זעלבע איז אויך מיט דער חית. באַזאָרגט איהר זי מיט עסען אָדער שיצט זי פון קעלט, איז זי אייך דאַנקבאַר און וועט דורך איהרע אינסטינקטיווע געפיהלען צו אייך אַ ליבשאַפט און טרהייט אַרויסווייזען. אָבער קוים אַטאַקירט אהיר זי, וועט זי צו אייך ניט בלייבען גלייכגילטיג, און ניט נאָר וועט זי זוכען זיך צו פאַרטיידיגען, נאָר זי וועט אייך מעגליך אָנגרייפען.

דער פּרימיטיווער מענש איז געווען אָפּהענגיג און אויסגעזעצט צו דער נאַטור'ס קאַפּריזען. זי האָט איהם געבראַכט דערצו, אַז ער זאָל זיך אין זיין פאַנטאַזיע שאַפען גוטע געטער, וועמען ער איז דאַנקבאַר געווען, און אויך שלעכטע געטער, אויף וועלכע ער האָט פאַראיבעל געהאַט. דער פּרימיטיווער מענש האָט ניט געוואוסט פון אַקערען, זייהען און שניידען, בויען אַ הויז, לעבען געזעלשאַפטליך. זיין וואַפען, מיט וועלכען ער פלעגט אַטאַקירען אַ חיה, אָדער זיך פאַרטיידיגט ווען ער איז אָנגעגריפען געוואָרען פון איהר, איז געווען אַ שטיין. און דאָס האָט אויך געדויערט טויזענטער און אפשר מיליאָנען יאָהרען, ביז ער איז דערצו געקומען. זיין חיונה איז איהם ניט נאָר ניט זעהר גרינג אָנגעקומען, זאָנדערן שווער און תמיד מיט מסירת נפש. ער פלעגט אַרומוואַנדערען טעג מיט נעכט הונגעריג און

דאָרשטיג, ביז ער האָט אַ חיה דערשפּירט, אויף וועלכער ער האָט זיך מיט זיינע רויהע קרעפטען פאַרמאָסטען. ניט זעלטען איז ער אנשטאָט דעם זיגער דער באַזיגטער געוואָרען, און ניט זלעטען האָט זיך איהם געטראָפען אַרומוואַנדערענדיג, אַז ער איז פאַרכאַפּט געוואָרען פון אַ שטורם אָדער אַ שלאַגס־רעגען, פון וועלכען ער האָט זיך ניט געקענט שיצען. און בשעת ער איז אַ מידער און אויסגעווייקטער, ציטערענדיג פון קעלט אין דער בלאָטע געלעגען, האָט ער דען געקענט דעם שטורם און דעם רעגען, וועלכע האָבען איהם ליידען פאַרשאַפט, אַנדערש ווי שלעכטע און בייזע געטער באַטראַכטען? און קוים זיינען די בייזע געטער מיט זייער שלעכטער אַרבייט פאַרטיג געוואָרען, און די זון האָט זיך באַוויזען — די זון מיט איהרע שטראַלען — און האָט ליכטיג געמאַכט, איהם געוואַרעמט און זיין לייב אויסגעטריקענט, האָט ער די זון באַטראַכט אַלס אַ גוטען גאָט, פאַר וועלכען ער האָט זיך געבוקט מיט אויסגעשטרעקטע הענט, אַזוי ווי ער וואָלט זי געוואָלט דערגרייכען. און ווערענד ער האָט אין דער פינסטערניש געוואַנדערט, און פּלוצלינג האָט זיך די לבנה מיט די שטערן באַוויזען, און איהם זיין וועג באַלויכטען, האָט ער מיט רעכט געמעגט די לבנה מיט די שטערן פאַר גוטע געטער באַטראַכטען. און צוריק קעהרענדיג זיך צו זיין נאָרע (נעסט), וועלכע איז באַשטאַנען פון אַ לאָך אין אַ פעלז אָדער גאָר אַ גרוב, און האָט זיך ניט אונטערשידען פון דער חיה'שער נעסט, און האָט זיין קינד אָדער קינדער געפונען דערטרונקען פון דעם וואַסער, מיט וועלכען דער ים האָט זיין נעסט פאַרפלייצט, — אודאי האָט דאָס דער שלעכטער ים־גאָט געטאָן.

אַזוי אַרום האָט זיך אין זיין פאַנטאַזיע אויסגעשפּינט און אויסגעוועבט אַ גאַנצע מחנה גוטע און שלעכטע געטער, וועלכע האָבען איהם תמיד געהאַלטען אין מורא, שרעקעניש, און צו וועלכע ער פלעגט זיך חנפ'ענען און לאַסטשען, און אפילו דורך געשאַנקען געזוכט מיט זיי שלום אַנצוהאַלטען.

און נאָך טויזענטער אָדער מיליאָנען יאָהרען, ווערענד די נויט און צופאַל האָבען איהם שוין אַזוי ווייט אַנטוויקעלט, אַז פון זיין שטיין האָט ער שוין אַ האַמער געמאַכט, און מיט דעם שטיין האָט ער פון אייזען אַ דלאָטע אויסגעשמידט, דעמאָלט האָט ער אָנגעהויבען זיינע געטער אין שטיין, האָלץ און אין מעטאַל פאָרמירען. ער האָט פאַר זיינע ליב־לינג געטער טעמפּלען געבויט, זיך צו זיי געבוקט, זיי קרבנות אַפילו מענשליכע געבראַכט, פאַר זיי געזונגען, גע־טאַנצט, זיי אַמוזירט. און ווען ער איז צו אַ העכערער מדרגה געשטיגען און האָט שוין אָנגעהויבען צו פיהרען אַ געזעלשאַפטליכען לעבען, האָט ער זיך שוין אַ הויז אויף סלופּעס אָדער אַ בוים אויפגעבויט, און אנשטאָט איינער אַליין, האָבען שוין גרופּעס־ווייז אויף איין אָרט געוואוינט. זייענדיג אַ משפחה אָדער אַ שבט, האָט מען זיך אַ פיהרער, אַ הערשער געמאַכט, צו וועמענס וואָרט מען האָט זיך גע־מוזט צוהערען און פאָלגען, להבדיל ווי צו אַ קעניג.

אָט דאָס האָט איהם געבראַכט צום געדאַנק, אַז זיינע געטער, וועלכע ער האָט זיך אויך בצלמו און כדמותו גע־שאַפען, נויטיגען זיך אין אַ הויפּט־גאָט, וועלכער זאָל איבער זיי הערשען. נו, האָט ער זיך טאַקע אין זיין פאַנטאַזיע באַ־שאַפען אַ גרויסען, אַלמעכטיגען גאָט און איהם געמאַכט פאַר דעם גאָט איבער אַלע געטער, און איהם געמאַכט פאַר אַ יושב בשמים (הימעל־וואוינער) און איהם דאָ אויף דער ערד אויך געבויט וואוינונגען, — אפשר וועט זיך איהם פאַר־גלוסטען אַרונטער נידערען צו אונז, זאָל ער צו קיין האָטעל ניט דאַרפען אָנקומען. און דאָרטען אויבען האָט מען איהם באַזאָרגט מיט אַ טראָן, אַ כסא הכבוד, און מיט אַ סוויטע מלאכים, שדים, רוחות, מזיקים, משחיתים, און איהם אַליין טיטולירט מיט פאַרשידענע טיטולען: איש מלחמה, נוקם ונוטר, רחום וחנון, און באַזאָרגט מיט אַ בית־דין, מיט אַ קטיגור און סניגור, אַ סעקרעטאַריאַט מיט אַ ספר הזכרונות, מיט אַ גן־עדן פאַר צדיקים און אַ גיהנום אין וועלכען מען

זאָל בראָטען און ברענען די רשעים, און אַפּילו מיט אַ זאָאָלאָגישען גאָרטען מיט עופות און חיות הקודש.
אָט אַזוי האָט דער פּרימיטיווער, אומוויסענדער מענש פון אַמאָל געשאַפען פאַר היינטיגען ציוויליזירטען און קול־טיווירטען מענשען אַ גאָט.

## גלויבען

— וואָס איז גלויבען? — אָט אויף דער שאלה איז, דאַכט זיך, זעהר לייכט צו געבען אַן ענטפער. וואָרים ווער ווייסט ניט וואָס גלויבען איז? דאַכט זיך אַפילו אַ קליין קינד ווייסט עס אויך. און דאָך וועלען פון פילע מענשען, ביי וועלכע איהר וועט פרעגען, זעהר ווייניג פון זיי אַ צו־פרידענשטעלענדען ענטפער געבען. כאָטש ענטפערען וועלען אַלע, ווייל יעדער פיהלט זיך אימשטאַנד אַזאַ שאלה צו ענטפערען, אָבער קלאָרע און לאָגישע תשובות וועט איהר ווייניג באַקומען. די גרעסטע טייל מענשען וועלען אייך זאָגען, אַז איך זעה אַ זאַך אָדער בין אויף אַ געוויסען אָרט געוועזען, גלויב איך אַז איך האָב די זאַך געזעהן און בין אויף דעם אָרט געוועזען. אָט דאָס איז טאַקע ניט קיין קלאָרער אָדער לאָגישער ענטפער. געזעהן האָט ער און געוועזען אויך, אָבער ער גלויבט ניט דערינען, ווייל ער ווייסט עס, גלויבט ער ניט מעהר. וויסען מאַכט בטל דעם גלויבען. גלויבען איז בלויז אַ פאַקטאָר ווען מען ווייסט ניט. אויב איהר זאָלט עמיצען פרעגען ווי שפעט עס איז, וועט יענער אַ קוק טאָן אויף זיין זייגער און אייך זאָגען עלף אָדער צוועלף. דעמאָלט וועט איהר איהם גלויבען. אָבער קוים האָט איהר אַ קוק געטאָן און געזעהן וועלכע שעה אין טאָג עס איז, דעמאָלט גלויבט איהר איהם ניט מעהר, ווייל איהר אַליין האָט געזעהן און ווייסט עס.
די באַדייטונג פון גלויבען איז נישט־וויסען. און כאָטש די וויסענשאַפט האָט דערגרייכט צו אַזאַ קאָלאָסאַלער

מדרגה, האָט זי דאָך נאָך איבערגעלאָזט פילע, זעהר פילע ניט-געלייזטע פּראָבלעמען. ניט חלילה ווייל זיי, די וויסענ־שאַפטס-מענשען, האָבען זיך די מיה ניט גענומען צו פאָר־שען און זוכען פאַקטען דורך וועלכע זיך צו איבערצייגען אין דער עקזיסטענץ פון אַזעלכע זאַכען וועלכע זיינען באַשאַפען געוואָרען אין מענשליכע פאַנטאַזיעס. דאַמף, קראַפט, עלעקטריציטעט, טעלעגראַף, טעלעפאָן, ראַדיאָ, און נאָך און נאָך אַזעלכע הונדערטער און טויזענטער ערשיינונ־גען זיינען אויך מיט אַ קנאַפּע הונדערט יאָהר געווען ניט מעהר ווי מענשליכע פאַנטאַזיעס, צו וועלכע דער גרעסטער טייל מענשען האָט זיך באַצויגען סקעפּטיש; אַ טייל ווידער האָבען זיך פּשוט פון אַזאַ מין עקזיסטענץ אויסגעלאַכט, ווייל זיי האָבען אַליין מיט זייער קנאַפּען שכל ניט געקאָנט באַגרייפען. אַליין האַלטענדיג זיך פאַר חכמים, האָבען זיי אין אַזעלכע אומבאַגרייפבאַרע ערשיינונגען ניט געקענט גלויבען. אָבער די נייטראַלע, די גלויבער —, זיי זיינען אַרויס די זיגער. און ווער ווייסט מיט נאָך וויפיל נייע ענטדעקונגען, ערפינדונגען און ערשיינונגען די צוקונפט וועט אונז באַרייכערען. בלייבט אונז קיין אַנדער ברירה ניט, ווי גלויבען.

דער אַטעאיסט צורייסט זיך באַהויפּטענדיג, אַז עס איז ניטאָ קיין גאָט; תחית המתים איז אַן אוממעגליכקייט. פאַקטען מיט וועלכע צו באַרעכטיגען זיין אומלאָגישע באַ־הויפּטונג האָט ער ניט און זוכט ניט צו געפינען. דער ניט־ווענינער אומווייסענדער פון איהם האַסט איהם בתכלית השנאה הלמאי ער איז אַ כופר בעיקר, און באַהויפּטעט אַז ער איז זיכער אין דער עקזיסטענץ פון אַ גאָט, וועלכער איז אַ מחיה מתים. און אום צו רעכטפערטיגען זיין באַהויפּטונג וועט ער אייך אָנווייזען אַז עס שטעהט בפירוש געשריבען אין די היילינע ספרים. און געהט, זייט מוחל, טוט זיי עפּעס, די ביידע שוטים! אַ מענש, וועלכער איז פון דער נאַטור באַשאַנקען מיט אַ ביסעל שכל, וועט ער גלויבען אין וואָס

עס לאָזט זיך, אַזוי לאַנג ווי ער האָט ניט קיין פאַקטען די געגענטייל צו באַווייזען.

## נשמה

וואָס איז נשמה? — איז זי מאַטעריע מיט אַ ממשות׳דיגער עקזיסטענץ, אָדער אַ רוחניות, אַ גייסטיגע, וואָס זי עקזיסטירט אין אונזער פאָרשטעלונגס־קראַפט? ווער און ווען וועט אַמאָל אונז אַ קלאָרע תשובה אויף דער שאלה געבען? דערווייל מוזען מיר זיך באַנוגענען מיט השערות, אַז די אומזיכטבאַרע און אומבאַגרייפבאַרע נשמה, וועלכע איז אָנגענומען צו זיין דאָס לעבען ביי אַלעם וואָס לעבט און אָטעמט — פון אַ מיקראָב ביז צו דער גרעסטער באַשעפעניש, — אָט די נשמה איז ניט מעהר און ניט וועניגער ווי אַ פאַנטאַסטישער פּראָדוקט, וועלכער איז געבוירען געוואָרען אין דעם זעהר וועניג קולטיווירטען מוח פון דעם פּרימיטיווען מענשען.

זיין טאַטע, מאַמע, שוועסטער, ברידער, אָדער קינדער, צו וועלכע ער האָט זיך געפיהלט צוגעבונדען מיט דעם וואָס ציוויליזירטע מענשען רופען ליבע, אָדער אַ מיטגליד פון זיין גרופּע, מיט וועלכען ער האָט ערשט ניט לאַנג פאַרבראַכט צוזאַמען, גערעדט, געטאַנצט, געזונגען, געשפּרונגען, — פאַלט פּלוצלינג אַוועק און בלייבט ליגען באַוועגלאָז. וואָס איז דאָס? פאַר וואָס איז די ענדערונג געקומען? — פרעגט ער זיך אַליין. ער באַטראַכט דעם קערפּער, די גלידער, — דאַכט זיך אַלעס ווי געוועזן, און דאָך איז אויף אַמאָל אַזאַ ענדערונג אַריינגעדרונגען. ער האָט געטראַכט, שפּעקולירט, און ענדליך האָט ער זיך צום געדאַנק דערשלאָגען, ביי וועלכען ער איז פעסט געבליבען. עס איז אוממעגליך געוועזן פאַר איהם ווייטער צו זוכען, פאָרשען וועגען פאַקטען, מיט וועלכע ער זאָל זיין פאַנטאַסטישע טעאָריע, וועלכע האָט זיך אויסגעשפּינט און אויסגעוועבט אין זיין מוח, אימשטאַנד

זיין צו באַרעכטיגען. איז ביי איהם געבליבען ניט אַנדערש, ווי פון דעם אומבאַוועגליכען קערפּער איז אַרויס אַן אומזיכטבאַרע זאַך, אַ רוחניות'דיגע, אַ טייל פון זיין עקזיסטענץ, דער חלק אלהים ממעלה, וועלכער האָט איהם דאָס לעבען, די באַוועגונג און קראַפט געגעבען, און האָט איהם הילפלאָז און אומבאַוועגליך געמאַכט.

דעם גוף, דעם ממשות'דיגען טייל פון דעם ערשט ניטלאַנג לעבעדיגען און באַוועגליכען מענשען, וועלכער איז אַצינד ניט מעהר ווי עפר, — מיט איהם האָט ער קיין סך און גרויסע צערעמאָניעס ניט געמאַכט. ער האָט איהם פשוט אַוועקגעוואָרפען, אָדער איהם אויף אַ בוים אַוועקגעלייגט אַלס שפּייז פאַר די רויב-פויגעל. אָבער מיט דער נשמה, וועלכע איז די רוחניות'דיגע, די גייסטיגע טייל פון'ם גוף געוועזען, — זי האָט שוין זיין מוח און פאַנטאַזיע מעהר באַשעפטיגט. די נשמה, וועלכע ער האָט אַלס דעם חלק אלהים ממעלה באַטראַכט, — זי האָט ער שוין גאַנץ אַנדערש און מיט מעהר צערטליכקייט באַהאַנדעלט, און האָט אַפילו פאַר איהר צוקונפט געזאָרגט. און דערפאַר טאַקע האָט ער פאַר איהר אַ בעסערען אָרט, אַזש אין הימעל געפונען, און האָט די פילע נשמות איינגעטיילט אין מדרגות (ראַנגען) פון צדיקים און רשעים, און זיי אויך אין פאַרשידענע קלאַסען איינגעטיילט.

אום עס זאָל חלילה קיין טעות ניט געמאַכט ווערען, האָט מען באַזאָרגט אַ בית-דין של מעלה, מיט אַ קטיגור און סניגור, מיט אַ ספר הזכרונות, אין וועלכע די נשמות האָבען אַליין מיט זייערע אייגענע הענט פאַרשריבען זייערע מעשים, מיט אַ גן-עדן, וועלכער זאָל דינען אַלס וואוינונג פאַר די גרויסע נשמות פון די צדיקים, אַפילו מיט אַ שפּייזקאַרטע, אין וועלכער עס פיגורירען אַלס די הויפּט-שפּייזען פלייש פון'ם שור הבר און פיש פון'ם לויתן, און אַפילו אַ גוט ביסעל משקה ווי יין המשומר אויך ניט פאַרגעסען.

און ווי גוט ער האָט אין זיין פאַנטאַזיע געמאָהלען דעם

שכר פון צדיק׳שע נשמות פאַר זייערע מעשים טובים, אַזוי גרויזאַם האָט זיין פאַנטאַזיע געמאָהלען דעם עונש פון דעם רשע׳ס זינדיגע נשמה פאַר זיינע מעשים רעים. אין דעם דערמאָנטען גיהנום האָט ער פאַר זיי איינגעריכטעט קאַלך-אויוועגס און שייטער-הויפענס, פייער-פאַנען, צוואַנגען און פרעסען, אַ גאַנצע אינקוויזיטאָרישע אויסשטאַטונג, להבדיל, ווי אין שפּאַניען, און מיט די אַלע כלי משחית ווערען די נשמות פון די רשעים דורך ספּעציאַליסטען אין דעם פאַך געמאַטערט.

אַז דאָס איז אַ מענשליכע פאַנטאַזיע, אין דעם קענען אַפילו אַפּיקורסים ניט זיין אין ספק. וואָרים מיר קענען זעהן, אַז אין דער אוממענשליכער גרויזאַמקייט געפינט זיך דאָך אַ פונק מענשליכקייט; ווייל דעם צדיק, וועלכען ער האָט באַזאָרגט מיט אַלדאָס גוטס, האָט ער איבערגעלאָזט צו זיין שיקזאַל און זיך מיט איהם מעהר ניט אינטערעסירט. אָבער צום רשע האָט ער זיך באַצויגען, להבדיל, ווי אַ דזשורי צו אַ מערדער. זי געפינט איהם, דעם מערדער, שולדיג אין דעם פאַרברעכען, אָבער זי בעט פאַר איהם רחמים. אַזוי האָט זיך אויך באַנומען דעם מענשענ׳ס פאַנ-טאַזיע צו דער זינדיגער נשמה פון דעם רשע. זי האָט איהם טאַקע פאַר׳משפט און געשיקט אין גיהנום אַריין, און קיין האָניג צו לעקען האָט מען איהם ניט געגעבען, אָבער אויף אייביג, — דאָס האָט שוין דאָס מענשליכע האַרץ ניט דער-לאָזט. און דערפאַר האָט ער איהם נאָר אויף אַ טערמין פאַרשיקט אין גיהנום אַריין. דאָרטען זאָל ער די שבעה מדורי גיהנום דורכגעהן און פון אַלע אינקוויזיטאָרישע פּייניגונגען געניסען, אום ער זאָל פאַר די עבירות אָפּקומען און געלייטערט ווערען. ועל כולם נעהמט ער איהם ערשט אין די הענט אַריין, און זוכט פון דער נשמה, וועלכע איז די שטראָף אָפּגעקומען, אַ לייט צו מאַכען. קוואַרטירט ער זי אויף דאָס ניי אין אַ מענשליכען גוף איין, און גיט זי איבער צו אַ פּראָביישאָן אָפּיסער. און אַז זי פיהרט זיך אויף גוט איז

אַלל רייט, און קוים חלילה ניט, איז זי גאָר ניטאָ מיט וואָס צו מקנא זיין. מען שיקט זי ווידער אין גיהנום אַריין און זי מוז דעם זעלבען טאַנץ ווידער טאַנצען. און אַזוי וואַנדערט די זינדיגע נשמה הין און צוריק ביז אָדער זי האָט חרטות און ווערט אַ בעלת תשובה און קריגט אַ תקומה אויף די שוין אָפּגעקומענע עבירות און קריגט אַ וויזע אין גן־עדן אַריין, אָדער דער בית־דין זעהט איין אַז זי איז אַ פאַר־לוירען, טראַנספּערירט מען זי אַריין אין אַ עוף אָדער אין אַ בהמה, שפּילט זי נאָך ווי מ׳זאָגט אַ קאָרט. קומט זי אָן צום טיש פון אַ צדיק, און ער, דער צדיק, ווייסט דאָך דערפון, מאַכט ער אַ וואַזשנע ברכה איבער דעם ראָסעל־פליישׁ און נעהמט זיך מיט גאָט אויס׳טענה׳ן און נעהמט זיך אָן איהר קריוודע. ער ווערט איהר מליץ טוב. און אַזוי ווי ער, דער צדיק, איז ביי איהם אַ תקיף, פועל׳ט ער טאַקע פאַר איהר אַ תיקון, און — היידאַ, גלייך אין גן־עדן אַריין. און איז איהר, דער זינדיגער נשמה, ניט באַשעהרט, קומט זי נעבאַך אָן צו אַן אַפּיקורס, אַ גוי, אָדער צו אַן אַנאַרכיסט, אַ קאָמו־ניסט, אַן אַטעאיסט, אָדער גאָר עפּעס אין אַ חיה רעה. דעמאָלט איז זי שוין פאַרפאַלען אויף כף הקלע. אָט אַזאַ פּראָ־צעדור דאַרפען דורכמאַכען אונזערע אָרעמע, זינדיגע, בידנע נשמות.

## וואָס איז טויט?

וואָס איז טויט? — דעם מענשען׳ס פאַנטאַזיע האָט איהם ניט גובר געווען, כאָטש פּירושים, קאָמענטאַרען און באַהויפּטונגען האָט דער מענש געמאַכט אַ סך, דאָס האָט אָבער די ממשלה פון דעם טויט ניט געבראָכען. ער האָט אונטער זיך אַ פעסטען באָדען, ער איז סאָליד, קאָנקרעט. איהם קען קיינער ניט אָפּלייקענען. טויט איז טויט.

אָט זעהט איהר פאַר זיך אַ מענשליכע פיגור און אויך פון שטיין, האָלץ און מעטאַל. אַלע באַוועגלאָז. און דאָך האָט די

מענשליכע פיגור געלעבט און געשאַפען און וועלטען זיך דרוב געמאַכט. און אין איין סעקונדע איז ער פאַרוואַנדעלט געווארען אין אַ טויטען באַוועגלאָזען קערפער. עס געשעהט אויך מיט אַ מאַשין, אַז זי זאָל זיך פלוצלינג אָפּשטעלען און ווערען באַוועגלאָז. אין אַזאַ פאַל ווענדען מיר זיך צום מעכאַניק דעם שפּעער, און ער געפינט אויס וועלכע טייל אָדער טיילען פון זיין קערפּער זיינען דורך אַ געוויסער אורזאַך באַוועגלאָז געוואָרען און פונקציאָנירען ניט. ער בייט די שלעכטע אויף גוטע טיילען. ער פּאָמפּט אַריין פרישע נאַרונג אין זיין מאָגען. און דאָס ברענגט די מאַשין צוריק אין באַוועגונג. עס קען זיין, אַז די וויסענשאַפט־מענשען, וועלכע גריבלען זיך אין די נאַטור־סודות, וועלען אַמאָל דורך עקספּערימענטען אויפדעקען דעם דיקען שלייער און דער סוד וועט פאַר זיי נתגלה ווערען, און זיי וועלען אויך אימשטאַנד זיין די קאַליע געוואָרענע טיילען פון דעם מענשליכען קערפּער אויף גוטע אויסצובייטען. און די מענשליכע מאַשין, וועלכע איז ניט אַ פּראָדוקט פון מענשליכע הענט און מענשליכער חכמה, נאָר אַ נאַטור־געהיימנים, וועלען זיי מאַכען צו באַוועגען זיך. דערויף מוזען מיר געדולדיג וואַרטען. אָבער ביז דעמאָלט איז טויט — טויט.

---

## ער איז גאָר זיין טאַטע ניט געווען.

דער רבי רב שמעלקע דער קאַבצינאָפּסקער, זכרונו לברכה, — איהר האָט אודאי פון איהם געהערט. וואָרים ווער האָט דען פון איהם ניט געהערט! — איז זיך אַמאָל, ווי זיין שטייגער איז געווען, געזעסען מיט אַלע זיינע חסידים ביים טיש און געפּראַוועט שלש־סעודות און געזאָגט תורה און פאַרזופּט מיט אַ קאַפּיטשקע יין שרף — פאַר די פיש און נאָך די פיש פלעגט ער נעמען צו ביסלאַך. אַזוי פלעגט ער, זכרונו לברכה, זיך נוהג זיין; און אַ סך מאָל פלעגט

ער נעמען צו קאַפּיטשקעלאַך, ווען ער פלעגט דאַרפן אַ זינדיגע נשמה מתקן זיין.

ביי יענעם שלוש־סעודות האָט ער זיי אַ סך תורה געזאָגט און אַ סך נשמות מתקן געווען, און ווי זיין שטייגער איז געווען אין אַזאַ פאַל — אַ סך קאַפּעטשקעלאַך גענומען און נישקשה'דיג פאַרשנאַשקעט און איז טאַקע ביים טיש פעסט איינגעשלאָפן.

פלוצלונג הערען די חסידים ווי דער רבי, זאָל לעבען, וויינט און יאָמערט אויפ'ן קול. האָבען זיי זיך גענומען פלפול'ען. יש אומרים — אַ טייל האָבען געזאָגט, אַז דער רבי, זאָל לעבען, וויינט אודאי אויף גלות השכינה, ויש אומרים — און אַ טייל ווידער האָבען געזאָגט, אַז דער רבי, זאָל לעבען, וויינט, ווייל ער איז זיך שטאַרק מצער למאי השם יתברך איילט זיך ניט צו שיקען משיח'ן, דעם גואל צדק במהרה בימינו. און אַצינד טאַקע שטעהט ער, זאָל מאריך ימים זיין, אודאי פאַר'ן כסא הכבוד מיט תרעומות געגען קדוש ברוך הוא.

ווי זיי האָבען זיך אַזוי גע'פלפול'ט, דערהערען זיי, אַז ער, זאָל לעבען, לאַכט און פרעהט זיך, קנאַקט מיט די פינ־גער, ווי עס איז געווען זיין שטייגער, בשעת ער איז געווען פרעהליך.

האָבען זיך די דאָזיגע חסידים, וועלכע האָבען זיך באַטראַכט אַלס די זיגערס, אָנגערופען מיט גרויס שמחה און רעש:

— ער האָט גע'פועל'ט!

דער דאָזיגער רעש און געפּילדער האָט דעם רבי'ן, זאָל לעבען, אויפגעוועקט. ער האָט דעם שלוש־סעודות אָפּגעפּראַוועט, מ'האָט אָפּגעדאַווענט מעריב, מחדש געווען די לבנה און אָפּגעזאָגט וואָס אַ איד דאַרף שבת־צו־נאַכט זאָגען און זיך גענומען פּראַווען מלוה־מלכה.

די חסידים האָבען שוין קוים די צייט דערצויגען. זיי האָט זיך שטאַרק געוואָלט וויסען וואָס עס האָט זיך מיט

איהם, זאָל לעבען, היינט אויפ'ן הימעל אָפּגעטאָן. איהם אַליין פרעגען האָבען זיי ניט געוואַגט, און דערפאַר טאַקע האָבען זיי זיך געווענדעט צום גבאי ראשון, רב שאַיע געצלען, און ניט חלילה מיט ליידיגע הענט, אַז ער, שאַיע געצעל, זאָל זיך משתדל זיין פאַר זיי ביים רבי'ן און ער זאָל דורך זיין תקיפות (פרעסטיזש) ביי איהם, זאָל לעבען, פועל'ן, אַז ער זאָל זיי מגלה זיין די סיבה פון זיין היינטיגען בין-השמשות'דיגען געוויין און שמחה.

און ער, זאָל לעבען, האָט זיי צוליב געטאָן און זייער בקשה ממלא געווען. און ער האָט מיט אַ גמרא-ניגון אָנגעהויבען:

— הערט-צו, רבותי! חלום חלמתי, אַז איך בין נפטר געוואָרען, און די מלאכי השרת האָבען מיך אויפ'ן הימעל אַרויפגעטראָגען און מיך פאַר'ן בית-דין של מעלה אַוועקגע-שטעלט. איין מלאך האָט מיך אַ פרעג געטאָן:

— מה שמך?

האָב איך איהם אויף זיין לשון מיט יעדען אות פון מיין נאָמען אַ פסוק פון דער תורה אָנגערופען. ואחר כך האָט מען דעם ספר הזכרונות דורכגעקוקט, ועל כולם האָט מען מיר עפּעס אַ צעטעל להבדיל ווי אַ וויגרעשנע בילעט, אַרויסגעגעבען, און מען האָט מיך אין גן-עדן אין דער באַ-גליטונג פון אַ פאָר מלאכים געשיקט.

— אָנקומענדיג אַהין, האָט מיך דער שר של גן-עדן מיט גרויס פּאָמפּ און פּאַראַד אויפגענומען. אַ דעלעגאַציע פון צדיקים איז מיר אַנטקעגענגעקומען און מיך אין גן-עדן אַריינגעפירט. שופרות און טרומפּייטען האָבען געשאַלט, און איך האָב מיך יום-טוב'דיג געפיהלט. אַ חידוש איז מיר געווען למאי איך האָב דאָרטען מיין טאַטען, זכרונו לברכה, ניט געזעהן. איך האָב איהם אומעטום אַרומגעזוכט, ביי אַלע צדיקים אויף איהם זיך נאָכגעפרעגט, אָבער קיינער פון זיי האָט איהם ניט געזעהן און פון איהם ניט געהערט. האָב איך מיך אַריינגעכאַפּט אין עזרת-נשים און אָנגעהויבען

אַרומצוזוכען מיין מאַמע די אשה צנועה מרת חאַנצע ברײַנע, דעם סטראַפּניטשעווער'ס, זכרונו לברכה, אַן אור־אור־אייניקעל. איך האָב זיך אויף איהר ביי אַלע נשים צדקניות אָנגעפרעגט, אָבער אויך איהר האָט קיינער פון זיי ניט געזעהן און פון איהר, מיין מאַמע'ן, עליה השלום, ניט געהערט.

בין איך באַלד אַוועק אין דער אינפאָרמאַציאָנס־ביוראָ של מעלה, זיך אויף מיינע טאַטע־מאַמע אָנצופרעגען.

נאָך פיל זוכעניש האָט מען מיר מודיע געווען, אַז מיינע טאַטע־מאַמע, דער גרויסער צדיק און די גרויסע צדקניות, געפינען זיך אין גיהנום. איך לויף צום גיהנום, לאָזט מיך דער שר של גיהנום ניט אַריין אָהן אַן ערלויבעניש. לויף איך צוריק צום בית־דין של מעלה, אַז אַזאַ ערלויבעניש פאַר מיר, אַ צדיק, איבערצוטרעטען די שוועל פון גיהנום קאָנען זיי ניט אַרויסגעבען, און ראַטען מיך, איך זאָל די בקשה צו איהם אַליין, צו הקדוש ברוך הוא, מאַכען און איהם אַליין איבערגעבען, וואָרים נאָר ער קאָן דעם גזר־דין מבטל מאַכען. האָב איך באַלד אַ פּראָשעניע אָנגעשריבען, און האָב מיך אויף די פליגעל פון אַ מלאך אַרויפגעזעצט און ער האָט מיך אויפ'ן זיבעטען הימעל אַרויפגעבראַכט, און דאָרטען צווישען די שרפים און אופנים וחיות הקודש אַוועקגעשטעלט, און זיי האָבען מיך פאַר'ן כסא הכבוד געבראַכט.

— ס'האָט געדונערט און געבליצט, און די מלאכים זיינען געווען אויסגעשטעלט אין לאַנגע שורות. ענדליך האָט האָט זיך הקדוש ברוך הוא אין אַ פלאַם־פייערדיגען זאָל באַוויזען, שופרות האָבען געבלאָזען, טרומפּייטערס האָבען געשאַלט, און די מלאכים און אויך איך, צוזאַמען האָבען מיר אונטערשפּרינגענדיג און אויסגערופען דריי מאָל: קדוש, קדוש, קדוש, דאַן האָבען מיר כורעים ומשתחוים מודים געווען און מיר זיינען אויף אונזערע פּנימ'ער געפאַלען. ווען מיר האָבען זיך אויפגעהויבען, האָט מיך אַ שרף, אַ ברענענדיגער

מלאך, אויף זיינע פליגעל גענומען און מיט מיר אין גיהנום אַרונטערגענידערט.

קומענדיג צום שר של גיהנום מיט מיין ספּעשעל פּער־מיט, האָט מען מיך באַלד אין גיהנום אַריינגעלאָזען. אַריינ־קומענדיג, האָב איך מיין טאַטען, זכרונו לברכה, געזעהן שטעהן אַ פאַרשוואַרצטען ביי אַ קוזניע, און ער האָט גע־שמידט פייער־רויטע אייזערנע ריטער. אַזוי ווי איך בין בטבע אַ רך לבב (אַ ווייך־האַרציגער), און דאָס איז נאָך אַ טאַטע דערצו, האָט מיך טאַקע ביים האַרצען אַ נעם געטאָן, האָב איך אין אַ יאָמער און געוויין אויסגעבראָכען. און וועֶרענד איך האַלט אַזוי אין מיטען וויינען, קלאָגען און יאָמערען, באַווייזט זיך פאַר מיר מיין מאַמע די אשה צנועה, עליה השלום, און רופט זיך אָן צו מיר מיט איהר מוטערלי־כער צאַרט־ווייכער שטימע:

— זיי דיך ניט מצער, מיין ליבער טייערער בן־יחיד! וויין ניט, קלאָג ניט, יאָמער ניט — ער, דער הולטאַי, איז גאָר דיין טאַטע ניט געווען.

— ווי קען עס זיין? ווי אַזוי האָט אַזאַ זאַך, מאַמינקע טייערע, געקענט געשעהן? — האָב איך מיך ביי איהר געבעֶטען.

— הער־צו, זונעניו. אַזוי ווי איך האָב מיך דערוואוסט, אַז ער, דער הולטאַי, וועמען דו האָסט געהאַלטען פאַר דאַן טאַטען, האָט מיט זיין כח און מיט'ן כח פון דער קדושה, חיה האַסיע'ן שעפּסעל ביינ'ש'עם מיט אַ זכר באַשענקט, אום זיי זאָלען אחר מאה שנים (איבער הונדערט יאָהר) אַ קדיש האָבען, האָב איך איהם, דעם פושעי ישראל, מיט'ן כח פון זיין גבאי ראשון, רחמיאל לעמלען, אפילו אָהן דעם כח פון דער קדושה, מיט דיר פאַר אַ קדיש מזכה געווען.

# אין סאַראַטאָגע ספּרינגס

קיין פּאַרפּאַטשקעטען מאָגען האָב איך קיינמאָל ניט געהאַט און אַצינד ברוך השם אויך ניט, און הלואי ווייטער. און פון האַרם-רייסעס (פערד-יאַגעניש), אַז אַזעלכעס איז פאַראַן אויף דער וועלט, בין איך אין די מואווים געוואויר געוואָרען. אָבער אין דער ווירקליכקייט בין איך מיך מודה, אַז איך האָב קיינמאָל ניט געזעהן און ניט נייגעריג געוועזן צו זעהן זיי. און דערפאַר טאָקע האָב איך מיך אין סאַראַטאָגע ספּרינגס ניט געניטיגט און נאָך וועניגער האָב איך מיך גענויטיגט אין רייס-טרעקס.

אַז ס׳איז אָבער באַשערט מן השמים דרעהט מען זיך ניט אַרויס, און איך האָב מיך טאָקע ניט אַרויסגעדרעהט, ניט חלילה ווייל מיין מאָגען איז קאַליע געוואָרען און ווייל עס האָט זיך מיט פאַרגלוסט אויף די פערדלאַך צו וועטען. ניין, ניט איינס און ניט דאָס אַנדערע. נאָר מעשה שהיה כך היה.

פלוצלונג טוט מיר מיין אידענע אַ זאָג:

— הערסט, חיים זעליק, דעם זומער מערטשעם (אם ירצה השם) פאָהר איך ניט מעהר אין די מאַונטעינס.

פון דער בשורה טובה האָב איך שטאַרק הנאה געהאַט. איך האָב געמיינט, אַז זי איז צום שכל געקומען, אַ בעל-תכלית׳ניצע געוואָרען. וואָרים טאָקע דעם אמת געזאָגט, וואָס קומט אַרויס, אַז מען פאָהרט יאָ? וואָס האָט מען און וואָס געניסט מען, מ׳שטיינס געזאָגט, דאָרטען? מ׳פּטר׳ט היבשע עטליכע טאָלער און אַביסעל געזונט דערצו. מען פרעגעלט זיך אין דער היץ און מען באָדט זיך אין אייגענעם שוויים נאָך אַביסעל מעהר ווי אין שטאָט. קיין בוימעל, קיין גרעזעל איז אויף קיין רפואה ניטאָ, קיין ים זיך צו באָדן אויך ניט. וואָס-זשע, אפשר צוליב די געהויבענע מאכלים? צוליב דער אייגען-געמאַכטער פּוטער און די פרישע אייער, וואָס וועלען אימפּאָרטירט פון די קאָלד

סטאָרעדזשעס, און צוליב דער סמעטענע געמישט מיט פלי־
גען, און צוליב די אומגעשייווטע פערטלעך טשיקען, —
לוינט זיך אפשר צוליב דעם צו וואָגלען אין די ענגע היל־
צערנע קעמערלעך און אויף די נאָך ענגערע לאַזאַרעט־
בעטלעך מיט זייער אַמאָל געוועזענעם שטרוי, און ניט
זעלטען מיסט־זעק, אין וועלכע ס׳געפינען זיך גאַנצע אַרמייען
רויטע באַרדערס, וועלכע לאָזען זיך וואוילגעהן אויפ׳ן חשבון
פון אונזער פלייש און בלוט, מיט וועלכען זיי פראַווען סעודות
אָהן זיך אפילו ביי אונז אָנצופרעגען, און אויב איהר ווילט
יאָ אָדער איהר ווילט ניט, דאָס מוזט איהר אַלס אַן עקסטרע
קרבן אויפ׳ן מזבח פון פלעזשור ברענגען, אַ חוץ די עטליכע
הונדערט דאָלאַר וואָס איהר צאָלט פאַר׳ן וואָגלען און טומלען
זיך די עטליכע וואָכען, נאָך וועלכע מ׳קומט אַהיים אַ צע־
בראָכענער, אַן אויסגעמאַטערטער און אַן אויסגעבייטעלטער
און אַלס סואוועניר ברענגט איהר און אייער ווייב און קינ־
דער אַהיים פאַרדאָרבענע מאָגענס, וועלכע נויטיגען זיך
אין מעדיצינישער הילף, — לוינט זיך דאָס ?

אָט טאַקע דערפאַר האָט מיך גערפרייט פון איהר צו
הערען אַזעלכע קלוגע ווערטער׳. מיין שמחה האָט אָבער
לאַנג ניט אָנגעהאַלטען, ווייל זי האָט מיר באַלד אַ זאָג
געטאָן:

— איך וועל פאָהרען אין סאַראַטאָגע.

— סאַראַטאָגע ? — האָב איך זי אַ פאַרציטערטער
איבער׳רגעפרעגט, ווייל איך האָב געמיינט ניט אַנדערש, אַז
דאָס געפינט זיך ערגעץ הינטער די הרי חושך אָדער אויף
יענער זייט סמבטיון, וואו די רויטע אידעלעך זיינען, אָדער
גאָר ערגעץ אין די מדבריות, וואו די חיות רעות געפינען
זיך. — גאָט איז מיט דיר ! — האָב איך אַ דער׳שראָקענער
געזאָגט, — וואָס זאָגסטו, וואָס רעדסטו ? ווי קומסטו, אַ
שוואַכע אידענע, גאָר צו טראַכטען פון אַזעלכע געפערליכע
מקומות ? וואָס־זשע, מיינסט אפשר, אַז דו ביסט אַ טעדי
רוזוועלט אָדער אַ מאַדאַם שטראָוס, ווילסט ווערען אַן עקס־

פלאַרערקע, שיסען בערען און טיגערס? אפשר וואָלט איך שוין געררופען אַ נערוועז דאָקטאָר? פאַרלאָזען אין דער לאַנגער באַנק אַריין איז ניט כדאי, — האָב איך אַ דער־שראָקענער געזאָגט.

מיין אידענע האָט זיך פון מיר אַ היבש ביסעל אויסגע־לאַכט און האָט מיר אָנגעהויבען דערצעהלען און געבען צו פאַרשטעהן, וואו און וואָס סאַראַטאָגע איז און די כמה מעלות טובות וואָס סאַראַטאָגע באַזיצט. ערשטענס, איז זי כמעט אַ גרויסע שטאָט מיט וואָזשנע האָטעלען.

— נו, — האָב איך איהר איבערגעשלאָגען די רייד, — וואָס־זשע ניו יאָרק איז עפּעס אַ קליין שטעדטעל, וואָס דו ווילסטו פאָהרען אין אַ גרויסער שטאָט? דאָ פעהלען האָטע־לען, רעש ,טומעל, געדרענג? צו וואָס דאַרפסטו פאָהרען זוכען דאָרטען, אַז דו האָסט עס דאָ לרוב?

— דאָרטען זיינען אָבער פאַראַנען וואַסער־קוואַלען אומעטום, — זאָגט זי מיר מיט נצחון.

— נו, פון אונזערע קראַנען אין קיטשען רינט דען חלילה שאַמפּאַניער, אויל, אָדער פּעטראָליום? — פרעג איך זי איראָניש.

— יענע וואַסער איז אָבער גוט צום מאָגען, — רייצט זי זיך שוין מיט מיר.

— און פון וואַנען ווייסטו, אַז אונזער וואַסער איז שלעכט צום מאָגען? איך האָב נאָך ניט געהערט, אַז עמי־צער זאָל זיך האָבען פאַר׳סמ׳ט אָדער געשטאָרבען פון אונזער וואַסער, סיידען מען דערטרינקט זיך. דאָס קאָן דאָך אָבער דאָרטען אויך טרעפען.

— און האָרס־רייסעס האָסטו אויך אפשר דאָ? — פרעגט זי מיך און מיינט, אַז מיט דער שאלה האָט זי מיך שוין באַזיגט.

— וואָס־זשע, זיי פעהלען דיר שטאַרק אוים? די אָטאָ־מאָביל־טראָקס, טעקסים, רעקלעם־דראַיוועס, די טריינס, סטריט־קאַרס און באָסעס הרג׳ענען אוים וועניג מענשען?

דאַרף מען זיי נאָך דאָ האָבען, די ווילדע ברואים וואָס לויפען ווי די שדים.

— אויף זיי וועט מען דאָך אָבער ניט וועטען, — זאָגט מיר מיין אידענע מיט אַן ערנסטער מינע.

— וואָס-זשע, ווילסט וועטען? טאָ וועט אויף די קאַנדידאַטען וואָס לויפען פאַר מע'יאָר, אייניגע פון זיי זיינען אויך פּשוט'ע פערד, — האָב איך לאַכענדיג געזאָגט און געמיינט, אַז איך האָב זי מנצח געווען.

איך האָב אָבער נאָר געמיינט, און ביים מיינען בין איך לא עליכם געבליבען. ווייל מיין אידע'נע האָט זיך איינגעפּאַקט און פאַרפּאַקט, און אַלע מיינע טענות און מענות האָבען מיר געהאָלפען ווי מיין טאַטענס תהילים זאָגען צו בויך-וויי‌טאָג, אָדער ווי מיין מאַמעס אָפּשפּרעכעניש צו קאָפּ-וויי‌טאָג. מיין אידע'נע איז געפאָהרען און טאַקע אַהינצו, וואוהין זי האָט געוואָלט — איך מיין קיין סאַראַטאָגאַ ספּרינגס. און מיר איז שוין קיין נפקא מינא ניט געווען, ווער ס'וועט מיינע פאַר טאָלער פאַר די עטליכע וואָכען גלות אָפּריכטען אַריינקריגען, שמעון אָדער לוי. דערויף זיינען מיר דאָך גלות-אידען און מיר דאַרפען ליידען גלות. אין דער היים האָט מען אונז פאַגראַמירט, אָוועקגענומען די עטליכע קערבלעך, געגעבען אַ מאַסאַזש אויף די ביינער און דאָס שטיבעל חרוב געמאַכט, און מיר האָבען אָפּגעריכט גלות. קומענדיג קיין אַמעריקע און באַזעצענדיג זיך אין די פינסטערע בעדרומס אויף דער איסט-סאַיד, מיט די אייגענע און שכנ'ישע באַרדערס, און די נעקסטדאָריגע מיט זייערע קינדערלעך, וועלכע האָבען דעם גרעסטען חלק פון מיינע און אַייערע צוויי לעבעדיגע פינסטערע קברים'לעך מיט די פאַר קוקערלעך צום יאַרד (הויף), וואו ס'איז תמיד היבשע בערג מיסט געלעגען אויף וועלכע די הינט און קעץ האָבען געפּראַוועט זייערע סעודות, און קיין מיסט און מענשען האָבען קיינמאָל ניט אויסגעפּעהלט (און פעהלען אויך היינט ניט אוים) פאַרנומען, אָדער מיט קוקערלאָך דורך

וועלכע מ'האָט אַמאָל געקענט זעהן די שמאָלע טראָטואַרען, און אַז פון די פענסטערלאַך זאָל אַרונטערנידערן אַ פּעקעל מיט דעם אינגעווייד פון אַ טשיקען אָדער אַן אַנדער מין עוף און זאָל טרעפען אַ פאַרבייגעהער אין קאָפּ, איז אויך ניט געווען קיין זעלטענהייט,—האָבען דאָך די דאָזיגע איסט-סאַידער אייגוואַוינער געליטען און ליידען אויך היינט גלות.

און אפילו די יענינע, וועלכע האָבען שוין זוכה געווען זיך צו באַזעצען אין שענערע, ריינערע גאַסען, מיט מעהר שענערע, גרעסערע און ליכטיגערע צימרען, און אַ סך פון זיי אפילו אין אייגענע הייזער מיט אַלע באַקוועמליכקייטען, ווייט פון רעש, טומעל און געפילדער, — זיי בענקט זיך אויך נאָך אַביסעלע גלות, צו וועלכען זיי זיינען אַזוי צוגעוואוינט; נאָר צו רופען עס גלות איז ניט שעהן און ניט פּאַסענד, לכן האָט מען די גלות-פלעצער אַ נאָמען געגעבען פלעזשור-פּלייסעס. און טאַקע אַהין בין איך אויף מיין וואַקיישאָן דאָס מאָל געפאָהרען.

און זייט אייך חלילה ניט טועה און מיינט ניט אַבי-ווי, נאָר טאַקע קיין סאַראַטאָגע ספּרינגס גופא!

מילא, דעם טאָג, וואָס איך האָב פאַרבראַכט, באַקענדיג און בראָטענדיג זיך אַקעגען דער זון, און די ענגשאַפט, דריקעניש, שטיקעניש און מאַטערניש — איך בין ניט חלילה דער אייגציגער שוטה דאָרטען אויף דער שיף געווען, און אויב איהר זענט מיר אפילו שונאים, ווינש איך אייך אויך ניט אַזאַ נסיעה. נאָר ענדליך געגען אָוענד האָב איך מיך אַ פאַרמאַטערטער, אַ פאַרשטויבטער, מיט מיין טשעמאָדאַנטשיקעל פון דעם איבערגעפּאַקטען באָס קוים אַרונטערגעשלעפּט און זיך צו אַ ווינקעל צוגעשלעפּט. דאָרטען האָב איך געפרעגט אַ פאַרבייגעהער אויף דעם האָטעל, אין וועלכען מיין אידענע האָט מיר מודיע געווען, אַז זי געפינט זיך. דער פאַרבייגעהער האָט מיר געהייסען אָפּגעהן אַ זעקס בלאָק אָדער אויב איך וויל קאָן איך פאָהרען — די ברירה האָט ער מיר געגעבען. נאָר אַז דאָרטען געפינט זיך דער

האָטעל, אויף וועלכען איך האָב מיך נאָכגעפרעגט — דאָס האָט ער מיך פאַרזיכערט.

איך האָב אויסגעקליבען דאָס ערשטע און געטאָן ווי המן איוואַן איוואַנאָוויטש האָט געהייסען: איך בין געגאַנגען ברגלים. איך האָב אַזוי געטאָן מחמת איך האָב ניט גע־וואוסט, אַז דאָרטען איז אַ בלאָק לאַנג ווי דאָס אידישע גלות, און הויבט זיך אָן אין הודו און לאָזט זיך אויס אין קיש. אָבער געהן איז געווען אוממעגליך, מחמת די מענשען־מאַסע אויפ'ן וועג איז געווען זעהר געדיכט. האָט מען זיך געמוזט שטופען. איך האָב געשטופט אַנדערע, אַנדערע האָבען מיך געשטופט. איך האָב געבוכטשעט זייטען, געטראָטען אויף מאַזאָליעס. אַנדערע האָבען מיך נאָך ווענינער געשאַנעוועט. אַזוי בין איך אין האָטעל ווי פון אַ שלאַכט־פעלד ניט אָנגע־קומען, נאָר כמעט אַריינגעפאַלען. על פי נס האָב איך אַ ניט־פאַרנומענעם שטול געטראָפען, אין וועלכען איך האָב מיין מידען קערפער אַריינגעוואָרפען.

אויפצוזוכען מיין אידענע — וועגען דעם האָב איך נאָר געטראַכט, אָבער ניט געקענט, מחמת די פילע מענער גע־מישט מיט פרויען, יונגע און אַלטע, הויכע און נידעריגע, פעטע און מאָגערע און פון אַלערליי קאָלירען און שאַטי־רונגען, האָבען אָנגעפילט די לאַבי. איך האָב גערעכענט אַלס אַ נס דאָס, וואָס זיי שטופען ניט פאַנאַנדער די הילצער־נע ווענט, און וואָס די פאָדלאָגע האַלט אויס זייער געוויכט און זינקט ניט אונטער זייערע פיס. דער רעש, געטומעל, קאָכעניש און זידלעריי אויף אַלערליי לשונות און אַקצענטען —האָט געגרייכט עד לב השמים. נאָר פון וואָס און איבער וואָס זיי האָבען גערעדט, געפילדערט און געליאַרעמט, בין איך צופעליג געוואויר געוואָרען פון אַ אידיש שרייבערל. איך רוף אים „שרייבערל", ווייל איך האָב מיך דערוואוסט, אַז ער איז אַ קטן שבקטנים.

זיצענדיג נעבען איהם, האָב איך איהם אַ פרעג געטאָן און אויך געבעטען, אויב ער ווייסט און וויל, זאָל ער מיר

ערקלערען די אורזאַכע פון זייערע קולות.

— וואָס-זשע, איהר ווייסט גאָר ניט מכח וואָס עס האַנדעלט זיך דאָ? — האָט ער מיך אַ פאַרוואונדערטער געפרעגט.

— ניין, — האָב איך איהם ערנסט געענטפערט.

— וואָס-זשע, איהר ווילט מיר איינריידען, אַז איהר ווייסט ניט ווער האָט טעדי, פּאַפּירום און פייער-איטער איז, און זייערע מעלות, וועלכע מען דערמאָנט אַזוי אָפט, זיינען אייך אומבאַקאַנט? — האָט ער מיך מיט אַ סאַרקאַסטישער מינע און מעשה-חוזק איבערגעפרעגט.

— אדרבא, זאָגט מיר, ווער זיינען זיי, צדיקים, גאונים, דיפּלאָמאַטען אָדער וועלט-באַרימטע פּערזענליכקייטען, פון וועלכע איך האָב נאָך ביז איצט ניט געהערט? — האָב איך איהם געבעטען.

— איהר זענט אַ גרינע חיה! — האָט ער אַרויסגע-פּלאַצט מיט אַ הילכיגען געלעכטער. און אַז ער האָט זיך פון מיר גוט אויסגעלאַכט און טרעהרען פון זיינע אויגען אויסגעווישט, האָט ער זיך אויף מיר מרחם געווען און מיר דעם גאַנצען ענין ערקלערט.

און אַזוי אַרום בין איך געוואויר געוואָרען, אַז אין סאַראַטאָגאַ איז אַ חוץ פילע קוואַלען אויך פאַראַן האָרס-רייסעס, און די געהויבענע נעמען וואָס איך האָב געהערט אָנרופען זיינען גאָר פון פיער-פיסיגע באַשעפענישען, פערד רחמנא לצלן, און די אַלע מענער און פרויען וועלכע פילען אָן די האָטעלען, באָרדינג-הייזער און די גאַסען, זיינען ניט אַלע אַהער געקומען אויסצוקורירען זייערע פאַרדאָרבענע און איבערגעפרעסענע מאַגענס, נאָר זיי זיינען אַהער געקומען מארבע פנות אמעריקע ווי׳קענעדע, מחמת ס׳איז זמן רייסעס, און זיי וועטען אויף די פערד, אין וועמעס כח עס ליגט דער כח און דער רצון צו באַשטימען מי יעני ומי יעשר. דאָס שרייבערל האָט מיך פאַרזיכערט, אַז ניט אַ קליינער טייל פון זיי וועט בקרוב אַהיימפאָהרען, אויב זיי וועלען האָבען אויף

הוצאות, און אויב ניט וועלען זיי טאָן ווי המן איוואַנאָוויטש האָט געהייסען — געהן ברגלים.

ווער ווייסט ווי לאַנג ער וואָלט מיר נאָך דערצעהלט פון דעם דאָזיגען ענין (וואָרים די קליינע שרייבערלעך, מוזט איהר וויסען, זיינען פון די גרויסע טשאַיניק-האַקערס), נאָר צום גליק האָט אָנגעהויבען קלינגען און באַראַבאָנען. דאָס איז געווען אַ סימן, אַז די הערינג, ציבעלעס און די סמעטענע מיט די פליגען שטעהען פאַרטיג איינגעשלונגען צו ווערען.

צום רעש און טומעל בשעת אכילה בין איך שוין אַ ביסעל צוגעוואוינט געוואָרען. אָבער די מוזיק ליגט מיר נאָך היינט אין די ביינער. יעדער קלאַנג פונ׳ם טרומפייטער און יעדער באַראַבאַן פון דעם קעסעל-פויק האָט מיר ממש מיין קאָפּ געלעכערט.

צומאָרגענס האָב איך צו מיין ווייב אַ זאָג געטאָן:

— הערסטו, טייערינקע, אויב דו וואָלסט אויף מיר קיין פאַראיבעל ניט האָבען, וואָלט איך שוין אַוועק צום טריין און פון דאַנען מיט אַ שנעל-צוג אַהיים געפאָהרען.

— ניין, דאָס וואָלט איך דיך ניט געהייסען טאָן, — האָט זי מיר מיט אַ שמייכעל געזאָגט.

— פאַרוואָס עפּעס ניט? — האָב איך מיט פאַרשענדע בליקען איבערגעפרעגט.

— ווייל פאַר דיר וועט זיך לוינען דאָ צו בלייבען נאָך אַ פּאָר טעג. אַט אַשטייגער דו האָסט אַזוי פיל מוזעאומס און טיר-גערטנער באַזוכט דאָ און אין יוראָפּ און ווער ווייסט וואו נאָך ערגעץ אויף דער וועלט, און דאָך האָסטו נאָך ניט געזעהן און ניט געהערט, וואָס דו קאָנסט דאָ זעהן און הערען, און ס׳זאָל דיך, אַ חוץ אַביסעל געלד, גאָר ניט קאָסטען.

איך האָב איהר עצה טובה געפאָלגט און טאַקע ניט חרטה געהאַט. איך בין אַריין אין עס-צימער. אַ וויימער האָט מיר אָפּגעגעבען אַ ברייטען גוד-מאָרנינג, אונטערגע-

רוקט אַ שטול און געבראַכט אַ פּאָר אייער, וועלכע איך האָב איהם באַלד געהייסען צורעקנעמען, מחמת די צייט פון פרישקייט איז שוין ביי זיי לאַנג געווען פאַרביי. האָט ער מיר געבראַכט סמעטענע, האָב איך איהם ווידער מטריח געווען און געבעטען און איהם אפילו אַ טיפּ צוגעזאָגט, אַז ער זאָל מיר ברענגען די סמעטענע באַזונדער און די פּלי־גען אויך באַזונדער. צונויפמישען וועל איך שוין אַליין... ס'הייסט, אויב איך וועל ווען.

זיך אָפּגעפאַרטיגט מיט'ן ברעקפעסט (פרישטיק) און מיט די פליגלען, האָב איך מיך אויפ'ן פּאָרטש (וועראַנדע) פאַרקליבען. און ווי נאָר איך האָב באַוויזען זיך אַוועקצו־זעצען, האָב איך דער'פיהלט, אַז דער פּאָרטש טרייסעלט זיך, ווי פון אַן ערד־ציטערניש. די סיבה דערפון איז מיר באַלד קלאָר געוואָרען, מחמת אויפ'ן פּאָרטש האָט זיך באַוויזען אַ באַשעפעניש מיט אַ גרויסען קאָפּ, אויף וועלכען עס האָט זיך געפונען אַביסעל שיטער'ע ניט־פאַרקאַמטע געבאַבטע האָר, וועלכע האָבען געזאָלט אַ היבשען פליך צודעקען, נאָר זיי האָבען עס ניט געטאָן. איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז אַ היפּאָפּאָטאַמוס. דאָס באַשעפעניש האָט זיך אין אַ ראַקער (שאָקעל־שטול) אַריינגעקוועטשט. דער ראַקער האָט אונ־טער דער מאַסע שטאַרק געקרעכצט. באַלד האָט זיך אַ צווייטער פאַרשוין באַוויזען. דער דאָזיגער פאַרשוין האָט גיכער געהאַט דעם אָנבליק פון אַ הונדערט־גאַלאָנדיגען פאַס ווי פון אַ מענשליך וועזען.

— העלאָ ! — האָט דער פאַרשוין אַרויסגעברומט. — וואָס טוט איהר דאָ, מיסעס קנאָבעלפלאַנץ, און ווען זייט איהר געקומען ? וואָס־זשע איהר זע'נט ניט געפאָהרען אין די קעטסקיל מאַונטעינס ? אייך האָט אויך דער דאָקטאָר געהייסען פאָהרען אין סאַראַטאָגאַ ספּרינגס ?

— זאָלען זיי אַזוי וויסען פון זייער נאָמען און וואוהין זיי וועלען אַהינקומען, ווי זיי ווייסען פון ע'פּעס צו זאָגען. אַ קרענק ווייסען זיי אַלע. אָט, איינעם האָב איך אַ פינפער

און איינעם אַ צענערעל באַצאָלט, און נאָך איינער רופט זיך פּראָפעסאָר, משטיינסגעזאָגט, האָט ער זיך אַ גאַנצען פינף־און־צוואנציגער אָנגעמאָסטען — און נאָט אייך אַ פּעטרישקע פאַר אָט־די אַלע דאָקטוירים.

— וואָס־זשע דער נומער דריי און די מילינערי־בעדער האָבען אייך ניט געהאָלפען? — האָט איהר דער צווייטער פּאַרשוין געפרעגט מיט אַ קול, וועלכעס האָט אָפּגעקלונגען ווי ס׳וואָלט פון אַ ליידיג פאַס אַרויסגעקומען.

— זאָלען אַזוי אַלע דאָקטוירים געהאָלפען ווערען פון גאָט, ווי איך בין געהאָלפען געוואָרען!

— אדרבא, זאָגט מיר, מיסעס שמאַלצפאַס, וואָס האָט אייך דער דאָקטאָר געזאָגט, וואָס איז אייער חולאת, און וואָס פאַר אַ וואַסער האָט ער אייך געהייסען טרינקען, און וואָסערע בעדער האָט ער אייך געהייסען נעמען? — האָט איהר מיסעס קנאָבעלפלאַנץ ווייטער געפרעגט.

— כמעט אַלע דאָקטוירים האָבען מיר געזאָגט, אַז איך האָב דייעביטיס, אַביסעל צוקער, און האַי־בלאַד־פּרעשור, און מיין מאָגען איז אויך ניט אַיי, אַיי, אַיי. האָבען זיי מיך געהייסען טרינקען נומער „וואָן" און קאַקירייזע (קייהיזע) וואַסער, און איך זאָל נעמען שויפער (סאָלפער) בעדער, און מיר פאַרזאָגט למאַנעשעם (למען השם), איך זאָל זיך אָפּ־היטען פון אַ סך עסען, און דאָס ביסעלע זאָל אויך זיין לייכטע מאכלים, — האָט איהר מיסעס שמאַלצפאַס מיט אַ תמימות׳דיגער מינע איבערגעגעבען.

— אוי וועה! — האָט מיסעס קנאָבעלפלאַנץ אויסגעשריען, — ביי דאָקטוירים, זאָגט איהר, זענט איהר געוועזען, ביי שוסטערס, פאַרטאַטשעס, לאַטוטניקעס זענט איהר געוועזן! וואו האָט מען נאָך געהערט אין דער גאַנצער וועלט, אַז אַ רעכטער דאָקטאָר זאָל צו דייעביטיס הייסען טרינקען קאַקעריזע וואַסער און צו האַי־בלאַד־פּרעשור נעמען שויפער־בעדער. און אייער מאָגען געדענק איך דאָך נאָך פון די קעטסקילס, ווי איהר פלעגט ליידען. איהר זאָלט זיי חלילה

למאַנעשעם ניט פאַלגען. זיי וועלען אייך אומגליקליך מאַ־כען. זיי וועלען פון אייך אַ צעבראָכענעם שאַרבען מאַכען, די רויבערס, די גזלנים. אַט, זעהט איהר, מיסעס פעטבויך — איהר געדענקט זי דאָך אודאי פון די קעטסקיל מאַונ־טעינס — זי האָט אויך האַי־בלאַד־פּרעשור און פלעגט זיך תמיד קלאָגען אויף׳ן מאָגען. זי איז געווען ביי אַ דאָקטאָר, אָבער שוין איינמאָל אַ דאָקטאָר! ער האָט איהר געהייסען טרינקען לינקען (לינקאָלן) וואסער נומער וואַן, טו, טהרי, און קאַקערייזע האָט ער איהר פאַרזאָגט, אַזוי ווי סם, אין מויל אַריין ניט צו נעמען, און פון שויפער־בעטהס (סאָלפער בעדער) זאָל זי זיך היטען ווי פון פייער. און מכח דעם מאָגען האָבען אפנים אַלע דאָקטוירים איין רפואה. ווענען ס׳העלפט? היט איך מיך עפּעס ווייניג אָפּ? און אַ סך עם איך, משטיינס געזאָגט, — האָט מיסעס קנאָבעלפלאָנץ אונטערגעכאַפּט.

אין יענעם טאָג, וועלכער איז געווען זעהר אַ הייסער, און ניט איך און ניט מיין אידענע האָבען געהאַט אַפּעטיט און ניט געקענט עסען, האָב איך באַמערקט, אַז דער ווייטער האָט אונזערע היבשע פּאָרציעס שפּייז מוסיף געווען צו די צוויי פאַרשוינען, וועלכע זיינען ניט ווייט פון אונז ביי איין טיש געזעסען. איך האָב דעם ווייטער בסוד אַ פרעג געטאָן מכח זייער אַפּעטיט.

— פרעגט גאָרניט, מיסטער. אויב איך וואָלט אַלע מאכלים פון קיטשען און אפילו דעם גאַרבעדזש (אָפּפאַל) פאַר זיי אָוועקשטעלען, בין איך זיכער, אַז זיי וואָלטען אַלעם אין זייערע קראַנקע מאָגענס אַריינגעפּאַקט, — האָט ער מיר אויך בסוד געענטפערט.

# אויף אַ פּרעמדער חתונה

איהם האָט מען גערופען זיידע און זי באָבע. און דער זיידע מיט דער באָבע האָבען געוואוינט אין אַ רום מיט אַ בעדרום אויפ׳ן טאָפּ-פלאָר פון אַ זעקס-שטאָקיגער געביידע אויף אַטוירני סטריט. און אַזוי ווי עס איז זיי געווען אַביסעל צו-גראַם, ניט אַזוי אין זייערע קליינע ענגע שטיבלעך ווי אין זייערע קעשענעס, דערפאַר טאַקע האָבען זיי געהאַלטען אַ באָרדער אויך. דעם עול הפּרנסה האָבען זיי ביידע געטראָגען, נאָר דעם גרעסטען טייל האָט זי, די באָבע, געטראָגען. אַ חוץ וואָס זי פלעגט האַנדלען מיט שוועבעלעך און ליכט לכבוד שבת, איז זי אויך געווען אַ שפּרעכערקע, אַ בליי-גיסערקע און אַ קוילען-לעשערקע, און, ס׳זאָל זיך ניט טרעפען, צו אַ מת פלעגט מען זי אויך רופען. און ער, דער זיידע, האָט געהאַט זיינע פּרנסות: אַ יעהרליכער קדיש-זאָגער פאַר אַזעלכע קינדער וואָס האָבען ניט געקענט אָדער ניט געוואָלט, אָדער סתם זיך געפוילט צו זאָגען קדיש נאָך זייערע טאַטע-מאַמעס, צו אַ מנין ביי אבלים און אַ מת צו היטען האָט מען אויך דעם זיידען גערופען, און פאַר דעם אַלעמען האָט מען איהם חלילה ניט אומזיסט מטריח געווען. און פון זייערע ביידענס פאַרדינסטען און אין זכות פון די פאַר דאָלאַר פונ׳ם באָרדער האָבען זיי זיך קוים-קוים דורכגעשלאָגען.

קיינע קרובים אָדער קינדער האָבען זיי דאָ אין אַמעריקע ניט געהאַט, נאָר אין דער היים, אין דעם קליינעם שטעטעל, פון וואַנען זיי זיינען אַהער געקומען, האָבען זיי געהאַט אַ פאַרהייראַטע טאָכטער, באַפאַלען מיט אַ האַלבען טוץ קינדערלעך, קיין עין-הרע, און אַ קנאַפּע נגידות.

די דאָזיגע טאָכטער האָט שוין געהאַט אַ דערוואַקסענע בתולה, וועלכע איז שוין לאַנג ראוי געווען לחופּה און זי איז דוקא געווען ניט קיין מיאוסע, נאָר קיין שידוך האָט זיך ניט געמאַכט.

און די הויפט-שולדיגע דערין זיינען געווען דער זיידע מיט דער באָבען. מחמת אין און אַרום דעם שטעטעל האָבען אַלע חתנים געוואוסט, אַז זי האָט אַ זיידען און אַ באָבען אין אַמעריקע, און ווער אין אַמעריקע פאַרמאָגט עס ניט כאָטש עטליכע הונדערט דאָלאַר. לכן, האָבען זיך אַלע חתנים געהייסען געבען נדן. און קיין נדן איז ניט געווען. האָבען טאַטע-מאַמע געטאָן כל התפעלות: מען האָט פאַרקויפט די רויטע קוה און אָנגעליהען און אָנגעבאָרגט און געשיקט יענטע סאָסע'ן קיין אַמעריקע. אין אַמעריקע, זיינען זיי געווען זיכער, איז אַזאַ שעהן מיידעל ווי זייער טאָכטער איז, גאָר ניט בנמצא. לכן, וועלען זיך די אַמעריקאַנער בחורים, די מיליאָנשטשיקעס, איבער איהר ממש שלאָגען. נו, דאַרף זיך מאַכען, מעשה שטן, אַז אין יענעם טאָג, וואָס יענטע סאָסע איז אָנגעקומען קיין אַמעריקע, איז געווען זעהר אַ ביזי טאָג אין וואָל סטריט, און די מיליאָנשטשיקעס האָבען קיין צייט ניט געהאַט אָפצוואַרטען די שיף און אויסצוכאַפּען די גרינע מיידלעך פאַר כלות. אַזוי זיינען די מיידלעך געבליבען ניט אויסגעכאַפּטע, און יענטע סאָסע צווישען זיי.

אָבער קיין ניט-אויסגעכאַפּטע איז זי ניט געבליבען, מחמת איטשע-בער דער קני-פּענטס אפּערייטאָר, דוקא ניט קיין מיליאָנשטשיק, האָט זיך מיט איהר שטאַרק אינטערעסירט. זי איז איהם געפעלען און ער איהר אויך, און מען האָט גענומען „אויסגעהן", ניט חלילה פון הונגער, נאָר סתם אַזוי ווי אַלע פאַרליבטע פאָרלעך, כדת וכדין ב'אַמעריקע.

איין טאָג קומען חתן-כלה צו דער באָבען מיט'ן זיידען און דערלאַנגען זיי אַ וואַזשנעם בילעט, אויף וועלכען ס'איז געווען מיט גאָלדענע אותיות אָנגעשריבען, אַז אין אַ געוויסען טאָג וועט געפּראַוועט ווערען זייער חתונה אין קאָסטאָריע האָל. די חתן-כלה, מים זשאַנעט פינטשעק און מיסטער בערנאַרד רייכמאַן, האָבען דעם זיידען מיט דער באָבען מודיע געווען, אַז זיי זאָלען זיך פאָרבאַרייטען און

וואַרטען אויפ'ן קערעדזש, וואָס זיי וועלען פאַר זיי שיקען.

ויהי היום האָבען זיך דאָס אַלטע פּאָר־פאָלק אויסגע־פוצט ממש אין עסיג און אין האָניג און געוואַרט אויפ'ן קע־רעדזש און יעדע ווײַלע האָט זי, שיינע פייגע די באָבע, געפרעגט איהם שאַיע געצלען דעם זיידען, אויב דער קע־רעדזש איז שוין דאָ. און אַזוי האָט דער זיידע געהאַלטען אין איין געהן צו און פונ'ם פענסטער.

פאָהרענדיג, טוט די באָבע אַ זאָג צום זיידען:

— וואָס עפּעס האַלטען מיר אין איינפאָהרען? יענטע סאָסעלע האָט דאָך אונז געזאָגט, אַז עס איז ניט ווייט פון אונז, ערגעץ אין גאַלענסי סטריט ניט ווייט פון דעבוירע.

— שיינע פייגע, הויבסט שוין אָן מיט דיינע קלאָץ־קשיות? וואָס־זשע, זעהסט ניט, אַז דער מאַן וואָס פירט אונז איז אַליין אויך אַ מחותן? אַז ניט וואָלט ער דאָך ניט געווען אַזוי אויסגעפּוצט אין אַ הויכען קאַפּעלוש און ווייסע הענטשקעס און מיט אַ שפּאַלט אויף זיין במחילות. וואָס־זשע, ער ווייסט ניט וואו די חתונה איז?

זיין תירוץ אויף איהר קשיה האָט זי אָבער ניט צופריי־דען געשטעלט און זי האָט ווייטער געזאָגט:

— שאַיע געציל, עפּעס געפעלט מיר ניט דאָס פאָרקען און פאָרקען. אָט פאָהרט מען גאָר עפּעס איבער אַ וואַסער און אָט זעהט מען שוין באַלד מעהר קיין הייזער ניט אָן.

— שאַ, נאַרישע אידענע! — האָט זיך אויף איהר דער זיידע געבייזערט (און דער זיידע איז געווען אַ כהן אַ בעל־כעסן) מן הסתם פאָהרט ער נעמען דעם חתנ'ס מחותנים און וועט זיי אינאיינעם מיט אונז צו דער חתונה ברענגען.

— ס'זיינען שוין אָבער מעהר קיין הייזער פאַראַנען! וואו וואוינען זיי דען? — האָט די באָבע אַ צעשראָקענע געפרעגט.

— וואָס מיינסטו עפּעס, אַלע אידען וואוינען אין ניו יאָרק? אָט אַשטייגער מיינע טאַטע־מאַמע האָבען געוואוינט

אין ווילנע און דיינע אין קאָוונע — האָט זי דער זיידע גע־טרייסט.

און ווערענד זיי האָבען אַזוי גע'טענה'ט, איז דער קע־רעדזש אַריינגעפאָהרען אין אַ גרויסען טויער און האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַרויסשטייגענדיג, האָבען זיי דערזעהן קברים, צלמים און גלחים. ס'איז זיי ממש פינסטער געוואָרען אין זייערע אויגען. דאָס ערשטע האָבען זיי געזאָגט מיט כונה „שקץ תשקצנו" און אויסגעשפּיגען דריי מאָל, ואחר כך האָט זיך די באָבע גענומען צום זיידען:

— שאַיע געציל, רויבער, גזלן, רוצח! וואָס האָסטו פון מיין לעבען געוואָלט האָבען? וואָס האָסטו מיך פאַר־פירט אויף אַ גוי'אישען צווינטער מיט מצבות, מיט צלמים, אַז פאַרפירען זאָל מען דיך שוין, לאָמיך בעסער שווייגען! זאָג דעם ערל, ער זאָל אונז באַלד צריקפירען! הערסט, שאַיע געציל, וואָס איך זאָג דיר?

— יאָ, איך הער, איך קען אָבער מיט איהם ניט ריידען, —האָט דער זיידע זיך ביי איהר געבעטען.

— וואָס־זשע, ביסט, מיינע שונאים, שטום געוואָרען? ס'האָט דיר חלילה דער לשון אָפּגענומען? — האָט די באָבע ניט געזאָגט, נאָר פשוט געשריען.

— איך קען אָבער פאָרט ניט ריידען מיט'ן גוי — האָט איהר דער זיידע געפּרואווט געבען צו פאַרשטעהן.

אָבער די באָבע האָט פון גאָרניט געוואָלט וויסען:

— למאי פלעגסטו אין דער היים אויפ'ן מאַרק באַלאַקען מיט אַלע גוים, זיי שעלטען און זידלען, און מיט דעם גוי קענסטו קיין צוויי ווערטער ניט אויסריידען? — האָט זיך די באָבע געבייזערט.

— האָרך זיך איין, שיינע פייגע, יענע גוים אין דער היים ריידען טאַקע גוי'איש, אָבער ער רעדט דאָך ענגליש, און דאָס קען איך ניט, — האָט איהר דער זיידע געזאָגט מיט'ן האַרבען וואָרט.

דער איירישער דראַיווער, צוזעהענדיג די סצענע וואָס

ס'קומט פאַר צווישען זיי, און הערענדיג איהר מענה לשון און זיין דרעהעניש מיט'ן גראָבען פינגער, האָט זיך געכאַפּט, אַז ער האָט געמאַכט אַ טעות, איבערהויפּט אַז דער זיידע האָט איהם די חתונה־קאַרד אונטערגערוקט אונטער'ן נאָז און מיט זיין קאַלוואַריער דייטש און טאַטער־ענגלישען לשון איהם געטאַדעלט. און מורא פאַר אַ פּסק פון זיין דירעקטאָר האָט ער אויך געהאַט — האָט ער די פאַרשווינען צוריק אין קערעדזש אַריינגעפּאַקט און זיי גענומען פירען אויפ'ן ריכ־טיגען פּלאַץ, ס'הייסט אַזוי האָט עס געזאָלט זיין.

ווען דער זיידע מיט דער באָבען זיינען אַריינגעקומען אין האָל, איז שוין חתן־כלה געשטאַנען אונטער דער חופּה, אַרומגערינגעלט מיט מחותנים און געסט, צוקוקערס און צו־הערערס. און ווערענד דעם מסדר־קדושינ'ס הויכע טענאָר־שטימע האָט אויסגעקלונגען די לעצטע עטליכע פּסוקים פונ'ם אל מלא רחמים, וואָס ער האָט דער כלה'ס מאַמען געמאַכט, האָט די באָבע אַ משונה'דיגען קוויטש געטאָן און איז אין חלשות געפאַלען. דער זיידע האָט אויך געמאַכט געוואַלדען. אין האָל איז געוואָרען אַ גרויסע סומאַטאָכע, און אַז די כלה האָט זיך אַ צום טויט דערשראָקענע נאָכגע־פרעגט אויף דער געשעהעניש, האָט מען איהר געזאָגט, אַז איהר באָבע מיט'ן זיידען האָבען זיך ערשט אַצינד דער־וואוסט, אַז איהר מאַמע, זייער טאָכטער, איז טויט. דערפאַר האָט איהר באָבע גע'חלש'ט און דער זיידע האָט געמאַכט געוואַלדען.

— אדרבא, ברענגט אַהער מיין זיידען מיט דער באָבען. איך בין אַ בעלן צו זעהן ווי אַזוי אַ טויטער זיידע און אַ טויטע באָבע קוקען אויס.

און אַז מען האָט זיי צו איהר נאָהענט צוגעפירט, האָבען זיי אויסגעפונען, אַז דער ערל האָט זיי ניט נאָר אויף אַ בית־עולם פאַרפירט, נאָר אין אַן אַנדערען האָל און אויף אַ פרעמדער חתונה אויך!

# ער הייסט זי ניט לייענען

כאטש איך בין דעמאלט כמעט א קינד געווען, פון דעסטוועגען געדענק איך עס אזוי, גלייך ווי עס וואלט נעכטען געשעהן. אין דעם קליינעם שטעדטעל, אין וועלכע מיינע עלטערען האבען געוואוינט בשעת די רוסיש-טערקישע מלחמה האט אויסגעבראכען, האט זיך אין אונזער, ווי אין אלע אנדערע שטעדט און שטעדטלאך, דער מלחמה-וואלקען אויפ'ן לויטערען און פרידליכען הימעל באוויזען. די בהלה, וואס איז אין אונזער שטעדטעל געווארען, איז גאר אומ-מעגליך מיט א מויל אדער מיט א פען צו שילדערען. די יללות, יאמערען און קלאגען, וועלכע האבען זיך פון די אידישע און ניט-אידישע הייזער געטראגען, האבען ממש די הימלען געשפאלטען און די הערצער אפילו פון די ניט-געטראפענע אויך אויף שטיקער צוריסען. די טאטעס און זיי-דעס זיינען אין דער אלטער שוהל געלאפען, און זיך צו זייערע כלי-זיין — די תהילים'לאך — גענומען, און מיט גרויס כונה ביי השם יתברך געבעטען אז ער זאל די גזרה מבטל זיין, אום זייערע זיהן, און א סך פון זיי אליין, זאלען ניצול ווערען פון דעם טעם מלחמה און פון נאך ערגערס, רחמנא לצלן. די מאמעס זיינען איינע נאך דער אנדערער מיט יאמערליכע קולות און גוואלדען אין ארון קדוש אריינגע-פאלען. די באבעס זיינען, ניט אנטקעגען נאכט געדאכט, אויפ'ן אלטען בית עולם געגאנגען, און די קברים פון זייערע אבות, און צדיקים און גאונים געריסען, און מיט זייערע קולות און גוואלדען ממש די הימלען געשטורעמט, און ניט אנדערש געוואלט, אז זיי, וועלכע זיינען גרויסע תקיפים ביי השם יתברך, זאלען זיך פאר זייערע אייניקלאך, זיהן און איידעמס משתדל זיין, טאקע ביי איהם אליין, און פועל'ן, אז ער זאל ווייך מאכען דאס שטיינערנע הארץ פונ'ם קייסער און אז די מלחמה-גזירה זאל בטול ווערען. און אין איינוועגס האבען זיי די קברים און דאס פעלד מיט קנויטען אויסגע-

מאַסטען און מיט זיי גרויסע וואַקסענע ליכט פון זייערע נשמות וועגן געמאַכט, און אין שוהל אַוועקגעשטעלט, און געוואַרט אַז דער גרויסער נס זאָל געשעהן. און די בחורים און די יונגע באַלעבעסלאַך זייגען אַרומגעגאַנגען ניט נאָר מיט אַראָפּגעלאָזענע קעפּ, נאָר ממש כמעט גאָר אָהן קעפּ.

נאָר איין מענש אין גאַנצען שטעדטעל האָט זיך צו דער גאַנצער געשעהעניש באַצויגען גלייכגילטיג. איהם איז דער גאַנצער עסק ניט אָנגעגאַנגען, און דאָס איז געווען — ירוחם שמעלקע דער פּרוש. און עס איז אַפּילו קיין חידוש ניט געווען. וואָרים וואָס איז דען איהם יאָ אָנגעגאַנגען? — ניט זומער די היצען און ניט ווינטער די קעלטען. און אַפּילו אַז די שמש'טע האָט זיך פאַרגעסען איהם אַ פּאָר געבאַקטע בולבעס צו געבען, פלעגט ער זיך אויך ווייניג וואָס מצער זיין. דערצו האָט ער געהאַט אַ מיטעל: ער פלעגט פאַסטען. און תעניתים פאַסטען איז ביי איהם געווען איינע פון די גרינגסטע און קלענסטע זאַכען. ווייל וואָס פאַר אַ תענית האָט ער דען אויסגעלאָזען און איהם חלילה ניט מקיים געווען? און אַז די צייט האָט זיך אָנגערוקט, און אָט, אָט דאַרף מען געהן, האָבען די מאַמעס, באָבעס, שוועסטער, כלות און סתם קרובים פון זיך געלאָזט הערען. ערשט דעמאָלט האָט זיך ירוחם שמעלקע דער פּרוש מישב געווען, אַז עס וואָלט אפשר כדאי געווען צו וויסען, וואָס עס איז עפּעס אַזוינס געשעהן, און פאַר וואָס דאָס גאַנצע שטעדטעל געהט כאַדאָראָם און פאַרוואָס אַלע זיינען זיך אַזוי מצער. האָט ער די גרויסע פאַרגעלטע גמרא צוגעמאַכט און זיך אין זיינע ברודיגע לייווענטענע תחתונים, וועלכע ער פלעגט סיי זומער און סיי ווינטער טראָגען, כדי ער זאָל חלילה ניט נכשל ווערען בשעטנז, און מיט זיין היבש לאַנגען און ניט זויבערען טלית קטן און אין זיינע קויטיגע, אויסגע-טראָטענע שקאַרפּעטקעס און אין זיין יאַרמעלקע, וועלכע די עלטער האָט פון שוואַרץ אויף גרין פאַרוואַנדעלט, שמאַלץ און שוויים האָט אויף איהר קיינמאָל ניט געפעהלט, און

מחמת זי איז ביי איהם אַ מתנה געווען, איז זי טאַקע דער־פאַר ביי איהם אויפ'ן שפּיץ קאָפּ געזעסען, — און אין דעם טואַלעט האָט ער איבערן' שטעדטעל, פאַמעלאַך, ווי זיין שטייגער איז געווען, קיין מאָל זיך ניט צו איילען, אַ שפּאַציר געטאָן. ער האָט אָפּגעשטעלט אַן עדה אידען, וועלכע זיינען פון אַלטען בית המדרש געגאַנגען, און זיך ביי זיי מכח דער געשעהעניש גענומען נאָכפרעגען.

— וואָס זשע, רב ירחום שמעלקע, איהר ווייסט גאָר ניט פון דעם, וואָס עס איז געשעהן ?

— וואָס פאַר אַן אומגליק ? — האָט ער מיט געציילטע ווערטער פאַמעלאַך געפרעגט.

— מאָביליזאַציע ! — האָבען איהם עטליכע מיט אַמאָל געענטפערט.

— מאָביליזאַציע, מאָביליזאַציע... וואָס איז דאָס ? אודאי אַ מגפה אויף בהמות אָדער, להבדיל, אויף מענשען, רחמנא לצלן ? — האָט ער וויטער געפרעגט.

— ניין, רב ירוחם שמעלקע. דאָס איז ערגער פון אַ מגפה. דאָס איז מלחמה, — האָבען איהם אייניגע גע־ענטפערט.

— מלחמה. אַזוי גאָר ? נו, וואָס זשע אַרט עס אייך, און אַלע אידען, אַז די גוים ווילען צווישען זיך מלחמה האַלטען ?

— יאָ, רב ירוחם שמעלקע, עס וואָלט אונז שוין אפשר ניט געאַרט. זיי רופען אָבער אונז אידען, אַז מיר זאָלען געהן גלייך מיט זיי מלחמה האַלטען.

— און ווער רופט עס עפּעס, וואָס איהר מוזט פאָלגען ?

— האָט ער געוואָלט וויסען.

— וואָס הייסט ווער ? דער קייסער !

— דער קייסער, האַ ? און מיט וועמען וויל ער מלחמה האַלטען ?

— מיט ישמעאל'ן, רב ירוחם שמעלקע.

— און פון וואַנען ווייסט איהר דאָס ? — האָט ער אַ

פאַרוואונדערטער, מיט געצויגענע ווערטער געפרעגט.

— וואָס פרעגט איהר קשיות, רב ירוחם שמעלקע, פון וואַנען מיר ווייסען? וואָס-זשע, איהר זעהט דען ניט די פלאַקאַטען? —און איהם אויף זיי אָנגעוויזען און ערקלעהרט, אַז אויף די פלאַקאַטען איז בפירוש אויפגעשריבען, אַז אַלע בחורים און אַפילו באַלעבאַטים, אין עלטער פון אַכצעהן ביז פערציג יאָהר, מוזען זיך מעלדען פאַר סאָלדאַטען, און דאָס מיינט אויף מלחמה געהן.

— אַצינד ווייסט איהר שוין, רב ירוחם שמעלקע? — האָט איינער פון זיי געפרעגט.

— ניין, איך וויים נאָך אַלץ ניט. וואָרים פון וואַנען קומט איהר צו וויסען, וואָס אויף די פלאַקאַטען איז אויפגעשריבען? — האָט ער זיי מיט אַ גמרא ניגון איבערגעפרעגט.

— סטייטש, רב ירחום שמעלקע, מיר האָבען איבערגעלייענט.

— אַזוי גאָר, שוטים, טפשים, וואָס איהר זיינט, ווער הייסט אייך לייענען?...

## אַ צווייטען מאָל קויפט ער ניט

אַ גלח מיט אַ דיאַקאָן זיינען פון אַ לויה געגאַנגען, און פאַרבייגעהענדיג אַ אידישע אכסניה האָט דער גלח געזעהן, ווי אַ איד איז פון אַ פערד און וועגעלע אויסגעשטיגען און אין דער אכסינה אַריינגעגאַנגען. דער גלח איז נעהענטער צום געשפאַן צוגעגאַנגען און דאָס פערד, וועלכעס איז איהם זעהר געפעהלען געוואָרען, גוט באַטראַכט. ער האָט זיך לאַנג ניט גע'ישוב'ט, דאָס פערד אויסגעשפאַנט און געהייסען זיין דיאַקאָן אַהיים פאָהרען, און ער אַליין איז מיט זיין גאַנצען גלח'שען יוניפאָרם אַריינגעקראָכען און זיך אין די פערדישע מכשירים במקום פערד איינגעשפאַנט,

און אַפּליו ניט פאַרגעסען די טאָרבע מיט האָבער אויף זיין האַלז, מעשה פערד, זיך אָנצוהענגען.

ווען דער איד איז פון דער אכסניה אַרויסגעקומען און האָט דאָס דערזעהן, איז ער אַ דערשראָקענער, אַ פאַר־ציטערטער געוואָרען, און איז שיעור אין חלשות געפאַלען.

— באַלעבאָס לעבען, פאַרוואָס האָט איהר זיך פאַר מיר אַזוי דערשראָקען? איך בין דאָך אייער געטרייער און געהאָרכזאַמער פערד. — האָט איהם דער גלח מיט אַ האַרצ־רייסענדער שטימע געזאָגט.

— איך זעה, אַז דו ביסט דאָך גאָר אַ גלח! — האָט איהם דער איד, שטאַמלענדיג און מיט פחד געזאָגט.

— אמת, באַלעבאָס לעבען, איך בין טאַקע אַמאָל אַ גלח געווען. נו, האָט מיך די סטרא אחרא פונ׳ם דרך הישר אַראָפּגעפיהרט און איך האָב מיך שטאַרק פאַרזינדיגט. לכן בין איך אין אַ פערד מגולגל געוואָרען, און דו, באַלעבאָס לעבען, האָסט מיך געקויפט. און כאָטש מיין טערמין איז אויסגעגאַנגען, און איך בין צוריק אַ גלח געוואָרען, דאָך — וויל דו האָסט מיך, אַפילו אַ פערד, אַזוי גוט און ברחמנות׳־דיג באַהאַנדעלט, לכן בין איך מוכן ומזומן דיך ווייטער צו דינען, און מיין פערדיש אַרבייט בתמימות צו טאָן.

— אמת טאַקע, פאָטערל, פון דיין זייט איז עס טאַקע זעהר יושר׳דיג, אָבער ווי קאָן אַ איד דיך, אַ גלח, במקום פערד נוצען? ערשטענס האָסטו דאָך שוין די פערדישע גבורה פאַרלאָרען, און מיט קיין היי און האָבער וועסטו זיך שוין מעהר ניט צופרידענשטעלען. און היינט אַחוץ אַלעס, ווילען מיך דאָך דיינע גויים פשוט הרג׳ענען, און דאָס וויל איך ניט. און דיך סתם פאַר אַ צאַצקע האַלטען, און דיך קאָרמען מיט מענשליכע מאכלים, איז פאַר מיר קיין תכלית ניט. לכן לוינט זיך מיר שוין בעסער מיט דיר זיך צו גע־זעגענען.

דער איד, אַ סוחר, האָט זיך אָבער אָהן אַ פערד ניט געקענט באַגעהן. איז ער אויף אַ יריד געפאָהרען זיך אַ

פערד צו קויפען, און צווישען אַלע פערד וואָס ער האָט דאָרטען געזעהן און געהאַנדעלט, איז איהם איינס פון זיי, מעהר ווי די אַנדערע געפעהלען געוואָרען, מחמת עס האָט אויסגעזעהן כמעט ווי זיין פריהערדיגער פערד, דער גלח. און ווערענד ער האָט איהם געהאַלטען אין באַקוקען און באַטאַפּען האָט ער ביי איהם דערזעהן אַ בראָדעווקע אונטער'ן לינקען אויער. האָט ער חשד באַקומען, און אום צו זיין זיכער אַז ער האָט קיין טעות ניט געמאַכט, האָט ער איהם אַ רוף געטאָן: „קראַסאַוועץ!" דער פערד האָט זיך צו איהם אַ לאָז געטאָן, און זיך מעשה פערד צוהירזשעט.

— העי, פאַטערעל, פאַטערעל, האָסט שוין ווידער חוטא געווען? האָסט זיך שוין ווידער פונ'ם שטן געלאָזט פאַרפירען? ביסט שוין ווידער אַ פערד געוואָרען? אָבער דיך נאָך אַמאָל קויפען — דאָס בשום אופן ניט!

## אַזוי פּאָדערט די נאַטור

מיד און אויסגעמאַטערט פון אַ שווערען טאָג אַרבייט בין איך דעמאָלט געווען. די אומדערטרעגליכע היץ און דושנעקייט האָט מיר יענעם טאָג מעהר ווי אַלע מאָל שטאַרק דערקוטשעט. און דערפאַר טאַקע בין איך אין יענעם אָוונט צום אַהיימפאָהרען, ווייל איך האָב געוואוינט ווי אַלע אַרבייטער וואוינען היינט, וויט אַפּ-טאַון, אַזש אין דער בראָנקס. און אַהיים צו פאָהרען פון דעם שאַפּ, אין וועלכען איך האָב געאַרבייט און איז געווען אין סאַמע דאַון-טאַון, האָב איך צוויי ברירות געהאַט: אָדער מיט'ן סאַבוועי (אונטערערדישע באַהן), אין וועלכע מען באַדאַרף עטליכע טיפע טרעפּ אַרונטערקלעטערען, און קומענדיג צום סטיישאָן, פון וועלכען איך האָב נאָך אַ זעקס בלאָק אַוועק געוואוינט און געמוזט טאָן ווי המן איוואַנאַוויטש האָט געהייסען — געהן ברגלים, און חוץ לזה צוויי מאָל אַזוי פיל טרעפּען אַרויפקלעטערען פונ'ם סטיישאָן; אָדער מיט'ן עלעווייטעד, צו

וועלכען מען האָט באַדאַרפט אַרויפקלעטערן עטליכע טוצען טרעפ, און קומענדיג צו מיין סטיישאָן, כפל־כפלים אַרונטערקלעטערן און פון דאָרטען דעם זעלבען שפּאַציר מאַכען. אָהן דעם האָב איך מיך ניט געקענט באַגעהן. לכן, האָב איך מיך טאַקע געישוב׳ט, וואָס צו טאָן. נאָר אַזוי ווי איך האָב דאָך געוואוסט, אַז צעדריקט און געשטיקט און אָנגעבוכטשעטע זייטען און אָפּגעטרעטענע מאַזאָליעס וועל איך קריגען אויף איין פּלאַץ ניט חלילה וויניגער ווי אויפ׳ן צווייטען, איז געבליבען ביי מיר יענעם אָווענט, אַז איך זאָל אַרויפקריכען די עלעוויטעד טרעפען, מחמת לויפען אָדער אפילו געהן האָב איך פּשוט קיין כח ניט געהאַט, איז, ווי געזאָגט, געבליבען ביי מיר — דער עלעוויטעד, ווייל ביי איהם האָב איך געהאָפט, אַז אַ ווינטעלע וועט זיך אפשר ווען־ניט־ווען אַריינ׳גנב׳ענען דורך די אָפענע פענסטער און וועט מיך אַזוי ווי אַלע פּאָרערם אַביסעל דערפרישען.

וכך היה. איך האָב אָנגעגורט מיינע לענדען, צונויפגענומען מיין לעצט ביסעל כחות און געקראָכען.

אַרויפקומענדיג אויפ׳ן סטיישאָן און דערזעהענדיג די גרויסע מאַסע פּאָהרערס, וועלכע האָבען שוין דאָרטען אַ היבש ביסעל געוואַרט, ניט אויף מיר חלילה, נאָר אויף אַ טרעין, האָב איך מיך באַלד דערוואוסט, אַז מיר וועט שוין ניט זיין סקוטשנע אַהיימצופאָהרען, און נאָך אפשר אַביסעל צו־פרייליך, און דאָס האָט מיר וויניג־וואָס הנאה געטאָן. נאָר אַזוי ווי קיין אַנדער ברירה האָב איך ניט געהאַט און קיין איבעריגע כחות צווייערליי טרעפען אַראָפּ און אַרויף צו קלעטערן איז מיר ניט געבליבען, האָב איך מיך געסטאַרעט מיט מיין גורל שלום צו מאַכען. און אויב איך זאָל אפילו געוועז וועלען חרטה האָבען, האָב איך מעהר ניט געקענט, ווייל די גרויסע מאַסע מיטפּאָהרערס, וועלכע האָבען זיך הינטער מיר אָנגעקליבען, האָבען מיר פּשוט ווי אַ וואַנט דעם צוריק־וועג פאַרשטעלט. נו, האָב איך מיך געטרייסט מיט׳ן געדאַנק, אַז איך וועל ניט זיין דער איינ-

ציגער געדריקט און געשטיקט צו ווערען; און חוץ לזה בין איך דאָך ניט געווען זיכער, אַז דאָרטען אונטער דער ערד האָט אויף מיר עפּעס בעסערס געוואַרט, וואָרים געדריקט און געשטיקט צו ווערען און אָנגעשטורקעטע זייטען און אָפּגעטראָטענע מאַזאָליעס צו קריגען פאַר מיין געלט, האָב איך געוואוסט דאַרף איך, ווייל אַזוי איז דאָך דער רצון פון דער טראַנספּאָרטיישאָן-קאָמפּאַניעס און פון אונזערע שטאָט-טאַטעס. לכן האָב איך מיך געטראַכט, אַז ס'איז שוין בעסער צעדריקט און צעשטיקט צו ווערען אויף דער ערד ווי אונטער דער ערד. האַ, וואָס זאָגט איהר, האָב איך רעכט?

איך האָב שוין אפילו דעריבער אַ סך מאָל גערעדט מיט מיינע חברים אין שאָפּ און מיט מיינע פעטערס אין דער בראָנקס און האָב זיי געזאָגט, אַז ס'וואָלט כדאי געווען, אַז אַלע רבנים זאָלען אַרויסלאָזען קול-קורא'ס צו אַלע בראָנקסער תושבים און זיי מודיע זיין, אַז זיי זאָלען כאָטש אַלע שבת קומען אין די שוהלען ניט נאָר ראש-חודש, נאָר טאַקע אויך גומל בענשען, ווייל השם יתברך האָט זיי מציל געווען בשעת פאַהרעניש און געהעניש.

פיל צו טראַכטען און פילאָזאָפירען איבער מיין נסיעה האָב איך דעמאָלט ניט געהאַט, ווייל איך האָב באַלד דערפיהלט דעם טעם פון שטופעניש, דריקעניש און בוכשעניש.

ענדליך בין איך שוין אַן אויסגעפרעסטער, אַ שטייפער מיט מיינע פיס אויף פרעמדע פיס געשטאַנען. אַז דאָס האָט זיי קיין נחת ניט פאַרשאַפט, האָב איך פון זייערע פנימ'ער און מינעס געלעזען. אויפ'ן סטראַפּ צו הענגען בין איך שוין אַ דריטער צום מזומן געווען, ווייל השם יתברך האָט מיך געבענשט מיט לאַנגע הענט.

דער וואַגאָן האָט זיך געשאָקעלט און איך און מיינע מיטהענגערס וכל הקהל האָבען זיך געשאָקעלט ניט בשעת שמונה עשרה אָדער איבער אַ בלאַט גמרא, ווי איך פלעג

מיך אַמאָל שאָקלען מיט כונה — ניין, סתם זיך געשאָקעלט אָהן שום כונה, אָהן יראת שמים, זיך געשאָקעלט לבטלה, און ניט אַלע צו מזרח, כאָטש עס איז זמן מנחה געווען.

אָט אַשטייגער, איינער פון מיינע סטראַפ־שותפים האָט זיך מורא'דיג געשאָקעלט צו צפון און איינער צו דרום און דער דריטער גאָר צו מערב. פּלוצלונג האָט זיך דער וואַגאָן אַ שאָקעל געטאָן ווי אַ קאַצקער חסיד. אפנים, אַז די כונה פונ'ם איירישען קאָנדוקטאָר איז געווען, אַז מיר אַלע „מתפללים" זאָלען פאַלען כורעים (ער האָט אודאי געמיינט, אַז מיר האַלטען ביי עלינו). נאָר אַזוי ווי קיין פיל פּלאַץ פאַר כורעים ומשתחוים איז ניט געווען, זיינען מיר איינער אויפ'ן אַנדערע מיט אַן אימפּעט אַרויפגעפאַלען און מיר זיינען אַפּגעקומען בלויז מיט אַ היבש ביסעל צע'מזיק'ן זיך. פאַר מיין סטראַפ־שותף און פאַר מיר, וועלכע האָבען געהאַט די זכיה אַרויפצופאַלען איינער אויפ'ן צווייטען און באַגעגענען זיך פּנים אל פּנים און נאָז אל נאָז, — איז די דאָזיגע באַגעגעניש געווען זעהר אַ גרויסע איבערראַשונג. ניט נאָר זיינען מיר ניט געווען קיין פרעמדע איינער צום אַנדערען, נאָר פּשוט אייגענע, געקניפּט און געבונדען אין דרייען. אַ חוץ אַ לאַנדסמאַן, ממשפחתי וממולדתי, כאָטש אפילו אַ זעהר וויטער קרוב, און אפשר גאָר קיין קרוב ניט.

אָט למשל, זייט אייך מטריח און רעכענט אויס אונזער קרובה'שאַפט. ער איז מיין שפרינצע גיטעל'ס שוואָגער'ס אַ פלימעניק'ס אַ מחותנ'ס אַ גליד־שוועסטער־קינד פון איהר מאַנ'ס צד, און אַזוי ווי קיינער פון אונז איז נאָך ביז היינט קיין עושר אין אַמעריקע ניט געוואָרען, און דלפנים, לא עליכם, זיינען מיר ביידע גלייכע, לכן לוינט זיך אונז ביידען ניט זיך אָפּצוזאָגען פון קרובה'שאַפט; ועל כולם, ערשט מיט אַ יאָהר צוריק האָב איך מיט מיין שפרינצע גיטלען ביי זיין מוזיניקעל, אַזוי האָט ער דעמאָלט געזאָגט, קוואַטער־שאַפט גענומען.

פאַרשטעהט זיך, אַז קיין ברייטע שלום־עליכמ'ס האָבען

מיר זיך ניט געזשאַלעוועט און זיך נאָכגעפרעגט אויף אונ־
זערע משפּחות און אויף זייער געזונדהייט. און איך וואָלט
זיך שוין געוועזן געפיהלט פאַרגיטיגט פאַר דעם צער נסיעה
און פאַר מיין צעקלאַפּטער נאַז און אָפּגעטרעטענע מאָזאָ־
ליעס, ווען ניט דער פאַרשלאַג פון מיין קרוב שמייע פּייפּיש,
אַז איך זאָל איהם מאַכען אַ באַזוך און ניט אָפּלייגען אויף
אַן אַנדערש מאָל, נאָר טאַקע שוין גלייך מיט איהם ביי זיין
סטיישאַן סטאַפּען און צו איהם אַהיים געהן און זעהן זיין
נייעם אַפּאַרטמענט מיט די וואַזשנע אימפּרואוומענטס, און
זיין נייע אָפּ־טו־דייט פוירניטשור און זיין נייע בייבי גרענד
פּיאַנאַ, און ווי זיין סילווע שפּילט אויף איהר, און מיך פאַר־
זיכערט, אַז עס וועט זיך מיר צעגעהן אין יעדען אבר, און
איך וועל זעהן די גוטע רעפּאָרט־קאַרטען פון זיין טעסעלע׳ן
און בעסקע׳ן און דעם וואַזשנעם גרעדיואיישאָן דיפּלאָם,
וואָס זיין טשאַלי האָט געקראָגען, און זיינע קליינע צוויי
לויפּערלעך, דער צווילינג דזשייקעלע און סעמקע, און אַ חוץ
דעם אַלעם טאַקע מיין זוהן, ביי וועלכען איך בין געוועזן
קוואַטער, און מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבען יונה
לעמעל, נאָך מיין טאַטע׳ן ע״ה.

איך האָב מיך אפילו געזוכט פון זיין אָנבאָט דורך
פאַרשידענע תירוצים צו באַפרייען, איך האָב איהם געבעטען
ער זאָל רחמנות האָבען אויף מיר, וואָרים איך בין מיד און
הונגעריג; איך האָב איהם פּרובירט פאַרזיכערען, אַז זונ־
טאָג וועל איך מיט מיין שפּרינצע גיטלען קומען צו איהם
אויף אַ באַזוך און מיר וועלען אַלע אינאיינעם פאַרברענגען.
עס האָט גאָר ניט געהאָלפען.

— וואָס מיינסטו עפּעס, איך וועל דיך לאָזען שטעהן
אויף די פּיס ווי דאָ? איך האָב אַ טייערע געבעטע קאַנאַפּע,
אויף וועלכע׳ר דער פּרעזידענט פון אַמעריקע מעג זיצען.
אויף איהר וועסטו זיך גוט אויסרוהען. און עסען? וואָס־
זשע, האָסט שוין גאָר פאַרגעסען, ווי דו פלעגסט לעקען די
פינגער פון מיין סימע יענטע׳ס ראָסעל־פליישען און ברוקווע־

צימעסען? נישקשה, וועסט ביי מיר פון הונגער ניט שטאַרבען!

און מיט די דאָזיגע ווערטער האָט ער מיך ממש געגנו־מען שלעפּען. און אַז מיין קרוב האָט זיך פאַר׳עקשנ׳ט, האָט ער שוין זיינס אויסגעפיהרט. איבערהויפּט, אַז ער האָט מיר מיט אַ פאָרוואורף אַ זאָג געטאָן:

— וואָס-זשע, ס׳שטעהט דיר שוין ניט אָן צו קומען צו אונז און זעהן דיין זוהן ווי קלוג ער איז, ווי ער לאַכט, רעדט און געהט — ממש ווי אַן אַלטער, אַ געזונט אין זיין פּופּיק אַריין!

אָט מיט די ווערטער האָט ער מיך מנצח געווען, און מיר זיינען אַוועק פונ׳ם סטיישאַן צופוס אַכט בלאָק ביז זיין וואוינונג אין דעם אַפּאַרטמענט הויז מיט די לייטעסט אימפּרואוומענטס, וואו מיר האָבען געדאַרפט אַרויפקלעטע־רען פינפערליי געדרעהטע טרעפּען.

אַריינקומענדיג אין הויז, אָדער בעסער געזאָגט, אַריינ־פאַלענדיג, מחמת ס׳איז ניט איבעריג לייכט געווען צו קלע־טערען אויף די טרעפּ אַרויף, וואָרים אונזערע פיס האָבען אונז שוין מעהר ניט געדינט, זיינען מיר פּשוט אַריינ־געפאַלען.

סימע יענטע, דערזעהענדיג מיך אומגעריכטערהייט, האָט זיך פאַרשעמט, מחמת די הויפּט-נויטווענדיגע מלבושים, וועלכע האָבען געדאַרפט פאַרדעקען די געוויסע טיילען פון איהר קערפּער, אַז אַ פרעמדער מאַן זאָל זיי ניט זעהן, האָבען אויף איהר געפעהלט. זי האָט מיך מכבד געווען מיט אַ היבשען העלאָו און „האַו דו יו דו“, פאַ אַמעריקאַנסקו, און זיך גענומען פאַרענטפערען פאַר מיר, הלמאי עס איז ניט אויפגערוימט און וועגען איהר טואַלעט, וועלכע איז כמעט גאָר קיין טואַלעט ניט געווען. און איך האָב געזעהן מיט מיין שאַרפען אויג און געפיהלט מיט מיין חוש, אַז מיין קרוב רב שמייע פּיוויש וועט נאָך מיין אַוועקגעהן פון זיין אשה מרת סימע יענטע אַ פאַרציע אַריינקריגען, אַז עס וועט

איהם פינסטער און ביטער ווערען, למאי ער האָט מיך, אָהן זיך ביי איהר אָנצופרעגען, געבראַכט, איבערהויפּט, אַז איך האָב איהר געגעבען אָנצוהערען, אַז ער האָט מיך ממש גע־צוואונגען אַרויפצוקומען.

און דעם אמת געזאָגט, איז טאַקע מיין כומה געווען, אַז ער זאָל פון איהר אַריינקריגען אַ פּאַרציע, און דערויף איז סימע יענטע אַ גרעסערער בריה ווי אויף קאַכען, אָדער ראַמען און שייערען. מיט איהר זידלען זיך, קללה'ן און חרומה'ן האָבען זיך געמעגט אפילו היימישע מאַרק־זיצערקעס בענשען.

איך האָב מיך פאַרקליבען צום אָפענעם פענסטער און שטאַרק פאַרטראַכט. איך האָב כלומר'שט באַוואונדערט די האַלב־צעריסענע מענערשע און ווייבערשע אונטערוועש אויף די וואַש־ליינס און דאָס אָנגעפּאַלענע מיסט און פּייפּער און אַנדערע חפצים, וואָס די שכנים און זייערע קינדערלאַך, זאָלען לעבען, וואַרפען אַן בשוגג אָדער במזיד. דאָס האָב איך געטאָן אומיסטען, כדי צו געבען איהר אַ געלעגענהייט, אַז זי זאָל אין הויז אַביסעל צונויפוואַרפען און זיך אליין אַביסעל אַרומוואַשען. און אַז דערין האָט זי זיך שטאַרק גענוטיגיט, מעגט איהר מיר גלויבען אָהן עדות, און אַ מלבוש אויף זיך אַרויפצוכאַפּען, אום צו צודעקען די טיילען קערפּער, וועלכע איך האָב פריהער ניט געוואָלט און יאָ געזעהן.

מיין קרוב, וועלכער האָט זיך געפיהלט אַ פאַרשולדיג־טער, האָט זיך צו איהר געלאַסטשעט און האָט איהר צוגע־האָלפען. און אַז זיי זיינען פאַרטיג געוואָרען, האָבען זיי זיך צו מיר גענומען, און האָבען מיר אַלעס אין יעדען חדר געוויזען און מיך געמאַכט פאַר אַן אָפּשאַצער. און כאָטש איך פאַרשטעה אַזוי צו שאַצען מעבעל און אַנדערע הויז־חפצים, ווי אַ רעפאָרמירטער ראַבאַי פאַרשטעהט צו פּסק'ע־נען שאלות, דאָך אום זיי צופרידען צו שטעלען, האָב איך מיך צו יעדער זאַך גוט צוגעקוקט, מעשה מבין, און באַ־טראַכט און געזאָגט מבינות און געשאַצט געוויינליך פיל

העכער פונ'ם ריכטיגען ווערט. און זייביידע האָבען זיך געמפעפערט איבער'ן קרעדיט פאַר די גרויסע מציאות וואָס זיי האָבען איינגעהאַנדעלט.

שייקע וועלוועל'ס רעפּאָרט-קאַרדס און זיין גערדיו-איישאַן-פּייפּער האָב איך ניט נאָר געמוזט אָנקוקען, נאָר טאַקע פון א' ביז ת' דורכלעזען. איך האָב מיך כלומר'שט שטאַרק געוואונדערט אויף זיינע גרויסע קענטענישען און האָבען נביאות געזאָגט, אַז ער וואַקסט אַ לאָיער און אפשר גאָר טאַקע אַ דזשאַדזש. און סאָסע ריוועלע'ן פּיאַנע שפּילען האָב איך דאָך אודאי געמוזט אויסהערען און מבינות זאָגען אַזוי, אַז זיי זאָלען נחת האָבען. און צו לעצט איז געקומען, ווי מען זאָגט, די „ביג שאָו": סימע יענטע האָט אַרויסגע-נומען יונה לעמלען פון וויגעלע און איהם איבערגעדייפּערט, מחמת ס'האָבען זיך איהם געשניטען ציינדעלאַך און זיי האָבען איהם גענומען מוטשען. נאָך פיל מאַטערניש איז זיי געלונגען פון דעם נפש'ל אַרויסצוקריגען אַ פּאָר אומפאַר-שטענדליכע קלאַנגען, וועלכע זיי האָבען מיר אויסגעטייטשט אַז דאָס מיינט אויף זיין לשון פּאַפּאַ, מאַמאַ.

— דאָס איז גאָר נישט. וואַרט אָקאָרשט, וועט איהר זעהן ווי ער שפּאַנט און געהט! — האָבען זיי גע'יובל'ט און מיט שטראַלענדע פּנים'ער פון פרייד מיר געזאָגט, און טאַקע באַלד דאָס קליינע נפש'ל אויף זיינע קליינע לעקישע פיסלעך אין מיטען שטוב אויפ'ן קאַרפּעט אַוועקגעשטעלט. טאַטע-מאַמע — מלא שמחה האָבען זיי זייערע אויגען אויף איהם אָנגעשטעלט און דערביי אַלערליי תנועות געמאַכט. און דאָס נפש'ל האָט וואַקלענדיג זיך אַ שפּאַן נאָך אַ שפּאַן געטאָן. און ביי יעדען חשד, אַז ער וועט פאַלען, האָבען זיי איהם אונטערגעכאַפּט. טאַטע-מאַמע האָבען בשעת-מעשה יובל'ענדיגע קולות פון זיך געלאָזט הערען, און איך אַלס צוקוקער האָב באַגריפען, אַז זייער פרייד און גייסטיגער פאַרגעניגען איז קיין מענש ניט בכח איבערצוגעבען אַ צווייטען. ניט דער מאַלער מיט זיין פּענזעל, ניט דער

סקולפּטאָר מיט זיין דלאָטע און ניט דער שרייבער מיט זיין פּען און אויך ניט דער אָראַטאָר, — קיינער קען דאָס ניט שילדערען. נאָר אויף מיר האָט די סצענע אומווילליג אַ טרויעריגען איינדרוק געמאַכט. אַנשטאָט זיך צו פרעהען, זעהענדיג ווי דאָס קליינע נפש'ל וועט באַלד ריידען, געהן און אַ פּאָלקאָמענער מענש ווערען, איז מיר גאָר אַ פראַגע אין מיין מוח אויפגעשוואומען: אָט די טאַטע־מאַמע, וועלכע שטעהען ביי איהם רעכטס און לינקס און וואַכען מיט דער גרעסטער אויפמערקזאַמקייט, אַז ער זאָל חלילה ניט פאַלען אָדער זיך וועה טאָן, ווען זיי וועלען אַלט, קראַנק און שוואַך ווערען און וועלען אויף זייערע פיס ניט קענען שטעהן, — וועט דאָס איצטיגע נפש'ל, וועלכעס וועט דעמאָלט שוין אַ פּאָלקאָמענער קרעפטיגער מאַן זיין, וועט ער דעמאָלט שטעהן ביי זייער זייט און מיט דער זעלבער צערטליכקייט איבער זיי וואַכען, אַז זיי זאָלען ניט פאַלען, אַז זיי זאָלען זיך ניט וועה טאָן? ניין, קרוב מיינער, דאָס ניט, דאָס וועט ניט געשעהן! ווייל דעמאָלט וועט איהר שוין האָבען אייער אַרבייט אָפּגעטאָן, און ניט נאָר וועט איהר ניט מעהר זיין נוצליך, נאָר אַ לאַסט אויף די יונגע. ער וועט זיין גוט, ער וועט זיין צערטליך, אָבער ניט צו אייך, נאָר צו זיינע קינדער.

אַזוי פאָדערט די נאַטור!

## דער גלח איז אָהן אַ מצוה און אָהן אַ געשפּאַן געבליבען

אַ בחור איז אויף אונזער שטעטעלשען יריד געקומען אַ גרינג פאַרדינסטעל צו כאַפּען. אַרומקוקענדיג זיך, האָט ער דערזעהן אַ זעהר שעהנע בריטשקע, צו וועלכער עס איז נאָך אַ שענערער פערד געשפּאַנט געווען. אויף דער בריטשקע איז געזעסען אַ גלח מיט זיין גלח'טע און דער איזוואָזטשיק (אַנטרייבער), אַ יונגער שייגעץ, אויך. מילא, דער גלח מיט דער גלח'טע און אפילו דער יונגער שייגעץ

זיינען איהם וויניג וואָס אָנגעגאַנגען, אָבער צום פערד מיט דער בריטשקע האָט ער שטאַרק חשק באַקומען. ער האָט זיך ניט לאַנג גע׳ישוב׳ט און איז צוגעגאַנגען צום גלח און פאַר איהם געקניט און זיינע שטיוועל און די זוימען פון זיין גלח׳ישער קאַפאָטע האָט ער געקושט. דער גלח האָט איהם אַ פאַרוואונדעטער אָנגעקוקט און איהם אַ פרעג געטאָן:

— זאָג נאַר, זונדעלע, דו קוקסט מיר אויס צו זיין אַ זשיד, טאָ ווי קומסטו דאָס צו טאָן?

— אמת, פאַטערעל, גאָט האָט מיך געשטראָפט, איך בין געבוירען געוואָרען ביי זשידעס. איך האָב אָבער אַ גרויסען חשק פון דער זשידאָווסקער סאָבאַטשע עוורעי זיך אַרויסצורייסען און צו דער פּראַוואָסלאַוויע זיך איבערצוגעהן.

דאָס זאָגענדיג, האָט ער זיך מיט אַ פרומער מינע עט־ליכע מאָל איבעגע׳צלמ׳ט. ר

— טאַק כאַראָשאָ, — האָט איהם דער גלח געזאָגט.

— יאָ, פאָטערעל, גיב מיר אַן עצה, וואָס איך זאָל טאָן, — האָט ער זיך ביי איהם געבעטען מיט אַ רחמנות־פּנים.

— וואָס הייסט, וואָס? — האָט איהם דער גלח גע־ענטפערט, — שמד זיך, און פטור.

— הערסט, פאַטערעל, טאַקע מכח דעם בין איך צו דיר געקומען. דאָ אין שטעטעל זיך שמד׳ן איז פאַר מיר אוממעגליך, וויל מיין באַטקע, דער זשידאָק, און די גאַנצע זשידאָווסקע קאַמאַנדע וויסען, אַז איך וויל מיך שמד׳ן, האָבען זיי אונטערגעקויפט דעם גלח און נאַטשאַלסטווא, און מ׳וויל מיך ניט שמד׳ן. אָבער ביי דיר אין דאָרף, וואו קיינער קען מיך ניט, דאַרטען קענסטו זיך די מצוה קויפען און נאָך היינט מיך שמד׳ן.

— יאָ, זונדעלע, איך הער און וועל דיין בקשה נאָך היינט ערפילען. דו קריך אַריין אין בריטשקע, איך וועל דיך מיט היי צודעקען, אַז קיינער זאָל דיך ניט אַרויסזעהן.

דער בחור האָט איהם געפאָלגט, און דער גלח מיט דער

גלח׳טע זייגען אַוועק איינקויפען ליכט, פּאַטשיילעס און נאָך אַנדערע חפצים, וועלכע זייגען נויטיג צו אַזאַ שמחה.

ווי נאָר זיי זייגען וועק, רופט זיך אָן דער בחור צום שייגעץ:

— הער, גאַווריליע, איי וואָלט איך חשק געהאַט צו עסען אַ שטיקעל חזיר-פלייש און פּאַרטרינקען מיט אַביסעל וואָדקע.

— דערויף וואָלט איך אויך אַ בעלן געווען, — האָט איהם דער שייגעץ געענטפערט און געשלונגען די סלונע.

— ווייסטו וואָס, גאַווריליע? נאַ-דיר פופציג קאָפּיקעס און געה קויף קאָלבאַס מיט וואָדקע, און ביז דער פּאַטערעל מיט דער מוטערעל וועלען צוריקקומען, וועלען מיר דערווייל פּראַווען אַ סעודה׳לע.

— כאַראַשאָ! — האָט דער שייגעץ געענטפערט און איז אַוועק.

און דער בחור מיט דעם געשפּאַן איז אויך אַוועק...

## אַ פּסק דין

אַ ישוב׳ניק האָט זיין טאָכטער, אַ בת-יחידה, פאַר׳קנס׳ט פאַר אַ בחור, אַ זוהן פון אַן אַנדער ישוב׳ניק. נאָך תנאים האָבען זיך מחותנים אָפּגעזעגענט, און דער הויפּט מחותן, דער אבי החתן, מיט׳ן חתן אַליין זייגען זיך בשלום אהיים געפאָהרען. חתן-כלה האָבען נאָך זיך שטאַרק גע־בענקט, כאָטש פיל געזעהן זיך און גערעדט האָבען זיי נאָך ניט געהאַט צווישען זיך. האָבען זיי זייערע סודות זייערע מאַמעס מגלה געווען. און אַזוי ווי וויט צו פורים איז ניט געווען, האָבען טאַקע ביידע מחותנת׳טעס אַנגעגורט זייערע לענדען און האָבען וואַזשנע שלח-מנות׳ און סעודות צוגע־גרייט און איינע דער אַנדערער אין איין צייט מודיע געווען און איינע האָט דער אַנדערער דעם כבוד ניט געוואָלט אָפּ־טרעטען, און ס׳האָט שוין ביי מחלוקת געהאַלטען. האָבען

די מענער, די מחותנים, צווישען זיי אַ פּשרה געמאַכט, אַז בכן מען זאָל אין דערבייאיגען שטעטעל צו אַ רב אַריינ־פאָהרען, און ווי דער רב וועט פּסק׳ענען, אַזוי זאָל זיין.

זיי זיינען טאַקע אין דעם נאָהנטסטען שטעטעל אַריינ־געפאָהרען און פאַר׳ן רב זייערע טענות פאָרגעלייגט. ער, דער רב זאָל לעבען, האָט זיך גאָר קיין עצה ניט געקענט געבען, ווי אַזוי דעם פּסק־דין אַרויסצוגעבען. ער טראַכט, אַז אַזוי ווי אונזער מוטער רבקה איז געפאָהרען צו יצחק׳ן, אַזוי איז כדאי די כלה זאָל פאָהרען צום חתן. וואָס־זשע זאָל ער אָבער טאָן מיט יעקב׳ן? ע׳ר איז דאָך גאָר געפאָהרען אָדער אפשר גאָר צופוס געגאַנגען צו רחל׳ען! איז ער טאַקע אין אַ גרויס פאַרלעגענהייט געווען. האָט זיך השם יתברך אויף איהם דערבאַרעמט און האָט איהם אַ מחשבה טובה אין קאָפּ אַריינגעשיקט. ער האָט זיך צו די צוויי ישוב׳־ניקעס מיט אַ גמרא־ניגון אָנגערופען:

— הערט־צו, רבותי! אַזוי ווי עס שטעהט אין אונזער הייליגער תורה „שני גוים בבטנך“, און אַזוי ווי השם יתברך האָט אונז געגעבען די תורה הקדושה אויף צוויי ליחות, און אַזוי ווי אין דער נאַכט פון פסח טינקען מיר איין צוויי מאָל, און אַזוי ווי אונזער פאָטער יעקב האָט געהאַט צוויי ווייבער, רחל׳ען מיט לאה׳ן, ועל כולם אַזוי ווי אין בית־המקדש האָט מען יעדען שבת מקריב געווען צוויי שאָף, און אַזוי ווי ס׳שטעהט אין אונזערע הייליגע ספרים בפירוש געשריבען צוויי מאָל יקום פורקן מן שמיא, — דערפאַר טאַקע איז דער דין, אַז איהר זאָלט צוויי סעודות פּראַווען, איינע ביים חתנ׳ס צד און איינע ביי כלה׳ס צד!

## אַ פאָרשלאַג

איינער מאחינו בני שנאָרערס איז צו אַ סוחר אין זיין קראָם אַריינגעקומען און האָט זיך אָפּגעשטעלט. פרעגט איהם דער קרעמער:

— וואָס ווילט איהר, רב קרוב?
— אַ רובעל! — ענטפערט איהם דער איד.
— וואָס, ס׳קומט אייך ביי מיר אַ רובעל? — פרעגט איהם איבער דער קרעמער שוין אַ פאַרוואונדערטער.
ניין, חלילה! קומען קומט מיר ביי אייך ניט, נאָר איך מיין, אַז איהר זאָלט מיר געבען אַ רובעל, אַזוי פשוט, אַ נדבה.
— הערט אַ חוצפה פון אַ שנאָרער, אַ בעטלער, מיט מיר צו שאַפען זיך, איך זאָל איהם געבען אַ גאַנצען רובעל! וועניגער נעמען לוינט זיך אייך ניט? ס׳קאָסט אייך אפנים אַליין טייערער! — האָט זיך דער קרעמער געבייזערט. — געהט פון דאַנען, ווייל איהר זענט אַזאַ בעל-חוצפה׳ניק און געהאַט די העזה מיר צו דיקטירען וויפיל איך זאָל אייך געבען. טאַקע דערפאַר וועל איך אייך גאָרניט געבען. און פאַשאָל וואָן! — האָט זיך דער קרעמער אויף איהם צעשריען מיט כעס.
— שאַ, שאַ, קאָכט זיך ניט. ס׳קאָן זיין, אַז איך און איהר זאָלען מאַכען אַ שטיקעל מסחר. הערט זיך איין, כאָטש איך אַליין וועל ריזיקירען, ווייל איך פאַרשטעה גאָר ניט אייער געשעפט, אָבער איהר מיין מסחר, זעה איך, פאַרשטעהט גאַנץ גוט. נו, לאָמיר זיך ביימען מיט אונזערע געשעפטען!

## געלאָפען בחברותתה

אַ וואָלאָכישער איד, וועמעס אַ ברודער האָט געוואוינט אין רוסלאַנד, און זיי האָבען זיך שוין איינער דעם צווייטען פון כמה ימים ניט געזעהן, האָט זיך זעהר פאַרבענקט זיין ברודער דעם רוס צו זעהן. און אַזוי ווי קיין פאַספאָרט האָט ער ניט געהאַט, און אַלס אַנטלאָפענער סאָלדאַט ניט געקענט קריגען, האָט ער זיך, ווי דאָס רוב מאחנו בני ישראל, אַן עצה געגעבען: ער האָט די גרעניץ בחצי

הלילה „גע'גנב'עט" און איז צו זיין ברודער כעלות השחר אָנגעקומען.

נאָכ'ן אָנבייסען מאַכט איהם זיין ברודער אַ פאָרשלאַג: בכן, אַזוי ווי ער האָט שוין די שטאָט אַ לאַנגע צייט ניט אָנגעזעהן, זאָל ער, דער וואָלאָכישער, מיט איהם אַ שפּאַציר מאַכען און אַביסעל די שטאָט אָנקוקען.

פרעגט ער איהם אַ קשיה:

— ברודערקע, ווי אַזוי קאָן איך ריזיקירען מיט דיר מיטצוגעהן אָדער גאָר זיך אויף דער ליכטיגער שיין צו ווייזען אָהן אַ פּאַשפּאָרט? וואָס אַשטייגער וועל איך טאָן, אַז אַ פּריסטאַוו, ימח שמו, וועט מיך אָפּשטעלען און מיך אַ פרעג טאָן: „אַ סקודאַווא? אימעיעטע פּאַשפּאָרט, כאַזיאַין?" וואָס וועל איך איהם ענטפערען?

— הער זיך איין, ברודערקע, דאָס זאָל דיך גאָר ניט אָנהויבען צו אַרען. קוים וועסטו זעהן אַ פּריסטאַוו צוקומען צו אונז, זאָלסטו אַליין אַהיימגעהן, אי דאָס פּאַמעליך, ניט געאיילט, און פאַר מיר זאָלסטו זיך גאָר ניט זאָרגען.

אַזוי האָט איהם זיין ברודער אָנגעזאָגט צו טאָן און זיי האָבען זיך אויף אַ שפּאַציר אַרויסגעלאָזען.

וכך הוה. אָפּשפּאַצירענדיג אַ שטיק וועגס, באַווייזט זיך ניט איין פּריסטאַוו, נאָר צוויי אויף אַמאָל, גלייך זיי וואָלטען פון דער ערד אַרויסגעוואַקסען, און טוען זיך אַ לאָז צו זיי מיט גאָר ניט קיין געהויבענע ווערטער, פון וועלכע זיי האָבען געוואָלט וויסען, וואָס זיי האָבען געוואָלט, אַז זיי זאָלען ניט וויסען. כאַפּט דער ברודער רום זיינע פּיס אויף די פּלייצעס און מאַכט אַ ויברח, און זיי די פּריסטאַוועס נאָך איהם. ער, דער וואָלאַך, האָט געטאָן ווי זיין ברודער האָט איהם געהייסען טאָן — ער איז זיך פּאַמעליך אַהיים געגאַנגען. און זיין ברודער איז זיך געלאָפען און די פּריסטאַוועס נאָך איהם. און אַז ער האָט שוין מעהר קיין כח ניט געהאַט צו לויפען, האָבען איהם די פּריסטאַוועס אָנגעיאָגט.

— עי, זשיד! — האָבען זיינע פאַרפאָלגער אויף איהם צאָרנדיג גענומען שרייען, — אימעיטע פאַספּאָרט?

— דאָ, וואַשע וויסאָקע! וואָס דען, איך, אַ רוסישער בירגער און אַ געוועזענער סאָלדאַט, זאָל קיין פּאַספּאָרט ניט האָבען? — און כאַפּט אַרויס זיין פּאַספּאָרט פון קעשענע און ווייזט זיי.

— נאַ, טשאָרט! — האָבען זיי אויסגערופען און ווי אָפּגעשמיסענע געבליבען שטעהן.

— זאָג נאָר, זשיד, פאַרוואָס ביסטו פון אונז אַנטלאָפען? — האָט איינער פון זיי איהם געפרעגט.

— איך בין פון אייך אַנטלאָפען? — האָט ער איהם איבערגעפרעגט.

— וואָס-זשע, ווילסט זאָגען, אַז דו ביסט אפשר גאָר ניט געלאָפען? — האָט ער געליאַרעמט.

— אמת, געלאָפען בין איך טאַקע, אָבער ניט פאַר אייך און ניט פון אייך.

— וואָס-זשע איז דאָס לויפעניש געווען? — פרעגט ער איהם ווייטער.

— הער, טאַקע דאָס איז, וואָס איך וויל דיר דערציילען. דאָס איז גוט פאַר אַ שלעכטען מאַגען. דער דאָקטאָר האָט מיר פאַרשריבען אַזאַ מין רעצעפּט און מיר באַפוילען, אַז יעדעס מאָל, ווען איך וועל די רעצעפּט איינגעהמען, זאָל איך לויפען. נו, בין איך געלאָפען.

— דו האָסט דאָך אָבער געזעהן, אַז איך מיט מיין קאַמעראָד לויפען דיר נאָך, פאַרוואָס האָסטו זיך ניט אָפּגעשטעלט?

— אַז איהר לויפט, האָב איך טאַקע געזעהן. נאָר איך האָב גערעכענט ניט אַנדערש, אַז איהר האָט אויך שלעכטע מאַגענס און איהר נעמט אויך איין אַזעלכע רעצעפּטען ווי איך נעם איין, און איהר לויפט אויך. נו, זיינען מיר געלאָפען בחברותתה!

# ער האָט געזעהן מאָשקע'ן קריכען, איז ער אויך געקראָכען

א קאָנדוקטאָר, וועלכער איז די וואַגאָנען פונ'ם פּאַיעזד דורכגעגאַנגען און האָט די יאַזדע-בילעטען נאָכגעזעהן, האָט אַזוי רעווידירענדיג די בילעטען בשעת מעשה באַמערקט פון אונטער א באַנק א פּאָר פּאַדעשוועס „ארויסקוקען". ער האָט זיך מטריח געווען און גענומען די פּאַדעשוועס שלעפּען. נאָך זיי האָט זיך נאָכגעשלעפּט מאָשקע בכבודו ובעצמו.

— ווייז דיין בילעט! — באַפעלט איהם שטרענג זיין שלעפּער, דער קאָנדוקטאָר.

— גוי, חמור! — זאָגט צו איהם מאָשקע מיט א גמרא-ניגון, — ווען איך וואָלט געהאַט א בילעט דיר צו ווייזען, וואָלט איך דאָך אויף דער באַנק מיט אַלעמען צוגלייך ווי א פּריץ געזעסען. און דיר אַליין וואָלט איך אויך איינגע-שפּאָרט אַן אַרבייט מיך צו שלעפּען.

דער שטרענגער קאָנדוקטאָר איז מיט מאָשקע'ן פאַר א פּאָר רובעל דורכגעקומען. און מאָשקע איז שוין אויפ'ן באַנק געזעסען ווי א פּריץ, אַנשטאָט צו וואַלגערען זיך אונטער דער באַנק.

כאָטש דעמאָלט האָט איהם שוין קיינער מיט די פיס ניט געבריקעט, דאָך איז ער ווי אויף הייסע קוילען געזעסען, מחמת ער האָט אַליין געזעהן מיט זיינע אויגען, ווי אי-וואַנקאַ, ימח שמו, איז גראַד אונטער דער באַנק אַקעגען זיין באַנק אַרונטערגעקראָכען און אָט ליגט ער זיך דאָרטען, און קיינער טשעפּעט איהם ניט. וואָס איז עפּעס דער קאָנ-דוקטאָר בלינד געווען איהם אויך צו זעהן? ער קען שווע-רען, אַז ער זעהט זיינע פּאַדעשוועס פון די טשאַבאַטעס. פאַרוואָס האָט א גוי אַזאַ גליק? פאַרוואָס זאָל עס איהם גלאַט אָפּגעהן? זאָל ער איהם מסר'ן, וועט ער דאָך באַגעהן אַן עבירה — דאָך א מענש, כאָטש אַן ערל.

אַזוי האָט ער זיך געשלאָגען מיט דער דעה. ענדליך איז איהם במחשבה געקומען, פאַרקערט: ער וועט גאָר מיט דער מסירה אַ מצוה מקים זיין — בכן, אַזוי ווי עס שטעהט אין דער תורה הקדושה געשריבען „לעשות נקמה בגוים", און אַ חוץ דעם קען ער נאָך מאַכען עטליכע רובעל אויך.

אומר ועושה. ער טוט אַ וואונק צום קאָנדוקטאָר און יענער קומט צו.

— הער זיך איין, פרעגט ער איהם בסוד, — וואָלסט אפשר געוואָלט מאַכען אַ פאַרדינסטעל?

— דאַ, ענטפערט ער.

— מוזט מיך אָבער נעמען פאַר אַ שותף.

— כאַראַשאָ, — ענטפער דער קאָנדוקטאָר ווידער.

— וועסט מיך אָבער ניט מאַשענעווען (אָפּנאַרען)?

— ניעט! — ענטפערט ער.

— זאָגסט אמת? — פרעגט איהם מאָשקע איבער.

— יעי באָגו! — און צלמ'ט זיך.

— אויב אַזוי, איז גוט, — זאָגט מאָשקע. — קוק נאָר אָט דאָרטען.

דער קאָנדוקטאָר דערזעהט און נעמט זיך שלעפּען די טשאָבאָטעס, און נאָך זיי שלעפּט זיך נאָך איוואַנקאָ.

— איוואַנקאָ! — גיט איהם דער קאָנדוקטאָר אַ טרייסעל, פרעגענדיג אויף אַ בילעט.

— דאַ, זעמליאַק, יאָ אימעיו בילעט. — און שלעפּט אַרויס זיין בילעט און ווייזט איהם.

— נאַ, ק'טשאָרטו (צום טייוועל), איוואַנקאָ! אַז דו האָסט אַ בילעט, פאַרוואָס-זשע ביסטו אונטער'ן באַנק ווי אַ הונט געלעגען? — האָט איהם דער קאָנדוקטאָר אַ פאַרוואונדערטער געפרעגט.

— כ'וויים? כ'האָב געזעהן, אַז מאָשקע איז געקראָכען, בין איך אויך געקראָכען, — האָט איוואַנקאָ מיט אַן ערנסטער מינע געענטפערט.

# זיין רבינ׳ס נסים

אַ סוחר פאָהרענדיג מיט זיין פערד און וועגעלע פון זיין שטעטעל אין שטאָט אַריין, איינצוקויפען סחורה, אין זעהר אַ הייסען זומער־טאָג, האָט מורא געהאַט זיין פערדעל צו טרייבען. איז ער זיך פּאַמעליך געפאָהרען.

פאָהרענדיג אַזוי, האָט ער אָנגעטראָפען אַ מאַן געהענדיג, אַ באָרוועסער און פאַרשוויצטער, און דער שטויב, וואָס איז אויף זיין פאַרשוויצטען פּנים אָנגעפאַלען, האָט זיך אין אַ שיטערער בלאָטע פאַרוואַנדעלט. געגאַנגען איז ער אַ מידער מיט אַ פּאַק אויף זיין איינגעבויגענעם רוקען, און מיט די פּיס צעברענט פון דער זון האָט ער זיך קוים־קוים געשלעפּט.

צוקומענדיג גאַנץ נאָהענט צו דעם וואַנדערער, האָט דער סוחר אָפּגעשטעלט דאָס פערד־און־וועגעלע. און נאָך דעם ווי ער האָט אויף דעם מאַנ׳ס באַגריסונג געענטפערט, האָט ער איהם אַ פרעג געטאָן:

— פון וואַנען געהט אַ איד?

דער וואַנדערער האָט אָנגערופען אַ שטעטעל, וועלכעס איז זעהר ווייט פון דאַנען.

— און וואוהין געהט אַ איד? — האָט ער איהם ווייטער געפרעגט.

האָט ער איהם ווידער אָנגערופען אַ שטעטעל, וועלכעס איז געווען נאָך פיל ווייטער.

— נו, און איהר האָט בדעה אַזוי ביז אַהינצו צופוס צו געהן? — האָט איהם דער סוחר אַ פאַר׳חידוש׳טער און מיט באַדויערען געפרעגט.

— אַ ברירה האָב איך? — איז זיין קורצער ענטפער געווען.

— נו, אויב אַזוי, קריכט זייט מוחל אַריין אין וועגעלע. און כאָטש איך וועל מוזען אַ שטיק וועג אָנלייגען, דאָך וועל איך אייך אַהין צופיהרען און אייך פאַרשפּאָרען אַזאַ לאַנגען

וועג אין אזא אומברחמנות'דיג הייסען טאג צופוס געהן.
דער אורח האט זיך גאנץ באקוועם אין וועגעלע אויפ'ן היי אוועקגעזעצט.
— געווים מכח פרנסה, ארבייט אדער וועגען א שטעלע אויפצוזוכען האט איהר זיך אזא וויטען וועג אין אזעלכע הייסע טעג געלאזט צופוס געהן? — האט איהם דער סוחר געפרעגט.
— ניין, חלילה! וואס פאלט אייך איין? מכח אזא קלייניגקייט וואלט איך מיך מוסר נפש געוועזן?
— וואס-זשע, אזעלכע זאכען ווי פרנסה, מפרנס זיין ווייב און קינדער זיינען ביי אייך קלייניגקייטען? — האט ער איהם א פארוואונדערטער געפרעגט.
— אודאי, דער גוף, דער חומר איז גארנישט שבגארנישט און וועגען איהם איז אפילו ניט כדאי צו טראכטען.
— נו, און מכח ווייב און קינדער, וועלכע איהר האט אויף דער וועלט געבראכט, ווער זאל זיי מיט עסען, מלבושים און מיט א דאך איבער זייערע קעפ פארזארגען? — האט ער איהם מיט אן ערנסטער מינע וויטער געפרעגט.
— וואס הייסט, וואס פרעגט איהר אזעלכע קשיות? דערויף האבען מיר אידען א גרויסען גאט אין הימעל, און ער איז א טייערער פאטער — זאל ער זיך פאר זיי זארגען.
— און ווי לאנג דענקט איהר פון זיי אוועק צו בלייבען?
— עטליכע חדשים, ביז נאך יום-טוב.
— האט איהר געגוג געלט אייער ווייב איבערגעלאזען, אז גאט זאל האבען אייער משפחה צו באזארגען מיט חיונה?
— חס וחלילה, אפילו א קאפיקע אויך ניט! — האט דער אורח געענטפערט.
— אזוי גאר? וועגען וואס-זשע געהט איהר אהין אין יענעם שטעטעל, אז ניט וועגען פרנסה וועגען? — האט שוין דער סוחר מיט מעהר אינטערעס געפרעגט.
— אהינצו געה איך מכח עולם הבא.
— וואס-זשע, דארטען איז דען פאראנען א קרעמעל,

וואו מען קען זיך עולם הבא אָהן געלט איינקויפען? — האָט דער סוחר מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל געפרעגט.

— ניין, קיין קרעמלעך זיינען דאָרטען ניט פאַראַנען. דערפאַר אָבער איז דאָרטען פאַראַנען דער גרויסער צדיק, דע גדול בישראל, מיין רבי רב יאָקעל ביינישעל, זאָל מאריך ימים ושנים זיין.

— אויב אַזוי, איז ער דאָך אודאי אַ גרויסער בעל־מופת? — האָט ער איהם מיט'ן זעלבען שמייכעל ווידער געפרעגט.

— וואָס־זשע, איהר זענט דען חלילה אין ספק? אודאי איז ער אַ גרויסער בעל־מופת. זיינע מופתים שמ'ען אויף גאָר דער וועלט. — האָט דער אורח דעם סוחר פול דרך־ארץ געענטפערט.

— נו, אויב אַזוי, רב קרוב, איהר פּטרט'ט דאָך אַוועק אַזוי פיל צייט ביי אייער רבי'ן — אדרבא, דערציילט מיר עפּעס אַ מופת, וואָס איהר האָט פון אייער רבי'ן געזעהן.

— מהיכא תיתי. הערט זיך איין:

„אין אַ שבת, ביים שלוש סעודות, בין השמשות, בעת דער רבי זאָל לעבען האָט געהאַלטען אין מיטען תורה זאָגען און אין פּראַווען דבקות און מתקן זיין נשמות, און מיר חסידים זיינען אַלע ביים טיש געזעסען און זיך צו זיינע קרעכצען און זיפצען מיט גרוים מורא צוגעהערט, האָט זיך פלוצלונג די קלויז־טיר אַן עפען געטאָן מיט אימפּעט און אַן אשה האָט אַריינגעפירט איהר טאָכטער אַ בתולה, וועלכע איז געווען אַ געבוירענע אַ בלינדע אויף ביידע אויגען. זי איז צום רבי'ן צוגעפאַלען מיט אַ יאָמער און געוויין:

— רבי, מאַכט מיין אומגליקליכע בלינדע טאָכטער זע־הענדיג!

דער רבי, זאָל לעבען, האָט זיך ביי איהר געבעטען, אַז זי זאָל איהם צורוה לאָזען און האָט איהר געהייסען געהן צו אַנדערע צדיקים, אום ער זאָל פון איהר פּטור ווערען.

זי האָט אָבער ניט געוואָלט אָפּטרעטען פון אָרט און מיט משונה'דיגע קולות האָט זי געשריען:

— רבי, איך בין שוין ביים קאָבצינאָווער און ביים סטרעלסקער און קארמאניטשאפסקער געווען און אַלע צדיקים האָבען מיך צו אייך געשיקט. און איהר, רבי, מוזט מיר העלפען. איך געה פון דאַנען ניט אַוועק, סיידען איהר וועט מיין טאָכטער זעהענדיג מאַכען.

דער רבי, זאָל לעבען, האָט זיך אויף איהר געבייזערט און געשריען, אָבער די אשה איז געבליבען פאַר'עקשנ'ט:

— צעשניידט מיך, צערייסט מיך, אָבער פון אייך, רבי־לעבען, אַ ניט־געהאָלפענע געה איך ניט אַוועק!

און אַז ער, זאָל לעבען, האָט געזעהן, אַז עס איז שוין געקומען מים עד נפש, איבערהויפט, אַז ער האָט פון איהר געהערט די אַלע נעמען פון די וואַזשנע צדיקים, וועלכע האָבען זי צו איהם געשיקט, האָט דער רבי געהייסען דעם גבאי ראשון, אַז ער זאָל איהם די ברילען דערלאַנגען, וועלכע ער האָט געהאַט בירושה פון זיין עלטער־זיידען דעם טראָם־קאָוויצער, און געהייסען זיי אויף איהר, דער בתולה, אָנטאָן. און נאָך דעם האָט ער, זאָל לעבען, זיך שטאַרק פאַרטראַכט אין די עולמות העלניונים, און מיטאַמאָל האָט ער די בתולה אַ פרעג געטאָן:

— ווי אַזוי רופט מען דיך בתולה?

— בריינע, — האָט זי געענטפערט.

— פון היינט אָן און ווייטער זאָל מען דיך רופען טריינע און איך יאָקעל בייניש בין אויף דיר גוזר, אַזוי ווי מיין הייליגער עלטער־זיידע, דער גרויסער צדיק, האָט כל ימיו אויף די ברילען געזעהן, זאָלסטו אין דעם זכות אָנהויבען זעהן.

און וואָס מיינט איהר, באַלד אויפ'ן אָרט איז זי זעהענ־דיג געוואָרען."

— פלאי פלאים, — האָט דער סוחר זיך אָפּגערופען. — זאָגט זשע מיר, ר' קרוב, שוין אַ סך מאָל געזען ביים רבי'ן

און אַ סך אַזעלכע מופתים געזעהן? — האָט איהם דער סוחר אַ פרעג געטאָן.

— אויך מיר אַ שאלה, אויב איך בין אַ סך מאָל ביים רבי'ן געווען, און אויב איך האָב פונ'ם רבי'ן אַ סך מופתים געזעהן! צום רבי'ן, זאָל לעבען, געה איך שוין מכמה שנים. ס'מעג רעגענען, דונערען און בליצען, און ממש די וועלט זאָל זיך איבערקעהרען. איך בין ביים רבי'ן מעהר תושב ווי ביי מיר אין דער היים. און מופתים אויב איך האָב געזעהן פון איהם? פרעגט שוין גאָר ניט. וואָס דאַרפט איהר מעהר — מיט מיין אידענע אַליין האָט ער באַוויזען אַ מופת. זי איז אַן עקרה געווען, און אַז איך האָב געזעהן אַז עס איז שוין כמעט אַ יאָהר נאָך דער חתונה, און קינדער איננו, און איך האָב שוין טאַקע מורא געהאַט אַז איך זאָל לאחר מאה שנה חלילה בלייבען אָהן אַ קדיש, האָב איך מיין אידענע צו איהם, זאָל לעבען, געבראַכט, און זי האָט זיך מיט'ן גבאי ראשון געזעהן און ער האָט זיך פאַר איהר משתדל געווען, און השם יתברך האָט מיך מזכה געווען מיט גאַנצע אַכט פּוּפּיקעס. און ווייסט איהר וואָס? ס'איז אַ סברה, אַז ער, זאָל לעבען, איז אַ גרויסער מומחה אויף מחיה מתים זיין.

— גענוג, גענוג, איהר זיינט אַ גרויסער ליגנער, אַ שקרן! אַרונטער פונ'ם וועגעלע! גאָט ווייסט וואָס נאָך איהר זיינט. איך רעכען גאָר פאַר אַ סכנה מיט אַזאַ מענש ווי איהר זיינט אַליין צו בלייבען. נו, ריהרט אייך, אויב ניט וועל איך מוזען מיינע הענט מיט אייך מטמא זיין! — האָט זיך דער סוחר געבייזערט.

דעם חסיד האָט זיך גאָר ניט געגלוסט דעם וויכען, באַקוועמען אָרט אין וועגעלע צו פאַרלאָזען און זיך ווידער נעהמען אין דער גרויסער היץ צו פוס צו געהן. עס האָט איהם שוין אויפ'ן גאַנצען עסק באַנג געטאָן. ווענדעט ער זיך צום סוחר מיט אַ בקשה:

— הערט צו, ליבער פריינד, איך האָב אייך שוין

פריהער געזאָגט, אַז איך האָב פון מיין רבי'ן אַ סך מופתים צוגעזעהן. די וועלכע איך האָב אַייך שוין דערצעהלט, פאַרשטעה איך, גלויבט איהר ניט. נו, ערלויבט מיר איך זאָל אַייך דערצעהלען נאָך איין מופת, וועלכען איך האָב פון מיין רבי'ן געזעהן, און אויב איהר וועט אין דעם אויך ניט גלויבען, לאָז איך מיך פון אַייך ארבעים מלקות שלאָגען.

— גוט, — זאָגט איהם דער סוחר.

— איך בין אַמאָל צווישען אַלע חסידים ביים רבינ'ס טיש צו שלש סעודות געזעסען, און ער, דער רבי, האָט געזאָגט תורה, געפּראַוועט דביקות. פּלוצלינג, אַזוי ווי פון אונטער דער ערד, איז אויסגעוואַקסען אַ בחור, שלעפּענדיג זיינע געליימטע פיס אויף קוליעס. ער האָט זיך אויך צום רבי'ן צוגעטשעפּעט, אַז ער זאָל איהם זיינע, פון געבוירענאַייט אָן קרומע, געליימטע פיס גלייך און געהענדיג מאַכען. און נאָך דעם ווי ער האָט דעם רבי'ן זעהר שטאַרק דערקוטשעט, האָט דער רבי באַפוילען מען זאָל איהם דעם שטעקען, וועלכען ער האָט בירושה פון זיין עלטער-זיידען, ברייגגען. און דעם בחור האָט ער אַ פרעג געטאָן: „מה שמך?" „זעמעל", האָט דער בחור געענטפערט. „און פון היינט און ווייטער זאָלסטו הייסען לעמעל," האָט איהם דער רבי געזאָגט, און געבענדיג אַ שטאַרקען קלאַפּ מיט דעם ירושה שטעקען אין באָדען, האָט ער אויסגעשריען: „לעמעל, וואַרף אַוועק די קוליעס! און איך, יאַקעל ביינעש, בין אויף דיר גוזר: זאָלסט געהן!"

דער חסיד איז שטיל געבליבען.

— נו? — וויל דער סוחר וויסען, — וואָס איז מיט'ן בחור געשעהן?

— פרעגט גאָר ניט! ער איז אַ פאַל געטאָן צום באָדען, אַז זיינע ביינער זיינען שיעור ניט צושאָטען געוואָרען. נו, באַלעבאָס, דעם מופת גלויבט איהר?

— יאָ, יאָ, אין אַזוינע מופתים גלויב איך אַלע מאָל!

# דאָס קאָן ער קריגען

אַ גאַליציאַנער קליינשטעדטעלדיגער איד האָט זיך אָנגעהערט גוזמא׳דיגע מעשיות וועגען אידען, וועלכע לאָזען זיך אַרויס אויף דער וועלט פשוט שנאָרען און דערלייגען ניט דערצו זייער באָבע׳ס ירושה, קומען אַהיים מיט גרויסע פאַרמעגענס, ווערען סוחרים, מאַכען חתונה זייערע טעכטער, זאָגען צו היבשען נדן, ווערען גבאים אין שוהלען, כאַפּען תמיד אַריין די פעטסטע עליות און די גרעסטע כבודים, אין שישי׳ס און מפטיר יונה׳ס באָדען זיי זיך ממש. נו, — האָט ער ביי זיך געטראַכט, — און וואָס פעהלט מיר עפּעס? איך בין דען חלילה אַ קאַליקע אין דעם פּרט? פעהלט מיר דען חלילה טאַלאַנט דערצו? פאַרמאָג איך דען ניט אַזאַ צופּאַטעלטע קאָלטענעוואַטע באָרד און פּאות ווי שייע פּייוויש ביינעש געציל׳ס? און איז דען מיין בעקישע ניט פאַרדריפּעט און צוטראַפּאַלצעט גענוג? און מיין שטריימעל איז דען ניט צוקראָכען און אָפּגעקראָכען, און אויף מיין גרינער שפּיציגער יאַרמעלקע פעהלט חלילה אַחוץ עפּעס אַנדערש אויס שמאַלץ? און אין הלכות קראַצען בין איך פון תמיד אָן אַ בקי. און אַ ביסעל אונטערהוסטען ווי דעכעווייטשנער קאָן איך נישקשה׳דיג, און אַ רחמנות-פּנים מאַכען — דאָס איז מיין אַלטער קונץ. מיין נאָז, וועלכע פּאַסט זיך ניט פיל צו מיין פּנים, און מיין אַלגעמיינער אויסזעהן, האָף איך, וועלען מיר זיין אַ גוטע רעקאָמענדאַציע. אַחוץ אַלעמען וועל איך אַ ביסעל צו פּראַקטיצירען און איך וועל די קונץ אם ירצה השם קענען. ווי זאָגט מען, אַ מייסטער ווערט ניט געבוירען. וואָס זשע, שייע פּייוויש האָט עפּעס אַ סך די מלכאה געקענט? ערשט ניט לאַנג, גלייך ווי נעכטען איז עס געווען, ווען ער האָט זיך, אַ קבצן שבקבצן, אויף דער פּראָווינץ אַרויסגעלאָזען, און היינט — קוק איהם נאָר אָן! אַן עושר, אַ גביר, דער גאַנצער יחסן אין שטעדטעל. און איך, כתריאל יעקיל, נפתלי זרח׳ם אַן איי־ניקעל,

מיט אַ יחוס בריף, דאָרף פאַרקויפען די ערלים, ימח שמם וזכרם, חלב׳נע ליכט און שמיראַכץ פאַר זייערע טשאָבעטעס.

אַזוי האָט איינגע׳טענה׳ט כתריאל יעקיל מיט זיין ווייבע, געלע ריווטשע, בשעת זיי האָבען אַ שמועס געטאָן מכח פרנסה. כתריאל יעקיל׳ס פלאַן איז געלע ריווטשע׳ן געפעהלען געוואָרען, און זי האָט גענומען איהר כתריל׳ען אין וועג אויסריכטען, און טאַקע באַלד נאָך יום טוב האָט זיך כתריאל יעקיל אָפגעזעגענט מיט ווייב און קינדער, גע־נומען זיין קלימעקל און די טאָרבע און דעם אַלטען יאַמ־שאָוועס שטעקען אין האַנט, און — וילך. אויף דער מדינה זיך אַוועקעגלאָזען.

צו אַלע פריהערדיגע פרנסות, צו וועלכע כתריאל יעקיל האָט זיך גענומען, איז איהם געגאַנגען שלים, שלימ׳מזל. „אויב מיין שלימזלניק וואָלט געוואָרען אַ קאָפּעליושניק, וואָלטען מענשען געבוירען געוואָרען אָהן קעפּ,“ אַזוי פלעגט זיין געלע ריווטשע איינ׳טענה׳ן. אָבער זיין איצטיגע נייע פרנסה האָט זיך באַלד פון אָנהויב אַרויסגעוויזען צו זיין אַ סוקסעס. עפּעס האָט זיין הילוך, זיין פנים און זיין גאַנצער אויסזעהן ביי אַלעמען אַ גרויסען רחמנות צו איהם אַרויסגערופען. און חוץ לזה האָט אויסגעבראָכען די מלחמה, וועלכע איז פאַר דריי חלקים פון דער וועלט געווען אַן אומגליק, אָבער פאַר כתריאל יעקלען איז עס געווען ממש אַ גליק, אַ שמאַלץ־גרוב האָט זיך כמעט פאַר איהם גע־עפענט. ער פלעגט זיך נאָכפרעגען ביי וועלכע מאַמעס מען האָט זייערע קינדער צו סאָלדאַטען אַוועקגענומען. צו זיי פלעגט ער אַוועקגעהן און זיי ערקלעהרען, אַזוי ווי עס שטעהט בפירוש געשריבען אין דער תורה הקדושה „צדקה תציל ממות“, לכן איז ער טאַקע השם יתברך׳ס שליח — ער איז געקומען פון זיי די צדקה נעהמען, און זיי זאָלען געבען, און וואָס מעהר געבען און ווידער געבען, און בזכות זה, וועט השם יתברך מציל זיין זייערע קינדער פון טויט.

און די מאַמעס האָבען געגעבען און כתריאל יעקיל

האָט געגומען. קיין גרויסע אויסגאַבען האָט ער ניט געהאַט, אָדער בעסער געזאָגט — גאָרניט געהאַט. געשלאָפען איז ער אין די בתי מדשים, צו עסען האָט איהם אויך ניט גע־פעהלט. און נאָך דעם ווי ער האָט זיך מיט׳ן עסען אָפּ־געפאָרטיגט האָט ער זיך אויף אַלטע קליידער, שיך נאָכ־געפרעגט. אויף זיין גוף פאַסען האָבען זיי אויך ניט באַ־דאַרפט, ווייל ער האָט זיי סיי ווי סיי אויף זיין לייב ניט געטראָגען. ערשטענס, זייגען זיי ניט גענוג צוריסען און צופליקט געווען, און וואָלטען געווען אַ שטערונג צו זיין פרנסה. און צווייטענס, האָבען זיי איהם פשוט אַ היבש ביסעל מזומנים אַריינגעבראַכט. און דערפאַר טאַקע איז זיין קאַפּיטאַל געוואַקסען פון טאָג צו טאָג, און עס האָט ניט פיל גענומען און כתריאל יעקיל האָט אַ קאַפּיטאַל פון עטליכע טויזענד ריינישׁ אָנגעזאַמעלט און האָט באַשלאָסען אַהיים צוריק אין זיין שטעדטעל צו פאָהרען. עס הייסט, ער האָט געזאָלט פאָהרען, נאָר אין דער לעצטער מינוט האָט ער חרטה באַקומען, און אנשטאָט פאָהרען איז ער צו פוס געגאַנגען. און געטאָן האָט ער עס צוליב צוויי טעמים: ערשטענס האָט ער געשפּאָרט באַהן־געלד, והשנית האָט ער אַהיים געהענדיג מיט׳ן וועג אויך אין ערגעץ ניט צוגע־טראָגען. אַזוי געהענדיג און שנאָרענדיג איז ער אין זיין אפרים יאָסעל׳ס שטאָדט וויען אָנגעקומען.

אין וויען קיין געשעפטען האָט ער ניט געטאָן, ווייל ער האָט באַלד אויסגעפונען, אַז דאָרט קיין יחיד איז ער ניט, און קיין יחסן אויך ניט, און מיט די ווינערישע שנאָרער־טאַלאַנטען וועט ער זיך ניט קענען פאַרמעסטען. דערפאַר טאַקע האָט ער פון זיך זיינע פרנסה־מלבושים אַראָפּגע־וואָרפען און אויף זייער אָרט עלעגאַנטע בגדים אָנגעטאָן, ואחר כך איז ער אין איינער פון די גרעסטע וויענער בענק אַריינגעגאַנגען און האָט זיינע קליינע צונויפגעשנאָרעטע מטבעות, וועלכע זייגען אין יענער צייט אַ חשיבות געווען, אויף פאַפּירענע מטבעות אויסגעביטען.

דער קאַסירער, וועלכע האָט איהם אָדער זיך די טובה געטאָן און איהם די מטבעות אויף פּאַפּירענע גולדען אומ־געביטען, האָט איהם צווישען די פּאַפּירענע גולדען איינעם אַן איינגעריסענעם געגעבען, און ווערענד כתריאל יעקיל האָט די גולדען איבערגעציילט און האָט דעם איינגעריסענעם גולדען דערזעהן, איז ער באַלד צום קאַסירער אַוועק און איהם אויף דעם גולדען אויפמערקזאַם געמאַכט, און דער קאַסירער האָט איהם פאַרזיכערט אַז דער גולדען איז גוט.

אַרויסקומענדיג פון באַנק, האָט ער באַמערקט, אַז די אויבערשטע עטאַזשען פון דער באַנק זיינען פאַרנומען מיט אַ זעהר גרויסען האַלסייל געשעפט פון טוך וואָהרע פון אַ געוויסען פאַבריקאַנט. און ר׳ כתריאל האָט זיך ניט גע־פוילט און איז אַרויף. אַרויפקומענדיג איז איהם באַלד אַ פאַרקויפער אַנטקעגען געגאַנגען און האָט איהם פאַרשידענע סחורות געוויזען, און כתריאל האָט אַלע באַטאַפּט און באַ־קוקט און די פרייזען מעשה סוחר געפרעגט, און האָט דערביי אַ היבשע באַשטעלונג געמאַכט, און אויף דער סומע, וועלכע האָט באַטראָפען היבשע עטליכע טויזנטער, האָט ער געהייסען וועקסלען מיט דאַטומס אויסשטעלען.

און ווערענד אַלעס איז שוין פאַרטיג געוואָרען, טוט איהם דער פאַבריקאַנט אויף זיין ווערטהען נאָמען און רעפּערענס אַ פראַג.

— מיין נאָמען איז צוריסענער גולדען, און אַנפרעגען זי דאַרף מיר דאַרפט איהר ניט געהן ווייט. שיקט אַרונטער מיט מיר אַ מאַן אונטען אין באַנק און איהר וועט באַלד געוואָהר ווערען.

דער פאַבריקאַנט האָט אַ פאַרטרויטען מאַן מיט איהם אונטען אין באַנק אַראָפּגעשיקט. אַריינקומענדיג אין באַנק האָט דער מאַן אַ פרעג געטאָן:

— איז דער צוריסענער גולדען גוט?

— יאָ, גוט ווי גאָלד. וויר געבען איהנען דאָס געלט

פיר איהם, — האָט דער באַנקיר און זיין קאַסירער כמעט ווי אויף איין מאָל געזאָגט.

ר׳ כתריאל יעקיל גולדען, ווי ער האָט זיך אַ נאָמען געגעבען, איז אַציינד מעשה סוחר מיט דער באַהן און נאָך מיט דער ערשטער קלאַס אהיים געפאַהרען. און ניט נאָר אין דער היים ביי ווייב און קינדער, נאָר אין שוהל, אין מרחץ און אין גאַנצען שטעדטעל איז ער אַ חשוב׳ער גאַסט געוועזען, מחמת אין שטעדטעל האָט מען זיך באַלד פון זיין עשירות דערוואוסט. אַ טייל פון זיי האָבען איהם אין די הונדערטער טויזענטער געשאַצט, אַ טייל האָבען גאָר גע־וואָלט האָבען, אַז ער איז אַ מיליאָנשטשיק.

אַז כתריאל יעקיל איז אַ גרויסער עושר געוואָרען האָט מען ניט נאָר אין שטעדטעל געוואוסט, נאָר אַפילו אין אַלע שטעדט און שטעדטלאַך הונדערטער מייל אַרום. איבער־הויפּט אַז מען האָט דערזעהן די פילע קאָסטענס מיט סחורה, וואָס עס איז אָנגעקומען, און דאָס פילע געלט וואָס ער האָט דערפאַר באַקומען, האָט זיך קיינער פון זיין הצלחה ניט געקאָנט אָפּוואונדערען. פון גרוים ביז קליין האָבען איהם אַלע כבוד אָפּגעגעבען. דעם גוט־מאָרגען ר׳ כתריאל יעקיל און דעם גוט אָבענד ממש אַנטקעגען געטראָגען. אין שוהל די סאַמע בעסטע און פעטסטע עליות זיינען זיינע געוואָרען. אין באָד האָט פאַר איהם דער בעדער ספּעציעלע בעזימלאַך געמאַכט און בעסטע שעפּעל איהם דערלאַנגט, און דער פאַרשטשיק האָט איהם אויך גאַנץ אַנדערש ווי די אַנדערע באַלעבאַטים, עפּעס מיט אַ מין יראת הכבוד געשמיסען.

היינט זי, געלע ריווטשע, איז גאָר אויפגעריכט גע־וואָרען. זי האָט מען ממש אויפ׳ן קאָפּ אַרומגעטראָגען. ווייבער האָבען זי גע׳חנפ׳עט. אַלע האָבען נאָר פון געלע ריווטשע׳ן גערעדט. אין דער ווייבערשער שוהל האָט זי דעם גאַנצען אויבען־אָן געהאַט, און די זאָגערקע האָט מען הארט נעבען איהר אַוועקגעזעצט, מחמת זי איז, ניט פאַר אייך געדאַכט, ניט וועניג טויבלאַך געוועזען. און די שמש׳טע

האָט אַרום איהר אַרומגעטאַנצט. אין מקוה צו טבילה האָט זי די בעדערין אַליין געפיהרט, די טיקערין האָט אַלע ווייבער געלאָזט וואַרטען און איהר די ערשטע די נעגעל און מאַזאַליעס אָפּגעשניטען. און היינט ביים קצב איז זי אוודאי די מיוחסת געווען. דאָס פעטסטסטע שטיק ברוסט-פלייש, דעם גרעסטען און פעטסטען מארך-ביין האָט ער פאַר געלע ריווטשע די נגידית׳טע געלאָזען.

און זייערע דריי טעכטערלאַך, שלימע מירעלע, פעסי ריסעלע און ברײנע יענטעלע, וועלכע זיינען פון תמיד אָפּגעריסען, נאַקעט און באָרוועס אַרומגעגאַנגען, זיינען גאַנצע פּאַניטשקעס געוואָרען. באַקליידט און באַנעהט ווי מאַדמאַזעלען אַלאַ פראַנסעי, און די פּיאַנאָ האָט אַלע טאָג און נאַכט געדרימבעלט און דער פראַנצוויזישער לעהרער איז פון הויז ניט אַרויסגעקראָכען, און שדכנים האָבען ממש די טירען אָפּגעשלאָגען. די שענסטע און גרעסטע יחוס שדוכים פאַרגעשלאָגען.

און זייער בן יחיד׳ל, איטשע לעמעלע, וועלכער איז ערשט ניט לאַנג ווינטער אין שניי א באָרוועסער און אָהן א קאַפּאָטקעלע אַרומגעלאָפען מיט שלח-מנות׳ן, איז א גאַנצער פראַנט (ספּאָרט) געוואָרען. אפילו אליה מלך, זיין מלמד, וועלכער פלעגט איהם תמיד מיט זיין קאַנטשיק פּאַסעווען, האָט אויך פאַר איהם דרך ארץ באַקומען. פאָרט עפּעס א נגיד׳יש קינד, דאַרף מען זיך מיט איהם ניט איינרייסען.

אין איין טאָג איז ר׳ כתריאל יעקיל א זעהר באַשעפּטיגטער געווען, מחמת עס איז איהם זיין לעצטער טראַנספּאָרט סחורה פון וויען אָנגעקומען. ער האָט די פאַרשידענע זיידענע און וואָלענע טוכען אויסגעפּאַקט און אויסגעצעהלט, אום זיכער צו זיין אַז מ׳האָט איהם אַלעס וואָס ער האָט באַשטעלט געשיקט. און די פרייזען נאָכגעזעהן, אויב מען האָט איהם חלילה ניט טייערער ווי ער האָט אויסגעדונגען גערעכענט. און בשעת אַלץ האָט ריכטיג געשטימט, האָט

ער זיינען קונים צו וויסען געטאָן, און זיי האָבען ביי איהם אַלעם אָפּגעקויפט, און ער האָט דאָס געלט טיף אין קעשענע אריינגעלייגט.

ערב פסח האָט זיך אַ דייטש פון דייטשען לאַנד אַראָפּ־געלאָזט אין שטעדטעל. הויך ווי גוג ומגוג, מיט אַ לאַנגען דייטשמערישען ראָק און מיט נאָך אַ לענגערען שפּאַלט אויפן במחילות, און אויפ'ן קאָפּ עפּעס אַ מין קוגעל־טאָפּ, און מיט שפּאַקולען אויף זיין לאַנגער נאָז, און פרעגט זיך נאָך אויף הערר'ן יאַקאָב גולדען. קיינער אין שטעדטעל האָט פון אַ הערר מיט אַזאַ געהויבנעסע נאָמען ניט געהערט, און דער דייטש איז אַ פאַרצווייפעלטער פון הויז צו הויז אַרומ־געגאַנגען ביז ער האָט צו שייע פּיוויש'ן פאַרבלאַנדזשעט, און יענער, וועלכער האָט אויף כתריאל יעקלען אַ שנאה געטראָגען, ווייל ער האָט איהם פון זיין גדולה אַרונטער־געוואָרפען, האָט זיך די מיה גענומען און ביים דייטש מעה־רערע איינצעלהייטען אויסגעפרעגט, און דער דייטש האָט איהם אויף אַלע זיינע שאלות גערן געענטפערט. פּלוצלינג טוט איהם שייע פּיוויש אַ פרעג:

— זאָגט נאָר, רב דייטש, קענט איהר מיר אפשר דעם גרויסען טוך־הענדלער יאַקאָב גולדען מיט דער באַנק רע־פערענס אויסמאָהלען, ווי ער זעהט אויס?

— יא, יא, געווים, געווים! — האָט דער דייטש אויף גיך אַ זאָג געטאָן און האָט אין איילעניש, אַזוי ווי ער זאָל חלילה עפּעס ניט פאַרשפּעטיגען, אָנגעהויבען דעם פאַר־שוינס צורה און געשטאַלט אויסצומאָהלען. און קוים ווי דער דייטש האָט נאָר די קרומע נאָז אָנגערופען, האָט שייע פּיוויש מיט שמחה אויסגעשריען:

— גענוג, געגוג! איך ווייס וועמען דו זוכסט. — און האָט איהם אויף כתריאל יעקיל'ס הויז אָנגעוויזען.

דער דייטש, אַריינקומענדיג אין הויז, האָט דעם הערר'ן יאַקאָב גולדען מיט זיין שיטערען ציגענעם בערדל און זיין קרומער אָדלער נאָז און מיט זיין האַלבער וואָנצע, ווייל די

אַנדערע האַלבע האָבען איהם אַמאָל שקצים אָפּגעסמאַליעט, באַלד דערקענט. מיט אַ ברייטען, גוטען טאָג הערר יאַקאָב גולדען, ווי אַ דייטש קאָן, האָט ער איהם מכבד געווען און זיך דערביי די הענט פון פרייד געריבען, מחמת עס איז איהם געלונגען זיין בעל חוב אָפּצוזוכען. און ער, כתריאל יעקיל, אַזוי ווי עס איז געווען ערב פסח נאָכ'ן חמץ פאַרברענען, האָט זיך זיין הגדה, וועלכע איז אַ כתב יד געווען, גאַנץ פאַמעלאַך איבערגעקוקט און דעם דייטש אויף זיין געהויבענעם גוטען טאָג אַפילו ניט געענטפערט.

דער דייטש רעדט פון פעליגע וועקסלען, מאַהנט געלט, בייזערט זיך, שרייט, ליאַרעמט, גוואַלדעוועט, סטראַשעט מיט געריכט, און כתריאל יעקיל זיצט זיך גאַנץ געמיטליך, גלייך ניט איהם מיינט מען עס. און ווערענד דער דייטש איז אין העכסטער אויפרעגונג געווען, האָט ער ביי כתריאל יעקלען זיי הגדה פון די הענט אויסגעכאַפּט און איז אַהיים צו זיין פּרינציפּאַל אַוועק.

איבערגעבענדיג זיין פּרינציפּאַל דעם פולען רעפּאָרט, האָט ער די הגדה זיין פּרינציפּאַל דערלאַנגט מיט די ווערטער: „הערר פּרינציפּאַל, איך האָבע ביי דען יודען דאָס געלד ניכט קאַסירען געקאָנט, אבער זיין געשעפטס-בוך פאָן זיינע אויסשטעהענדע שולדען איז מיר געלונגען צו קאָנפיסקירען."

זיין פּרינציפּאַל האָט די הגדה מיט פרייד אַ כאַפּ געטאָן און זיך גענומען אַריינקוקען. ער איז אָבער באַלד ענטוישט געוואָרען, און מיט אַ מינע פון פאַרלעגענהייט האָט ער זיך צו זיין פּערסאָנאַל געווענדעט:

— יא, מיינע העררען, וואָס קאָנען וויר יעצט מיט דיזען בוך מאַכען? דער פאַרדאַמטער יודע האָט זיינע געשעפטען אויף יודיש געפיהרט.

זיין געשעפטס-פיהרער, וועלכען ער האָט פאַר אַ זעהר קלוגען מאַן געהאַלטען, איז איהם באַלד מיט אַן עצה טובה צו הילף געקומען.

— הערר פרינציפאל, — האט ער זיך צו איהם מעשה פילאזאף אנגערופען. — זארגען זי ניכט. איך האבע איין גוטען ראטה. לאסען זי נור איין יודישען ראבינער דער יודיש אויף דייטש גוט איבערזעצען קאן, און ער, דער ראבינער, ווירד אונז, נאטירליך ניט אומזאנסט, איך גלויבע פיר א פאר הונדערט גולדען בעשייד זאגען.

דער פרינציפאל איז מיט דער קלוגער עצה צופרידען געווען, האט באלד א רב, וועלכער קאן אידיש, געלאזט רופען.

— קאנען זי יודיש לעזען ? — האט איהם דער פרינ־ציפאל א פרעג געטאן.

— יא, — האט דער רב געענטפערט.

— און קאנען זי אויך יודיש אויף דייטש איבערזעצען ?

— האט ער איהם ווייטער געפרעגט.

— יא וואהל, מיין הערר, — האט דער רב מיט גדלות געענטפערט. און נאך דעם ווי דער רב האט בשלום דעם עקזאמען אויסגעהאלטען, האט איהם דער דייטש די הגדה צום איבערזעצען דערלאנגט. דער רב, כאטש א דייטשער ראבינער, האט באלד דעם געשעפטס־בוך אלס א פשוט'ע הגדה של פסח דערקענט.

טראכט ביי זיך דער רב: זאל איך איהם זאגען, אז דאס איז א הגדה של פסח, וועט ער מיך אזוי פארשטעהן, גלייך ווי איך וואלט א הונט דערצעהלען אז משיח וועט קומען. און חוץ לזה וועט ער מיר פאר מיין טרחה קיין פעניג ניט געבען. און דערפאר טאקע האט ער זיך גענומען די הגדה לייענען. און ווערענד ער האט ביי מעשה ברבי אליעזר ורבי יהושע ורבי אליעזר בן עזריה ורבי עקיבא ורבי טרפון געהאלטען, האט דער דייטש, וועלכער האט זיך צוגעהערט און איז נייגעריג צו וויסען, איהם אויף גיך א פרעג געטאן:

— ווער זיינען דיזע לייטע ?

— יאָ, הערר פּרינציפּאַל, דיזע זיינען זעהר גראָסע און נאָבעלע לייטע געוועזן, אָבער לײדער די זינט אַלע טאָדט.

—שאַדע, שאַדע, איך באַדויער זי. און פון קיינע טאָדטע לייטע קאָנען וויר דאָך ניכטס איינקאַסירען. לעזען זי וויטער, הערר ראַבינער.

און דער הערר ראַבינער האָט ווייטער געלעזען, און האַלטענדיג ביי דם, צפרדע, כינים, ערוב, דבר, שחין, ברד, ארבה, חושך, מכת בכורות האָט איהם דער דייטש ווידער אָפּגעשטעלט:

— ענטשולדיגען זי הערר ראַבינער, זינד דיזע אויך טאָדט?

— ניין, ניין, דיזע זינד אַלע לעבענדיג, אונד פאָן דיזע ווערדען זי גענוג, גענוג קריגען.

— הערר קאַסירער, באַצאָהלען זי דעם ווירדיגען הערר ראַבינער פיר זיינע, זעה נוצליכער לייסטונג, וועלכע ער אונג געגעבען האָט!

## ווי קומט צו אַן ערל יושר?

ביי אונז אין שטעטעל האָבען ברוך השם קיין בטלנים ניט אויסגעפעלט, און קיין מחלוקת'ן און אָפטע געשלעגען און מסירות פון איינעם אויפ'ן אַנדערען האָבען אויך קיינ־מאָל ניט געפעלט. נאָר שמואל שמעלקע, וואָס פלעגט אַרומגעהן איבער די חדרים בודק צו זיין ביי די אינגלעך די ציצית און קוים האָט ער ביי איינעם פון זיי געפונען אַ פסול'ע ציצה, רחמנא לצלן, האָט ער טאַקע באַלד אויפ'ן אָרט אַ נייע כשר'ע ציצה אָנגעמאַכט, און געציל בייניש, דער וואָס פלעגט אַלע טאָג מעסטען די שטעטעלשע מקוה, זעהן, אויב ס'פעהלט איהר חלילה ניט צום שיעור, — בלויז זיי, די דאָזיגע צוויי בטלנים, פלעגען תמיד לעבען צווישען זיך בשלום. קיינמאָל זיך ניט געקריגט אָדער אַרומגעריסען. וואָס איינער האָט געזאָגט, האָט דער צווייטער מסכים גע־

ווען. אפילו איבער אַ פּלפּול אַז זיי האָבן ניט געקענט שטימען, פלעגן זיי זיך פאַרלאָזן אויפ'ן אַלטן רב אָדער אויף רב נחימ'צע דעם דין. און דערפאַר טאַקע פלעגט מען זיי תמיד זעהן אינאיינעם אין שוהל ביים דאַווענען, אין בית-המדרש ביים לערנען און להבדיל אין מרחץ און ביים רבינ'ס טיש. און אויף אַ חתונה, אַ ברית און אַן אָרים-מאַלצייט. הכלל, אומעטום וואו מען האָט נאָר שמואל שמעלקע'ן געזעהן, האָט מען געציל-ביינישן אויך געזעהן — צוויי געשוואָרענע חברים.

איין שבת, נאָך שלאָף, זיינען זיי זיך, ווי זייער שטייגער איז געווען, געגאַנגען פאַמעליך אין בית-המדרש אריין, וועלכער איז אויף אַ בערגעל פון יענער זייט טייכעל געשטאַנען, און איבער דעם טייכעל זיינען זיי מיט מסירות נפש אַריבער. זיי זיינען געגאַנגען אַביסעל מדרש לערנען אָדער עטליכע קאַפּיטלעך תהילים זאָגען אָדער סתם אין אַ ספר אַריינקוקען, אָדער גאָר איהם אַליין, דעם טראַסקעוויטצער, הערען — איז אויך דער גאַנג ווערט געווען.

צוקומענדיג צו דער שמאָלער קלאַטקע און זעהענדיג, אַז אויף איהר האָט שוין אַן אָפּיצער געהאַלטען אין אַריבערגעהן, מאַכען זיי זיך ניט זעהענדיג און נעמען זיך אויך איבער דעם שמאָלען ברעט אַריבערגעהן. דער אָפּיצער האָט געזעהן ווי די חוצפה'דיגע באַשעפּענישען שפּאַנען אַרויף אויפ'ן ברעט, און כאָטש ער איז שוין אַ שטיקעל וועג געהאַט אָפּגעגאַנגען, נאָר ווי'סענדיג, אַז אויסמיידען צוויי מענשען אויפ'ן ברעט איז אַן אוממעגליכקייט, האָט ער אַ פאַרדראָסיגער זיך צוריקגעקערט און איבערגעוואַרט ביז די בטלנים זיינען זיך פאַמעליך אַריבערגעגאַנגען. און ווען דער וועג איז געוואָרען פריי, איז ער אויך אַריבערגעגאַנגען.

ווען די צוויי בטלנים האָבען זיך שוין געפונען אויף דער אַנדערער זייט פונ'ם טייכעל, טוט שמואל שמעלקע אַ זאָג צו געציל ביינישן:

— ווי געפעלט דיר דער יון, ימח שמו? ער האָט גע-

מיינט, אַז איך, אַ איד, וועל פאַר איהם דרך־ארץ האָבען און איהם אַן ערל לאָזען אַפריהער אריבערגעהן.

— הערסט, שמואל שמעלקע, — טוט איהם געציל ביינישׁ אַ זאָג — ס'איז גאָר געווען אַ יושר איהם צו לאָזען אַפריהער אריבערגעהן, ווייל ער האָט דאָך שוין געהאַלטען אין אריבערגעהן.

— הייסט עס, ווילסטו זאָגען, אַז מיר אידען האָבען קיין יושר ניט, און ער, אַ יון, אַן ערל, ימח שמו, ער האָט יאָ יושר? דאָס וועל איך און קאָן זיך ניט גלויבען — האָט ער אויסגעזונגען מיט אַ גמרא־ניגון און מיט'ן גראָבען פינגער געדרעהט.

— ניין, זאָג איך דיר, שמואל שמעלקע, דאָס מאָל וועל איך דיר ניט צוגעבען און מיינס ניט לאָזען איבערגעהן, — האָט געציל ביינישׁ זיך געאַמפּערט, — אַ סימן האָסטו, אַז דער אַפּיצער איז אַ מענש מיט יושר און מיר במחילה ניט, וואָרים אַזוי ווי מיר האָבען איהם געזעהן געהענדיג אויפ'ן ברעט, האָבען מיר איהם על פי יושר באַדאַרפט לאָזען אַרי־בערגעהן. און אַז מיר האָבען קיין יושר ניט געהאַט און זיינען יאָ געגאַנגען, האָט ער דאָך אונז געקאָנט אַקעגענ־קומען און אונז מיט אַ פּאָר אַפּיצערסקע פּעטש מכבד זיין, און וועל כולם אונז אין טייך אריינוואַרפען. און ער האָט דאָס ניט געטאָן! — האָט ביינישׁ געציל אויך מיט אַ גמרא־ניגון געזאָגט און דערביי, ווי זיין שטייגער איז געווען, זיך ביי דער באָרד געצויגען און די פּאות געדרעהט.

— אָט טאָקע דערפאַר האָט דאָס דער אַפּיצער, דער יון, ימח שמו, ניט געטאָן, ווייל ער האָט קיין יושר ניט. וואָרים ווי קומט עפּעס צו פּאַני חזיר יושר? — האָט שמואל שמעל־קע געשריען.

און ביינישׁ געציל האָט גע'טענה'ט, אַז דער ערל האָט יאָ געהאַט יושר. און פון דעמאָלט אָן זיינען זיי ניט נאָר אויס חברים געוואָרען, נאָר זיי זיינען זיך געוואָרען פּשוט'ע שונאים.

# ער וויל אַ פּאָר תחתונים

אַ בישאָפּ האָט אַמאָל פאַראַנשטאַלטעט אַן אונטער־האַלטונג, אַ סעודה הייסט עס. אַ חוץ זיינע פילע קאָלעגען און גוטע פריינד, האָט ער אויך פילע פאַרשטעהער פון פאַר־שידענע רעליגיאָנען איינגעלאַדען, צווישען וועלכע עס האָט זיך אויך אַ רבי'לע געפונען.

ווערענד די שמחה האָט געהאַלטען אין פולען גאַנג, איז דער בישאָפּ מיט אַלע זיינע געסט איבערראַשט געוואָ־רען פון אַ מחנה ניהיליסטען, אַנאַרכיסטען, גאָט-לעסטערער, וועלכע זיינען די פאַרזאַמלונג באַפאַלען מיט אַלערליי כלי־משחית, און מיט געפילדער און זידלערישע אויסגעשרייען. דער בישאָפּ מיט אַלע זיינע איינגעלאַדענע געסט זיינען פון גרויס שרעקעניש אַנטלאָפען וואוהין זייערע אויגען האָ־בען געזעהן און זייערע פיס האָבען זיי נאָר געקענט טראָגען. זיי האָבען זיך אין די קעלערס, אויף די בוידעמער און אין די שטאַלען אויסבאַהאַלטען.

דער איינציגער פון אַלע געסט, וואָס איז אויף זיין פּלאַץ געבליבען, איז געוועזען דער רבי'לע.

די אַנאַרכיסטען האָבען מיט זייער איבערפאַלען און קאַצעניאַמער ניט מעהר ווי אַביסעל שפּאַס אויף דעם רע־כענונג פון די גלחים געוואָלט מאַכען. און קוים האָבען זיי זייער ציל דערגרייכט, האָבען זיי דעם פּלאַץ מיט טריאומף פאַרלאָזען. אַוועקגעהענדיג, האָבען זיי זיך זעהר געפרעהט און חוזק געמאַכט פון די גלחים, וועלכע זיינען צע'שראָקענע ווי פאַר'סמ'טע מייז פון פּלאַץ צו פּלאַץ אַרומגעלאָפען.

ווען דער בישאָפּ, וועלכער האָט דער ערשטער זיין באַהעלטעניש פאַרלאָזען, איז זיכער געווען, אַז גאָט האָט זיי דעם גרויסען נס באַוויזען און האָט זיי מציל געווען, און ס'איז ווידער שטיל און רוהיג געוואָרען, האָט ער זיינע געסט פון זייערע באַהעלטענישען צונויפגעזוכט און זיי אויפ'ן פריהעריגען פּלאַץ געבראַכט. דער בישאָפּ מיט זיינע געסט

זייגען זעהר פאַר׳חידוש׳ט געוואָרען, זעהענדיג און אויסגע־פינענדיג, אַז דער רבי האָט גאָר זיין פלאַץ ניט פאַרלאָזען און ניט באַהאַלטען זיך. זיין מוט, קוראַזש און בטחון אין זיין אידישען גאָט האָבען זיי אַלע שטאַרק באַוואונדערט.

און ווען די שמחה האָט זיך געהאַלטען ביים ענדיגען, האָט זיך דער בישאָפּ, דער בעל־שמחה, אויפגעשטעלט און האָט זיינע געסט געבעטען, זיי זאָלען זיך רוהיג פאַרהאַלטען. און ער אַליין האָט געהאַלטען אַ גאַנץ לאַנגע און איינדרוקס־פולע רעדע מכח דעם ענין פון דער פּאַסירונג און האָט דער־ביי דעם רבי׳ן פאַר זיין אמונה און בטחון אין גאָט זעהר שטאַרק געלויבט און זיי פאַרזיכערט, אַז נאָר צוליב זיין אמת׳ער אמונה אין גאָט און דורך זיין שטאַרקען בטחון אין גאָט, האָט זיך גאָט מרחם געוועזן און אין זיין דעם רבינ׳ס זכות האָט גאָט אַלעמען מציל געווען. און ער האָט די געסט זיינע ניט געשוינט און זיי אַ גרויסען חלק מוסר איינגעטיילט און זיי געראַטען, אַז זיי זאָלען זיך אַלע אַ מוסר אָפּלערנען פון דעם גרויסען רבי׳ן, פון דעם גרויסען בעל־בטחון אין גאָט, פון דעם גרויסען העלד, פון דעם גרויסען גבור און דאָך גרויסען עניו — און ער האָט דערביי אָנגעווי־זען אויפ׳ן רבי׳לע, וועלכער איז זיך געזעסען אין אַ ווינקעלע אַן איינגעקאָרטשעטער מיט אַ הויקערל.

און דער בישאָפּ האָט געענדיגט זיין פלאַם־פייערדיגע מוסר־דרשה מיט אַן אַדרעס צום רבי׳לע אַליין. ער האָט זיך צו איהם געווענדעט מיט די פאָלגענדע ווערטער:

— געעהרטער און ווירדיגער רבי! איך שעץ מיך גליקליך צו האָבען דאָס גרויסע פאַרגעניגען און אויסערגע־וועהנליכען כבוד צו האָבען אַלס גאַסט אייך, אַ פאָרשטעהער פון דער ערשטער און גרעסטער אמונה אויף דער וועלט, די אמונה, אין וועלכער עס האָבען געגלויבט אונזערע אָבות, אברהם, יצחק און יעקב און אויך אונזערע פּראָפעטען און אַפּאָסטאָלען; פון דער אמונה, פון וועלכע די הייליגע בתולה מרים האָט דורכ׳ן רוח הקודש דעם זוהן פון גאָט אויף דער

ערד געבראַכט אַלס אונזער רעטער און ערלייזער, און מיט זיין בלוט האָט ער די גאַנצע מענשהייט פון זינד אויסגע־לייזט און האָט אויף דער גאַנצער וועלט שלום און שלוה געבראַכט. און אין זיין נאָמען, און אין מיין נאָמען, און אין די נעמען פון אַלע פאַרזאַמעלטע געסט באַגריס איך דיך און פיהל צו דיר רעספּעקט, און מיר אנערקענען דיין גרויס־קייט און מוט, און מיר באַצייכענען דיך אַלס דעם גרעסטען פון אונז אַלע בעל־בטיח אין גאָט און דעם גרעסטען העלד און גבור.

און דער בישאָפּ האָט מיט גרויס עקסטאַז אויסגערופען:

— ווערטער רבי! ערלויב מיר דיר צו זאָגען, אַז עס וועט ביי מיר און ביי אונז אַלעמען זיין ניט נאָר אַ גרויס פאַרגעניגען, נאָר אויך אַ גרויסער כבוד, אַז דו וועסט נעמען ביי מיר פון מיינע הענט דעם טייערען פּראַכטפאָלען מיט דיאַמאַנטען באַזעצטען קאָסטבאַרען זייגער אַלס אַן אָנדענ־קונג און צייכען פון אונזער אַלעמענס ליבע און אַכטונג צו דיר.

ווען דער בישאָפּ האָט איהם דערלאַנגט דעם זייגער, רופט זיך דאָס רבי׳לע אָן מיט אַ רחמנות־פּנים און מיט אַ האַלב־וויינענדיגער שטימע:

— רב גלח׳ל, איך דאַרף קיין זייגער ניט. אויב איך האָב יאָ געפונען חן אין דיינע אויגען און דו ווילסט מיר געבען אַ מתנה, שענק מיר אַ פּאָר תחתונים.

## משיח איז ניט געקומען און וועט ניט קומען

אין אַ שטעטעל האָט זיך אין אַ פרייטאָג פריה אָפּגע־שטעלט פאַר׳ן רב׳ס טיר אַ שעהנע קאַרעטע געשפּאַנט מיט אַ פּאָר זעהר קאָסטבאַרע פערד. פון דער קאַרעטע זיינען אַרויסגעשטיגען צוויי עלעגאַנטע מענער. אויסגעזעהן האָ־בען זיי צו זיין אידען, אָבער ניט אַזעלכע ווי מ׳איז געוואוינט אין־יענע מקום צו זעהן. זיי האָבען געטראָגען שעהנע, ריינע

און מאָדערנע מלבושים, קיין פאות האָבען זיי ניט געהאַט און די קורצע בערד זיינען געווען גלאַט פאַרקאַמט. זעלטען ווען מען האָט אין יענעם שטעטעל אַזעלכע אורחים, איבער־הויפּט אידען, געזעהן.

דער ווען דער רויש פון דער קאַרעטע מיט די פערד האָט געשטערט אין לערנען, איז צו די אורחים אַרויסגעגאַנ־גען, זיי אָפּגעגעבען שלום און זיי פאַרבעטען אַריינצוקומען אין זיין הויז אַריין.

אַריינקומענדיג אין הויז, האָט זיך איינער פון די צוויי אורחים (וועלכער האָט געהאַט אַ מעהר הדרת פנים) אָפּ־גערופען צום רב:

— הערט צו, רבי, מיר דאַרפען פון דאַנען ווייט פאָהרען (און האָט איהם אָנגערופען אַ ווייטליכע שטרעקע), און אַזוי ווי ס'איז ניט מעגליך אַהינצוקומען נאָך היינט בעפאָר קבלת שבת, און אום מיר זאָלען ניט געצוואונגען ווערען חלילה מחלל שבת צו זיין, האָבען מיר באַשלאָסען דאָ ביי אייך ביז איבער שבת צו בלייבען.

דער רב, כאָטש אַ גרויסער בעל בטחון אין גאָט, איז געוואָרען פאַרצווייפעלט, ווייל ער האָט געוואוסט, אַז ער וועט ממש ניט האָבען קיין עסען זיי צו געבען. זיי דאָס צו זאָגען איז געווען איבעריג, ווייל ווי נאָר זיי זיינען אַריינ־געקומען אין רב'ס הויז, האָבען זיי באַלד באַמערקט זיין קבצנ'עשאַפט און דעם גרויסען דלות, וואָס איז דאָרט צע־שפּרייט.

און נאָך איידער דער איידעלער רב האָט זיין ברייטען מהיכא תיתי באַוויזען אַרויסצוזאָגען, האָט שוין איינער פון זיי דערלאַנגט אַ היבשע מטבע דער רבי'צין אין האַנט אַריין, מיט דער באַמערקונג:

— רבי'צין, זעהט מאַכט אַ ברייטען שבת.

פרייטאָג־צו־נאַכט זיינען זיי מיטגעגאַנגען מיט'ן רב אין שוהל אַריין מקבל שבת זיין, און צוליב'ן רב האָבען זיי באַקומען ערטער אין סאַמע מזרח־וואַנט. שבת האָט מען זיי

מכבד געווען מיט די סאַמע בעסטע און בכבוד'סטע עליות, און זיי האָבן צו היבשע ביסלעך גע'נדר'ט. נאָכ'ן דאַווענען האָבן זיי געפּראַוועט צוזאַמען מיט'ן רב אַ גאַנץ פיינע סעודה, כיד המלך, לכבוד זיי זיינען זיך צום רב צונויפגעקומען אַלע באַלעבאַטים, און דער רב האָט געזאָגט תורה מיט התלהבות. צו שלש-סעודות האָט דער רב געזאָגט נאָך מעהר תורה און מיט נאָך מעהר התלהבות, וואָס איז סיי די אורחים און סיי די באַלעבאַטים זעהר געפעלען געוואָרען.

אַ גאַנצען שבת'דיגען טאָג האָבען די אורחים ניט אַרויסגערעדט קיין דבר-חול, ניט מיט'ן רבי'ן, ניט מיט דער רבי'צין און ניט, להבדיל, מיט'ן איזוואָזטשיק. נאָר בעת מלוה מלכה האָט איינער פון זיי אַ פרעג געטאָן דעם רב:

— רבי לעבען, אויב איך זאָל וויסען, אַז איהר וועט אויף מיר קיין פאַראיבעל ניט האָבען, וואָלט איך אַ בעלן געווען אייך פרעגען, וויפיל שכירות אייערע בעלי-בתים צאָלען אייך?

— גאַנצע פינף קלאָגעדיגע גילדען, אי דאָס ניט אַלע מאָל אין צייט, — האָט דער רב מיט אַ הארץ-רייסענדיגען זיפץ און מיט אַ טרויעריגער מינע געענטפערט אויף דער שאלה.

— נו, רבי, און דאָס איז אייך גענוג אויף עסען, דירה, מלבושים פאַר אייך און פאַר דער רבי'צין? — האָבען זיי ביידע כמעט אויף איינמאָל מיט באַוואונדערונג איבערגעפרעגט.

— איהר זעהט מיין דירה, און דאָס האַלט מיך אַ גוטער גוי, אָהן געצאָלט, פשוט פאַר מצוה, ווייל איך האָב ניט און קאָן ניט צאָלען פון די שכירות; און מיין מעבעל האָב איך פון אייך ניט אויסבאַהאַלטען; און מיינע און דער רביצינ'ס מלבושים, וואָס איהר זעהט אויף אונז, דאָס איז אַ זכר פון אונזער חתונה. זייט איך בין דאָ רב, בין איך ניט בכח געווען פון מיינע שכירות מיר אָדער דער רבי'צין אַ פאַר

שיך צו קויפען. פון מיינע שכירות קענען מיר קוים-קוים די נשמה אינ׳ם גוף דערהאַלטען. וואָס זאָל איך טאָן? זה תורה וזה שכרו — האָט ער מיט אַ פאַרקלעמטע האַרץ פאַרענדיגט.

— זאָגט-זשע, רבי׳לעבען, האָט איהר שוין אַמאָל גע-פּרואווט זוכען אַ מיטעל, דורך וועלכען איהר זאָלט אייער טרויעריגע לאַגע פאַרבעסערען? — האָט דער זעלבער מאַן איהם ווידער אַ פרעג געטאָן.

— מיט וואָס אַשטייגער קען איך מיין צרה׳דיגע לאַגע פאַרבעסערען? איך האָב שוין ניט איינמאָל גע׳טענה׳ט מיט מיינע בעלי-בתים און האָב זיי אָנגעוויזען אויף מיין דלות און קבצנות. אָבער מיינע רייד און געבעטע און אפילו טרעהרען האָבען זייערע פאַרשטיינערטע הערצער ניט גע-רירט. און ס׳איז אַלע מאָל געבליבען ביים אַלטען. און אַזוי ווי איהר זעהט, לעב איך מיט דער רבי׳צין און מיט אונזערע קינדער אין גרויס נויט, און זיך אַוועקלאָזען זוכען בעסערס קען איך ניט, ווייל עס וועט חלילה אויסקומען מיין משפחה פון הונגער אויסצושטאַרבען, — האָט דער רב מיט טרעהרען געענטפערט.

— רבי, אויב אַשטייגער מיר וואָלטען אייך אָנגעבאָטען צו ווערען רב אין אונזער קהלה, מיט פופציג קערבלעך אַ וואָך שכירות און עטליכע הונדערטער אויף אויסצוקליידען אייך און אייער משפחה, און אויף הוצאות הדרך אויך, וואָלט איהר אונזער אָנבאָט פאַר כסא הרבנות אָנגענומען?
— האָט איהם איינער פון זיי געפרעגט.

— וואָס-זשע, איהר מאַכט חוזק פון מיר? — האָט ער זיי אַ באַליידיגטער איבערגעפרעגט.

— ניין, רבי, מיר זיינען חלילה ניט אַזעלכע מענשען. מיר מיינען עס גאַנץ ערנסט, — האָבען זיי איהם ביידע פאַרזיכערט. — נאָר אויב איהר זייט מסכים אָנצונעמען ביי אונז כסא דרבנות, וועט איהר מוזען איינגעהן אויף עטליכע תנאים.

— אויף וואָס אַשטייגער? לאָזט מיך הערען, — האָט ער זיי נייגעריג געפרעגט.

— ערשטענס, רבי, דאַרפט איהר וויסען, אַז צו זיין אַ רב אין אונזער קהלה, קענט איהר ניט טראָגען אַזאַ פאַר־דריפּעטע זשופּיצע און לאַנגע קוויטיגע אויסגעטרעטענע זאָקען איבער די ניט־זויבערע און אפשר אַמאָל ווייס־געוואַ־זענע מייטקעס, און קיין פּאַנטאָפעל אויך ניט, און קיין שטריימעל אויך ניט, און אפילו קיין פאַרשמאַלצוואַטע יאַר־מולקע אויך ניט. ביי אונז געהט אַ רב געקליידט ווי אַן אַריסטאָקראַט: אין אַ פראַק מיט אַ צילינדער־הוט, מיט שעהנע געפּוצטע קאַמאַשען, אַט אַשטייגער ווי מיר געהען. וואָס זאָגט איהר, רבי?

— וואָס־זשע, איהר זענט אין ספק, אויב איך וועל דע־רויף מסכים זיין? וואָס מיינט איהר עפּעס, איך בין אַזוי שטאַרק פאַרליבט אין מיין הלוך, מ׳שטיינסגעזאָגט? אודאי בין איך צו דעם תנאי מסכים.

— נאָך אַ תנאי, רבי־לעבען.

— זאָגט, זאָגט!

— ביי אונז אין דער קהלה איז אַ רב ניט מחויב צו האָבען פּאות, און זיין באָרד מוז זיין שעהן אַרומגעפּוצט און פאַרקאַמט אויך.

— דאָס וועט פון מיין זייט קיין מניעה ניט זיין. איך זאָג אייך צו, אַז איך וועל אפילו אַ שטייפע העמד מיט מאַ־נישקעס אויך טראָגען, און מיינע רויטע פאַטשיילע אויף אַ וויים נאָז־טיכעל אויסבייטען, און מיינע ברילען אויף פענסנע אויך פאַרבייטען — האָט דער רב צוגעגעבען.

— נאָך איין !נאי, רבי, און דאָס וועט זיין אַלעס, און אויב איהר וועט אויף דעם אויך מסכים זיין, ציילען מיר אייך תיכף אוים די מזומנים און איהר קענט זיך מיט אייער משפחה אויסריכטען אין וועג אַריין.

— נו, נו, לאָזט מיך הערען וואָס — האָט דער נייגערי־גער רב געפרעגט.

— הערט, רבי, אייער איצטיגער קהלה זענט איהר מודיע, אַז משיח וועט קומען, און דאָרט אונזער קהלה וועט איהר מודיע זיין, אַז משיח איז שוין געקומען.

— צוליב פּרנסה וועט איהר ביי מיר דאָס אויך פועל'ן.

— אויב אַזוי, רבי, זענט איהר שוין אונזער רב.

און זיי האָבען איהם באַלד אויפ'ן אָרט דערלאַנגט עט־ליכע הונדערט קערבלעך מזומן געלד און איהם געהייסען זיך פאַרטיג מאַכען אין וועג אַריין און איהם פאַרזיכערט, אַז אין אַ פּאָר טעג אַרום וועלען זיי נאָך איהם שיקען.

דער רב איז באַלד אַוועק צו אַ באַרבער און זיך מיט זיינע קאָלטענעוואַטע פּאות אָפּגעזעגענט און פון זיין צע־פּאַטעלטער באָרד האָט ער אויך ניט פיל איבערגעלאָזען. פון דאָרטען איז ער אַוועק אין אַ קליידער־געשעפט און זיך אויסגעקליידעט מעשה אַריסטאָקראַט, מיט אַלע פּיטשעווו־קעס, און אַהיים געקומען. זיינע בעלי־בתים האָבען פון זייער נייעם רב אָנגעקוואָלען. אָבער אויף די אַלטע גע־וועזענע בעלי־בתים איז אַ גרויסע בהלה געוואָרען. זיי זיי־נען זיך אַלע ווי צו אַ פייער צונויפגעלאָפען און באַפאַלען זיין הויז מיט קולות און גוואַלדען, זיי האָבען געליאַרעמט און געשריען, אַז זייער רב איז חסר־דעה, משוגע געוואָרען, רחמנא לצלן,

— שאַט, שאַט! — האָט זיך דער רב אויף זיי געבייזערט, — הערט מיך אויס, שקצים, עזית־פּנים'ער! איהר האָט מיר געצאָהלט פינף גילדען אַ וואָך שכירות, און איך מיט מיין משפּחה האָבען געהונגערט און געפריהרט און זיך געפּאַשעט ביי אייך אין דלות, עניות, קבצנות און אין דחקות; תמיד אַרומגעגאַנגען קריע־בליע. מה רעש? איך האָב אייך גע'מוסר'ט און צוגעזאָגט כל טוב, אַז משיח וועט קומען, און זיי, מיינע בעלי־בתים, האָבען מיר צוגעזאָגט און וועלען מיר טאַקע צאָהלען אויך פופציג רובעל אַ וואָך, ניט קיין פינף, איהר הערט? און עטליכע הונדערטער האָ־בען זיי מיר שוין געגעבען, באַקליידט און באַנייט מיך מיט

מיין משפחה האָבען זיי אויך. און וואָס, מיינט איהר, דאַרף איך פאַר זיי טאָן? דרשנ׳ען, אַז משיח איז שוין געקומען. און לאָזט מיך אייך זאָגען, אַז איהר זענט גרויסע חמורים און טפשים) וואָס איהר גלויבט, אַז משיח וועט קומען; און זיי, מיינע נייע בעלי-בתים, זיינען ניט בעסער פון אייך, אַז זיי גלויבען, דאָס משיח איז שוין געקומען!

## אויך ניט קיין שלעכט געשעפט

אונזער אַמאָל געוועזענער פרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען, מיסטער קליוולענד, האָט זיך צונויפגעטראָפען מיט זיין קאָלעגע, דעם עקס-פרעזידענט העריסאָן. האָבען זיי גענומען אַ שפּאַציר, ווי עס איז שוין פון פריהער אָפּגעמאַכט געווען צווישען זיי, אויף דער סאַמע איסט-סאַיד, וואו אונזערע אחינו בני ישראל וואוינען און פרוכפּערען זיך.

שפּאַצירענדיג אין דער הויפּט-רוישיגער און טומעלדיגער גאַס, הנקרא בשם העסטער סטריט, און זעהענדיג אַ איד געהט אין בגדי שבת, נאָר ניט ווי געהעריג אָנגעטאָן, מחמת זיין צילינדער-הוט איז איהם געזעסען מעהר אויפ׳ן נאַקען ווי אויפ׳ן קאָפּ, און ער האָט פאַרגעסען זיינע שיך-בענדלעך צו פאַרבינדען, זיין האַלז-טיכעל אויפ׳ן ריכטיגען פּלאַץ צו פאַרקניפּען און זיין לאַנגע אָפּגעטראָגענע קאַפּאָטע צו פאַרקנעפּלען, און זעהענדיג זיין אימפּעטיג לויפעניש, — האָט דאָס אַלץ זיי געמאַכט צום חידוש׳ן זיך און זיי האָבען גערעכענט, ניט אַנדערש נאָר דער מענש איז אין אַ גרויסער סכנה און אפשר נויטיגט ער זיך אין הילף. האָבען זיי איהם אָפּגעשטעלט און געפרעגט, פאַרוואָס ער לויפט אַזוי גיך און וואָס ער איילט זיך אַזוי, און אין איין וועג שוין אויך אַ פרעג געטאָן ביי איהם זיין נאָמען.

ער האָט אפילו געמיינט, אַז זיי קענען איהם אפשר פון ווייטען, אַז ניט וואָלטען זיי דאָך איהם ניט אָפּגעשטעלט אין מיטען גאַס און געשטעלט איהם שאלות.

— אַ קשיה, וואוהין איך לויף? וואָס-זשע, איהר ווייסט

דען ניט, אַז איך בין אַ פּרעזידענט פון דער גמליאל בן פדוצר אנשי קאָבצינאָוסקער באָסע קאָמאַנדע, און איך דאַרף דעם פּאַרלאַמענט עפענען? — האָט ער מיט שטאָלץ געענטפערט.

— אַז איהר זענט אַ פּרעזידענט און דערצו נאָך פון אַזאַ מדינה (שטאַט), וואָס טראָגט אַזאַ לאַנגען און געהויבענעם נאָמען, האָבען מיר גראָד ניט געוואוסט. און אַז מיר האָבען שוין די זכיה צו וויסען, וואָלטען מיר אויך אַ בעלן געווען צו וויסען וואָס פאַר אַ שכירות קריגט איהר פאַר אייער נאָבעלער און ווערטפולער לייסטונג אַלס פּרעזידענט.

— אַרבייט אַלס פּרעזידענט האָב איך טאַקע גענוג און אין טאַטען אַריין, אויב ניט אין די אויגען איז הינטער די אויגען, כאַפּ איך ניט איינמאָל אַריין; אָבער שכירות נעהמען, דאָס ניט, — האָט ער זיי מיט נאָך מעהר שטאָלץ געענטפערט.

— זעהר פיין פון אייך, זעהר פיין, — האָבען כמעטביידע אויף אַמאָל אַרויסגערעדט. — און פון וואָס אַשטייגער מאַכט איהר אַ לעבען? — האָבען זיי איהם ווייטער געפרעגט.

— וואָס פאַר אַ שאלה איז דאָס? איך בין דך עפּעס אַ שוה-מייקער אַ באָס! — האָט ער זיי דרייסט געענטפערט.

— אַזוי, אַזוי, אַ שוה-מייקער, דאָס איז אַ פיין געשעפט, אַ גוטע ביזנעס. — און זיך מיט איהם געזעגענט און אַוועק.

דער שוה-מייקער-פּרעזידענט איז ווידער און ווייטער געלאָפען. לויפענדיג האָט ער זיך זיין שוסטערישען מוח געאַרבעט: ווער זיינען עפּעס די חברה געווען? און פאַרוואָס האָבען זיי זיך ביי מיר עפּעס אויף אַלעם נאָכגעפרעגט? און איך האָב זיי דעם אמת דערציילט, כאָטש איך קען זיי ניט און ווייס ניט ווער זיי זיינען. וואָלט מיין שוסטערשער קאָפּ פאַרטראָגען זיי אויך אַ פרעג צו טאָן: מה שמכם? — ווער זענט איהר און וואוהין געהט איהר און ועל כולם —

פון וואָס מאַכט איהר אַ לעבען אין אַמעריקע, און וואָס זיינען טאַקע אייערע ביזנעס? אפשר זיינען זיי גאָר שוה־מייקערס, איז כדאי מיט זיי זיך צו באַקענען און זיי מאַכען פאַר מעמבערס פון מיין חברה. זיי זעהען אויס צו זיין ניט קיין אָרימע און פיינע לייט.

און ער האָט זיך גענומען לויפען נאָך שטאַרקער אויף צוריק. ביז ער האָט זיי אַ פאַרסאָפּעטער, קוים דעם אָטעם כאַפּענדיג, אָנגעיאָגט. ער האָט זיי אָפּגעשטעלט:

— מיסטער, מיסטער, איהר האָט מיך געפרעגט אויף מיין נאָמען און וואוהין איך לויף, און צו וואָס איך איל מיך, און פון וואָס איך מאַך אַ לעבען און אפילו וואָס מיינע ביזנעס זיינען. וואָס אייערע נעמען זיינען און וואָס איהר אַליין און אייערע ביזנעס זיינען, האָט איהר מיר געזשאַלעוועט צו זאָגען, — האָט ער אויף גיך זיי באַמערקט.

— איהר וועט אונז ענטשולדיגען, מיסטער פּאָלאַניק, מיר האָבען צופיל פון אייער ווערטפולער צייט ניט געוואָלט אָפּנעמען. נאָר אויב איהר ווילט וויסען, וועלען מיר עס אייך מיט פאַרגעניגען זאָגען: מיין נאָמען איז מיסטער קליוולענד און בין דער פּרעזידענט פון די פאַראייניגטע שטאַטען פון אַמעריקע און דער מיסטער איז מיין פריינד העריסאָן, דער עקס־פּרעזידענט.

— אייערע ביזנעס זיינען אויך פיינע, אַ גוטע, אַ טייערע ביזנעס! — האָט ער כמעט אויסגעשריען און איז אַנטלאָפען.

## אומגעריכט געטראָפען

ווען אונזער אַמאָל געוועזענער גרויסער שונא און איצטיגער פיל־געליבטער און הויך־געשעצטער גוטער פריינד, מיסטער הענרי פאָרד, האָט שטודירט, ספּעקולירט, עקספּערימענטירט און אויספּרובירט זיין נייעם אָטאָמאָביל־מאָדעל, האָט ער זיינע בעסטע צוויי גוטע פריינד איינגעלאַדען צו נעמען מיט איהם דעם ערשטען ראַיד אין זיין נייעם אָטאָ־

מאָביל. און כאָטש אַ נייער, אַ שעהנער און אַ וואוילער, האָט ער נאָך פיל געהעניש, לויפעניש און יאָגעניש זיך פלוצלונג אָפּגעשטעלט, זיך פאַר'עקשנ'ט און ניט נאָר לויפען און יאָגען, נאָר אפילו געהן ניט געוואָלט, ממש פון אָרט זיך ניט גערירט.

מיסטער פאָרד, וועלכער האָט אַליין בכבודו ובעצמו געטריבען דעם אָטאָמאָביל, איז באַלד אויסגעשטיגען און האָט זיין חולה, דעם אָטאָמאָביל, ווי אַ געניטער דאָקטאָר, גוט באַטראַכט. און נאָך דעם ווי ער האָט זיין דופק און אַלע אברים גוט דורכגעטאַפּט, האָט ער אויסגעפונען, אַז כאָטש זיין איצטיגער מאָדעל איז פיל שעהנער און בעסער פון זיינע פריהערדיגע, און געלט און מיה, און טראַכטעניש, און קלערעניש קאָסט איהם אויך זעהר פיל מעהר ווי זיינע פריהערדיגע מאָדעלם האָבען איהם געקאָסט, דאָך זיינען זיי ניט בעסער פון אַלע אַנדערע, זיינע און ניט זיינע, אָטאָ־מאָבילס, מחמת זיי אַלע ליידען פון דער זעלבער חולאת: אָהן געזאָלין ווילען זיי זיך ניט ריהרען פון אָרט. נאָר אַזוי ווי זיין אָטאָמאָביל האָט זיך געפונען ניט ווייט פון אַ פילינג־סטיישאָן, און כאָטש ער האָט צו אַ אידען באַלאַנגט, האָט ער דאָך קיין ברירה ניט געהאַט און האָט דעם אידען גע־הייסען אָנפילען זיין אָטאָמאָביל־טענק מיט געזאָלין. דער איד האָט פאָרד'ס רצון דערפילט און האָט בשעת מעשה ניט פאַרגעסען צו דערלאַנגען איהם אַ כתב־יד (אַ ביל). דער איד איז אפילו בטבע געווען אַ גוטער מענש און אַ גרויסער בעל־צדקה, נאָר פאַר געזאָלין האָט ער אַלעמען געהייסען באַצאָהלען. און אַזוי אַרום האָט ער אויך פאָרד'ן געהייסען באַצאָהלען פאַר צוויי־און־צוואנציג גאַלאָן געזאָלין. האָט פאָרד גע'טענה'ט:

— אַזוי ווי איך אַליין האָב געמאַכט דעם טענק און געמאַכט האָב איך איהם, אַז נאָר וואנציג גאַלאָנען זאָלען אַריין, טאָ פאַרוואָס עפּעס זאָל איך באַצאָהלען פאַר צוויי

גאַלאָנען, וועלכע געפינען זיך ניט אין מיין טענק? וואו איז יושר?

דער סוחר האָט זיך געהאַלטען ביי זיינס און ניט געוואָלט נאָכגעבען. ענדליך האָט זיין קונה איינגעשטימט צו באַצאָהלען פאַר די צוויי ניט־געקראָגענע גאַלאָנען, אָבער צוויי־און־צוואַנציג סענט פאַר אַ גאַלאָן אנשטאָט צוואַנציג, לויט דער מקח איז דעמאָלט געשטאַנען. דאָס האָט ער שוין ניט געוואָלט צוגעבען, און אום צו באַשטעטיגען זיין באַהויפטונג, האָט ער זיין פריינד, מיסטער ראָקעפעלער, אַלס עדות אַרויסגערופען. מיסטער ראָקעפעלער האָט איהם ערקלערט, אַז ער פאַבריצירט און פאַרקויפט און שטעלט די פרייזען פאַר גאַזאָלין איבער גאָר דער וועלט, און די איצטיגע פרייז איז נאָר צוואַנציג סענט און ניט צוויי־און־צוואַנציג סענט פאַר'ן אַגלאָן ווי ער פאַרלאַנגט.

— הערט אייך איין, — האָט זיך דער סוחר צו זייביידען אָנגערופען, — אויב איך זאָל מיר לאָזען איינריידען פון דעם לאַנגען לעקיש, אַז ער איז פאָרד, און פון דעם אַלטען שוטה, אַז ער איז ראָקעפעלער, וועט באַלד אַרויסקומען אָט יענער שלומיעל וואָס זיצט דאָרט אין מאַשין און וועט מיר פרואווען איינריידען, אַז ער איז גאָר פרעזידענט קולידזש!

---

גמליאל: זאָג מיר, איך בעט דיך, פאַלטיעל, פאַרוואָס געהט אַ רב אין שוהל אַריין און, להבדיל, אַ גלח אין קלויסטער אַריין?

פאַלטיעל: פשוט, ווייל די שוהל קען ניט קומען צום רב און, להבדיל, דער קלויסטער קען ניט קומען צום גלח.

גמליאל: זאָג מיר, איך בעט דיך, פאַלטיעל, פאַרוואָס שמעקט אַ ניגער אַנדערש ווי אַ ווייסער מענש?

פּאַלטיעל: פּשוט, ווייל אַ ניגער שמעקט מיט אַ שוואַר־צער נאָז און אַ ווייסער מענש שמעקט מיט אַ ווייסער נאָז.

גמליאל: זאָג מיר, פּאַלטיעל, ווען איז אַ טרעמפּ אַ מענש מיט אַלעמען צו גלייך?

פּאַלטיעל: פּשוט, ווען ער איז ווייט אַוועק, אָבער ווען ער קומט־צו נאָהענט, דערזעהט מען דעם טעות.

גמליאל: זאָג מיר, פּאַלטיעל, וואָס איז דער חילוק פון אַ גאַליציאַנער ביז אַן אַמעריקאַנער?

פּאַלטיעל: פּשוט, אַ גאַליציאַנער זאָגט: „גאָי וואָיס" און אַן אַמערעקאַנער זאָגט: „וואָיז גאָי".

גמליאל: זאָג נאָר, פּאַלטיעל, פאַרוואָס נעמען עפּעס די קאָנדוקטאָרס קיין כינעזער און יאַפּאַנעזער אויף די קאַרס ניט אַרויף?

פּאַלטיעל: פּשוט, ווייל די קאָנדוקטאָרס זיינען זיכער, אַז די כינעזער און יאַפּאַנעזער זיינען אויך בכח אַליין אַרויפצוגעהן.

גמליאל: זאָג מיר, פּאַלטיעל, וואָס איז אַ ניגער־בעיבי ווען ס'ווערט אַ יאָהר אַלט?

פּאַלטיעל: פּשוט, איין שוואַרץ יאָהר!

גמליאל: זאָג מיר, פּאַלטיעל, פון וואַנען איז געדרונגען, אַז בלק בן צפור, דער אַנטיסעמיט, איז געווען אַ בעטשלאָר, אַן אַלמן אָדער אפשר גאָר אַ גרוש, ימח שמו?

פּאַלטיעל: פּשוט, אויב ער וואָלט געהאַט אַ ווייב, וואָלט ער ניט באַדאַרפט צו בלעמ'ען אַנקומען, אַז ער זאָל אונז אידען שעלטען.

גמליאל: זאָג מיר, איך בעט דיך, פּאַלטיעל, פאַרוואָס געהען אידען צו תשלח?

פּאַלטיעל: פּשוט, ווייל אום ראש השנה טאָר מען ניט פאָהרען.

גמליאל: זאָג נאָר, פּאַלטיעל, פאַרוואָס איז אַ צעבער (גאַרבעדזש פּעיל) קיילעכדיג און אַ ליילעך פיר־עקעדיג?

פּאַלטיעל: פּשוט, כדי דער צעבער זאָל ניט חיב בציצית זיין.

גמליאל: פאַרוואָס־זשע איז עפּעס דאָס ליילעך ניט חיב בציצית?

פּאַלטיעל: פּשוט, ווייל אַ ליילעך איז אַ כסות לילה, איז עס פּטור פון ציצית, אָבער ווען אַ צעבער וואָלט פיר־עקעדיג געווען, וואָלט ער געווען חיב בציצית.

גמליאל: זאָג מיר נאָר, כ׳וואָלט זעהר געוואָלט וויסען, וואָס איז געווען די טויב, וואָס נח האָט געשיקט אויסצו־געפינען טריקעניש, אַ זכר אָדער אַ נקבה?

פּאַלטיעל: אודאי אַ זכר! וואָס־זשע, ווייסט גאָר ניט, גמליאל?

גמליאל: פון וואַנען זאָל איך עס וויסען, און פון וואַנען ווייסטו עס?

פּאַלטיעל: פּשוט, אויב די טויב וואָלט געווען אַ נקבה, וואָלט זי געקענט איהר מויל האַלטען אַזוי לאַנג צוגעמאַכט?

גמליאל: זאָג מיר נאָר, פּאַלטיעל, וואָס איז דער חילוק פון אַ בעל־תפילה צו אַ אידענע?

פּאַלטיעל: קיין גאַנץ גרויסער חילוק איז אפשר ניט, ווייל בעטערס זיינען זיי ביידע, נאָר אַ שטיקעל חילוק איז יאָ פאַראַנען: דער בעל־תפילה בעט ביי השם יתברך — וויל ער, גיט ער איהם, און אַז ניט קען ער איהם רופען קנאַק־ניסעל, אָבער אַ אידינע ביים מאַן איז אַ תקיף: ביי איהם אַז זי בעט, מוז ער געבען.

גמליאל: זאָג מיר, כ׳וויל וויסען, פאַרוואָס איז עפּעס פראַים יאָסעלס מדינה (פראַנץ יאָזעפ׳ס לאַנד) גאַליציע אַזאַ אָרים לאַנד, איבערהויפּט זיינען די גאַליציאַנער אידען די אָרימסטע אידען?

פאַלטיעל: כ׳ל דיר זאָגען, גמליאל, נאָר בקיצור, על רגל אחת׳ קאָן איך ניט, ווייל עס איז דערמיט אַ גאַנצע מעשה פאַרבונדען. אויב דו האָסט צייט מיך אויסצוהערען, וועל איך מיר צייט נעמען און דיר דיין שאלה מיט אַ מעשה פאַרענטפערען.

גמליאל: מחיכא תיתי, איך וועל, איך וועל, אדרבא, דערצייל, פאַלטיעל.

פאַלטיעל: הער זיך איין, גמליאל. ווען השם יתברך האָט באַשאַפען די וועלט, האָט ער אויך באַשאַפען די דריי מדינות, פראַנקרייך, דייטשלאַנד און, אפנים על פי טעות, גאַליציען. און האָט אין די אַלע אָנגערופענע לענדער אַריינגעזעצט אידעלעך און האָט זיי געזאָגט: זייט מענשען, זייט גוד־באָיעס און בעהעיוו יורסעלף, וועט זיין אָלל־ראַיט. האָט זיך הקדוש ברוך־הוא אַמאָל פאַרוואָלט צו מאַכען אַ שטיקעל אינספעקציע׳ און אויסגעפינען וואָס טוען עפעס זיינע אידעלעך. און ער האָט אויסגעקליבען יום כפור פאַר דעם פאַסיגסטען טאָג פאַר דעם צוועק.

האָט ער זיך געלאָזען אַ קאַרעטע מיט פייערדיגע׳ פערד איינשפאַנען און איז אינקאָגניטאָ (פאַרשטעלט) קיין פראַנצויזען־לאַנד אַריינגעפאָהרען. און וואו אַשטייגער קען ער זיינע אידעלעך אין אַזאַ צייט טרעפען? אודאי אין טעמפעל וויקטאָריע! איז ער אַהינצו טאַקע פאַרפאָהרען. אַריינקומענדיג אין טעמפעל, איז ער ממש פאַרגאַפט געוואָרען. אין דעם טייערען און רייך־באַפוצטען אָרון־קודש שטעהט זיין טאָכטער, די הייליגע תורה, מיט גאָלד און בריליאַנטען באַזעצט, ווי אַ קעניגין אויסגעפוצט. דער אָרגעל שפילט, דער כאָר מיט׳ן קאַנטאָר זינגען — ס׳איז אַ מחיה צו הערען. ער לייגט צו אַן אויער, הערט ער ווי די אידעלעך, וועלכע קוקען אוים ווי מאַגנאַטען און אַריסטאָקראַטען, זאָגען: „אָנו בניך ואתה אָבינו“ א. אַז. וו. כמעט מיט אַלע כחות האָט זיך קדוש־ברוך־הוא איינגעהאַלטען ניט אויסצושרייען: וואָסערע טייערע, וואָסערע וואוילע קינדער איך האָב! אויף

אַזעלכע איז שוין כדאי געלד צו ספּענדען. ער האָט זיין נאַטיץ-ביכעל אַרויסגענומען און פאַר זיי אַ היבשען בודזשעט אויסגעמאַכט.

פון דאָרטען איז ער אַוועק גלייך קיין דייטשלאַנד.

אין דייטשען טעמפּעל האָט ער נאָך מעהר פּראַכט און גלאַנץ געטראָפען. אַלע זיינען געזעסען אויף זייערע פּלעצער אין אָרדענונג, שטיל און רוהיג. דאָ האָט אויך דער אָרגעל געשפּילט, און דער כאָר מיט'ן קאַנטאָר האָבען צוקער-זיסע נגונים געזונגען. דאָ האַלט מען אויך בכבוד זיין תורה די פּרינצעסין. און צו זיין גרויסער איבעררעשונג הערט ער, ווי די דאָזיגע מאַגנאַטען און נאָבעל-לייט זאָגען גאָר: „אָנו עבדיך ואתה אדונינו". אַזוי, אַזוי, אַזעלכע אָנשטענדיגע משרתים האָב איך? — האָט ער צו זיך אַליין אַ צופרידענער געזאָגט. אַזעלכע משרתים (באַדינער) קען מען מיט ביליג ניט אָפּקומען. זיי דאַרפען עפּעס האָבען און האָבען טאַקע די ווערט אויך. ווידער האָט ער זיין נאָטיץ-ביכעל אַרויסגענומען און פאַר זיי אַ גאַנץ פיינעם בודזשעט אויסגעמאַכט.

פון דייטשלאַנד האָט ער זיך אַריבערגעכאַפּט קיין גאַליציע און אין אַ שוהל ניט אַריינגעגאַנגען, נאָר כמעט אַריינגעפאַלען — ס'איז איהם פינסטער געוואָרען אין די אויגען. זיין פיל-געליבטע תורה'לע שטעהט אַ נאַקעטע, אָהן אַ שטיקעל צירונג, אין אַ קויטיג מענטעלע, אין אַ צעבראָכען קעסטעל. דער בעל-תפילה, דער חזן, זינגט ניט, נאָר שרייט אויפ'ן קול: „איי, איי, איי! געוואַלד, געוואַלד, געוואַלד!"

און זיי, זיינע אידעלאַך, מיט פאַרדריפּעטע קאַפּאָטעס, אַ טייל פון זיי אין מאָדנע ספּאָדיקעס מיט שפּיצען און אַ טייל מיט אָפּגעליזעוועטע שפּיציגע יאַרמולקעס אויף זייערע קעפּ, מיט ניט-פאַרקאַמטע קאָלטענעוואַטע בערד און פאות, אַלע אין זאָקען מיט אויסגעטרעטענע פיאַטעס, אַ טייל פון זיי לויפען אַרום הין און צוריק ווי משוגעים און אַ טייל שטעהען נעבען צעבראָכענע טישען, אויף וועלכע ס'שמעלצען זיך

חלב׳נע און וואַקסענע יום־כפור־ליכט, און די לופט איז אַ פאַרפּעסטעטע, און אַלע שטעהען און לויפען אַרום אויף שטרוי ווי פשוט׳ע חיות, און אַלע שרייען און געוואַלדעווען מיט מאָדנע קולות.

צוהער׳ענדיג זיך, איז ער ממש פאַרצווייפעלט געוואָרען. זיי זיינען זיך אַליין מודה און שרייען: „אָנו עזי פנים“ — מיר זיינען עזות־פנים׳ער, חוצפה׳ניקעס, „אָנו קשי עורף“, עקשנים, איינגעשפּאַרטע — מיר טוען, וואָס מיר ווילען, און פאָלגען קיינעם ניט און דיך, גאָט, אודאי ניט; „אָנו מלאי עון“ — מיר זיינען זינדיגע ברואים.

אין אָנהויב האָט ער אפילו אויף זיי רחמנות געהאַט — פאַרט זיין פאָלק ישראל. אָבער קוים האָט ער נאָר דער־הערט פון זייערע אייגענע מיילער, ווער און וואָס פאַר אַ באַנדע זיי זיינען, האָט ער באַלד אַ קאָמאַנדע געגעבען זיין איזוואָזטשיק און איז פון זיי, פון זיינע גאַליציאַנער אידע־לעך, ווי פון אַ פייער אַנטלאָפען, און זיי אָהן אַ בודזשעט, אָהן אַ גראַצער ביי זייער נשמה איבערגעלאָזען. נו ווייסטו שוין, גמליאל?

— יאָ, פאַלטיעל.

## ניט געלונגענער קאָנצערט

אַ ניו יאָרקער תושב, אַ ביזנעסמאַן, איז געוואָרען אַלל־ראַיט איז אַמעריקע, איז ער אַוועק אין אַ קאָנטרי און זיך איינגעהאַנדעלט אַ הייזקע און קאָמיוטעט אַזוי ווי אַלע קאָמיוטערס הין און צוריק פון ניו יאָרק. ס׳רעדט זיך אַזוי ווי אַלע. אין דער אמת׳ן איז ער ניט געפאָהרען אַזוי און אין דער זעלבע צייט ווען אַלע זיינען געפאָהרען. מחמת אַלע קאָמיוטערס זיינען געווען באַנק־ און וואָל־סטריט־מענשען און האָבען באַדאַרפט זיין אין זייערע אָפיסעס ניין אָדער צעהן אַזייגער אינדער׳פריה, דער אָלל־ראַיטניק האָט אָבער געמוזט עפענען זיין קרעמעל מיט׳ן טאָג צוגלייך.

פאַרשטעהט זיך, אַז ער האָט זיך געמוזט מקדים זיין מיט אַ פּאָר שעה. נאָר אין אָוונעד צום אַהיימפאָהרען איז ער שוין ביחדות ניט געפאָהרען.

די מיטפאָהרערס זיינע זיינען כמעט אַלע געווען ניט קיין האַרעפּאַשניקעס און ניט קיין איבערגעאַרבייטע מענשען, לכן האָבען זיי פאַרבראַכט די צייט אין שפּילען אין קאָרטען אָדער אין טשעקערס, גערויכערט, געפּלוידערט און זיך דערציילט וויצען, איינער מיט'ן אַנדערען האָבען שפּאַס געמאַכט. נאָר אונזער אַלל־ראַיטניק, אַ מידער, אַ שלעפּעריגער און איוסגעמאַטערטער פון אַ שווערען טאָג אַרבייט, האָט זיך קוים אויף זיינע פיס געהאַלטען. ער פלעגט זיך פאַרקלייבען אין אַ ווינקעל פונ'ם וואַגאָן און קוים האָט ער נאָר באַוויזען זיין אונטערשטען טייל קערפּער אָוועקצוזעצען, זיינען שוין ביי איהם זיינע הענט לעקישעוואַטע אַרונטערגעהאַנגען, און זיין ניט תמיד פאַרקאַמטער קאָפּ פאַרוואָרפען איבער דער פאַרענטשע פונ'ם סיט, זיינע אויגען צוגעמאַכט, דאָס מויל אָפען, און זיינע באַקען, נאָז און נאָזלעכער האָבען געאַרבייט אין קאָנטאַקט, להבדיל, ווי אַן אָטאָמאַטישע מאַשין. און אַזוי אַרום האָט ער זיינע מיטפאָרערס מזכה געווען מיט אַ ניט זעהר האַרמאָנישען קאָנצערט.

די ערשטע צייט האָבען זיך די חברה קאָמיוטערס גאַנץ פיין אַמוזירט און נחת געהאַט. אָבער סוף כל סוף זיינען זיי זיינע קאָנצערטען נמאס געוואָרען. און ס'איז אויף זיי ניט געווען קיין פאַראיבעל צו האָבען. איך און איהר וואָלטען אפשר אויך ניט בעסער געווען — יעדען אָוונעד אויסצוהערען דאָס זעלבע פייפעניש מיט דער נאָז, דאָס זעלבע פויקעניש מיט די ליפען, די זעלבע טענער, די זעלבע מעלאָדיע. און פאַרוועהרען איהם זיינע קאָנצערטען צו פראַווען האָבען זיי ניט געקענט. איז איינער פון דער חברה קאָמיוטערס געפאַלען אויף אַ המצאה און האָט זיך מיט אַ היבש שטיקעל לימבורגער קעז באַזאָרגט. און ווען זייער קאָנצערטיסט האָט זיך גענומען פראַווען זיין טעגליכען קאָנ־

צערט, האָט ער איהם דעם ניט-שמעקעדיגען קעז אונטער'ן נאָז גערוקט. פּאַר אַ ווײלע האָט עם געהאַלפען. ער האָט אַ פּאָר ניט שעהנע תנועות געמאַכט און באַלד ווידער זיין קאָנצערט פאָרטגעזעצט. דער חברה-מאַן האָט איהם ווידער מיט אַ שמעק מכבד געווען, און ווידער זיינען די טענער נידעריגער געוואָרען, אָבער ניט אויף לאַנג. צום דריטען מאָל האָט איהם דער בעל-דבר מיט אַ שמעק גדול מכבד געווען. ער האָט די לופט פון זיינע באַקען, וועלכע זיינען געווען אָנגעפילט ווי צוויי בלאָז-זעק, אַרויסגעלאָזען, פון זיין נאָז האָט זיך עפּעס ווי אַ מין תקיעה גדולה געהערט, און אויף זיין ברודיגען פּנים האָט זיך אַ זויערע און רחמנות'-דיגע מינע באַוויזען, און מיט אַ קול פון געבעט האָבען זיינע ליפּען די קלאָרע און פאַרשטענדליכע ווערטער געשעפּ-טשעט: „שפּרינצע מירקע, גזלנ'טע, וואָס ווילסטו פון מיין לעבען, רוק זיך אָפּעט, איך ווער דערשטיקט. דו סאַרכעסט, דו עיפּוש'סט ווי אַ נבלה. רוק זיך אָפּעט, רוק זיך אָפּעט!“

## אַ האַלבען טעות געמאַכט

מיסטער אַבראַמסאָן האָט זיין גאַסט, מיסטער אָקס, פאָרגעשטעלט פאַר זיין פריינד, מיסטער לעמעלסאָן. ביי זייער צווייטער באַגעגעניש באַגריסט מיסטער לעמעלסאָן דעם שוין פאָרגעשטעלטען גאַסט, נאָר על-פּי טעות רופט ער איהם מיסטער קאַלב.

— איהר האָט אַ טעות, מיסטער לעמעלסאָן, מיין נאָמען איז אָקס, ניט קאַלב, — האָט מיסטער אָקס איהם קאָ-רעקטירט.

— ענטשולדיגט מיר פאַר'ן האַלבען טעות, וואָס איך האָב געמאַכט. אַז איהר זענט אַ בהמה האָב איך געוואוסט, נאָר וואָסער מין האָב איך ניט געדענקט.

# מלאכים אויפ׳ן בוידעם

שוין צום דריטען מאָל, אַז אַ סוחר האָט זיך צונויפגעטראָפען מיט אַ חסיד אין דער זעלבער אכסניה, אין וועלכער ער פלעגט זיך אָפּשטעלען אויף זיין מסחר־וועג. ער האָט דעם חסיד געפרעגט ווי אַלע מאָל, בשעת שלום עליכם געבען:

— וואוהין פאָהרט אַ איד?

— צום רבי׳ן, — האָט איהם דער חסיד געענטפערט.

— מה רעש, וואָס האַלט איהר עפּעס אין איין פאָהרען צום רבי׳ן? ביי אונזערע פריהעריגע באַגעגענישען האָט איהר מיר אויך געזאָגט, אַז איהר פאָהרט צום רבי׳ן, — האָט איהם דער סוחר, וועלכער איז געווען אַ מתנגיד, מיט אַ פאָרוואורף געפרעגט.

— וואָס פרעגט איהר עפּעס אַזאַ נאַרישע שאלה, ווי אַזוי קאָן אַ מענש ביי זיך פועל׳ן אַז ער זאָל כאָטש דריי מאָל אַ יאָהר ניט פאָהרען צו אַזאַ טייערען רבי׳ן? וואָס איז עפּעס אייער רבי אַזוי טייער, אַז איהר זאָלט צו איהם דריי מאָל אַ יאָהר פאָהרען? דאָס קאָסט דאָך געלט, צייט און מיה, — האָט איהם דער סוחר דער מתנגד איבער־געפרעגט.

— מיין רבי האָט די טרחה ווערטה, מחמת ער איז אַ גוואַלדיגער צדיק, אַ וואַזשנער למדן און אַ גדול בישראל. איהר קאָנט זיך משער זיין, אַז ביי איהם אויפ׳ן בוידעם געפינען זיך מלאכים, — האָט איהם דער חסיד מיט שטאָל׳ץ געענטפערט.

—אַזוי גאָר! ביי אייער רבי׳ן אויפ׳ן בוידעם געפינען זיך מלאכים, און איהר האָט זיי אפשר אַליין געזעהן? — האָט איהם דער מתנגד מיט אַ שפּאָטישען שמייכעל געפרעגט.

— שוטה וואָס איהר זענט, ווי קום איך, אַ פשוט׳ער בשר ודם, די זכיה צו האָבען צו זעהן דעם רבינ׳ס מלאכים!

— אַז אַליין געזעהן האָט איהר זיי ניט, פון וואַנען־זשע ווייסט איהר דאָס און זענט אַזוי זיכער דערין? — האָט איהם דער מתנגיד שוין אַביסעל לאַכענדיג איבער־געפרעגט.

— אַ קשיה פון וואַנען איך וויים. טאַקע דער רבי אַליין, זאָל לעבען, האָט מיט זיין פה קדוש געזאָגט, — האָט איהם דער חסיד מיט נצחון געענטפערט.

— און אפשר האָט גאָר אייער רבי, דער גדול בישראל, במחילה אַ ליגען געזאָגט? — האָט דער מתנגיד גוטמוטיג איהם ווייטער געפרעגט.

— שוטה! טיפּש וואָס איהר זענט! ווי קען עס זיין, אַז אַזאַ רבי, ביי וועלכען עס געפינען זיך מלאכים אויפ׳ן בוידעם, זאָל זאָגען אַ ליגען? — האָט דער חסיד געקאָכט.

## צוויי ליגנערס

צוויי ליגנערס האָבען זיך צונויפגעטראָפען אין געזעל־שאַפט. דערציילט איין ליגנער, אַז ביי זיין טאַטען אויפ׳ן פאָרם וואַקסען אַזעלכע גרויסע קירבעס, אַז יעדע קירבע מוז מען מיט אַ געשפאַן פון פיער פערד שלעפען.

— דאָס איז גאָרנישט. מיין פאָטער איז אַ טעפער און מאַכט אַזעלכע גרויסע טעפּ ווי אַ פיער־שטאָקיגע בילדינג די גרויס, — האָט איהם דער צווייטער ליגנער דערציילט.

— צו וואָס דאַרף מען אַזעלכע גרויסע טעפּ האָבען? — האָט ביי איהם דער ערשטער ליגנער געפרעגט.

— וואָס ווייסטו נישט, כדי מען זאָל האָבען אין וואָס דיין טאַטענס קירבעס צו קאָכען.

# זיי האָבען ביידע געפּיהלט

קלמן ברוך און נחום זרח זיינען ניט נאָר שיפּס־ברידער געוועז, נאָר טאַקע אויך לאַנדסלייט פון שניפּישיפּסקע, און ניט נאָר סתם לאַנדסלייט, נאָר אפילו געבוירען און אויפגעצויגען אין דעם זעלבען בלאָטיגען געסעל, זיך זאַלבענאַנד אין דער זעלבער לוזשע געפּלושקעט און זיך אין פערד, רויבערס, גנבים, סאָלדאַטען און קיסרים געשפּילט, און צוזאַמען צו רב מענדעלע בע מיט'ן קרומען הענטעל, דער מלמד אויף יענער זייט קאָקיינע, אין חדר געגאַנגען, און כמעט אין דער זעלבער צייט רב מענדעלע בע'ס תורה, וועלכע ער האָט אַליין זעהר ווינציג געקענט, אויסגעלערענט און אין איין צייט בר־מצוה געוואָרען, און נאָך דעם טאַקע זיינען זיי ביידע בטל אַרומגעגאַנגען. נאָר ווען־ניט־ווען פלעגען זיי זיך אַריינכאַפּען אין דעם אַלטען שניפּישעפּסקער בית־המדרש, ניט חלילה אַ בלאַט גמרא אָדער אַ פּרק משניות צו לערנען — ניין, דאָס ניט, ווייל דאָס האָט אפילו זייער רבי רב מענדעלע בע מיט'ן קרומען הענטעל פון נעבען דער קאָקיינע, אפילו ער אַליין האָט דאָס אויך ניט געקענט, מכל שכן זיי!

ווילט איהר אפשר וויסען, וואָס האָבען אַזעלכע עם־הארצים געטאָן אין בית־המדרש — וועל איך אייך מגלה־סוד זיין בלי בושה וחרפּה. אַמאָל האָבען זיי געשפּילט אין ציגעל־וואָלף, איקס־מיקס־דריקס, קאַשקע־מאַמקע, שלעפּקע־באַבקע, אָדער זיי האָבען דאָרטען גאָר אויפגעגעסען אַ קאַוועגע, וועלכע זיי האָבען בשותפות גע'גנב'עט ביי ריווע־צירל'ען די הוישיע־שוויליכע מיט די בלייזע אויגען, אויפ'ן שטעטעלשען מאַרקעל.

זייער שותפות און גוט־ברודערשאַפט האָט נאָר אָנגעהאַלטען ביז צו זייערע חתונות, און חתונה געהאַט האָבען זיי אויך כמעט אין דער זעלבער צייט. און נאָכדעם זיינען זיי ניט נאָר ניט שוה בשוה געוועז, נאָר זיי זיינען זיך

אפילו שונאים געוואָרען, מחמת זיי האָבען זיךביידע צו איין מסחר גענומען: אַרומגעגאַנגען איבער די אַרומיגע דערפער און ביי די גוים און גוי'עס אַ בינטעל חזיר־האָר, האָזענע און קעלבערנע פעלעכלעך, קוקורוזע־מעהל, בעבלעך, געטריקענטע פלוימען, באַרנעס, עפּעל איינגעהאַנדעלט. דאָס אליין וואָלט נאָך אפשר דעם שלום צווישען זיי ניט געווען צעשטערט. איז אָבער צווישען זייביים קויפען און פאַר־קויפען ענטשטאַנען אַ מין קאָנקורענץ. קוים האָט קלמן ברוך געבאָטען פופציג קאָפּיקעס פאַר אַ בינטעל חזיר־האָר אָדער פאַר אַ פעלכעל, איז איהם נחום זרח הינטער די פּליי־צעס געשטאַנען און מוסיף געווען פינף קאָפּיקעס און ביי איהם אויסגעדונגען די מציאה. און אַזוי איז אויך געווען ביים פאַרקויפען. האָט קלמן ברוך פאַרלאַנגט פאַר זיין סחורה אַ רובעל, האָט נחום זרח אַרונטערגעלאָזען פונ'ם מקח פינף קאָפּיקעס און אַוועקגענומען ביי איהם דעם קונה פון אונטער דער נאָז. און ווער ווייסט, ווי לאַנג זייער קנאה, שנאה און קאָנקורענץ וואָלט געווען אָנגעהאַלטען, ווען ניט דער בלינדער שיקזאַל, וועלכער האָט זיי צונויפגע־בראַכט אויף איינער און דער זעלבער שיף, וועלכע האָט זיך געשאָקעלט אויף די גרויסע ים־כוואַליעס, פאָהרענדיג קיין אַמעריקע. און אויף דער שיף, ווי באַקאַנט, זיינען גרויס און קליין, אָרים און רייך די זעלבע יחסנים — אויף יעדענס פּנים שוועבט דער זעלבער פּחד און דער זעלבער אימת־מות. אָט אויף דער דאָזיגער שיף האָבען זיי ביי זייער ערשטער באַגעגעניש פאַרגעסען אָן זייער קנאה־שנאה, און ניט נאָר האָט זיך ביי זיי די אַמאָליגע חבר'שאַפט באַנייט, נאָר צווישען זיי איז געוואָרען ממש נפש קשרה בנפש. און דערפאַר טאַקע האָבען זיי פאָהרענדיג אויף דער שיף כורת ברית געווען און אַ שותפות בונד געשלאָסען.

ווען זיי זיינען געקומען קיין ניו יאָרק, האָבען זיי זיך דערוואוסט, אַז אויף איסט־בראָדוויי געפינט זיך אַ ראַיעלער ביזנעס־אַגענט. דער דאָזיגער ראַיעלער ביזנעס־אַגענט האָט

זיי אַ פאַרם אַ וואַזשנע מציאה נאַראַיעט. און אַזוי איז קלמן ברוך און נחום זרח צו מזל אין אַמעריקע פאַרמערס געוואָרען.

אַפּזייענדיג אַ קורצע צייט פאַרמערס, האָבען זיי זיך ניט מעהר גענויטיגט אַרומצושלעפּען איבער די דערפער, צונויפצוקויפען פעלען פון חיות און בהמות, מחמת זיי זיינען געוואָרען באַזיצער פון די פעלען פון זייערע אייגענע קיה און קעלבער און פערד און אפילו פון דעם הונט, וועלכען זיי האָבען איינגעהאַנדעלט אינאיינעם מיט דער פאַרם. פאַר די עופות האָבען זיי אויך ניט מעהר באַדאַרפט זאָרגען, מחמת די יונגע, וועלכע האָבען געלייגט אייער, האָבען זיי אויספאַרקויפט צו די אַנדערע פאַרמערס און אויסגעשאָכטען לכבוד שבתים און ימים־טובים, און די אַלטע זיינען פון עלטער און שוואַכקייט מיט אַ נאַטירליכען טויט אויסגע־פגר'ט. און קיין אַנדערע פאַרם־פּראָדוקטען האָבען זיי שוין אויך מעהר ניט פאַרמאָגט, און סך הכל האָט שוין זייער פאַרם געהאַלטען ביי גסיסה. האָבען קלמן ברוך און נחום זרח געהאַלטען אַ באַראַטונג.

— הער זיך איין, — האָט ברוך צו זרח'ן בזה הלשון געזאָגט, — זעהסט דאָך, אַז פאַרמעריי אין אַמעריקע טויג אויף כפרות. אַמעריקע איז אַ מדינה פון מסחרים. לכן איז מיין ראַטה, אַז מיר זאָלען איינשפּאַנען דאָס פערדעל וואָס זשיפּעט נאָך, אין איינעם פון אונזערע וועגעלעך, און אַריינפאָהרען קיין ניו יאָרק. און ניו יאָרק, פאַרשטעהסטו מיך, איז אַ פלאַץ פון גאָלע מציאות. ?וועלען מיר דאָרטען איינהאַנדלען אַביסעל מציאות און מיט זיי אַרומפאָהרען אי־בער די דערפער. און איך זאָג דיר, אַז מיר וועלען נאָך אַמאָל זיין אָלראַיט אין אַמעריקע.

— ביסט גערע'כט, ברודער ברוך. איך האָב שוין אַליין אויך געטראַכט דערפון, ווי דו זעהסט מיך אַ אידען! — האָט איהם נחום זרח ענטוזיאַסטיש געענטפערט.

אומר ועושה, געזאָגט און געטאָן: שוין דעם אַנדערען

טאָג זיינען זיי אַרומגעפֿאָהרען איבער די ניו יאָרקער גאַסען און געזוכט מציאות. און קוקענדיג און זוכענדיג, האָט נחום זרח דערזעהן אויף אַ גרויסען קראָם-פֿענסטער אויפֿגע־שריבען מיט גרויסע אותיות „פֿאַרמאַסי".

— זעהסט, ברוך, וואָס אויף דעם פֿענסטער איז אויפֿ־געשריבען ?

— יאָ, זרח, איך זעה — האָט איהם ברוך געענטפֿערט.

און זאַלבענאַנד האָבען זיי איבערגעלייענט און אויסגע־טייטשט, אַז די כתיבה מיינט מציאות, און זיי האָבען טאַקע באַלד אין דער קראָם אַריינגעשפּאַנט.

אַריינקומענדיג אין דער דראָג-סטאָר, איז זיי דער קלוירק אַקעגענגעקומען און זיי זיין באַדינונג אָנגעבאָטען.

— מיר ווילען זעהן דעם באַלעבאָס גופא פֿון דער קראָם —האָבען זיי איהם געלאָזט וויסען.

און ווען דער קלוירק האָט זיי ערקלערט, אַז ער פֿאַר־שטעהט די ביזנעס און איז אימשטאַנד צו באַדינען, זיינען זיי אַלץ באַשטאַנען אויף זייערס:

— מיר ווילען דעם באַלעבאָס אַליין זעהן און מיט משרתים ווילען מיר ניט האַנדלען — האָט איהם נחום זרח אויף זיין פֿיין איידעלער פֿאַרמערשער שפּראַך קורץ און שאַרף געזאָגט.

און ווען דער דראַגיסט איז פֿון זיין אָפֿיס אַרויסגעקומען און זיין הילף זיי אָנגעבאָטען, האָט איהם נחום זרח, וועל־כער איז דער בעל-דברן געוועזן, אַ פֿרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, זענט איהר טאַקע דער באַלעבאָס גופא פֿון דער קראָם ?

— אַזוי דענק איך, — האָט דער דראָגיסט איהם מיט אַ שמייכעל געענטפֿערט.

— אויב אַזוי, ווילען מיר, אַז איהר זאָלט אונז ווייזען די מציאות, וואָס איהר קאָנט אונז פֿאַרקויפֿען.

נאָכדעם ווי דער דראַגיסט האָט די קונים גוט באַ־טראַכט, האָט ער זיי אָנגעוויזען אויף אַ היבשער פֿלאַש מיט

אַ געדיכטער פליסיגקייט, וועלכע איז טאַקע ניט ווייט פון זיי געשטאַנען.

— זעהט איהר, מיינע ליבע הערען, אַט די פלאַש מיט משקה קאָן איך אייך אַ וואָזשנע מציאה פאַרקויפען, סך הכל פאַר פינף דאָלאַר — האָט ער זיי געזאָגט.

— אמת, באַלעבאָס-לעבען, פינף דאָלאַר פאַר אַזאַ פלאַש בראַנפען (שנאַפּס) איז טאַקע ניט טייער, מיר האָבען אָבער מורא דערמיט צו האַנדלען מחמת פּראָהיבישאַן — האָט איהם נחום זרח מיט אַן ערנסטער מינע געזאָגט.

— ווער האָט אייך דען געזאָגט, אַז דאָס איז בראַנפען ?

—האָט איהם דער דראָגיסט לאַכענדיג געפרעגט.

— אַזוי גאָר, נישט קיין בראַנפען, דאַן וואָס פאַר אַ משקה איז עס, און צו וואָס דאַרף מען זי אײנגאַנצען האָבען?

— האָט איהם נחום זרח איבערגעפרעגט.

— הערט זיך איין, רב קרוב, איהר קויפט אייך אַט די גרויסע פלאַש משקה פאַר פינף דאָלאַר, אַ גרויסע מציאה, און איהר קענט ביי מיר אויך קריגען אַ הונדערט קליינע פלעשעלעך פאַר אַ שיבעש און איהר וועט די ליידיגע פלעשעלעך אָנפילען מיט דער משקה פון דער גרויסער פלאַש. און פאַרקויפען זאָלט איהר אַ פלעשעל כאָטש אַ קוואָדער אַ שטיק, וועט עס אויך זיין אַ מציאה גדולה. און אַז איהר וועט אויספאַרקויפען אַלע פלעשעלעך, וועט זיך אייך אָפּשטעלען אַ קימאַ לן פון צוואַנציג דאָלאַר ריוח. איהר פרעגט צו וואָס מ'דאַרף די משקה, אַז זי טויג ניט אויף קידוש ? וואָס-זשע, איר ווייסט ניט, אַז מען טרינקט אויס אַ פלעשעלע פון דער משקה, ווערט מען יונג, ממש ניי-געבוירען ?

— אויב אַזוי, איז רעכט — האָבען זיי ביידע כמעט אויף אַמאָל געענטפערט און האָבען די מציאה איינגע-האַנדעלט.

אַהיימפאָהרענדיג, רופט זיך אָפּ קלמן צו זרח'ן:

— הערסט, זרח, איך דענק, אַז דאָס מאָל האָט אונז גאָט באַשערט אַ כשרה מציאה. וואָרים ווער וועט עס ניט

זיין אַ בעלן פאַר אַ קוואָדער ווידער יונג צו ווערען?

— איך דענט אויך אַזוי, ברוך, — האָט איהם זרח גע־ענטפערט.

אַהיים קומענדיג, האָבען זיי די פלעשעלעך אַנגעפילט און זיך גענומען פּאַרטיג מאַכען אין וועג אַריין. און בשעת זיי זיינען שוין געווען פאַרטיג פאַר ביזנעס, רופט זיך אָפּ קלמן ברוך צו נחום זרח'ן:

— הערסטו, זרח, וואָס איך וועל דיר זאָגען, כ'ילעבען, איך וואָלט אַליין אויך אַ בעלן געווען אַ פלעשעלע פון דער משקה אויסצוטרינקען — ס'ווילט זיך מיר יונג ווערען.

— מהיכא תיתי, — האָט איהם זרח ברייטליך גע־ענטפערט.

דאָס אויסהערענדיג, האָט ער מיט אַ זשלאָק אַ פלעשעל משקה איינגעשלונגען און זיך היבשליך באַלעקט.

רופט זיך אָפּ זרח צו איהם:

— וואָס מיינסטו עפּעס, ברוך, איך בין דען חלילה שמאַרקאַטע, אַז דו האָסט זיך פאַרגונען אויסצוטרינקען אַ פלעשעל, פאַרוואָס זאָל איך ניט?

און דאָס זאָגענדיג, האָט ער אויך אַ פלעשעל משקה אין זיין מויל אַריין אויסגעליידיגט.

אָפּפאָהרענדיג אַ פּאָר מייל, רופט זיך אָפּ קלמן ברוך צו נחום זרח'ן:

— שטעל אָפּ דאָס פערדעל, מחמת איך מוז אַוועק־געהן, און דו בלייב דאָ און גיב גוט אַכטונג אויף אונזער סחורה.

ווען ער איז צוריקגעקומען, טוט ביי איהם נחום זרח אַ פרעג:

— ווי אַזוי פילסטו זיך, ברוך?

— כמעט מיט צוואַנציג יאָהר איינגער. און ווי אַזוי פילסטו, זרח? — האָט ביי איהם ברוך אַ פרעג געטאָן.

— פרעג גאָרנישט, ברוך, איך פיל ממש ווי אַ קימפּעט־קינד, — האָט איהם זרח געענטפערט.

# א שנארער א געשעפטסמאן

א אידעל פון אפרים יוסף׳ס מדינה האט זיך ארויס־געלאזט אויף די מדינות, טאן וואס אלע אידען פון זיין סארט טוען, — פשוט אביסעל אונטערשנארען. און אזוי וואנ־דערענדיג איז ער, חלילה ניט בשוגג, נאר פשוט במזיד, פאר־קראכען אזש קיין בערלין, דייטשלאנד. זיין ערשטען באזוך האט ער אפגעשטאטעט אין א גרויסען מאגאזין.

אריינקומענדיג האט ער זיין ווערטהען נאמען געזאגט און פארלאנגט נאר דעם פרינציפאל אליין זעהן. און ווערענד מ׳האט איהם דעם פרינציפאל אנגעוויזען, האט ער זיך פאר איהם פארגעשטעלט און איהם זיין וואונש געזאגט, וועלכער איז עפעס אזוי ווי מעשה קרעדיטאר געוועזן. דע ספרינציפאל האט זיין חוצפה שטארק פארדראסען, און ער האט איהם באפוילען זיין געשעפט צו פארלאזען.

— הער פרינציפאל, איך זעה ניט איין פאר וואס איהר זיינט בייז. איך בין געקומען מכוח געשעפט און איהר טרייבט מיך גאר ארויס! — האט דאס אידעל קאלטבלוטיג געזאגט.

— איהר זיינט דאך גאר א שנארער, וואס רעדט איהר פון געשעפט? — האט איהם דער פרינציפאל שוין גע־לאסענער איבערגעפרעגט.

— ווייל שנארעריי איז ביי מיר דערוויול א געשעפט. א סימן וועט איהר האבען, אויב איהר זייט וויליג מיר אייער געשעפט ביליג פארקויפען בין איך א קונה. — איז זיין קורצער און ענטשלאסענער ענטפער געוועזן.

— צום טייוועל! פון א שנארער א געשעפטסמאן ווערען? — האט זיך דער פרינציפאל געוואונדערט.

— וואס וואונדערט איהר זיך, רב דייטש? איהר דייטשען זיינט פריהער געשעפטסלייט און דערנאך ווערט איהר שנארער, און מיר גאליציאנער אידעלאך זיינען פריהער שנארערס און דערנאך ווערען מיר געשעפטסלייט.

# מגלה סוד געווען

בשעת השם יתברך האט באשאפען די וועלט, האט ער ניט פארגעסען צו זארגען פאר איהר קיום, לכן האט ער זי באפעסטיגט אויף דריי סטולפעס: תורה, עבודה און גמילת חסדים. און אום די סטולפעס זאלען תמיד אין גוטען צושטאנד זיין, האט ער זיינע ליבע אידען געגעבען דעם חשוב'ען דזשאב און זיי פארזאגט למען השם אז זיי זאלען די ארבייט טאן בשלמות, און אויב חלילה ניט וועט די וועלט קיין קיום ניט האבען, דאס מיינט פשוט, אז קהל וועט בלייבען אהן אן אתרוג איז די קאץ אהן א שטריימעל, רחמנא ליצלן. און זיינע אידעלאך, גרויסע פחדנים, האבען געפאלגט, האבן געלערענט תורה, געדאווענט, פון גמילת חסדים נעהמען און געבען איז אפגערעדט. און זיי, די גוים, די אומות העולם, האבען געאקערט, געזייעט און געשניטען, געבויט שיפען און פאלאצען, געהאנדעלט, געוואנדעלט און טאקע רייך געווארען. האבען זיי זיך אנגעהויבען שעהמען מיט זייערע שכנים, די אידעלאך, די קבצנים, אביונים, דלפנים. האבען זיי זיי פארשפארט אין א געטא ווי חיות רעות, ועל כולם זיי אינקוויזירט, פאגראמירט און ארויס־געטריבען. און זיי, די אידעלאך, זיינען געלאפען און פאר־לאפען אין קאלומבוס'עס מדינה.

די קלימעקלאך, די תורה, עבודה און גמילת חסדים, האבען זיי טאקע מיט זיך מיטגענומען, אבער דא אין אמע־ריקא „דהעי גאט סמארט" (זיי זיינען קלוג געווארען) און „געקוויט די דזשאב" (האבען די ארבייט אויפגעגעבען). איז טאקע נעבאך די תורה, עבודה און גמילת חסדים געבליבען אהן „קעיר־טייקערס" (באדינערס), און אזוי ווי אמעריקא איז א מדינה פון לויטער פראטעסטען, ווארים ווער פרא־טעסטירט דען דא נישט? לכן האבען זיי אלע דריי בא־שלאסען צו פראטעסטירען. און וואוי מיינט איהר? אפשר אין סיטי האלל אדער אין אלבאני, אדער גאר אפשר אין

וואַשינגטאָן זיך קלאָגען פאַר'ן פּרעזידענט ? ניין, אַזעלכע שוטים זיינען זיי ניט. זיי ווייסען גאַנץ גוט, וואָס עס לאָזט זיך אויס פון אַלע פּראָטעסטען. לכן האָבען זיי זיך מיט זייער פּראָטעסט געווענדעט צו איהם אַליין, צום קודשא בריך הוא גופא. און ווען השם יתברך איז געוואָר געוואָרען פון זיינע געהויבענע געסט, האָט ער זיי פאַר זיין כסא הכבוד געלאָזט ברענגען, אום זייערע טענות אויסצוהערען.

די תורה, די גרעסטע יחסנ'טע, איז געווען די ערשטע איהרע טענות בזה הלשון פאַרצוברענגען :

— רבונא דעלמא כולה, איך בין דער גרעסטער זייל, אויף וועלכען די וועלט איז באַפעסטיגט, און דיינע אידעלאַך זיינען מחויב מיך צו לערנען. אין דער אַלטער היים האָבען זיי מיך טאַקע געלערענט טאָג און נאַכט, אָבער היינט דאָ אין אַמעריקא שטעה איך אין די אָרון-קודש'לאַך אַ פאַר־שימעלטע, אַ פאַרשטויבטע — קיינער נעהמט מיך ניט אין מויל אריין. — דערמיט האָט זי איהר פּראָטעסט געענדיגט.

השם יתברך, אויסהערענדיג איהרע טענות, האָט זיך צו איהר בזה הלשון אָנגערופען :

— הער צו, טאָכטער מיינע, דו מאַהלסט מיינע אידעלאַך מיט צו-טונקעלע פאַרבען, להבדיל ווי אַ דרימונד, האַלוואַרד, שטעקלער, אָדער גאָר ווי אַ דזשאַסאָן. וואָס-זשע, ס'איז עפּעס פאַראַנען ווייניג ראַביים, רבנים, צדיקים, גוטע אידען אין אַמעריקא, וועלכע פּראַווען טישען, זאָגען און לערנען תורה, און דערמיט זיינען זיי מגן אויף כל ישראל.

די תורה איז אַוועק אַ צופרידענע, און איהר פּלאַץ פאַר'ן כסא הכבוד האָט פאַרנומען די עבודה און אָנגעהויבען איהר טענה בזה הלשון :

— רבונו של עולם ! איך, עבודה, בין נעקסט צום גרעסטען סטולפּ, אויף וועלכען עס שטעהט די גאַנצע וועלט. אַמאָל אין דער היים, שוין לאַנג צוריק, האָבען דיינע אידע־לאַך מיך אָפּגעהיט ווי זייערע אויגען אין קאָפּ. געדאַווענט שחרית, מנחה און מעריב, און אין ימים טובים מוספים

אויך. אָבער היינט דאַ אין אַמעריקאַ, ווער וויל פון מיר וויסען? מען שטעהט אויף פריה, מען עסט ברעקפעסט אומ־געדאַוועגט, מען לויפט אין שאַפּ אָדער צו ביזנעס, און אַז מען קומט אַהיים עסט מען סאַפּער און מען געהט אין די מואוויס, אָדער מען מאַכט אַ פּויקער, אַ פּינאָקל, אָבער מנחה און מעריב דאַוונען — דאָס טוען זיי ניט. לכן בעט איך דיך, השם יתברך, גיב דיינע אידעלאַך אַ גוטען רצון, זיי זאָלען דאַוונען, וועט מיר פרעהליך זיין אויפ'ן האַרצען. — דערמיט האָט זי געענדיגט.

— אַזוי אַזוי! דו ביסט אויך געקומען מיינע אידעלאַך פאַרלוימדען און אויף זיי פאַלשע בלבולים מאַכען. אַנו, געה זיך נאָר דורך די איסט סייד, וועסטו זעהן ווי זי איז אָנ־געפּיקעוועט מיט שוהלען און שולעכלאַך, מיט גבאים, שמשים, חזנים, בטלנים, אין וועלכע מען דאַוונט צו דריי, פינף און צעהן מנינים. הא, וואָס זאָגסטו? אמת, אין דער אַלטער היים האָט מען מעהר געדאַוועגט ווי דאַ, ווייל מען האָט פּשוט געהאַט אַ סך צייט און ווייניג באַדאַרפט. אָבער דאַ אין אַמעריקאַ וויל מען וואוינען אין מאָדערנע אַפּאַרט־מענטס, מיט אַפּ־טו־דייט פּוירניטשור, און די פרויען ווילען געהן סטייליש געדרעסט, און די קינדער שיקט מען אין קאָלעדזש, מוזען זיי נעבאַך אַרבייטען לאַנגע שטונדען, בלייבט זיי קיין צייט נים צו דאַוונען. לכן האַלטען זיי אויף שוהלעכלאַך און די חזנים, שמשים און בטלנים דאַוונען שוין פאַר זיי אויך, — האָט איהר השם יתברך זיין קורצע תשובה געגעבען, און זי איז אַ צופרידענגעשטעלטע אַוועק, און איהר פּלאַץ האָט דער גמילת חסדים פאַרנומען און גלייך אָנגע־הויבען:

— רבונו של עולם! איך, גמילת חסדים, איינער פון די זיילען, וואָס אויף זיי שטעהט די וועלט, און דיינע אידען זיינען מחויב מיך מקיים צו זיין. אַמאָל בין איך ביי זיי געוועזען אַ גרויסער פאַקטאָר, מען האָט מיך אומעטום באַנוצט וועגען אַ ברית, אַ חתונה, אַ יום־טוב. אין מסחר אודאי.

אָבער היינט דאָ אין אַמעריקאַ, ווער באַנוצט זיך מיט מיר? אנשטאָט מיך געהט מען אין פאַון-שאַפּ, אָדער להבדיל אין באַנק. מען הערט אַפילו מיין נאָמען ניט דערמאָנען. מען וועט שוין באַלד חלילה מיין נאָמען פון דיקשאָנערי אויס-מעקען, איך זאָל גאָר ניט אַזוי זינדיג זיין. רבונו של עולם, העלף, העלף, איך בעט דיר! — דערמיט האָט זי איהר פּראָ-טעסט פאַרענדיגט.

— אַזוי גאָר, דו באַקלאַגסט זיך אויך אויף מיינע אידע-לאַך? זעהסטו, דו האָסט גאָר קיין רעכט ניט אויף זיי ברוגז צו זיין, וואָרים זיי זיינען דיך יאָ מקים. איי ניט דורך געלט זאַכען, איז דורך אַנדערע. אָט אַשטייגער ווען אַ איד ווענדעט זיך צו אַ חבר נאָך אַ פּאַפּיראָסל אָדער להבדיל אַ שמעק טאַבאַק, און יענער איז ממלא זיין בקשה, האָט ער שוין מקים געווען אַ גמילת חסד.

די קלעגערין האָט אַ ברוגז׳ע איהר פּלאַץ גענומען פאַר-לאָזען, השם יתברך האָט זי אָבער אָפּגעשטעלט און אַ פרעג געטאָן:

— מה רעש? פאַרוואָס ביסטו עפּעס אַ ברוגז׳ע גע-וואָרען? — האָט ער זי אַ פרעג געטאָן.

— פאַרוואָס זאָל איך ניט ברוגז זיין? דער תורה מיט דער עבודה האָסטו לאַגישע ענטפערס געגעבען, און מיך האָסטו מיט אַ שמעק טאַבאַק אָפּגע׳פּטר׳ט, — האָט זי אַ ברוגז׳ע געזאָגט.

— אויב אַזוי, וועל איך פאַר דיר אַ סוד מגלה זיין, אַז די רבי׳שע און רבנ׳ישע תורה, און די חזנ׳ישע, שמש׳שע און בטלנ׳ישע דאַווענישען האָבען דאָ אין אַמעריקע, — מישטיינס געזאָגט — קיין שמעק טאַבאַק אויך ניט ווערטה...

# צוליב פרנסה

אן איירישמאַן האָט זיך אַמאָל פאַרוואָלט צו וויסען ווער עס איז דער גרעסטער מענש אויף דער וועלט געווען. און אום דאָס צו וויסען האָט ער אַן אַדווערטייזמענט אין צייטונג אַריינגעגעבען און ניט פאַרגעסען אַ באַלוינונג פון אַ פּאָר הונדערט דאָלאַר צו אָפּערירען.

גלייך דערויף האָבען זיך דריי מענשען באַוויזען. איינער פון זיי אַ יענקי, דער צווייטער אַן איטאַליענער און דער דריטער גאָר איינער מאחינו בני ישראל.

דער ערשטער זיין מיינונג צו געבען איז געווען דער יענקי, און דורך פאַרשידענע באַהויפּטונגען האָט ער געוואָלט דעם איירישען איבערצייגען, אַז דזשאָרדזש וואַשינגטאָן איז דער גרעסטער מענש געווען.

דער צווייטער זיין מיינונג צו געבען איז געווען דער איטאַליענער, און ער האָט זיך פיל אָנגעשטרענגט, אום אים צו מאַכען גלויבען, אַז נאָר קאָלומבוס און קיין אַנדערער איז דער גרעסטער און גייסטרייכסטער מענש אויף דער וועלט געווען.

דער דריטער און לעצטער זיין מיינונג צו זאָגען איז געווען דער איד. און ניט פיל צו טראַכטען האָט ער באַלד אַ זאָג געטאָן:

— וואָס־זשע, איז דען פאַראַן אַ ספק, אַז סעינט דזשאָרדזש איז דער גרעסטער מענש געווען? מיט זיין פאַרטרייבען די שלאַנגען האָט ער דאָך, בלי ספק, די וועלט פון אונטערגאַנג געראַטעוועט.

דער איירישער האָט איהם באַלד דעם פּרייז מיט שמחה דערלאַנגט, און אום זיין נייגעריגקייט צופרידען צו שטעלען טוט ער דעם אידען אַ פרעג:

— ווי קומט עס, דאָס אַלס איד זאָלסטו אַזאַ געהויבענע מיינונג איבער מיין סעינט דזשאָרדזש האָבען?

— הער זיך איין מר. מעקאַרטי, דער אמת׳ער אמת איז, אַז משה רבינו איז דער גרעסטער מענש געווען. אָבער וואָס טוט ניט אַ איד, אַחוץ גנב׳ענען, צוליב פּרנסה?

## אפשר וועט זי איהם געפּעהלען ווערען

אַ מאַן, וועלכער איז כמעט אַ גוסס׳דיגער אויף זיין קראַנקען בעט געלעגען, רופט זיך אָפּ צו זיין ווייב חאַנטשע גנעסי, וועלכע איז אַ ברודיגע, אַ צעפּאַטעלטע נעבען איהם געשטאַנען:

— חאַנטשע גנעסי, למאי וואַשסטו זיך ניט אַרום, קאַמסט זיך ניט צו, און אַרויפציהען אויף זיך אַ זויבערע קליידעל וואָלט אויך ניט געשאַדט.

זיין ווייב האָט זיין בקשה ממלא געווען, און איז אַ זויבערע און אָנגעקליידעטע צו איהם צוגעקומען און פרעגט איהם:

— נו, שמערעל, וואָס קומט דיר אַרויס אַז איך קוק אויס ווי אַ פּאַניטשע און דו ביסט אַזוי קראַנק.

— חאַנטשע גנעסי, זעהסט דאָך אַז דער מלאך המות וועט באַלד, באַלד קומען, און דו, אַ פּאַניטשע — אפשר וועסטו איהם גאָר געפּעהלען ווערען, וועט ער דיך נעהמען און מיך איבערלאָזען.

# עלענדער ליד

מיינע קינדערשע פריהלינג יאָהרען
זיינען געווען אין טרויער געהילט;
פון צערטליכקייט קיין שפורען
האָב איך קיינמאָל געפיהלט.

יונגערהייד שוין געליטען פיין און נויט,
געוואַנדערט פון לאַנד צו לאַנד,
מיט'ן שוויים פאַרדינט אַ שטיקעל ברויט,
מלאכות געטאָן אלערהאַנד.

עהרליכקייט איז געווען מיין באַזיץ
און מיין איינציגעס פאַרמעגען;
דאָס איז געווען מיין שטיץ,
וואָס האָט באַלויכטען מיינע וועגען.

מיינע מיטילע הערבסט יאָהרען
זיינען געווען מיט בלומען געשפרייט,
ווייל איך בין געוואָרען
געפענטעט אין אַ גאָלדענער קייט.

זי איז מיר טייער און ליב געווען,
באַקוועם האָב איך מיך געפיהלט,
ווייל צערטליכקייט און חן
האָב איך דעמאָלט געשפירט.

די וואָרצלען האָבען זיך פאַרמעהרט,
די צווייגען זיך פאַנאַנדערגעשפרייט;
זיי האָבען זיך אָבער פון מיר אָפּגעקערט,
מיך פאַרלאָזען, אַוועק גאַנץ ווייט.

אין צייט פון מיין עלטער, דער ווינטער,
פיהל איך מיך מוטלאָז און שוואַך;
און שוין לאַנג קיין געזונטער,
אָהן אַ היים און אָהן אַ דאַך.

איך בין ווידער עלענד ווי אַ שטיין,
מיין איינציגער פריינד איז טויט;
איך בין ווידער אַליין,
בין ווידער אין נויט.

מיין ענדע איז ניט ווייט,
איך וועל לאַנג ניט שמאַכטען;
עלענד, מיט קיינעם ביים זייט
אויף אייביג די אויגען צומאַכען.

קיינער וועט נאָך מיר פאַרגיסען אַ טרער,
קיינעם וועל איך ניט אויספעהלען;
קיינעם וועט דאָס הארץ ניט זיין שווער —
דאָס איז איבעריג צו דערצעהלען.

אַן עלענדער בין איך געבוירען,
און אין עלענד ווער איך פאַרלוירען.

# כותל מערבי!

פון בית־המקדש די איינציג פארבליבענע וואנט
שטעהט א פאר׳יתום׳טע אין מיין הייליגען פאטערלאנד.
אלס זכר פון דעם וואס ס׳איז מיין שטאלץ, פראכט
און גלאנץ געוועזן
איז זי א מאנומענט, אן עדות פון מיין חורבן געבליבען
שטעהן.
פון מיין לאנד און פון מיין גדולה האבען מיך מיינע שונאים
פארטריבען,
און נאר זי, מיין איינציגע נחמה פון מיין פארגאנגענהייט,
איז מיר געבליבען.
צו איהר קום איך כמעט צוויי טויזענט יאהר, אום
צו קלאגען אויף מיין פארלוסט,
און צו איהרע הארטע קאלטע שטיינער דריק איך
מיין פארוואונדעטע, צעווייטאגטע ברוסט.
שטעהענדיג נעבען איהר, האב איך פארגאסען ביטערע
און זודיגע טרעהרען —
גאט געבעטען, ער זאל מיר דעם כותל מערבי און מיין לאנד
צוריק אומקערען;
איך האב געבעטען, געווארט, געהאפט, אז דער גרויסער נס
זאל געשעהן.
און ווי גליקליך בין איך געווען, אז איך האב די באלפור־
דעקלעריישאן דערזעהן!
איך האב געמיינט, אז גאט האט מיין תפילה דערהערט
און מיר די גאולה געשיקט,
ס׳וועט אן ענדע נעמען צו מיינע ליידען — איך וועל
מעהר ניט ווערען געדריקט און געשטיקט.

מלא שמחה און מיט אָפענע אָרעמס בין איך צו איהר,
מיין מוטער כותל מערבי, געלאָפען!
אָבער אָנשטאָט אַ גאולה, האָב איך אַן אומגליק,
אַ דריטען חורבן געטראָפען:
אונזערע שונאים האָבען דיך פאַרשטעלט און פאַרצוימט
מיט בנינים און מיט ווענט,
אַז דיינע קינדער זאָלען ניט קענען צוקומען, אויף דיר לייגען
זייערע צערטליכע הענט.
אָנשטאָט דאָס ביסעל נחת און טרייסט צו לאָזען זיי געניסען,
האָבען זיי, די באַרבאַרען, דאָס בלוט פון איהרע קינדער
ווי וואַסער געטאָן פאַרגיסען.

עוד לא אבדה תקותנו!
תפדה ציון בימנו!

# תורה און בטחון

די האָפענונג און די תורה האָבען מיר מיט זיך מיטגעטראָגען
אין יעדען לאַנד, וואו מען האָט אונז געמאַטערט און
געטאָן פּלאָגען.
אין אונזערע גרויסע ליידען פון די פייניגער האָבען מיר
זיך ניט פאַרלוירען.
די תורה האָט אונז אין אַלע גלות׳ן געשטאַרקט, און מיר
האָבען די האָפענונג ניט אָנגעוואוירען.
זיי האָבען אונז געהאָלפען אינקוויזיציע׳ס און פאַרפאָלגונגען
אויסצושטעהן
און בלייבען די זעלבע האָפענדיגע אידען ווי געווען.
אַז מיר אידען זיינען בעלי־בטחונ׳ס, איז אַ פעסט־
געזעצטער כלל.
דאָס האָבען געוואוסט און עס ווייסען אויך היינט
אונזערע שונאים איבעראַל.
פון אַלע פּאָגראָמען, רדיפות זיינען מיר תמיד אַרויס
שטאַרקער ווי געווען,
ווייל די תורה און האָפענונג האָבען אונז כחות געגעבען
אַלעם אויסצושטעהן.
אונזערע שונאים האָבען אויף אונז שקרים און בלבולים
געטאָן אויסטראַכטען,
האָבען אונז געפייניגט און אין תפיסות געלאָזט שמאַכטען;
צרות און נגישות האָבען מיר תמיד געליטען און ליידען
אָהן אַ צאָהל.
אַז דער אמת וועט זיגען, האָבען מיר געהאָפט און
האָפען אַלע מאָל.
די האָפענונג האָט אונז קיינמאָל ניט גענאַרט,

כאָטש מיר האָבען אַמאָל אויפ׳ן קיום לאַנג געוואַרט.
אויך פון די איצטיגע פאָגראָמען און רציחות אין ארץ ישראל
פון זיי זיינען מיר ניט בטל אַזוי ווי אַלע מאָל —
ווייל אונזער תורה און בטחון איז אַזוי שטאַרק און
פעסט ווי געווען;
און סוף כל סוף וועלען אונזערע שונאים זייערע טעות׳ן
איינזעהן!

# געקראָכען, וואו מ׳דאַרף ניט

מענשען האָבען זייערע פאַרהאָרעוועטע פאַר גראָשען
אין וואָל-סטריט געטראָגען.
און אַצינד איז ביי זיי חורבן, זיי טוען זיי באַוויינען און
באַקלאָגען.
ס׳איז נישט כדאי צו זאָגען, אַז זיי זיינען נאַראָנים,
טיפשים געוועז —
ווער זיינען דען די חכמים, וואָס האָבען די מפּלה
אַפריהער געזעהן ?
דאָס וועט פאַר פילע „רץ לעשרות״ זיין אַ טייער-באַצאָלטע
לעהר.
או זיי וועלען זייערע שווער-פאַרהאָרעוועטע פאַרדינסטען
ניט ריזיקירען מעהר.
וואָל-סטריט איז אַ פלאַץ פאַר געמבלערס און פאַר
רייכע לייט,
אָבער אַ קבצן דאַרף זיך האַלטען דערפון גאַנץ ווייט.
און אַז ער איז, וואו ער האָט ניט באַדאַרפט און געטאָרט
קריכען, געקראָכען —
האָט ער טאַקע געקראָגען רוק און הענט און האַלז
און נאַקען צעבראָכען.
געלט פאַרדינען און צו שפּאָרען איז זעהר שווער,
אָבער עס ניט אַוועקצו׳פּטר׳ן איז די קונץ נאָך מעהר.
אַ צוזייטען עצות געבען און מוסר זאָגען איז קיינער
ניט בכוח,
וויל דער בעל-יועץ, בעל-מוסר, קאָן אַמאָל זיין אַליין
אַ געליטענער אויך —
וויל ער האָט זיך מיט אַלעמען באַנאַרישט און מיט זיינע
פאָר טאָלער אין וואָל-סטריט געלאָפען.
און וואָס ס׳האָט אַלע נאַראָנים, האָט איהם אויך געטראָפען !

# אַ לעבענס ליד

מענשען, ערוואַכט
פונ׳ם שלאָף פון דער נאַכט,
פאַרלאָזט די געלעגער,
קוקט זיך צו
צו דער האַרמאָניע
פונ׳ם וועלטליכען זעגער!

.2

ס׳זשומען פליגעלעך,
ס׳זינגען פייגעלעך
מעלאָדיען אין כאָהר;
דעם פריהלינג צו עהרען
נאַטור טוט באַגעהרען
הויבען איהר קרוין עמפּאָר.

.3

אויף בערג און טאָהלען,
אויף פעלדער געמאָהלען
אַ קאַרפּעט שעהן און גרין;
בוימער און פלאַנצען
ציטערען און טאַנצען;
קאָלירטע קוויטען בליהען.

.4

די מאָרגענס פרישדיג,
די מיטאָגס מחיה׳דיג,
די אָווענדס פאַנטאַסטיש גאָר.

נאָהענט און ווייט
די פריהלינגס-צייט
די קרוין פון דער נאַטור!

.5

און ווען דער חשוב׳ער גאַסט,
דער פריהלינג, אונז פאַרלאָזט,
קומען די זומער-היצען —
מענשען, טהירע שוויצען;
דאָס לעבען ווערט צו-לאַסט,
אַם מאָרגען שוין היים,
עס גיסט דער שוויים,
די אָוועגד-מאַסקיטע באַסט.
דער מענש אַ נאַסער
ווייקט אינ׳ם וואַסער,
זיך אָפּצוקיהלען
און בעסער פיהלען.

.6

ס׳האַלט ביים עק —
דער זומער אַוועק.
פאַרשוואונדען, פאַרלאָזען.
מ׳הערט שופר בלאָזען.
ביינקט זיך נאָך איהם,
נאָך טעג ליבע.
אָבער כמאַרעס טריבע
מאַכען אַ סיום,
אַ סוף, אַ ברעג
פון וואַרימע טעג!

.7

ס׳גיט אונז אַ ווינק
אַ פאַרלאָשענער פינק.
ס׳איז קאַלט, איעדער
דאַרף וואַרימע קליידער
און שפייז פאַר׳ן ווינטער.
שנעען פון וועסט
און קאַלטע פרעסט
רוקען זיך הינטער!

.8

אוי, די פרעסט,
די ביטערע געסט,
ווי ווערט מען זיי פטור?
פאַר פאַרקיהלינג
אַ זוניגען פריהלינג
שיק אונז, גאָטעניו, פאָטער!